STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06313

DOS IZ GEVEN NUSEH ASHKENAZ

Mordechai Wolf Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי וו. בערנשטיין

דאָס איז געווען נוסח אַשכנז

הילע, שער און אותיות געצייכנט פון נ. גראַנאַט

בוך

42

מרדכי וו. בערנשטיין

דאָס איז געווען נוסח אשכנז

אויפגאַנג און שקיעה פון אַ טויזנטיאָריקער תקופה

פאַרלאַג "יידבוך"
ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס

1960 — תשכ"א

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
M. W. BERNSZTEIN,
Buenos Aires

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

Este libro se terminó de imprimr el día 15 de diciembre de 1960, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS., calle San Luis 3149, Bs. Aires.

דער דאָזיקער באַנד ווערט

טויזנט יאָר קידוש־השם פון אַשכנז

איז געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק און מאַרטי־רער־טויט פון אונדזער פאָטער, שווער, זיידע

שמואל־יעקב גאָלדין

אַ ייד אַ יגיע־כפּיימניק, ביי וועמען דער נוסח אַשכנז פון תורה און עבודה איז געווען צוזאַמענגעפלאָכטן.

צו זיינע 80 יאָר איז ער געטריבן געוואָרן צום ברודער־קבר, טראָגנדיק אויף דער האַנט זיין יינגסט אייניקל, וווּ ער איז, צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה פון דער קהילה ביטען, דורך די נאַצישע מערדער אומגעבראַכט געוואָרן, שבת 29טן אויגוסט 1942.

אין די געטאָס (ביטען, סלאָנים, ריזשנאָי, וואַרשע), אין פּאַרטיזאַנער־וועלדער און גאַז־קאַמערן זענען אומגעקומען דורך די נאַצי־אַכזרים זיינע 3 זין, 4 טעכטער, 25 אייניקלעך.

דעם דאָזיקן בר־תמיד שטעלן:

זעלדע, מרדכי־וועלוול, מאַשע

די איינציקע ניצול־געוואָרענע פון דער משפּחה.

אינהאַלט:

דאָס איז געווען נוסח אַשכנז — 9
די האַרבע שאלה — אַשכנז און ספרד — 13
על נהרות ריינוס — 26
הייליקע קהילות — 31
אויף קידוש־השם — 57
דריי לעגענדעס — 70
רבנו גרשום מאור־הגולה — 84
די תקנות פון רבנו גרשום — 92
די קהילות שו״ם און זייערע באַשלוסן — 101
דער גאונישער אויסטייטשער — רש״י — 108
רבנו תם — דער ערשטער קהילות־אָרגאַניזאַטאָר — 132
דער מיסטיקער און טרייסטער — 141
דאָס בוך פון טרייסט און האָפענונג — 152
דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג — 164
אַשכנז אויף דער גרענעץ־תקופה — 185
רויט פון בלוט איז די שטאָט — 195
ווי אויף גליִענדיקע קוילן — 206
אַשכנז צעשפּרייט זיך איבער דער וועלט — 218
פּוילן — די הויפּט־אַכסניה פון נוסח־אַשכנז — 229
די יידישע פּאַרלאַמענטן אין מיזרח־איראָפּע — 235
יידישע חברות אין דייטשלאַנד — 258
... און אין מיזרח־איראָפּע — 274
בעל־מלאכהשע און פּועלים־חברות — 281
פּנקסים — די עדות פון דער תקופה — 288
פון בית־מדרש־חברות צו פאַראיינען און געזעלשאַפטן — 304
אַרום שול־הויף און טאַנץ־הויז — 319
יידיש — די בריק פון אַשכנז דורך תקופות און תפוצות — 332
סוף־וואָרט — 343

דאָס איז געווען נוסח אַשכנז...

דער איצטיקער ספר איז דער דריטער פון דער פאַרטראַכטער סעריע וועגן טויזנט יאָר אַשכנז.

דער ערשטער — „אין לאַבירינטן פון תקופות״ — האָט זיך באַשעפטיקט מיט די שטיינערנע איבערבלייבענישן פון דער דאָזיקער תקופה; מיט די צעזייט־און־צעשפּרייטע שיריים, וואָס זענען צעוואָרפן איבער הונדערטער ערטער אין דייטשלאַנד און וואָס דערציילן וועגן דעם פאַרשניטענעם פּראַכט פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער תקופה. דאָרטן האָב איך געפּרווּוט אַריבערצוטראָגן דעם לייענער אין די היסטאָרישע לאַבירינטן פון אַשכנז; גענומען אים אויף אַן עקספּעדיציע צו די ברעגעס פון ריַין און מאַין, אַהין, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס וויגל פון דער אַשכנז־תקופה. מיין ציל אין יענעם בוך איז געווען, אַז שטיינער און ברוכשטיקער, חרובע גאַסן און צעשטערטע בינינים זאָלן דערציילן וועגן דעם פאַרנעפּלטן און הערא:שן ייִדישן בראשית. לסוף אַריינפלעכטן יענע אָנהייב־עפּאָכע פון קידוש־השם אויף גערמאַנישער ערד אין די הייַנטצייטיקע געשיכטע־בלעטער פון בלוטיקן קאַפּיטל פון ייִדישער מאַרטירערלאָגיע אונטער דער סוואַסטיקע־הערשאַפט.

דער צווייטער ספר נאָך די „לאַבירינטן״ איז געווען — „נישט דערברענטע שײַטן״. דאָ האָבן מיר שוין געהאַט צו טאָן מיט די גייסטיקע שאַפונגען פון דער דאָזיקער תקופה. דער גורל האָט געוואָלט, אַז גראָד אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס איז אַזוי פעט דורכגעזאַפּט מיט מאַרטירער־בלוט פון ייִדישע דורות, האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ ריזיקער פאַרמעג פון ייִדישע גייסט־אוצרות. אין הונדערטער ערטער — אין ביבליאָטעקן, מוזייאומס, אַרכיוון און אַנדערע זאַמלונגען — האָבן זיך אויפגעהיט זעלטענע קאָלעקציעס פון ייִדישע אוניקומס: ביכער, כתב־ידן, קונסט־אָביעקטן. כמעט יעדע פון די דאָזיקע קאָלעקציעס האָט איר אייגענע געשיכטע. טייל עקספּאָנאַטן פון זיי זענען געווען ממש רעליקוויעס, הייליקייטן, וואָס האָבן

אין זיך באַהאַלטן אויסטערלישע סודות און פּיין־געשיכטעס. די דאָזיקע גייסט־אוצרות האָבן בכלל געהאַט דעם זעלביקן מזל ווי זייערע שאַפערס, אייגנטימערס און פּאַרערערס, געטיילט זייער גורל. צוזאַמען זענען זיי פּאַרלענדט געוואָרן אין די נאַציִשע אומקום־קאַמבינאַטן, אין די קאַלכאויוונס און ברודער־קברים. געבליבן זענען נאָר רויכערדיקע, צוגעסמאַליעטע האַלעוועשקעס אַרויסגעשלעפּטע פון די שייטערהויפנס, פון וועלכע עס שפּירן זיך נאָך די פרישע גערוכן פון דם ואש ותמרות עשן — פון בלוט, פייער און קנוילן רויך. טייל פון די, על־פּי־נס אָפּגע־ראַטעוועטע, איבערבלייבענישן האָב איך דאָרטן געפרוווט פאַרשטעלן און דער־ציילן זייערע וואָגל־געשיכטעס. די דאָזיקע „שייטן", די שטומע עדות פון דער גייסטיקער עפּאָפּעע פון דייטשישן ייִדנטום, דערגאַנצן די פּאַנאָראַמע פון די „לאַ־בירינטן" און צוזאַמען פּרוּוון זיי רעקאָנסטרויִרן אין אונדזער דמיון די פאַרשוווּנ־דענע לאַנדשאַפטן פון דער אַשכנז־תקופה.

די „לאַבירינטן" און די „שייטן" נעמען אַרום אַ טויזנטיאָריקע תקופה, וואָס האָט באַשאַפן אַ באַשטימטן נוסח — נוסח אַשכנז.

אַשכנז איז אָנגענומען ווי דער ווערטלעכער פּאַרטייטש פאַר דייטשלאַנד. דער „נוסח אַשכנז" איז טאַקע אויפגעקומען אויף די גערמאַנישע פליינען און געמאַרקן, ער האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט גערמאַנישן סטיל.

אונדזער „נוסח" האָט אַזוי פיל צו טאָן מיט גערמאַניע אויף וויפל ער איז דורכגעפלאָכטן מיט די בלוט־קאַפּיטלען פון די קרייצצוגן און האָקנקרייץ, וואָס זענען אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פאַר גערמאַניע. אויף אַזוי פיל איז דער דאָזיקער נוסח „גערמאַניש", וואָס די ברעגעס פון ריין און מאַין, פון נעקער און איסאַר, די גערמאַנישע טייכן, זענען פול נישט נאָר מיט טעווטאָניש־אַלעמאַנישע לעגענדעס נאָר אויך מיט וואָרע געשיכטעס פון טויזנט יאָר ייִדישן מאַרטירערטום.

טויזנט יאָר האָבן געפורעמט און פאַרפעסטיקט דעם דאָזיקן נוסח. ער וואָרצלט אין די אוראַלטע דריי ריין־קהילות פון שו״ם (שפּייער־וואָרמס־מאַינץ) און האָט זיך פון דאָרטן צעוואַקסן און באַווירקט דאָס ייִדישע לעבן ווייט איבער דער עטניש־גערמאַנישער ווירקונג־ספערע.

טויזנט יאָר ווי דער „נוסח אַשכנז" האָט זיך איינגעפעסטיקט אין ייִדישן פאָלקס־לעבן און געוואָרן דער העגעמאָן, סיי אין סטאַטישן, סיי אין דינאַמישן לעבן פון אונדזער וועלטפאָלק.

דער איצטיקער, דריטער ספר, פון דער סעריע וועגן דער דאָזיקער טויזנט־יאָריקער תקופה אין ייִדישן פאָלקסלעבן הייסט טאַקע: „דאָס איז געווען נוסח אַשכנז..."

דאָס איז געווען נוסח אַשכנז וויל אַרויסהייבן די עיקרדיקע יסודות פון „נוסח";

ווייל פּרווון פאַרשטיין פאַרוואָס האָט זיך טאַקע דער דאָזיקער „נוסח" אָנגענומען און געוואָרן דאָמינירנדיק ביים פאָלק.

דאָס איז געווען נוסח אַשכּנז שעפּט נישט אויס דעם גאַנצן סכום פון פּראָבלעמען, מיט וואָס די דאָזיקע תקופה איז רייך און אָנגעלאָדן; עס ווערן נאָר געבראַכט פּרטים, פראַגמענטן, עפּיזאָדן, וואָס דאַרפן כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע קאָלירפולע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע.

דאָס איז געווען נוסח אַשכּנז האָט נאָך אַן אונטערקעפּל, ווו עס זאָגט זיך שקיעה. דאָס דאָזיקע וואָרט איז דאָ בכוונה אַריינגעפּירט געוואָרן. שקיעה איז נישט פאַרלענדונג, נישט אומקום, איז נישט סוף. שקיעה מיינט פאַרגאַנגען. פאַרגאַנגען כדי אויפגיין נאָכאַמאָל, אויפקומען ווידער, אמת, ערגעץ אַנדערש באַקומען אַ תקומה נאָך דעם פאַרגיין.

מיט טויזנט יאָר צוריק איז אויפגעגאַנגען אַ וווּנדערלעכע זון, עס איז געשאַפן געוואָרן דער דאָזיקער נוסח וואָס האָט באַשיינט און געוואָרעמט דאָס פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות. אויפגעגאַנגען איז דער נוסח על נהרות ריינוס. פאַרשיידענע גילגולים און אַן אַ שיעור אומוואַנדלונגען דורכגעמאַכט טאַקע אויף דער גערמאַנישער ערד. נישט איין מאָל דאָרטן פאַרגאַנגען און ווידער אויפגעגאַנגען.

נאָכדעם איז דער נוסח, צוזאַמען מיט זיינע טרעגער, פאַרוואָגלט געוואָרן על נהרות פּוילן, זיך צעשפּרייט שפּעטער איבער ליטע, פאָדאָליע, וואָלין און רייסן אויף דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, זיך צעטראָגן איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע. אויך דאָ זענען געווען אַן אַ שיעור ליקוי־חמהס און שקיעות.

פון דאָרטן איז דער נוסח צעפירט געוואָרן אין די נייע היימען מעבר־לים: אין די אַמעריקעס, אין אַפריקע, אין אויסטראַליע. צוזאַמען מיט זייערע אָרעמע מטלטלים, מיט זייער ביסל פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן מיטגעפירט פון זייערע פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך האָבן די וואָגלער געהאַט אין זייערע קלומיקעס שטיקער פון דעם „נוסח אַשכּנז", וואָס האָט זיי געדינט ווי דער וועגווייזער פאַר זייערע נייע עקסיסטענצן.

די חכמי־ריינוס האָבן גאָרנישט געחלומט, אַז זייער נוסח וועט פאַרטראָגן ווערן אַזוי ווייט און ברייט און אַז מיט טויזנט יאָר שפּעטער וועט מען על נהרות האַדסאָן און לאַ־פּלאַטאַ, ביי די ברעגעס פון די נייע יידישע קיבוצים, ציען דעם ייחוס־פאַדעם פון די תקנות פון רבנו גרשום מאור־ הגולה און די באַשטימונגען פון די חכמי־שו״ם.

אַפילו דאָרטן, אין דעם אָרט ווו עס איז געשטאַנען דאָס אורוויגל פון פאָלק, ביים ירדן און כינרת, אין מדינת ישראל, דאָמינירט שוין ווייט נישט דער נוסח פון פאַר צוויי טויזנט יאָר, נאָר דער נוסח־אשכנז, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם אַראָמאַט פון יידישע דורות ביים ריין און מאַין; ביים ווייסל און

דניעפּר; ביים ניעמאַן און בוג; ביים האָדסאָן און לאַ־פּלאַטאַ. און אַדאַפּטירט אָן אַ שיעור עלעמענטן פון אַלע אַנדערע, אויך ספרדישע, שבטים, וואָס האָט אויף זייער אופן באַרייכערט דעם פאָלקס־אוצר.

דערפאַר טאַקע זאָגן מיר שקיעה. עס איז פאַרגאַנגען דער נוסח אַשכנז אויף שטיקער פון אונדזער וועלט־קיילעך. אמת, דאָס זענען געווען ערטער, ווו דער דאָזיקער נוסח האָט זיך געפורעמט, אַזוי פּראַקטיק זיך צעבליט און באַקומען זיין פולן געשטאַלט און אינהאַלט. ער איז דאָרטן פאַרגאַנגען כדי צו אויפגיין אין נייע ערטער — אומעטום, ווו דאָס פאָלק שטעלט אויף זיינע געצעלטן.

ווייל דער דאָזיקער „נוסח" באַגלייט אונדז כסדר: איז מיט אונדז אין פריידיקע צייטן פון שעפערישע דורות און פאַרלאָזט אונדז אויך נישט אין די פינצטערע יאָרן פון קאַטאַקליזמען, דאַרפן מיר זיך דערגרונטעווען צו זיינע יסודות, מוזן מיר זיך מיט אים באַקענען.

כדי צוצוהעלפן די דאָזיקע אויפגאַבע וויל צוטראָגן אַ באַשיידענעם צו־שטייער דער איצטיקער ספר:

דאָס איז געווען נוסח אַשכנז...

לסוף: דער ספר דערשיינט אין דעם יובל־יאָר פון אַשכנז, ווען די יידישע וועלט צייכנט אָפּ די דאַטע פון טויזנט יאָר אַשכנז, וועגן וואָס מירריידן אין די וויי‌טערדיקע קאַפּיטלען. זאָל דער דאָזיקער ספר טאַקע זיין אַ צושטייער צו פאַרטיפן זיך אין דעם נוסח און פעסטיקן זיין אַנהאַלט אין פאָלק.

די האַרבע שאלה - אַשכנז און ספרד

איינע פון די וויכטיקסטע, ממש פענאָמענאַל־אומפאַרשטענדלעכע, פראַגעס, וואָס אונדזערע פאָרשערס זוכן צו פאַרענטפערן איז די גאָר האַרבע שאלה:

— פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס פון די צוויי סעקטאָרן, שטראָמען, אָדער שבטים, אין אונדזער לעצטן געשיכטלעכן יאָר־טויזנט — אַשכנזים און ספרדים — איז דער אַשכנזישער געוואָרן דער דאָמינירנדיקער, סיי קוואַנטיטאַטיוו, סיי קוואַליטאַטיוו, בשעת דער ספרדישער איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן, ממש געוואָרן פאַראַליזירט?

און געדענקען דאַרף מען, אַז מיט אַ 4 יאָרהונדערט צוריק, זענען די דאָזיקע ביידע טיילן פון פאָלק געווען, צאָלמעסיק, כמעט גלייך פאַרטראָטן אין אונדזער צעשפּרייטקייט איף דער וועלט.

מען וואָלט דאָ געקענט ברענגען אָן אַ שיעור ביישפּילן, פאַקטן, דאַטן, ציפערן וועגן דעם ווונדערלעכן גייסטיקן און עקאָנאָמישן רענעסאַנס פון דעם אַשכנזישן טייל פון איין זייט און דעם מוראדיקן איינדאַרונג־פּראָצעס ביי דעם ספרדישן טייל פון דער אַנדער זייט. איך וועל זיך דאָ אָבער נאָר באַנוגענען מיט עטלעכע גאָר קורצע פעסטשטעלונגען, וואָס אונדזערע היינטצייטיקע פאָרשערס זאָגן וועגן דעם דאָזיקן מצב.

אָט שרייבט אברהם מענעס אין זיין אַריינפיר־אַרבעט צום זאַמלווערק „די ייִדן אין פוילן" 1).

„מען גיט זיך נאָך ביי אונדז ביז צום היינטיקן טאָג ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דער גורלדיקער ראָלע, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט געשפּילט אין ייִדישן לעבן זינט דעם אָנהייב 16טן יאָרהונדערט. פּוילן איז געוואָרן דער מקום־מקלט דער עיקר

1) די ייִדן אין פוילן, פון די עלטסטע צייטן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. ערשטער באַנד, זייט XIX, ניו־יאָרק 1946.

פאַר די דייטשישע, די אַזוי־גערופענע אַשכנזישע יידן, בעת די ספרדים, די יידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן זיך באַזעצט אין די לענדער פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע (טערקיי). אָנהייב 16טן יאָרהונדערט האָבן נאָך די ספרדים, סיי אין איכות, סיי אין כמות, זיכער פאַרנומען ניט קיין ווייניקער וויכטיקן פּלאַץ אין יידישן לעבן ווי די אַשכנזים. מיט דער צייט ווערט אָבער די ראָלע פון ספרדים אין אַלגע־מיין־יידישן לעבן אַלץ קלענער. די שפּעטערישע כוחות פון ספרדישן יידנטום האָבן אין די נייע היימען ניט געפונען דעם געהעריקן באָדן פאַר זייער אַנטוויקלונג.

גאָר אַן אַנדער מזל איז געווען באַשערט דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן. עס איז לחלוטין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז לכל־הפּחות איבער 80 פּראָצענט פון די יידן אין דער גאָרער וועלט צ׳ען זייער יחוס פון אַלטן פּוילן. (אונטערגעשטראָכן אין טעקסט — מ. ב.). אין פאַרגלייך מיט דעם בילדן די ספרדים היינט צו טאָג נישט מער ווי 4—5 פּראָצענט פון יידישן כלל. אָנהייב 16טן יאָרהונדערט האָבן אין פּוילן געלעבט ווייניקער ווי צען טויזנט יידישע משפחות. 400 יאָר שפּעטער, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען פון די 16—17 מיליאָן יידן אין דער וועלט לכל־הפּחות 13—14 מיליאָן געווען פון מזרח־אייראָפּעיִשן, דאָס הייסט פון פּוילישן אָפּשטאַם״.

מענעס רעדט דאָ אין שייכות מיט דער אויסערגעוויינטלעך גרויסער ראָלע פון פּוילישן יידנטום, אָבער דאָס איז דאָך אייגנטלעך אויך אָנגעמאָסטן פאַר דעם אָרט, וואָס דער אַשכנזישער סעקטאָר האָט פאַרנומען אין יידישן וועלטפאָלק.

און נאָך אַ פּרט. אויבן איז גערעדט געוואָרן וועגן דער צאָל פון ערב־היטלער־חורבן, ווען מיר האָבן געציילט 16—17 מיליאָן. ווען מיר נעמען די נאָך־חורבן־צייט. נאָך דעם בלוט־אָפּצאַפּ פון אונדזערע 6 מיליאָן קדושים און גיבורים, חזרט זיך איבער די זעלביקע דערשיינונג.

די היטלערישע אויסראָטונג האָט דאָך געטראָפן בעיקר די אַשכנזישע יידן. מיטן אויסנאַם פון גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע און האָלאַנד,ווו עס זענען געווען ספר־דישע קהילות, האָט דער פאָלקסבראָך אַרומגענומען בעיקר די אַשכנזישע מערב־און מיזרח־אייראָפּעיִשע קיבוצים. און נאָך אונדזער קאַטאַסטראָפע, ווען פון פאָלקס־קערפּער איז אַרויסגעשניטן געוואָרן אַ דריטל פון זיין פאַרמעג, און דאָס דער שע־פערישסטער אַשכנזישער טייל, איז נאָך אַלץ די פּראָפּאָרץ צווישן די אַשכנזים און די ספרדים (סיי אין צאָל, סיי אין תוך) כמעט די זעלביקע ווי ערב דעם חורבן.

און אַברהם גאָלאָמב דערגייט אין זיין אָפּשאַצונג דערצו, וואָס ער וויל באַווייזן, אַז דער אַשכנזישער טייל הייבט אָן צו פּרעטענדירן צו ווערן דאָס גאַנצע פאָלק. אין זיין אַרבעט „די מקורים פון יידישן רענעסאַנס״ שרייבט ער צווישן אַנדערע:

„קודם־כל מוז מען אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז אַט דער גאַנצער רענעסאַנס (ביי יידן אין די לעצטע יאָרהונדערטער) מוז פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דעם אַשכנזישן טייל פון יידישן פאָלק. די ספרדישע יישובים וואָס האָבן אין די פריער־דיקע תקופות געטראָגן די הייוון פון יידישן לעבן, וואָס זענען געווען די אַקטיוויסטע און קולטורעלסטע עלעמענטן אין יידישן פאָלק — זיי ווערן אין דער זעלביקער צייט ווי אַטראָפירט, זיי הערן זיך אויף צו פאַרמערן אַפילו אין פיזישן זינען. קולטור־שעפעריש ווערן זיי ווי פאַראַליזירט. די ספרדישע יישובים ווערן ווי ביימער וואָס שטייען פאַרדאַרטע אויף זייערע שטאַמען. נישט זיי וואַקסן, נישט זיי בליען, זיי פאַלן אויך נישט איין, זיי צאַנקען. און דער גאַנצער רענעסאַנס איז דורכגעטראָגן געוואָרן דורך דעם אַשכנזישן טייל פון פאָלק. די פראָפּאָרץ פון די צוויי שבטים איז אין דער תקופה דערגאַנגען ווי קיין מאָל נישט פריער ווי 4 צו 96. דאָס הייסט, אַז די אַשכנזים האָבן געקראָגן די טענדענץ צו ווערן דאָס גאַנצע פאָלק און די ספרדים זענען אַוועק אויפן וועג פון דעגענעראַציע אויף אַלע געביטן פון לעבן...״ 2).

לאָמיר דאָ זיך אָפּשטעלן אויף איין פראַזע פון דאָזיקן ציטאַט „זיי הערן זיך אויף צו פאַרמערן אַפילו אין פיזישן זינען״. **און דאָס געשעט אין דער צייט ווען ביי די ספרדים איז נישט געווען חל דער** חרם דרבנו גרשום **קעגן פּילוויבעריי!...**

פאַר אונדזער לעצטן אויסצוג וועלן מיר נעמען דאָס וואָס עס שרייבט פּראָפ׳ שמעון בערנפעלד **אין דער הקדמה אין 3טן באַנד צו זיין מאָנומענטאַלער אַרבעט** „ספר הדמעות״ **(בערלין תרפ״ו), ווו ער אַנאַליזירט גאָר ברייט די פּראָבלעם אַשכנזים־ספרדים.**

... „מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז די מערהייט פון אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן זיך באַזעצט אין די מיזרח־לענדער, אין דער טערקישער מדינה. קליינע טיילן האָבן זיך באַזעצט אין די באַלקאַנישע מלוכות און דאָרטן געגרינדעט ספרדישע קהילות. די דאָזיקע ספרדישע פּליטים האָבן אָנגעוואָרפן זייער ספרדישע קולטור אויף די יעניקע קהילות, וואָס זענען שוין דאָרטן געווען ביז זיי זענען אַהין געקומען, געטאָן האָבן זיי דאָס מיט כוח, מיט אַ שטאַרקער האַנט. ווייטער האָבן זיך די פאַרטריבענע באַזעצט אין די אַזיאַטישע מדינות, אין צפון־אַפריקע און אין עגיפּטן. טייל פון די פאַרטריבענע האָבן זיך באַזעצט אין איטאַליע, ווייזט אויס, אַז דאָרטן האָבן זיי זיך ניט לאַנג געהאַלטן, די מערהייט פון זיי איז פון דאָרטן אַרויס און זיך באַזעצט אין די לעוואַנטישע מדינות.

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע געשעעניש[ן] וואָס עס האָט געטראָפן די דאָזיקע פאַרטריבענע בעת זייערע נע־ונד און וואַגל־וועגן. טייל פון זיי זענען פאַרלאָרן געגאַנגען אין וועג נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעליטן שווערע יסורים.

2) **באַנד 4 פון זיינע** געקליבענע שריפטן, **מעקסיקע 1947.**

טייל פון זיי וואָס האָבן לכתחילה אַרויסגעוויזן מוט און געגאַנגען אויף קידוש־השם און נישט געוואָלט פעלשעווען אין זייער גלויבן האָבן זיך שפּעטער געשמדט פאַר אַ שטיקל ברויט. די איבעריקע פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע לענדער, ווו זיי האָבן מיט דער צייט פאַרלאָרן זייערע פאַרמעגנס — סיי דעם מאַטעריעלן, סיי דעם גייסטיקן. דער וויכטיקסטער יסוד־טייל פון אונדזער פאָלק, די יעניקע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט רייכקייט, מיט קלוגשאַפט און קולטור, האָבן געפונען זייער אָרט צווישן פעלקער אָפּגעשטאַנענע, קולטורלאָזע, און זיך מיט זיי אויסגע־מישט. דאָס איז נישט געווען קיין גלויבנס־אַסימילאַציע נאָר אַ קולטור־שטייגע־רישע צוזאַמפמישונג. די דאָזיקע חשובע ייִדן, די פאַרטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, זענען צום סוף גאָר געוואָרן טערקן, מאַראָקאַנער, פּאַ־לאַשן אאַז״וו. פון דעם (גייסטיקן) פאַרמעג וואָס זיי האָבן געבראַכט פון זייער היים האָבן זיי פאַר זיך איבערגעלאָזט נאָר אַ ביסל מיאוסע מנהגים: שטענדיקע קריגערייען און גיפטיקע אַרומרייסעניש אין זייערע קהילות און אַן איבערגעטרי־בענע גרויסהאַלטעריי לגבי זייערע אַנדערע ברידער...

דער דאָזיקער עטישער צעטרייסל איז קענטיק, וואָס מיר באַדויערן שטאַרק, ווען מיר קוקן זיך צו וואָס עס איז געוואָרן פון די דורותדיקע יחוסדיקע ספרדישע משפחות: אברבאנאל, יחיא, אלבו, אבן־ששת און אַנדערע די נעמען פון די דאָזיקע משפחות עקסיסטירן ביז היינט, אָבער עס איז נישטאָ זייער אַמאָליקער גלאַנץ...

ווען מיר קוקן זיך צו צו די דאָזיקע פאַקטן זעען מיר טאַקע, אַז עס זענען פאַראַן ספרדישע ייִדן אין באַלקאַן־לענדער, אין ארץ־ישראל און אַנדערע מערב־אַזיאַטישע מלוכות, אין צפון־אַפריקע און מצרים. אָבער דער חשובער פונדאַמענט פון ייִדישן פאָלק, די ייִדן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וואָס זענען פון דאָרטן אַרויס־געטריבן געוואָרן, איז אין משך פון געציילטע דורות פאַרלאָרן געגאַנגען. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ ווירקנדיקער כוח אין ייִדישן פאָלק און אין ייִדישקייט״.

נאָך מער ווערט דער דאָזיקער צושטאַנד פול מיט שאלות ווען מען נעמט אין אַכט אַז אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער האָט דער אַשכנזישער סעקטאָר מער געליטן פון גזירות, פּורעניותן, גירושים און שחיטות.

זיכער האָבן די ספרדישע קהילות און ישובים נישט „געלעקט קיין האָניק״ אין דער אָטאָמאַנישער מלוכה און אין די אַנדערע מלוכות, ווו זיי האָבן געהאַט אויסצו־שטיין פון אויסנאַם־געזעצן און רעליגיעזער שנאה און העצע.

דער דאָזיקער מצב איז אָבער נישט געווען שווערער פון דעם וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די ישובים פון מזרח־אייראָפּע (און פריִער מערב־אייראָפּע, ביז דער צייט פון דער עמאַנציפּאַציע). די קייט פון „אויסנאַם־געזעצן״; די באַזונדערע געביטן (אין לאַנד און די שטעט), וואָס ייִדן איז פאַרווערט געווען צו וווינען; דער „תחום־

המושב״ פון צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך געקענט אויסגלייכן מיט דעם וואָס די ספּרדים זענען אויסגעשטאַנען.

צו דער בלוטיקער קייט פון שחיטות, פּערמאַנענטע פּאָגראָמען, קומט צו די „קרוין״ דערפון דער כמעלניצקי־אויפשטאַנד, די בלוטיקע גזירות פון ת״ח און ת״ט (1648—1649), ווען עס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן ביי אַ דריטל פון מזרח־איראָ־פּעישן ייִדנטום.

***

שפּרינגען מיר דורך יאָרהונדערטער, מיר לאָזן תקופות און דורות און מיר קומען צו אונדזערע היינטיקע טעג.

עס עקסיסטירן שוין היינט נישט אַ סך פון די דערמאָנטע ספּרדישע קיבוצים, זיי זענען אָפּגעווישט געוואָרן דורך אַכזריות פון רוצחים, אָדער זיי זענען ליקווי־דירט געוואָרן דורך עליה קיין מדינת ישראל.

אויך אין די דאָזיקע טעג זעען מיר דעם זעלביקן פּראָצעס: — שעפערישקייט פון איין זייט און אָפּגעשטאַנענקייט, אַטראָפירקייט פון דער צווייטער זייט.

אויפן ערשטן אָרט טאָקע אין מדינת ישראל, ווו די צאָלמעסיקע פאַרהעלטעניש פון די ספּרדים צו די אַשכנזים גרייכט שוין באַלד ווי אין סוף 16טן יאָרהונדערט. אָבער נאָר צאָלמעסיק... די ראָלע, די בויעריש־שעפערישע ראָלע פון דער מדינה ליגט נאָך אַלץ אין דער פּראָפּאָרץ פון 90 פּראָצענט און מער אין אַשכנזישער ספערע.

די דאָזיקע לאַגע באַשעפטיקט טאָקע גאָר שטאַרק די פירער פון דער מדינה, אמת פון גאָר אַנדערע אַספּעקטן. זיי זוכן וועגן פון „מיזוג״ — פון אויפגיסן, צונויפ־פלעכטן די באַזונדערע שבטים. עס גייט דאָרטן נישט צו גלאַטיק. עס איז אַ זייער שווערע הלכה, וואָס די מדינה־פאַקטאָרן (און די צדדים) פּרוּוון פאַרענטפערן.

אונדז גייט איצט אין דעם פּאַקט, אַז אַפילו דאָרטן, ווו מען האָט די דאָזיקע עדהס אַרויסגענומען פון זייער נישט־ייִדישן אַרום זענען זיי נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם, און ווי מען זאָגט פּאַרויס, אויף דורות, צו לייזן.

גאָר מערקווירדיק איז דער מצב אין די תפוצות־ישראל. פאַראַן ערטער, ווו עס ווינען האַנט ביי האַנט ביידע סעקטאָרן, אַשכנזים און ספּרדים. אויפן ערשטן אָרט איז עס אַמעריקע — די פּאַראייניקטע שטאַטן ווי לאַטיין־אַמעריקע.

ווי זעט עס היינט אויס, ווען עס זענען פאַראַן זייער פיל מאָמענטן און געשעע־נישן וואָס ווירקן עס זאָל קומען אַ דערנענטערונג, אויב נישט קיין צונויפשמעלצונג; אַ געמיינזאַמקייט, וואָס די צייט פאַרלאַנגט עס און וואָס אַ ריי פאַקטן מאַכן דאָס מעגלעך.

מיר טרעפן זיך אָן אויף דער עקסיסטענץ, און אויך אַקטיוויטעט פון די ספּר־

דישע קהילות אין די דאָזיקע לענדער. עס קומען פאָר צונויפקומען, וואָס נישט זעלטן ענדיקן זיי זיך מיט גאָר פיינלעכע אינצידענטן. נישט געקוקט, וואָס מען איז גאָר אַזוי „נאָענט" איז מען שטאַרק ווייט און מיר ווייסן פּאַקטיש נישט גענוי וואָס דאָרטן טוט זיך.

דער אַשכנזישער ישוב איז כמעט אומעטום אַן אָרגאַניזירטער, אַ געשלאָסע־נער, הגם ער פאַרמאָגט אינעווייניק, אַזוי צו זאָגן, „עטנישע" גרופּן (ליטווישע, פּוילישע, גאַליצישע, אונגאַרישע, בעסאַראַבישע, רומענישע אאַז"וו). אַנדערש איז עס מיט די ספרדישע — עס איז צווישן זייערע באַזונדערע עדהס נישטאָ קיין אַחדות, קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם נעמט כמעט נישט אַרום די פאַרשיידענע גרופּן פון די דאָזיקע יידן.

אַ ביסל איז לעצטנס אין דעם פּרט קלערער געוואָרן. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם וואָס עס טוט זיך הינטער דעם אומגעזעענעם פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ די ספרדישע קהילות פון די אַשכנזישע קיבוצים.

עס דערציילט וועגן דעם אַן עד־ראיה, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן און וועלכער איז פריי פון וועלכע נישט איז פניות און פאַראורטיילן צו אונדזערע ספרדישע ברידער. דאָס איז הרב ד"ר שלמה גאון, דער הויפּט־חכם פון די ספרדי־שע קהילות אין דער בריטישער קאַמאַנוועלט. ער האָט אין יוני 1958 געמאַכט אַ פריינטשאַפט־באַזוך ביי די ספרדישע קהילות אין צפון־ און דרום־אַמעריקע. דעם באַריכט, ווו ער דערציילט אויספירלעך פון זיין נסיעה און ווו ער שילדערט דעם מצב פון די דאָרטיקע ספרדישע קהילות און זיינע אויספירן האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער צייטשריפט „שבט ועם", ירושלים, סיון תשי"ח 3).

הרב ד"ר ש. גאון, איינער פון די אָנגעזעענע אויטאָריטעטן פון ספרדישן יידנטום, האָט געהאַט די נישט־געשטערטע מעגלעכקייט אַריינצובליקן נעענטער און טיפער וואָס עס טוט זיך אין דעם ספרדישן שבט — מער ווי דאָס וואָלט גע־קענט טאָן אַ „זייטיקער", אַן אַשכנזי. דערפאַר טאָקע זענען די אָנגעגעבענע דאָרטן דאַטן און פאַקטן, ווי זיי זאָלן נישט זיין דראַסטיש און אויפטרייסלענדיק, אַ באַ־שטעטיקונג פון דעם אמת, אַז די ספרדישע קיבוצים זענען מיטן יידישן וועלט־כלל בעיקר געבונדן דורך רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע פעדעם. נאָר די דאָזיקע עלעמענטן האַלטן אָן זייער קאָנטאַקט, אָדער מאַכן זיי פילן ווי אַ טייל פון פאָלק. די יעניקע פון די ספרדישע עדהס ביי וועמען דאָס איז נישטאָ, ווערן איינגעשרומפּן און גייען פאַרלאָרן פאַרן פאָלק.

---

3) די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט דעם דאָזיקן באַריכט געהאַלטן פאַר גאָר וויכטיק און געפונען פאַר נייטיק אים צו פּאָפּולאַריזירן און עס אָפּגעדרוקט אין איר פּובליקאַציע „בתפוצות הגולה", וואָס איז באַשטימט פאַר שליחים און רעפערענטן. אין העפט נומער 6 פון אויגוסט 1959.

דער באַריכט, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, דערציילט דערביי, אַז אויך די דאָזיקע טיילן פון די ספרדישע עדהס, וואָס האַלטן אָן זייער שייכות צום יידישן וועלטפאָלק, האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען, אין דער מערהייט פאַלן, דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער השפעה און הילף פון אַשכנזישע קהילות אָדער יחידים.

כדי צו אילוסטרירן דעם דאָזיקן מצב וועלן מיר פון דעם גאַר ברייטן און אויספירלעכן באַריכט אַרויסנעמען געציילטע פּרטים.

אין דעם באַריכט פון הרב ד״ר גאון קומט ראשית צום אויסדרוק די גאַר שאַרפע דיסהאַרמאָניע און צעריסנקייט צווישן די פאַרשיידענע ספרדישע עדהס, נישט נאָר איז אין געוויסע ערטער נישט מעגלעך אַרונטערצונעמען די באַזונדערע שטאַמען פון דעם דאָזיקן שבט אונטער איין דאַך, נאָר עס איז אַפילו שווער איינצושטעלן צווישן זיי אַ וועלכע נישט איז קאָאָרדינאַציע אָדער פּערמאַנענטן קאָנטאַקט.

מיר לייענען למשל וועגן ניו־יאָרק:

... „די אַמערסטן אַנטוויקלטע געמיינדע צווישן די ניו־יאָרקער (ספּרדישע) קהילות איז „שארית ישראל״. די סינאַגאָגע פון דער דאָזיקער קהילה רעכנט זיך פאַר דער עלטסטער אין דער נייער וועלט. מיט 2 יאָר צוריק האָט זי געפייערט איר 300־יאָריקן יובילײ. דאָ האָט געהערט דער כבוד פון דער ספרדישער טראַדיציע, נישט נאָר אין שייכות מיטן נוסח פון דער עבודה, נאָר אויך אין דער באַציִונג צו דער אַדמיניסטראַטיווער פירונג פון דער קהילה. דאָ דאָמינירט נאָך אַלץ די ספרדישע טראַדיציע און אירע מנהגים, נישט געקוקט אויפן פאַקט וואָס אין משך פון די לעצטע 200 יאָר האָט זיך געענדערט דער צוזאַמענשטעל פון דער קהילה און היינט צו טאָג באַשטייען פיר פינפטל פון די מיטגלידער פון דער קהילה פון אַשכנזישן אָפּשטאַם״.

אַלזאָ, ספרדישע „טראַדיציע״ מיט פיר פינפטל אַשכנזים!

דער באַריכט דערציילט ווייטער וועגן די אַנדערע ספרדישע עדהס פון ניו־יאָרק (סיריער, באַלקאַנער א״א) צוזאַמען ביי 4.000 נפשות, וואָס וואָלטן געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן לעבן, זענען אָבער צווישן זיך צעשפּליטערט און ער פירט אויס:

... „די (נאָרד־) אַמעריקאַנער ספרדישע יידן זענען געבענטשט מיט אַ סך כוחות, אָבער אויב מען זאָל באַציִטנס נישט אַנטנעמען קיין געהעריקע שריט — וועט פאַרן יידנטום פאַרלאָרן גיין אַ חשובער און טייערער טייל פון זיינע קינדער אין גלות״.

פון די פאַראייניקטע שטאַטן קומט ד״ר ש. גאון קיין בראַזיל.

ווידער אַ מאָל האַנדלט זיך דאָ וועגן גאַר ייחוסדיקע ספרדישע קהילות. אין ריאָ־דע־זשאַניראָ, למשל, האָט די ספרדישע קהילה שוין אַ געשיכטע פון 200 יאָר. זי הייסט איצט „גמילות־חסדים״.

דאָ איז דער ספרדישער סעקטאָר געווען צעשפּליטערט אויף פּאָרטוגעזער, מאַראָקאַנער, מיצרישע. די דאָזיקע דריי באַזונדערע וועגעטירנדיקע קהילות האָבן אַ האַפּענונג אויפגעריכט צו ווערן דורך דעם וואָס מען פּרוווט זיי פּאַראייניקן צו וואָס עס העלפן הרב ד״ר פינק (אַ פּוילישער ייִד) און הרב ד״ר לעמלי (דער פירער פון דער ייִדיש־דייטשישער קאָלאָניע).

עס וועט זיין כדאי צו ברענגען וואָס ד״ר שלמה גאון זאָגט אין נאָמען פון פּראָפ׳ ד״ר פערעז, איינער פון די פירער פון דער ספרדישער קהילה **„גמילות־חסדים״:**

... „אין אַ רעפעראַט וועגן דער שוועבנדיקער סכנה פון אַסימילאַציע האָט ד״ר פערעז אונטערגעשטראָכן, אַז אין משך פון די לעצטע יאָרן האָבן זיך געשמדט 600 ייִדן...״

דער באַריכט פון סאַו־פּאַולאָ ווערט אויך באַגלייט מיט די באַמיונגען צו פּאַראייניקן די באַזונדערע גרופּן ספרדים: מאַראָקאַנער, באַלקאַנער, סיריער, עגיפּ־טער. אויך דאָ קומט צו הילף דער אַשכנזישער סעקטאָר. דער באַריכט שטרייכט אונטער:

... „די ספרדישע קהילה אין סאַו־פּאַולאָ האָט מער מזל פון די אַנדערע ספרדישע קהילות בנוגע דער גייסטיקער אָנפירערשאַפט, מיט וואָס זי איז גע־בענטשט געוואָרן. איר הויפּט־רב איז ד״ר מ נ ח ם ד י ע ז נ ד ר ו ק, דער וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ראַבינער־סעמינאַר אין זיין געבוירנשטאָט ווין.״ (ווידער אַן אַשכנזי!).

אַזוי אומגעפער, אָדער ערגער, זעען אויס די באַריכטן פון מעקסיקע און קאַנאַדע.

אַגב אין קאַנאַדע דאַווענען די חזנים אין דער ספרדישער שול מיט דער אַשכנזישער הברה. פשוט, נישטאָ קיין ספרדישע חזנים.

וועגן קאַנאַדע לאָזט דער באַריכט־אָפּגעבער וואַרפן אַזאַ מין זאָג:

... „עס איז דרינגענדיק, ממש לעבנס־נויטווענדיק אַן אַקטיווע אָרגאַניזאַציע־נעלע טאַט פאַר דער נייער ספרדישער קהילה (פון איראַקער, מאַראָקאַנער און מיצ־רישע) איידער זי גייט פאַרלאָרן צווישן די גוים...״

גאָר שלעכט שניידט אָפּ די ספרדישע עדה אין אורוגוויי. ד״ר ש. גאון ברענגט אַרויס אָפּן זיין פאַרצווייפלונג:

... „שווער זיך צו באַפרייען פון דעם איינדרוק וואָס עס מאַכט די ספרדישע קהילה אין מאָנטעווידעאָ, וואָס ליגט אין די הענט פון אַן אָנפירונג, וואָס שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך און איז נישט צוגעפּאַסט צו אירע אויפגאַבעס... ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז אונדזער פליכט פעסטצושטעלן, אַז אין די הענט

פון דער ספרדישער וועלט־אַנפירונג ליגט דער גורל אויב די דאָזיקע עדה וועט אין גאַנצן ליקווידירט ווערן אָדער וועט ווערן טיילוויז אָפּגעראַטעוועט".

ד"ר שלמה גאונס באַזוך וועלן מיר פאַרענדיקן מיט אַרגענטינע. מיר וועלן ברענגען נאָר דעם אַריינפיר־אָפּזאַץ פון באַריכט, ווו עס זאָגט זיך:

... „אין אַרגענטינע, די צווייטע מדינה לויט איר גרויס (אין פרט פון ייִדישער באַפעלקערונג — מ. וו. ב.) נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן, וווינען העכער אַ האַלבן מיליאָן (!) ייִדן. פון זיי העכער 430 טויזנט (!) אין בוענאָס־איירעס, ביי 50 טויזנט (!!!) ייִדן זענען פאַר דער קהילה פאַרלאָרן געגאַנגען אין רעזולטאַט וואָס זיי זענען געצוווּנגען געווען אַריינצוקומען אין לאַנד ווי קאַטאָליקן. הגם אין די גרענעצן פון לאַנד איז נישטאָ קיין שום רעליגיעזער צוואַנג, זענען פאַראַן ייִדן וואָס האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום אָדער געבליבן גלייכגילטיק צו ייִדישקייט. די דאָזיקע דערשיינונג באַציט זיך אין אַן אַנזעעוודיקער צאָל צו די ספרדישע ייִדן, געקומענע פון די באַלקאַן־לענדער".

וויל איך אויף דעם אָרט נישט אַריינגיין אין דיסקוסיע און אָפּפרעגן די ציפערן — „העכער אַ האַלבער מיליאָן"; „פיר הונדערט טויזנט"; „50 טויזנט" — אָבער זיין עדות־זאָגן וועגן דער שמד־דערשיינונג, וואָס ער האָט געפונען ביי די ספרדים פון באַלקאַן איז זייער באַלערנדיק.

צווישן די ליכטיקע פּערספּעקטיוון וואָס ד"ר ש. גאון האָט געפונען אין בוענאָס־איירעס איז די (ספרדישע) „מדרשה", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער שול „לאַ פלאַטאַ" דורך ד"ר שלעזינגער. (ווידער אַן אַשכנזי!).

אַזוי זעען אויס די ספרדישע קיבוצים אין לענדער, ווו זייער היסטאָרישע טראַדיציע איז לענגער פון דער אַשכנזישער און ווו עס איז אויך שטאַרקער זייער שייכותדיקייט אין דער קולטור־סביבה, אָפּשטאַמיקע פון דער רומפולער ספרד־עפּאָכע.

אומעטום האָבן זיך די דאָזיקע קיבוצים געקלאַמערט, אָדער קלאַמערן זיך, כמעט אויסשליסלעך ביי רעליגיעזער שייכות צום ייִדישן פאָלק; נאָר טראַדיציאָנעל־צערעמאָניאַלע פונקציעס זענען געווען די פעדעם וואָס האָט זיי געהאַלטן. עס זענען כמעט ווי נישט בנמצא אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקע הילף; אָפּגערעדט ווירט־שאַפטלעכע פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס; עס זענען נישטאָ קיין זעלבשטענדיקע ליטעראַריש־שעפערישע טעטיקייטן — נישט קיין ביבליאָטעקן, נישט קיין קלובן, נישט קיין טעאַטערן, אָפּגערעדט פון צייטשריפטן, וואָס זאָלן באַהאַנדלען ייִדישע פּראָבלעמען, אַריינפלעכטן זיי אין דעם גרויסן גאַנג און אומרו פון ייִדישן וועלטפאָלק.

אויב עס קלאַפּט נאָך ערגעץ־ווו אַן אָדער אין דעם אָדער יענעם ספרדישן קיבוץ האָט אויף דעם, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַ השפעה די אַשכנזישע סביבה. די דאָזיקע סביבה, וואָס איז אין איר גרעסטער מערהייט אַ וועלטלעכע, ווירקט

און באַווירקט. דאָס קומט טאַקע צום אויסדרוק אין די קאָנקרעטע עובדות פון די אַשכנזישע מנהיגים: די רבנים פינק און לעמעלי (ריאָ־דע־זשאַניירא); ד״ר דיזענדרוק (סאַן־פּאַולאָ); ד״ר שלעזינגער (בוענאָס־איירעס).

קאָן מען זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג וואָס וואָלט געוואָרן מיט די דאָזיקע שטאַמען פון ספרדישן שבט ווען זיי בלייבן אַליין פנים־אל־פנים מיט דעם נישט־יידישן אַרום, ווען זיי האָבן נישט נעבן זיך די אַשכנזישע קיבוצים.

**
*

ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר באַמערקן, אַז מיר טרעפן אין דער עלטערער פאַרגאַנגענהייט נישט זעלטן דעם פאַקט וואָס אַשכנזישע מנהיגים זענען בראש אָדער העלפן דעם גייסטיקן און קהל־לעבן פון די ספרדישע עדהס. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז עס אין דער געשיכטע פון דער ספרדישער קהילה אין סאַ־לאָניקי — גריכנלאַנד.

די סאַלאָניקער ספרדישע עדה האָט געהערט צו די יחוסדיקע צענטערן פון דער ספרדישער וועלט. עס שרייבט למשל יעקב לעשטשינסקי וועגן דעם:

... „נאָך די דריי מזרח־אייראָפּעישע לענדער מיט די גרעסטע קרבנות קומט גריכנלאַנד מיט 80 פּראָצענט פיזישע אבידות — דאָ איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ קהילה פון גאָר באַזונדערע היסטאָרישע פאַרדינסטן און ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, די באַזע פון ספרדישן יידנטום. מיר האָבן אין אויג סאַלאָניקי, ווו עס האָבן געלעבט אַריבער 60 טויזנט יידן, אַלע ספרדישע. דאָס איז געווען אַ טיף־טראַדיציאָנעלע ספרדישע געמיינדע מיט אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געציילט פולע הונדערטער יאָרן פון עקזיסטענץ. פון זיי האָבן געצויגן זאַפט און נאַציאָנאַלן מוט די ספרדישע קהילות אין דער גאַנצער וועלט" 4).

דערוויסן מיר זיך גאָר, אַז די דאָזיקע יחוסדיקע באַרימטע ספרדישע קהילה, די באַזע פון ספרדישן יידנטום, האָט אין פאַרשיידענע צייטן גענאָסן פון גייסטיקער הילף מצד אַשכנזישע עלעמענטן.

אַ גאַנצע ריי רבנים אַשכנזים, פאַרטריבענע פון דייטשלאַנד (אַ פלעיאַדע פון דער יחוסדיקער משפחה אַשכנזי) איז געווען טעטיק צווישן די ספרדים. גאָר באַ־זונדער האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע די אַשכנזישע לערערס פון די סאַלאָניקער חינוך־אַנשטאַלטן, ווו עס האָט זיך געלערנט און דערצויגן די יידישע ספרדישע יוגנט. איינער פון שרידים פון סאַלאָניקי הרב מיכאל מולכו דערציילט, אַז אַדאַנק די אַרבעט פון די דאָזיקע אַשכנזים־לערער זענען:

---

4) יעקב לעשטשינסקי — „דאָס באַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1955, זייט 47.

... „אין משך פון אַ ריי דורות זענען טאַקע פון דאָרטן אַרויס רבנים און געלערנטע פון גאָר אַ גרויסער קאַפּאַציטעט פאַר די קהילות אין גאַנצן מיזרח“ 5).

טייל פון די דאָזיקע תלמידים פאַרנעמען היינט פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין מדינת ישראל. צווישן די דערצויגענע ביי די אַשכנזישע מדריכים דערמאָנט הרב מולכו די ווייטערדיקע יחידים: ד״ר נתן שלם — לעקטאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט; משה אַטיאַש — אינספּעקטאָר פון די שולן אין ירושלים; דוד ביניניסטי — דירעקטאָר פון מוסטער־שול אין ירושלימער לערער־סעמינאַר; ברוך עוזיאל — פאָלקלאָריסט און ריכטער אין תל־אָביבער געריכט.

מיר וואָלטן זיך פּשוט געריסן אין אָפענע טירן כדי צו ברענגען נאָך און נאָך באַווייזן און פאַקטן וועגן דער פאַרהעלטעניש און ווירקונג פון די אַשכנזים און ספרדים. דער ענין איז גענוג קלאָר און בולט, די פראַגע שטייט נאָר פאַרוואָס? ווו איז די סיבה (אָדער סיבות), וואָס האָבן אַזוי הויך אַרויסגעהויבן דעם אַשכנזישן סעקטאָר און דער ספרדישער שטאַם, וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ רומרייכע און שעפערישע גאָלדענע תקופה, איז דעגראַדירט געוואָרן.

פאַרנעמט טאַקע די דאָזיקע פראַגע דעם אויבנאָן אין אַ ריי פאָרשונגען. גראָד איצט ווען גרויסע טיילן (אפשר די מערהייט) פון ספרדישן פאַרמעג אונדזערן אין דער וועלט זענען אין מדינת ישראל באַקומט די דאָזיקע פּראָבלעם חשיבות און מען זוכט עס צו פאַרענטפערן און דער עיקר ליין, אויסגלייכן, דערהייבן די וואָס זענען הינטערשטעליק.

איז דאָס ווידער אַן ענין וואָס האָט צו טאָן מיט „פּראַקטישע“ עובדות, אָבער עס פאַרענטפערט נישט די פראַגע. ווייל אין געפינען אַ ריכטיקע תשובה אויפן דאָזיקן פאַרוואָס, ליגט אויך דער אָנווייז פון וועג פון פאָלק אויף ווייטער. זועט מען זיך דערגרונטעוועןצום „סוד“, פון וואַנען עס האָט זיך צו די אַשכנזים גענומען אַזאַ וויטאַליטעט, אַזאַ אויסדויער און ווידערשטאַנד, וועט דאָך דאָס קענען זיין אַ וועגווייזער פאַר היינטצייטיקע און מאָרגנדיקע פּראָבלעמען וואָס רוקן זיך אַרויס.

עס עקסיסטירן היינט יחידים וויסנשאַפטלער און אַפילו אינסטיטוטן, וואָס דער ענין ספרד, די תקופה ספרד ביי יידן איז זייער שטודיע־אָביעקט. אָפט זענען עס גאָר נישט קיין יידן.

אָט דערשיינט אין שפּאַניע אַ גאָר אינטערעסנטע פּובליקאַציע „ספרד“ אין דער שפּאַנישער שפּראַך 6). אין משך פון די 20 יאָר וואָס דער דאָזיקער זאַמלבוך דער־

5) מיכאל מולכו — אַן אַשכנזישע קהילה אין סאַלאָניקי. אין „יאָרבוך תשט״ו“ פון דער קהילה פון בוענאָס־איירעס.

6) **Sefarad** - Revista del Instituto Arias Montano de Estudios Hebraicos y Oriente Próximo, Madrid - Barcelona.

שיינט זענען דאָרטן שוין פאַרעפנטלעכט הונדערטער גאָר וואָגיקע און מקורדיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין דער ספרד־תקופה. אַלגעמיינע שטו־דיעס ווי רעגיאָנעלע מאָנאָגראַפיעס. קונסט־אָביעקטן פון יענער צייט און ליטעראַ־רישע שאַפונגען פון די גדולי־ספרד ווערן אַנאַליזירט, באַהאַנדלט, שטודירט. ביי דעם דאָזיקן אינסטיטוט וואָס גיט אַרויס דעם „ספרד" זענען חוץ לזה דערשינען צענדליקער שטודיעס אויף דער דאָזיקער טעמע.

דער דאָזיקער אינסטיטוט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ קאַטוילישן גייסט־לעכן פון 16טן יאָרהונדערט, אַריאַס מאָנטאַנאָ, האָט נישט לאַנג איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון ספרדישע ביכער, כתב־ידן און אַנדערע קולטור־היסטאָרישע אָביעקטן וועגן די ספרדים.

עס חזרט זיך דאָ איבער דער זאָג פון אונדזערע חכמים וועגן דעם וואָס מלאכתו נעשית בידי אחרים, אַנדערע טוען אונדזער אַרבעט. צי דאָס איז גוט אַזוי איז אַ צווייטער ענין.

עס באַווייזן זיך לעצטנס גאָר אינטערעסאַנטע שטודיעס וועגן די ספרדים אין דער פרעמד־שפּראַכיקער ליטעראַטור.

אַזוי איז אין יאָר 1958 דערשינען אין אָקספאָרד, ענגלאַנד, אַן אַרבעט וועגן די באַציִונגען צווישן די אַשכנזים און ספרדים, זייערע חילוקי־דיעות און בכלל די פּראָבלעמען, וואָס עס זענען צווישן זיי אַרויסגעשוומען. די דאָזיקע שטודיע איז באַזירט אויפן סמך פון דער רבנישער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור 7).

אויב די דאָזיקע שטודיע פאַרנעמט זיך מיט ביידע סעקטאָרן — אַשכנזים און ספרדים — איז פון גאָר וויכטיקייט אַ צווייטע אַרבעט, וואָס איז דערשינען אין זעלביקן יאָר אין וויסבאַדען, דייטשלאַנד, דאָ ווערט געגעבן אַן אַנאַליז פון די גולי ספרד, פון סוף דעם 16טן יאָרהונדערט ביזן אָנהייב 18טן יאָרהונדערט 8).

דאָס דאָזיקע ווערק וואָס האָט העכער 600 זייטן, צווישן זיי 40 זייטן מיט אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון מקורים, שטעלט צו אַן אַ שיעור ווירטשאַפטלעך־עקאָ־נאָמישע; סטאַטיסטיש־דעמאָגראַפישע און יורידיש־געזעצלעכע מאַטעריאַלן און פאַקטן. באַזונדער איז די דאָזיקע אַרבעט אינטערעסאַנט דערמיט וואָס דאָרטן ווערט גאָר באַזונדער געגומען אין אַכט די ספרדישע צענטערס אין האַמבורג, אַלטאָנע, גליק־

7) **Zimmels Rabbi H. J.** — Ashkenazim and Sepharadim their relations, differences and problems as retlected in the Rabinical Responss, 366 p. Oxford, 1958.

8) **Kellenbenz Herman.** — Sephardim an der unteren Elbe, ihre wirtschaftliche und politische bedentung vom Ende des 16 biz Beginn des 18. Jahrhunderts. 12 + 608 pp. Wiesbaden, 1958.

שטאָט, — ערטער ווו עס איז אויסגעקומען די ספרדים זיך צו טרעפן מיט אַשכנזי־שע קהילות.

דערציילן די שטודיעס טאַקע גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים פון דעם אויפקום פון די קהילות; זייער עפנטלעך־רעכטלעכן סטאַטוט (נישט אומעטום דעם זעלביקן); זייער גרויס — צופלוס און אָפּפאַל פון די מיטגלידער און אַזוי ווייטער. אָבער עס בלייבט אַלץ הענגען אין דער לופטן דער גרויסער פּאַרוואָס? וועלכע איז די סיבה פון אַלע סיבות וואָס האָט גורם געווען, אַז דער דאָמינירנדיקער (אין אַלע הינ־זיכטן) נוסח אין אונדזער פאָלק זאָל ווערן דער אַשכנזישער.

כדי צו קריגן אַן ענטפער אויף דעם דאַרף מען זיך באַקענען מיט דעם פונדאַ־מענט, אויף וועלכן אַשכנז איז געבויט געוואָרן. מען דאַרף אַריינבליקן אין דעם בראשית פון אַשכנז, ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פורעמען דער דאָזיקער נוסח; ווי האָט ער זיך געשטאַלטיקט און שפּעטער אַנטוויקלט.

מיר וועלן זיך טאַקע באַקענען מיט דער צייט, ווען און דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך דער נוסח־אַשכנז אָנגעהויבן. מיר וועלן זיך אויך באַקענען מיט די גרינדער פון דאָזיקן נוסח, מיט די וואָס האָבן געלייגט די ווינקלשטיינער צו אים און דער עיקר — אין וואָס איז באַשטאַנען זייער אויפטו.

על נהרות ריינוס

אויף די טײַכן פון רײַנוס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע געצעלטן פון די ייִדישע קהילות, פון וועלכע עס איז אויפגעקומען דער נוסח אַשכנז.

אויף די טייכן פון ריינוס...

הזרט זיך דאָ איבער — סיי סימבאָליש, סיי פּאַקטיש אַ ווידער־קול פון אַן אַנדער תקופה:

— על נהרות בבל, אויף די טייכן פון בבל.

אויף די טייכן פון בבל זענען מיר געזעסן און געוויינט, דערציילט דער תהילים. אויך אויף די טייכן פון ריינוס זענען אונדזערע אור־עלטערן געזעסן, געוויינט און געבלוטיקט.

אויף די טייכן פון בבל איז אָבער אויסגעבויט געוואָרן דער פונדאַמענט פון ייִדישן קיום און המשך. אויך אויף די טייכן פון ריינוס איז געוועבט געוואָרן דער גייסטיקער המשך פון די נהרות בבל.

די טייכן פון ריינוס. אייגנטלעך איז דער ריין נאָר איין טייך. אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור און אין די כראָניקעס, וואָס דערציילן וועגן יענע ערשטע צייטן, ווען ייִדן האָבן געבלוטיקט ביי זיינע ברעגעס, ווערט דער דאָזיקער טייך פאַרצייכנט מיטן נאָמען ריינוס. און פאַרשטאַנען האָט מען עס דאַן נישט נאָר דעם טייך אַליין, נאָר דעם גאַנצן אַרום, די גאַנצע געגנט, וואָס איז געלעבן ביי ביידע ברעגעס פון ריין.

פונקט מיט 1.000 יאָר צוריק, אין יאָר 960, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט וועגן ייִדיש לעבן ביים ריין. שפּעטער הערן מיר שוין גאָר אָפט אין דער רבנישער ליטעראַטור (די איינציקע וויכטיקסטע ייִדישע מקורים פאַר דער געשיכטע פון יענער צייט) וועגן די גדולי־ריינוס, חכמי־ריינוס, תקנות־ריינוס און מנהגי־ריינוס. און מיינען מיינט עס טאַקע די גאַנצע געגנט פון ביידע זייטן ריין.

בכלל האָט מען מיט גדולי־ און חכמי־ריינוס געוואָלט אונטערשיידן די דאָ־

זיקע אויטאָריטעטן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט קהילות אויף דער גערמאַנישער ערד פון די רבנישע אויטאָריטעטן אין פראַנקרייך.

מנהגי־ריינוס, תקנות־ריינוס האָבן זיך שוין דאַן געדעקט מיט דעם שפּעטער־דיקן פאַרשפּרייטן און אָנגענומענעם נוסח אַשכּנז.

ייִדן האָבן זיך באַזעצט ביי די ברעגעס פון ריין און אויך אַריינגעדרונגען אין די ערטער, ווו עס האָבן געפלאָסן טייכן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן ריין.

זענען אויסגעוואַקסן ייִדישע ייִשובים אויך ביי די ברעגעס פון לאַן, זיג, מאָזעל, מאַין, נעקאַר און דערגאַנגען ביז דער גרויסער אָזיערע — קיין באָדנזע.

דער ריין איז געווען איינער פון די עלטסטע און באַוועגלעכסטע וואַסערוועגן, פאַרבונדן דעם מערב מיטן מיזרח. מיטן דאָזיקן וועג זענען געגאַנגען אַ סך פעלקער־וואָס האָט פאַרבונדן דעם דרום מיטן צפון און אַריבערשפּרינגענדיק צום דונאַי, וואַנדערונגען; דורך דאַנען האָבן זיך געצויגן אַרמייען וואָס האָבן דעראָבערט די געביטן. צוזאַמען מיט די וואַנדערונגען און אינוואַזיעס זענען אָנגעבונדן געוואָרןווירטשאַפטלעכע באַציִונגען. האָט זיך אַנטוויקלט דער האַנדל; איז אָנגעגאַנגען אַ קעגנזייטיקער אויסבייט פון סחורות.

האָבן ייִדן — געטריבן פון אַ סך סיבות אויך אויסגענוצט דעם ריינוס. ווער צוליב רדיפות און גזירות און ווער צוליב ווירטשאַפטלעכע צילן.

ווען און ווו זענען די ייִדן צום ערשטן מאָל געקומען אַהער? ווער זענען געווען די ערשטע ייִדישע נייע באַווינער? זענען עס געווען גולים — פאַרטריבענע? אפשר גאָר סתם וואָגלערס — נע־ונדניקעס? ווער זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אויפגעבויט די נייע ייִשובים?

אַ פאַרנעפּלטער שלייער איז פאַרצויגן איבער יענער ערשטער תקופה. דאָ און דאָרט געפינט מען אָנדייטן, רמזים, וואָס טייל פאָרשערס פּרווון אייַנטייטשן וועגן דעם בראשית פון ייִדישער איינגעזעסנקייט ביים ריין. וועגן איין קהילה, וועגן קעלן — די אַלטע ייִדישע ייחוס־קהילה קולוניא, האָט זיך אויפגעהיט אַ דאָקומענט, אַז שוין אין יאָר 321 איז דאָרטן געווען אַן אָרגאַניזירטע ייִדישע עדה 1). עס איז אויך פאַראַן אַ סברא, אַז אין דער זעלביקער צייט האָט שוין עקסיסטירט אַ ייִדישע קהילה אין רעגנסבורג, ביי דעם דעמאָלטיקן רוימישן גאַרניזאָן. אויך מיינען טייל היסטאָריקער, אַז אין 6טן יאָרהונדערט זענען שוין געווען ייִדישע קהילות אין שטראַסבורג און אין טריער. אָבער וועגן די לעצטע זענען עס טאַקע נישט מער ווי סברות, דערווייל אָן דאָקומענטאַרישע באַשטעטיקונגען.

פון דער ערשטער פאַקטישער דאַטע, דאָס יאָר 321 אין קעלן, גייען דורך יאָר־

---

1) זע דאָס קאַפּיטל „דאָס צוויי טויזנט־יעריקע קעלן" אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 102 און ווייטער.

הונדערטער ביז מיר טרעפןווידער שפורן דורכגעוועבטע מיט לעגענדעס, וועגן דער עקסיסטענץ פון יידן־קהילות אין געוויסע שטעטביים ריין. שפעטער זענען עס שוין נישט שפורן נאָר אויך דאָקומענטן, וואָס דערציילן נישט נאָר וועגן דער עק־סיסטענץ פון יידישע קהילות, נאָר טאַקע פאַקטן און דאַטן פון זייער לעבן און שאַפן; פון זייער פירונג און שטייגער; פון זייער אינערלעכע אָרגאַניזאַציע און פון זייערע באַציונגען מיט דעם נישט־יידישן אַרום.

על נהרות ריינוס...

דערציילט דער ריינוס וועגן יידישן גורל אויף די דאָזיקע ערדן. די דאָזיקע מיט וויין־בערג באַזעצטע הויכע ברעגעס, פון וואַנען עס זעען זיך צענדליקער און צענדליקער רוינעס פון אַמאָליקע פעסטונגען, וויסן אויך וועגן יידישע מלחמות. דערציילט ער, דער ריינוס, וועגן בלוטיקע עפּאָפּעעס, ווו ער — דער אַזוי שיינער, באַזונגענער טייך, האָט אויך אַ שותפות אין דעם בלוט־חשבון.

עס זענען געבליבן צייט־דאָקומענטן. כראָניקעס, עלעגיעס, קינות און סליחות, ווו עס ווערן איבערגעגעבן — מיט דער שפּראַך און שילדערונג פון יענע צייטן — די גזירות וואָס די דאָזיקע ישובים האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די ערשטע פּאָר הונדערט יאָר פון זייער באַזעצן זיך אויף דער דאָזיקער אשכנז־ערד.

דאָ האָט זיך דאַך, פּונקט דאַן ווען עס זענען געלייגט געוואָרן די גרונטשטיינער פון אַשכנז, אָפּגעשפּילט די בלוטיקסטע עפּאָפּעע אין דער יידישער געשיכטע. דורך דאַנען זענען אַדורך און דאָ זענען זיי געווען אַמגרויזאַמסטן, די דריי קרייץ־צוגן — אין די יאָרן 1096, 1146, 1190.

גראָד אין דער דאָזיקער צייט איז דער נוסח־אשכנז אויסגעפּעקט געוואָרן אין קאַמף קעגן בייזווילליקע בילבולים און אַכזריותדיקע שחיטות. אויפגעקומען אין די פלאַמען פון פאַרברענטע קהילות און זייערע פאַרפייניקטע פירער; אויפגעקומען ביי דער באַגלייטונג פון אַ העראָישן קידוש־השם, וואָס די געשיכטע ביי קיין שום פאָלק ווייס עס נישט צו דערציילן.

על נהרות ריינוס — דאָס איז דער נאָמען וואָס אונדזערע כראָניקערס האָבן פאַר דעם דאָזיקן גאַנצן געגנט.

דערציילט איינער פון זיי, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן פאַרשריבן דעם קרייץ־צוג פון 1096 — ר׳ שלמה בר שמעון — וועגן דעם קידוש־השם פון הונ־דערטער, מענער, פרויען און קינדער, ווו דער ריינוס שפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע.

...„און אין דריטן טאָג זענען געהרגעט געוואָרן די יעניקע פון נושא (אויף אונדזער לאַנדקאַרטע נויס — מ. וו. ב.) און מ׳האָט זיי באַגראָבן, ווייל עס איז געווען זייער חגא־טאָג און אַלע האָבן זיך דאָרטן אויפגעקליבן פון די דערפער. און דאָרטן איז געווען דער חסיד מר שמואל בן רב אשר האָבן זיי אים דערהרגעט ביים ברעג פון טייך ריינוס צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין און האָבן אים באַגראָבן אין זאַמד

ביים ברעג פון טייך. און איינעם פון זיינע זין האָבן זיי אויפגעהאַנגען אויף דער טיר פון זיין הויז, כדי פון אים אָפּצושפּעטן...

... און רבי יצחק הלוי האָט זיך אין דעם זעלביקן אָרט אַריינגעוואָרפן אין ריינוס, כדי מקדש השם זיין. איז זיין קערפּער צוגעשוווּמען צום אָרט, ווו עס איז געווען דער קבר פון פריער דערמאָנטן שמואל בר אָשר און מ׳האָט אים אין זעלביקן קבר באַגראָבן...

... אין אַ צווייטע שטאָט (נישט אָנגעגעבן דער נאָמען — מ. וו. ב.) האָט זיך די מערהייט יידן צונויפגעזאַמלט און זיך אַריינגעוואָרפן אין ריינוס, כדי נישט זיין געצווּנגען אָנצונעמען דעם שמד..." 2).

עס וועט אונדז נאָך שפּעטער אויסקומען צו דערציילן די ראָלע פון ריינוס אין די לעגענדעס פון יענעם בראשית, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם נוסח־אַשכנז. אָבער שוין איז קלאָר — דאָ, ביים ריין און זיינע וואַסער־אָדערן, איז געשטאַנען די וויג, ווו עס איז אויפגעקומען דער נוסח, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ דערציילן.

ברענג איך דאָ אַ לאַנדקאַרטע פון די וויכטיקסטע ערשטע יישובים, ווו עס האָבן זיך באַזעצט די ערשטע יידן — די קהילות, וואָס יעדע פאַר זיך און אַלע צוזאַמען האָבן געגעבן זייער בלוט־צושטייער און זייער עקשנותדיקן קאַמף פאַר דעם אייגנאַרטיקן שטייגער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אויף טויזנט יאָר דער קנין פון כמעט דעם גאַנצן צעזייט און צעשפּרייטן פאָלק.

5) ספר גזירות אַשכנז וצרפת, דברי זכרונות ופיוטים, יוצאים לאור על־פי כתבי־יד ודפוסים יקרים על ידי א. מ. הברמן, עם מבוא מאת יצחק בער. הוצאת ספרי תרשיש ירושלים, תש״ו.


ערשטע יידישע יישובים
ביים רהיין
יידישע יישובים:
פאַרן יאָר 1200
צווישן 1200-1300

הייליקע קהילות

> געווען זענען שולן מיט פּאַרמעט, מיט ספרים.
> צוזאַמען מיט זיי, מיט די דאַוונערס פאַרברענט...
> געווען זענען לעבנס... פאַרשוונדן אין קברים
> און וואָס זאָלן טאָן מייַנע הילפלאָזע הענט ?

(ז. סעגאַלאָוויטש „יישובים מייַנע” אין אַ בוים
פון פוילן, בוענאָס־איירעס, 1945).

די דאָזיקע שורות זענען פון סעגאַלאָוויטשעס קלאָגליד אויפן חורבן פון אונדזער הייַנטיקער תקופה — אויף דער פאַר־טיליקונג, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די ברוינע האַקן־קרייצלער.

די זעלביקע שורות זענען אָבער אַן איבערחזרונג פון די פּיטנים־מקוננים, וואָס האָבן באַוויינט און באַקלאָגט די בלוטיקע מעשים פון די קרייצצוגלער. די אור־אור־עלטערן פון די הייַנטיקע נאַציִשע משחיתים.

באַוויינט דער הייַנטיקער קלאָגער זייַנע שטעטלעך, ווו

> ... געלעבט האָבן יידן מיליאָנען
> ביים ווייסל, ביים סאַן און ביים דניעסטער...

דאָס חזרט ער אָבער איבער דעם בת־קול פון טויזנט יאָר, וואָס יאָמערט נאָך אַלץ אויף די פאַרשניטענע קדושים, וואָס האָבן געלעבט ביי די טייכן פון מאָזעל און ריין; זיג און מאַין.

אין אונדזערע שטעטלעך, זאָגט ער:

> ... געלעבט האָבן יידן פון סטודער
> אין קאַזימיעזש און אַנדערע פלעצער.
> אין קריניק געוויקט האָט מען לעדער,
> אין נורעץ געזעגט האָט מען קלעצער!...

מיט טויזנטער יאָר צוריק, ביי יענע טייכן האָבן אויך יידן געהאַלטן וויינגערט־נער, געגאַרבט פעלן און יריעות, געווען גאָלדשמידן, געהאַנדלט, געוואַנדלט.

היינט זענען עס געווען מיליאָנען יידן אין טויזנטער קהילות.

דאַן — אין בראשית פון אַשכנז — זענען עס געווען נאָר טויזנטער יידן אין צענדליקער קהילות.

היינט ווי דעמאָלט זענען עס געווען הייליקע קהילות.

הייליק זענען זיי געווען נישט ווייל דאָס זענען געווען עדהס פון נזירים, פון פרושים, אַסקעטן, מלאָכים.

דעמאָלט ווי היינט איז אויך

... געווען אַ געמיש פון מאָדערן
מיט עלטער־פּאַרעלטערטע זיטן...

(סעגאַלאָוויטש)

אויך ביי יענע טייכן זענען, ווי עס דערציילן רבנישע שאלות־ותשובות און מלוכהשע אַקטן פון אַרכיוון געווען:

— יישובניקעס פעסט ווי בערן...
— געבוירענע עכטע ליצנים...
— גרויסע מגידים, דרשנים...
— בדחנים מיט גראַמען און לידלעך...

הייליק זענען זיי געוואָרן ווייל זיי, די אורעלטערן אונדזערע פון די ברעגעס פון רייך, זענען געווען — לאָמיר דאָ וויטער ריידן מיט די שורות פון דעם היינט־צייטיקן מקונן:

... אין שטעט און אין שטעטלעך פון לענדער,
אין ערטער פון ווייטקייט און ברייטקייט,
פיל צייטן, פיל דורות אַן ענדער —
מיר זענען אַ פאָלק פון צעשפּרייטקייט.

מיר זינגען אין וואַכקייט גיבורים,
מיר זינגען ניט פריילעך אָבער מונטער...
מיר גייען און פאַלן ניט כורעים,
מיר גייען, און גייען נישט אונטער.

(סעגאַלאָוויטש)

ווידער האָט דאָ דער פּאָעט־קלאָגער אין זיין איכה פאַר דעם היינטיקן חורבן דערגרייכט צו די וואָרצלען פון יענע, וואָס פאַלן ניט כורעים.

די גרונטלייגערס פון אַשכנז האָבן באַוויזן דעם וועג פון מאַסנהאַפטער גבורה אין זייער שוואַכקייט.

פול איז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק מיטביישפּילן פון מסירת־נפש און קידוש־השם. אָבער אַזאַ מאַסנהאַפטן און קאָלעקטיוון מקריב זיין זיך — ווען מענער, פרויען און זייערע קינדער באַשליסן צוזאַמען נישט צו פאַלן קיין כורעים, אַזאַ קידוש־השם האָט זיך טאַקע צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט ביי אונדזערע פאָרגייערס, ביי די ערשטע גרונטשטיין־לייגערס פון אַשכנז.

גאָר לאַנג האָט מען ביי אונדז שוין גענוצט דעם אויסדרוק „קהילה־קדושה" — הייליקע געמיינשאַפט. אָבער דעם אמתן תיקון האָט די דאָזיקע באַצייכענונג באַקומען ערשט דאַן, בעת דער ביישפּיללאָזער גבורה פון די ריין־קהילות.

פון דאַן באַקומט דער באַגריף פון קידוש־השם אַ נייעם זין און פירט אויס אַ וויכטיקע שליחות איבעם לעבן פון פאָלק. ווערט קידוש־השם, דאָס מקריב זיין זיך פאַרן גלויבן, פאַר די אידייען, פאַרן כבוד פון פאָלק איינע פון די וויכטיקסטע הויפּט־יסודות פון דעם קיום פון פאָלק.

איז דאָך מעשה לעקערט געוואָרן דער סימבאָלישסטער אַקט פון די אויפּ־ברויז־יאָרן קעגן דעם צאַרישן באַרבאַריזם. הונדערטער רעזאָלוציעס און טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס האָבן נישט געבראַכט אַזאַ שטורעם ווי דער שאָס פון דעם פּשוטן שוסטער־יונג, וואָס איז געווען געצילט ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער באַליידיקטער ערע פון די אידייען־חברים און איז אומגעקומען אויף דער תליה.

שיינט דאָך אַרויס עקידת זיגעלבוים צווישן די מיליאָנען קדושים מיט אַ באַזונדערן שימער. די דאָזיקע טאַט פון אַ יחיד — אַ טאַט צו וועלכן קיינער האָט אים נישט געצוווּנגען, נאָר ער האָט זיך אַליין מקריב געווען — קעגן דעם שטילשווייגן פון דער וועלט, ווען זיינע ברידער ווערן אַכזריותדיק אויסגעמאָרדעט, ווערט דאָך אַרויסגעהויבן און העכער געשטעלט פון אַנדערע אַקציעס, וואָס זענען געווען מיט מער פאַרנעם, מיט טויזנטער עפּעקטן.

דאָס איז דער כוח פון נישט פאַלן כורעים. דער סוד, וואָס פירט אונדז צו גיין ווייטער און נישט אונטערגיין.

וועלן מיר איצט טאַקע מאַכן אַ שפּאַציר איבער יענע בראשיתדיקע אַשכנז־קהילות. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און אַ בלעטער־טאָן אין די פאַרצייטיקע כראָניקעס, אַרויסנעמען שורות פון יענע מקוננים, וואָס האָבן דערציילט די גבורה — און קדושה־קאַפּיטלען פון טויזנט יאָר צוריק.

וועלן זיכער די דאָזיקע פּרטים ביישטייערן צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון פאָלק אין די לעצטע טויזנט יאָר.

וועט אפשר אויך דורך דעם געפונען ווערן אַ געוויסער ענטפער אויף דער

האַרבער פראַגע, וואָס מיר האָבן געשטעלט אין ערשטן קאַפּיטל — וואָס איז דער מער פון אַשכנז און ספרד.

***

אויף פאַרשיידענע אופנים, דורך באַזונדערע וועגן און כל־המינים־געלעגנהייטן זענען די ווייטער־דערמאַנטע הייליקע קהילות אַריינגעוועבט געוואָרן אין די בראשית־פּאַליאַנטן פון דער אַשכנז־געשיכטע.

די ווייטערדיקע רשימה איז נישט קיין פולע. זיכער זענען אויסגעלאָזן געוואָרן פּונקטן, וואָס האָבן צוגלייך מיט די וואָס ווערן דערמאַנט, געוועזן טיילן פון דעם גרויסן אַשכנז־בנין. דאָס איז אָבער נישט געטאָן געוואָרן בכוונה. דאָס דאָזיקע האָט אויך אַ שייכות צו דער לאַנדקאַרטע וואָס ווערט דאָ געבראַכט פון די ייִדישע יישובים אין די ערשטע עטלעכע הונדערט יאָר פון דער אַשכנז־תקופה. מען דאַרף אָבער אָננעמען, אַז דער רוב מנין, און פריִער פאַר אַלץ, רוב בנין, פון דער דאָזיקער תקופה, זענען דאָ פאַרטראַטן.

איך האָב זיך באַמיט ביי יעדן אָרט צו ברענגען די בראשיתדיקע דאַטע פון דער עקסיסטענץ פון ייִדן דאָרטן און אויך די ערשטע געשעענישן און פאַקטן וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. דערביי וועלן מיר זיך האַלטן, ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך, ביי אַ כראָנאָלאָגישן סדר פון דעם אויפקום פון די געגעבענע יישובים, אויף וויפל עס איז געלונגען צונויפצוקלייבן וועגן זיי די נייטיקע מקורים.

אין אַלגעמיינער מקור פאַרמאָגן די דאָזיקע עטלעכע צענדליק מקומות — דאָס איז די היסטאָרישע יזכור־תפילה, וואָס עס געפינט זיך אין טראַדיציאָנעלע אַשכנזישע מעמאָר־ביכער 1), וווּ עס איז פאַראייביקט געוואָרן און ווערן דערמאָנט לדורות די קדושים און טהורים וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם.

אין דער דאָזיקער הזכרה זאָגט זיך צווישן אַנדערע:

... זאָל גאָט דערמאָנען די נשמות פון די דערמאָרדעטע און פאַרברענטע פון די קהילות און יישובים, צוזאַמען מיט די נשמות פון אַברהם, יצחק און יעקב; שרה, רבקה, רחל און לאה, ווייל זיי זענען געוואָרן דערהרגעט, דערטרונקען, פאַרברענט, געפּייניקט אויף די טאָרטור־רעדער, געהאָנגען, פאַרטיליקט, דערשטיקט, לעבעדיק באַגראָבן און באַשטראָפט מיט אַלע מיתות־משונות אויף קידוש־השם . . . 2).

1) זע דאָס קאַפּיטל „דער «מעמאָר בוך» פון קאָבלענץ" אין מיין בוך נישט־דערברענטע שייטן, זייט 171 און ווייטער.

2) דער לשון־קודשדיקער טעקסט פון דער תפילה איז:

... יזכר אלהים נשמת הרוגי ושרופי של הקהילות והישובים עם נשמת אי"ו שרו"ל עבור שנהרגו ושנטבעו ונשרפו ונאפנו ונתלו ונעקרו ונחנקו ונקברו חיים ונתייסרו בכל מיתות־משונות על קידוש השם. אָפּגעדרוקט אין:

Das Martyrologium des Nürenberger Memorbuches. Von Dr. Siegmund Salfeld. Berlin 1898.

טראַכט מען זיך אַריין אין דעם צעטל פון די טויטן, וואָס ווערט דאָ אויס־געדרעכנט, קומען נישט ווילנדיק אויפן זינען די פייניקונגען פון אונדזער דור. די היינטצייטיקע בעסטיעס האָבן געהאַט די פּראַקטיק פון זייערע אור־אורעלטערן. עס דערמאָנען זיך די אומקום־קאָמבינאַטן: אוישוויץ, בעלזשעץ, טרעבלינקע, מיידאַ־נעק, סאָביבאָר, פּאָנאַר; געטאָ־אַקציעס, געשטאַפּאָ־קעלערן...

***

וועלן מיר אָנהייבן אונדזער לאַנגן — אין צייט און שטח — היסטאָרישן שפּאַציר איבער דעם בראשית פון דער טויזנט־יאָריקער לאַנדשאַפט פון אַשכּנז.

אַ אַ כ ע ן:

נאָך דעם ווי מיר ווייסן, אַז אין יאָר 321 זענען שוין געווען ייִדן אין קעלן, קומען קאַרגע פינף יאָרהונדערטער, וואָס שווייגן וועגן ייִדישער אָנוועזנהייט אָדער איינגעזעסנקייט ביים רײַן.

דאָס יאָר 797 ברענגט אַ נייעם ווענדפּונקט אין דער דאָזיקער לאַנגער שוויי־געניש. אין דאָזיקן יאָר דערוויסן מיר זיך די ערשטע ידיעה וועגן ייִדן ביי די ברעגעס פון ריין. זיי שטאַמען פון אַאַכען.

דאָס איז אַ שטאָט מיט גרויסן ייחוס, מיט מלכותדיקן ייחוס. פון דעם קייסער לודוויג דעם פרומען (813) ביז דעם קייסער פערדינאַנד דעם ערשטן (1558) זענען אין דער שטאָט געקרוינט געוואָרן 37 מלכים און מלכות. דאָ טאַקע איז אין משך פון יאָרהונדערטער געווען די קייזערלעכע רעזידענץ.

אין יאָר 797, ווען אויפן טראָן איז געזעסן דער מושל קאַרל דער גרויסער איז געשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַציע צום אַראַבישן הערשער דעם קאַליף האַרון אַל ראַשיד. האָט דער קעניג קאַרל אויסגעקליבן ווי דעם פירער פון דער דעלעגאַ־ציע וואָס זאָל אויך זיין דער דאָלמעטשער דעם ייִדן יצחק פון אַאַכען.

דערציילט ווייטער די קעניגלעכע כראָניק, אַז די דעלעגאַציע איז אויפן וועג אויסגעשטאָרבן, געבליבן פון איר איז נאָר דער ייִד יצחק. ער האָט זיך לאַנג גע־זוימט אין וועג, העכער 4 יאָר. און אין קעניגלעכן פּראָטאָקאָל איז פאַרשריבן, אַז דער ייִד יצחק פון דער דעלעגאַציע האָט געהאַט ביים קעניג קאַרל אַן אודיענץ דעם 20סטן יולי 802. ביי דער געלעגנהייט האָט ער איבערגעגעבן דעם קעניג די מתנות וואָס דער קאַליף האָט געשיקט פאַר אים.

אַ ווייטערדיקע ידיעה וועגן ייִדן אין אַאַכען שטאַמט פון יאָר 828. דאַן, דער־ציילן די צייטכראָניקערס, איז דאָרטן געווען אַ ייִד, דוד איז געווען זיין נאָמען, אַ באַרימטער וווּנדער־היילער פון קראַנקע, אַ בעל־מופת.

קלאָר — ייִדן האָבן שוין דאַן געהאַט אין אַכען אַ געוויסן אָנזען און האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין יישוב. זייער שפּראַכקענטעניש און מיסחר־דערפאַרונג איז אָפּגעשאַצט געוואָרן.

נאָך דעם ערשטן מיילן־שטיין פון ייִדישער עקסיסטענץ ביים ריין: קעלן — 321, האָבן מיר דאָ דעם וויטערדיקן אָפּשטעל: אַכען — 797.

מ אַ י נ ץ :

אויב אין אַכען האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט ייִדן יחידים, נישט האָבנדיק קיין באַווייז, אַז דאָרטן זאָל שוין דאַן האָבן געווען אַן אָרגאַניזירטע עדה איז עס אַנדערש מיט מאַינץ, אָדער ווי די דאָזיקע קהילה הייסט אין די ערשטע יאָרן און אין אַ סך מקורים מאַגענצאַ.

די ערשטע יאָרן פון ייִדישן זיין אין מאַינץ־מאַגענצאַ זענען פאַרוועבט צווישן די גענפּלען פון לעגענדעס און וואָרע געשיכטעס.

ווערט דערציילט, אַז דער קייסער קאַרל דער גרויסער (וואָס האָט געשיקט דעם אַכענער ייִד יצחק אין אַראַביע) האָט אין יאָר 787 געבראַכט קיין דייטשלאַנד פון לוקאַ (איטאַליע) די ייִדישע קלונימוס־משפחה, וואָס האָט נאָכדעם פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער אַשכנז־תקופה.

שרייבן אַנדערע צו דאָס קומען פון דער קלונימוס־משפחה קיין מאַינץ אין יאָר 917.

אַן אַנדער ווערסיע איז, אַז דער קלונימוס־שטאַם איז געקומען קיין מאַינץ אין יאָר 982. געקומען זענען זיי, ווי עס דערציילט דער כראָניקער טיעטמאַר פאָן מערזערבורג דורך דער באַווייליקונג פון קייסער אָטאָ דעם צווייטן, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם ייִדן קלומינוס, וועלכער האָט אים געראַטעוועט ביי אַן אומגליקלעכער שלאַכט ביי קאָטראָנע 3).

ווי עס זאָל נישט זיין, צי זענען די קלונימוסן געקומען קיין מאַינץ אין יאָר 787, 971 אָדער 982 איז קלאָר, אַז שוין אין 10טן יאָרהונדערט איז דאָרטן געווען אַ פעסטע גוט־אָרגאַניזירטע קהילה, וואָס האָט אויסגעשפּרייט איר השפּעה אויף אויף אַנדערע יישובים.

נישט סתם אַ קהילה איז געווען מאַינץ. מען דאַרף אָננעמען, אַז מאַגענצאַ איז געווען די געבורטשטאָט פון אַשכנז. (עס וועט אונדז וועגן דעם אויסקומען באַזונדער צו רעדן אין קאַפּיטל וועגן רבנו גרשום מאור־הגולה, דעם גרונטשטיין־לייגער פון אַשכנז). פּונקט ווי ביי יעדן געבורט זענען אויך פאַראַן געבורט־ווייען

3) וועגן דער משפחה קלונימוס זע דאָס קאַפּיטל: „אויף די שפּורן פון דעם «פּאַלאַץ» פון די קלונימוסן” אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 137 און ווייטער.

אַזוי איז עס אויך דאָ געוועזן. די חבלי־לידה פון אַשכנז איז אין מאַינץ פּאַרגעקומען מיט בלוטיקע קראַמפּן, מיט זיפצן און קרעכצן, וואָס הערן זיך נאָך ביז אונדזערע הייִנטיקע טעג.

איז דאָך מאַגענצאַ די שטאָט פון גירושים, גזירות און שחיטות און אויך די קהילה פון ביישפּיללאָזן קידוש־השם.

— אין יאָר 937 פרעגט אָן דער מאַינצער אַרצי־בישאָף דעם פּויבסט לעאָ דעם 7טן, וואָס זאָל מען טאָן מיט די ייִדן — זאָל מען זיי אַרויסטרייבן, אָדער גאָר זיי אָפּשמדן...

— 1012 — דער קעניג היינריך דער צווייטער טרייבט אַרויס די ייִדן פון מאַינץ...

— 1048 — אַ שריפה אין ייִדישן קוואַרטאַל, ווידער אַ גירוש...

— 1096 — דער ערשטער קרייצצוג, ווו מאַינץ פאַרנעמט אַ חשובן אָרט. חשוב, מיט דער גרויסער צאָל קרבנות; חשוב, צוליב די ווונדערלעכע קידוש־השם־געשיכטעס וואָס זענען ברייט באַקאַנט און נישט איין מאָל, אין פאַרשיידענע פאַר־מען איבערגעגעבן געוואָרן. עס דערציילן וועגן דעם די כראָניקערס (ייִדישע ווי נישט־ייִדישע) פון יענער צייט; עס דערציילן וועגן דעם די קלאָגערס, די פּיטנים־מקוננים פון יענע בלוטיקע צייטן:

רבנו גרשום בר יהודה — דער מאור־הגולה; רבינו שמעון בן יצחק; רבינו קלונימוס בן יהודה; רבי אליעזר בן נתן; רבי מרדכי בן יוסף און אַנדערע.

אויף פאַרשיידענע אופנים ווערט מאַינץ אַרויסגעהויבן אין די קינות און סליחות.

אין זיין עלעגיע „ווער וועט פאַרוואַנדלען מיין קאָפּ און מיינע אויגן אין טרערן־קוואַלן״, קלאָגט קלונימוס בן יהודה:

... און אויף דער קהילה פון מ אַ ג ע נ צ אַ וויל איך מיין
קלאָג אויפהייבן
פון אַדלער פלינקער, שטאַרקער פון לייבן,
וואָס זענען אומגעקומען פאַר זייער גאָט און גלויבן...4).

... ווי איז צו מיין בראָך, מיינע וווּנדן זענען גרויס
מיין געצעלט איז צערויבט, צעריסן די שטריק, מיינע קינדער אַרויס;

4) איבערגעזעצט פון י. י. שוואַרץ פון דעם אָריגינאַל „מי יתן ראשי מים״:

ועל אדירי קהל מגנצא ההדורה
מנשרים קלו מאריות להתגברה
השלימו נפשם על יחוד שם הנורא.

אויף די הרוגים פון מאַגענצאַ, די אין גאָלד און זילבער באַצויגן
טויט מיין האַרץ ווי טאָן, טו איך וויינען און קלאָגן 5).

אַ ווייטערדיקער מקונן, רבי מרדכי בן יוסף, באַקלאָגט אַ שפּעטערדיקע שחיטה פון אַ ריי קהילות, ווו אויך מאַינץ האָט געליטן, מיט די ווייטערדיקע שורות:

קומט רבי אליעזר בן נתן, דער כראָניקער פון די שחיטות, און פלעכט אַריין אין זיינע פאַרצייכענונגען אַ ספּעציעלע טרויער־ליד אויף די חסידים פון מאַגענצאַ און ער זאָגט:

... מיט טויט־שטראָף, מיט שאַרפן שווערד...
ווי עס האָט חזקיה געזאָגט...
געווען אַ טאָג פון יאָמער און קלאָג;

געפאַנגען זענען מיינע מאַגענצער...
און געוואָרן זענען טרערן מיין שפּייז
ביינאַכט און בייטאָג... 6)

וואָרמס:

אין לעגענדעס גרייכט די וואָרמסער קהילה גאָר ווייט צוריק, אַזש צו די צייטן פון עזרא און נחמיה.

ווערט דערציילט, אַז דאַן, ווען די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות־בבל קיין ירושלים און גענומען בויען דעם צווייטן בית־המקדש, האָבן עזרא און נחמיה צעשיקט בריוו אין אַלע תפוצות, ווּהין יידן זענען פאַרוואָגלט געוואָרן, זיי זאָלן זיך צוריקקערן אין זייער היימלאַנד. אַזאַ רוף איז אויך געקומען קיין וואָרמס.

דערציילט ווייטער די לעגענדע, אַז די וואָרמסער קהילה האָט געענטפערט,

5) אין אָריגינאַל: על חסידי מגנצא מספד כתנין אנחיצה.

אוי לי על שברי נחלה מכתי אמרתי אני
אהלי שדד וכל מיתרי נתקו בני יצאוני.

לבי לחללי מגנצא המסולאים בפז ושני
לבי עליהם דוי מבליגיתי עלי יגוני;

6) אין אָריגינאַל: גזרת שנת ה׳ מ״ג.

חטא משפט־מות חרב שבלה
כה אמר חזקיה
יום צרה נאצה וילדה
עוד נלכדו במגנצא יושבי קהילה,
היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה.

דאָס זיי האָבן שוין דאָ, ביי די ברעגעס פון ריין, אויסגעבויט אַ נייע ירושלים מיט אַן אייגענעם טעמפּל. פון דאַן אָן הייסט וואָרמס ניי־ירושלים.

טייל היסטאָריקערס גרייכן נישט אַזוי ווייט ווי די דאָזיקע לעגענדע, אָבער אויך זיי האַלטן, אַז שוין אין דער זעלביקער צייט, ווי אין קעלן אומגעפער, איז משמעות אויך געווען אַ ייִדישער קיבוץ אין וואָרמס. זיי מיינען, אַז ביים רוימישן מיליטערישן שטיצפּונקט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואָרמס אין ערשטן יאָרהונדערט זענען שוין געווען ייִדן.

די קלאָרע, אָן ספּקדיקע, ערשטע דאַטע פון דער עקסיסטענץ פון אַ ייִדישער קהילה אין וואָרמס האָבן מיר פון מיטן דעם צענטן יאָרהונדערט.

פון דאַן אָן איז וואָרמס, וואָס הייסט אין די אַלטע ייִדישע און נישט־ייִדישע כראָניקעס מיטן נאָמען גירמייזאָ אָדער ווירמייזאָ, געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע פילאַרן פון אַשכּנז. אויב די לעגענדע „ניי־ירושלים" איז אַן אויסטראַכטעניש איז גאָרנישט איבערגעטריבן, אַז מיט בערך טויזנט יאָר צוריק איז וואָרמס־ווירמייזאָ געוואָרן אַן אמתע נייע ירושלים, פון וואַנען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסשטראַלן ליכט און וויסן אין דער ייִדישער צעשפּרייטקייט. דאָרט האָט זיך דאַן געעפנט אַ שפּרודל־דיקער קוואַל, וואָס פון אים שעפּן די ייִדישע תקופות און תפוצות ביז אונדזערע היינטיקע טעג. —

— וואָרמס, די שטאָט פון רש"י;

— וואָרמס, די שטאָט פון דער פּלעיאַדע קלונימוסן;

— וואָרמס, די שטאָט פון רבי יהודה החסיד;

— וואָרמס, די שטאָט פון יוסף־יוזפּא דעם מינהגים־כראָניקער;

— וואָרמס, די שטאָט פון דער ריזיקער צאָל תורה־מפרשים, תלמוד־קאָמענטאַרן, הלכה־אויטאָריטעטן, זיטן־ און שטייגער־איינפירער, פּיטנים, מנהיגים.

וואָרמס, וואָס אירע אָרטיקע פּאַטריאָטן גיבן איר נישט ווייניקער ווי 5.000 יאָר עקסיסטענץ, וואָס איז אין דעם דייטשישן־ און וועלט־עפּאָס באַרימט ווי די שטאָט פון די ניבעלונגען־לעגענדעס, איז אויך אַרומגעוועבט מיט אָן אַ שיעור ייִדישע לעגענדעס און פאָלקס־געשיכטעס.

היינט נאָך, נאָכדעם ווי איבער דער דאָזיקער שטאָט זענען אַריבער אַזוי פיל אויפטרייסלונגען; מלחמות, רעוואָלוציעס און פעלקער־וואַנדערונגען; פּאָליטישע רע־זשימען און כל־למינים אורבאַניסטישע איבעראַנדערשונגען, היינט נאָך דערציילט יעדעס ווינקל פון אַלטן וואָרמס וועגן דעם הערלעכן ייִדישן עבר אין דער דאָזיקער ריין־שטאָט.

דאָס דערציילט דער רש"י־מויער, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט; דאָס דער־ציילט די יודענגאַסע; דאָס דערציילט די יהודה־החסיד־וואַנט; דאָס דערציילן גאַסן,

פלעצער, ווענט און מויערן וועגן דעם יידישן קידוש־השם פון דער קהילה־קדושה ווירמייזאַ.

עס וועט נאָך אונדז ווייטער, ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסקומען נישט איין מאָל זיך אומצוקערן צו דער דאָזיקער רומרייכער קהילה.

טריער:

זענען מיר ביי אַ ווייטערדיקן שטיצפונקט פון דער אַשכנז־טעריטאָריע; ביי אַ ווייטערדיקן מיילנשטיין פון דעם אַשכנז־בראשית. דאָס מאָל האַנדלט זיך עס נישט וועגן אַן אָרט ביים ריין, נאָר ביים מאָזעל, אַ וואַסער־אָדער פון ריין. איז דער דאָזיקער טייך בשעתו געוואָרן רויט פון דעם קדושים־בלוט, וואָס האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן בעת די שחיטות אין אַלע דריי קרייצצוגן.



ליימענער אייל־לאָמפּ מיט דעם סימבאָל פון אַ מנורה וואָס איז געפונען געוואָרן אין טריער

וועגן דעם בראשית פון יידישן טריער זענען פאַראַן חילוקי־דיעות. אָט ווי מען באַווייזן, אַז שוין אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער וועלטלעכער צייטרעכענונג זענען דאָרטן געוועזן יידן. אַ סימן ווערט געבראַכט אַן אַרכעאָלאָגישער געפינס. אין יאָר 1901 איז געפונען געוואָרן בעת דורכפירן קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן אין טריער, אין הויז נומער 15 פון הויפּטמאַרק, אַן אַלטער ליימענער לאָמפּ, וואָס האָט אויף זיך דעם אַלטיידישן סימבאָל פון אַ זיבן־רערנדיקע מנורה. אַזעלכע לאָמפּן מיט דעם

דאָזיקן סימבאָלישן עמבלעם זענען בשעתו געפונען געוואָרן אין צפון־אַפריקע, קליין־אַזיע, גריכנלאַנד, הכלל אומעטום, ווו עס זענען געווען רוימישע גאַרניזאָנען. פון דעם וויל מען דרינגען, אַז אין דער רוימער־צייט זענען שוין דאָ אין טריער געווען ייִדן 7).

דער דאָזיקער באַווייז ווערט אָפּגערופן. אמת, אַז דער דאָזיקער געפינס האָט צו טאָן מיט אַ ייִדישן עמבלעם, אָבער ווער קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס האָט געהאַט אַ ייִד? און אויב יאָ — אפשר איז ער געווען שפּעטער, נישט אין 3טן יאָרהונדערט, בערך, צוזאַמען מיט דעם רוימישן שטיצפּונקט.

אַ מער זיכערע דאַטע איז דאָס יאָר 1066. עס דערציילט אַן אַלטע אָרטיקע נישט־ייִדישע כראָניק, אַז אין דאָזיקן יאָר האָט דער דאָרטיקער בישאָף עבערהאַרד אויפגעפאָדערט די ייִדן זיי זאָלן זיך שמדן, אין קעגנפאַל וועלן זיי פאַרטריבן ווערן פון דער שטאָט. דערציילט ווייטער די כראָניק, אַז די ייִדן האָבן אָנגעטאָן דעם בישאָף אַ כישוף און ער איז דעם זעלביקן טאָג, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, געשטאָרבן מיט אַ פּלוצלינגדיקן טויט שטייענדיק ביים אַלטאַר...

אויף וויפל מען קאָן זיך נישט סומך זיין אויפן אַרכעאָלאָגישן לאָמפּ און אויך ספקן אין דער פּינקטלעכקייט פון דער לעגענדאַרער כראָניק איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין יאָר 1096 האָט שוין די טריער קהילה געגעבן אַ גאָר גרויסן בלוט־צושטייער בעת די שחיטות פון ערשטן קרייצצוג. וועגן דעם דערציילן גאָר ברייט און געניי אַ ריי געשיכטעס פון דער דעמאָלטיקער קידוש־השם־עפּאָפּעע.

עד־היום געפינען מיר עדות פון דער אַלטער הערלעכער ייִדישער קהילה אין טריער. איך בין דאָרטן געווען, שפּאַצירט אין די ענגע גאַסן פון געוועזענעם ייִדישן געטאָ, דורכגעגאַנגען דעם אור־אַלטן ייִדישן געטאָ־טויער, אויף וועלכן עס זענען נאָך געבליבן הענגען די קייטן און די האָקן, וואָס פלעגן אָפּשליסן דעם ייִדישן טייל פון דער גאַנצער שטאָט.

באָפּאַרד:

זענען מיר ווידער ביים ריין. מיר קומען אין אַ קליין און ציכטיק שטעטל; אַ רחבותדיק שטעטל, וואָס ליגט ביים שענסטן טייל פון דעם ריין־ברעג, צווישן קאָבלענץ און בינגען.

קליין, שיין און חנעוודיק איז באָפּאַרד, אָבער זי האָט אויך איר געווייסן ייִדישן פּיין, ייִדיש קידוש־השם־בלוט, וואָס האָט דאָס שטעטל באַהעפט מיט אונדזער מגילת־אַשכּנז.

7) **Dr. Rabbiner Adolf Altmann.** — "Das frühste Vorkommen der Juden in Deutschland". Juden im römischen Trier. Trier, 1932.



דער אַרייַנגאַנג אין דער „יודענגאַסע" אין טריער. טיף אין אַרייַנגאַנג דער געטאָ־טויער

די ערשטע היסטאָרישע דאַטע וועגן ייִדן אין באָפּאַרד שטאַמט פֿון יאָר 1074. דעם 18טן יאַנואַר פֿון דאָזיקן יאָר האָט דער קעניג היינריך דער פֿערטער אַרויסגעגעבן אַ פּריווילעגיע די דאָרטיקע ייִדן, אַז זיי האָבן די זעלביקע רעכט ווי די ייִדן פֿון וואָרמס צו געניסן פֿון דעם דאָרטיקן צאָל־אַמט.

אָבער אונדזערע דאַטעס דערציילן נישט וועגן שטייערן און מסחרים, זיי ברענגען די בלוטצייכנס פֿון שחיטות און מסירת־נפש.

וועלן מיר איבערגעבן, איבערגעזעצט פֿון לשון־קודש, וואָס עס שרייבט אין זיין כּראָניק דער בן־דור פֿון יענע געשעענישן, רבי אפרים ב״ר יעקב פֿון באָן 8).

... „און געווען איז עס אין יאָר דלד אלפים ותתק״ם (1180). איז געקומען אַ שיף פֿון קעלן און ייִדן זענען אויף איר געווען. ווען די שיף איז געקומען נאָענט צו באָפּאַרד איז נאָך איר גלייך געקומען אַ צווייטע שיף. האָבן די מאַטראָסן פֿון דער דאָזיקער שיף געפֿונען ביים ברעג פֿון טייך אַ טויט (קריסטלעך) מיידל און מען האָט נישט געוווּסט ווער עס האָט איר דערהרגעט. זענען טייל ייִדן פֿון דער ערשטער שיף געגאַנגען ביים טייכברעג. האָבן די גוים אָנגעהויבן שרייען אויף זיי: פֿאַרוואָס האָט איר דערהרגעט די גויע. אַזוי זענען זיי זיי נאָכגעגאַנגען ביז אין שטאָט באָפּאַרט אַריין. דאָרטן האָט מען זיי געכאַפּט, מען האָט זיי צעביילט און אַריינגעוואָרפֿן אין טייך ריינוס. אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן צו די ייִדן וועלכע זענען געווען אויף דער שיף. מען האָט די ייִדן פֿאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך שמדן און מען וועט זיי לאָזן לעבן. די ייִדן האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט און זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם...״.

דערציילט ווייטער די כּראָניק, אַז די ייִדן האָבן נאָך געדאַרפֿט באַצאָלן דעם קעניג פֿרידריך אַ געלטשטראָף. דערביי ווערט געשילדערט די באַזונדערע אַכזריות, וואָס די מערדער האָבן אַרויסגעוויזן לגבי איינעם פֿון די קדושים:

... „זיי האָבן געשלעפּט דעם קערפּער פֿון רבי יהודה ב״ר מנחם, איינעם פֿון די הרוגים; זיי האָבן אים פֿאַרבונדן די פֿיס, אַריינגעוואָרפֿן אין טייך ריינוס און צוריק אַרויסגעשלעפּט אויף דער טריקעניש. אַזוי האָבן זיי אים געצויגן פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון מדינה צו מדינה. אויך קיין קעלן האָבן זיי אים געבראַכט און דאָרטן אים אַרומגעשלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט...״.

וועגן אַ ווייטערדיקער שחיטה אין באָפּאַרד, דאָס מאָל שוין בעת דעם קרייצצוג פֿון 1096, דערציילט דער זעלביקער כּראָניקער אָט וואָס:

8) רבי אפרים ב״ר יעקב מבונא איז דער מחבר פֿון ספר „זכירה״. ער איז איינער פֿון די באַקאַנטע פּיטנים. זיין ספר „זכירה״ איז איינער פֿון די וויכטיקסטע מקורים צו דער געשיכטע פֿון די קרייצצוגן. דעם פֿראַגמענט נעמען מיר פֿון פֿריער־דערמאָנטן „ספר גזירות אַשכּנז וצרפֿת״, ירושלים תש״ו.

... „זיבן טעג נאָך דעם ווי גאָטס בראָך איז געקומען אין אַשפּיראָ (שפּייער) זענען די שונאים געקומען קיין באָפּאַרד, שבת צו נאַכטס. זיי האָבן דערהרגעט רבי שלמה דעם חזן און צוזאַמען מיט אים 7 נפשות. און גאָט האָט דערוועקט דעם גייסט פון אָטאָ, דעם ברודער פון קעניג, און ער האָט באַשטראָפט צוויי פון די מערדערס. מען האָט זיי אויסגעשטאָכן די אויגן. נאָכדעם איז געקומען דער קעניג און האָט אָנגעזאָגט, אַז די שטאָטלייט דאַרפן צאָלן (שטראָף) דעם נדיב רבי חזקיה 300 גאָלדשטיק . . .".

עס האָט זיך אויך אויפגעהיט אַן עלעגיע אויף די קדושים פון באָפּאַרד פון רבי מנחם ב"ר יעקב פון וואָרמס, איינער פון די באַקאַנטסטע פּיטנים פון 12טן יאָרהונדערט 9).

שפּייער:

גייענדיק אַזוי אין אונדזער גאַנג איבער אַשכנז קומען מיר, מיטן לויף פון ריין קיין שפּייער. אויך כראָנאָלאָגיש איז איצט דער אָרט פון דער דאָזיקער ייחוס־דיקער קהילה, וואָס האָט אין אונדזערע אַלטע כראָניק־בלעטער און רבנישער ליטעראַטור געהייסן אַשפּירא אָדער שפּירא.

אויך דאָ זענען פאַראַן פאַרשיידענע השערות וועגן ד'עם בראשית פון יידישן ישוב. טייל ווילן האָבן, אַז דאָ האָט געדאַרפט זיין נאָך גאָר פון די אַלטע צייטן אַ יידישער קיבוץ. דאָקומענטאַריש איז אָבער צו באַווייזן, אַז פון יאָר 1084 איז דאָרטן זיכער געוועזן אַ יידישע אָרגאַניזירטע קהילה. מיינט עס צו זאָגן, אַז יידן זענען שוין דאָרטן משמעות געוועזן פריער. אין דאָזיקן יאָר 1084 האָבן די דאָרטיקע יידן באַקומען אַ פּריווילעגיע פון דעם הערשער פון דער שטאָט, דעם בישאָף רידיגער.

ווערט גאָר גיך שפּייער איינע פון די צענטראַלע קהילות פון אַשכנז. שטייגט איבער אירע עלטערע קהילות־שוועסטער. מיט שפּייער ווערט גאַנץ דער היסטאָרישער דריילינג, וואָס האָט געלייגט דעם גייסטיק־אָרגאַניזאַציאָנעלן יסוד פון אַשכנז. עס ווערט באַשאַפן דער היסטאָרישער צענטער פון די קהילות שו"ם, וואָס מיינט די ראשי־תיבות פון די דריי קהילות:

שפּייער, וואָרמס, מאַינץ.

שפּייער, די לעצטע, די יינגסטע קהילה, פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ אין דאָזיקן צונויפשטעל.

---

9) די עלעגיע „אללי לי כי באו" געפינט זיך ווי אַ כתב־יד אין וואַטיקאַן. איז פאַרעפנטלעכט אין מחזור סאַלאָניקי און אין דערמאָנטן „ספר גזירות אשכנז וצרפת", ירושלים, תש"ו.

האָט שפּייער געגעבן פֿאַר אַשכּנז אַ גאַר גרויסע צאָל פֿון גדולים אויף אַלע געביטן פֿון יידישן גייסטיקן שאַפֿן און אויפֿגעבויט אַ שטייגער־ראַם פֿאַרן יידישן קהילה־לעבן.

פֿאַרנעמען די רבני־שפּיראָ, חכמי־שפּיראָ און זקני־שפּיראָ דעם וויכטיקסטן אָרט אין די הלכה־ספרים. זיי זענען מחברים און אויף זיי איז מען זיך סומך אין שאלות־ותשובות.

גיט שפּייער אַ גאַר גרויסן צושטייער צו דער פּלעיאַדע פֿון משוררים, פּיטנים, מקוננים און כּראָניקערס.

בלויז אַ ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע רשימה פֿון די גדולי־שפּייער וואָלט אויסגעפּילט אַ גאַר גרויסן ספר.

פֿאַרנעמט שפּייער אַ גאַר וויכטיקן אָרט אין די דראַמאַטישע סצענעס פֿון דעם וווּנדערלעכן קידוש־השם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער דאָזיקער פֿינצטערער צייט, ווען אַשכּנז איז אויפֿגעקומען. — די צייט פֿון די קרייצצוגן.

אין דעם קאַפּיטל קידוש־השם אין אַשכּנז, וואָס מיר ברענגען ווייטער, פֿאַרנעמט טאַקע שפּייער־שפּיראָ דעם אויבנאָן־אָרט.

מיר ווילן דאָ נאָר ברענגען אַ פֿראַגמענט פֿון דעם פּריער שוין דערמאָנטן מקונן קלונימוס בן יהודה, וועלכער האָט באַקלאָגט די קדושים פֿון די דריי קהילות פֿון שו״ם. זאָגט ער דאָרטן וועגן שפּייער:

... אין מיינע אויגן זאָלן זיך עפֿענען אַלע באַהאַלטענע קוואַלן
אויף די הרוגים, וואָס זענען אין אַשפּיראָ געפֿאַלן;
אין טאָג פֿון רו, אין אַכטן טאָג פֿון צווייטן חודש,
איז אויפֿגעגאַנגען אויפֿן בראַנד מיין שבת־קודש.
עס זענען אומגעקומען יונגע בחורים און פּראַקטיקע זקנים,
וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אַלע אינאיינעם,
מיט פֿרייד און גבורה פֿאַר דער איינקייט פֿון גאָטס נאָמען,
גיבורים צו פֿאָלגן זיין וואָרט, אַ רגע נישט פֿאַרזאָמען,
זענען אַלע צען, אַלטע און יונגע, אומגעקומען.

***

קומען מיר איצט צו אַ גרופּע קהילות, וואָס זייערע היסטאָרישע דאַטעס זענען נישט קיין לעגענדעס און נישט פֿאַרבונדן מיט קיין אַרכעאָלאָגישע געפֿינסן; נישט קיין קעניגלעכע פּריווילעגיעס און אויך נישט קיין כּראָניק־פֿאַרצייכענישן פֿון אַר־כיוון. די היסטאָרישע מיילנשטיינער פֿון די דאָזיקע קהילות זענען פֿון יאָר ד׳ אַלפֿים תתקנ״ו — דער בלוטיקער יאָר פֿון די ערשטן קרייצצוג אין יאָר 1096. זיי

זענען פאַראייביקט אין יידישע קלאָגלידער; וועגן זיי דערציילן די כתבים פון די בני־דור, וואָס האָבן געזען דעם בלוטיקן יאָמערטאָל; זייערע נעמען זענען פאַרשריבן אין די אַזכרה־רשימות פון די קדושים.



שטיינערנע ראַמשטיקער פון די פענצטער פון דער עלטסטער שול אין שפייער, געפינט זיך אין דעם היסטאָרישן מוזעום פון פפאַלץ אין שפייער.

גייען מיר נאָכן אַלף־בית־סדר:

באָן:

צום ערשטן מאָל ווערן דאָ יידן דערמאָנט טאַקע אין שייכות מיט די שחיטות פון דעם ערשטן קרייצצוג (1096). באַנער יידן זענען אומגעקומען אין אַ ריי אַנדערע ערטער, וווהין זיי זענען אַנטלאָפן.

משמעות, איז נאָך דעם איז דאָרטן געוועזן אַ פעסטער יידישער קיבוץ, ווייל בעת דער באַפּאַרדער שחיטה (זע פריער) ווען מ'האָט ביי די יידן פון די אַרומיקע קהילות פאַרלאַנגט גלמשטראָף ווערט אָנגעגעבן אין דער גזירות־כראָניק:

„פון דעם האָבן פיר הונדערט זילבערשטיק געגעבן די ייִדן פון באָן, ווייל זיי זענען געווען רייך״.

באָן האָט אין דער דאָזיקער צייט, אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון אַשכּנז, אַרויסגעגעבן אַ זייער גרויסע צאָל הלכה־אויטאָריטעטן, פּיטנים און כראָניקערס, וואָס האָבן איבערגעגעבן לדורות די דעמאָלטיקע שחיטות.

געלדערן, וועפעלינגהאָפען, מעער, נויס, עללער, קסאַנטען, קאַרפען:

דאָס זענען 7 ערטער, וווהין דער אַרצי־בישאָף פון קעלן, הערמאַן דער דריטער, האָט צעטיילט די ייִדן בעת דעם ערשטן קרייצצוג (1096), וועלנדיק זיי אַזוי אַרום ראַטעווען. זיי זענען דאָרטן אומגעקומען ביי אויסערגעוויינטלעכע פּייניקונגען און אויפטרייסלענדיקע קידוש־השם־סצענעס.

די כראָניק פון יענער צייט שילדערט גענוי יעדן פּלאַץ באַזונדער. אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל אויף קידוש־השם נעמען מיר אַריין פּרטים פון דער דאָזיקער כראָניק 10).

ק אָ ב ל ע נ ץ:

די דאָזיקע שטאָט, וואָס ליגט אין איינעם פון די מאָלערישסטע ווינקלען פון רייך, ווו פון איין זייט פליסט דער „ייִדישער״ טייך מאָזעל און פון דער צווייטער זייט דער ראַן, זאָל שוין פון לאַנגע צייטן געוועזן אַן אָרט, ווו ייִדן האָבן געוווינט. די ערשטע זיכערע דאַטע געפינען מיר אָבער פון יאָר 1110, ווען ייִדן זענען אַריינגעטראָגן אין דעם דאָרטיקן צאָלאַמט.

מיר געפינען אויך צוויי קאָבלענצער פאַרצייכנט אין דעם עלטסטן דייטשישן מעמאָר־בוך. דאָס זענען יצחק און בילאַ פון קאָבלענץ, וועלכע האָבן בטל געמאַכט דעם צאָל־שטייער אין קאָבלענץ.

אַגב געפינען מיר דעם נאָמען יצחק קובלנץ אויסגעקריצט אויפן דעק (דנאָ) פון דער מיטלאַלטערלעכער מיקווה אין פרידבורג 11). צי איז עס נישט אַ מאָל דער זעלביקער?

---

10) די כראָניק הייסט גזרות שנת ד׳ תתנ״ו. איר מחבר: רבי אליעזר ב״ר נתן. מחבר פון דעם הלכה־ספר „אבן העזר״ (צפנת פענח). ער האָט געלעבט אין מאַינץ. אין יאָר 1152 איז ער נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע. די כראָניק, אין לשון־קודש, איז פאַראַן אין כתב־יד, געפינט זיך אין אָקספאָרד. עס איז דערפון דערשינען אַ יידיש־דייטשישע איבערזעצונג „מעשה נסים״ פון רבי יוזפא שמש, אמשטערדאַם תנ״ו (1696). מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דעם פריערדערמאָנטן „ספר גזירות אשכנז וצרפת״, ירושלים תש״ו.

11) זע דאָס קאַפּיטל „אין מיקוואות פון 11טן, 12טן און 13טן יאָרהונדערט״, אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 121 און ווייטער.

באַכראַך:

ביי אַ שאַרפן ריין־ברעג ליגט דאָס דאָזיקע שטעטל, וואָס איז באַרימט מיט אירע בערג און בעיקר מיט די פעסטונגען, וואָס זענען אויף זיי געבויט; שלעסער וואָס זענען אין משך פון יאָרהונדערטער געוועזן רעזידענצן פון גראַפן, קעניגן און בישאָפן. צווישן זיי איז באַזונדערס באַקאַנט דער שלאָס שטאַלהעק, וואָס מיט אים איז פאַרבונדן די ערשטע ייחוס־דאַטע פון די יידן אין באַכראַך.



דער אויסבליק פון באַכראַך ביים ריין מיטן שלאָס שטאַלהעק

דערציילט דער כראָניקער פון די קרייצצוג־גזירות, רבי אפרים ב״ר יעקב פון באָן, אַז אין יאָר 1146 האָבן זיך דריי משפחות פון באַכראַך געוואָלט באַהאַלטן אין דער דאָזיקער פעסטונג. זיי זענען אָבער פון דאָרטן, דורך פאַרשיידענע מיטלען, אַרויסגעשיקט געוואָרן און אומגעקומען דורך די רוצחים. מען ווייסט אַפילו זייערע נעמען, זיי זענען פאַרצייכנט אין די יזכור־רשימות פון דעם נירנבערגער מעמאָר־בוך. דאָס זענען: אַלכסנדרי בן משה, אַברהם בן שמואל, קלונימוס בן מרדכי.

היינריך היינע האָט אין זיין באַרימטן „דער רבי פון באַכראַך״ געפּרוווט געבן אַ היסטאָריש־ ליטעראַרישן תיקון פון דער שחיטה און קידוש־השם־געשיכטע אין באַכראַך אין 1283.

די דאָזיקע שחיטות זענען פאַראייביקט געוואָרן אין די עלעגיעס פון די אַשכנז־מקוננים רבי אפרים בן יעקב פון באָן און רבי מרדכי בן יוסף פון וואָרמס 12).

שטראַסבורג:

קומען מיר איצט צו אַ ישוב, הגם נאָענט צום ריין, אָבער געאָגראַפיש אָפּגע־רוקט פון די פריערדיקע מקומות. די ייחוס־דאַטע פון דעם דאָרטיקן ידישן קיבוץ איז אָבער די זעלביקע ווי פון באַבראַך — דאָס יאָר 1146. די ערשטע ידיעות פון די ידן אין שטראַסבורג וואַקלען זיך צווישן 1146 און 1165. די קהילה ווערט אין זייער אַ סך ערטער דערמאָנט. עס ברענגט די קהילה אין זיין ספר „אבן העזר״ רבי אליעזר פון מאַינץ; דער באַרימטער רייזנדער בנימין פון טודעלאַ (אַרום 1160) דערציילט, אַז אין שטראַסבורג איז דאָן געווען אַ גאָר פיינע, איינגעפעסטיקטע קהילה מיט אַ גרויסע גרופּע געלערנטע. מיר ווייסן אויך, אַז דאָרטן איז אין יאָר 1183 געווען אַ ידישער קוואַרטאַל.

אין דער קייט פון גזירות און שחיטות פון יענע צייטן האָט שטראַסבורג אַ גאָר בכבודיקן רינג.

---

12) רבי אפרים בן יעקב פון באָן אין זיין „ספר זכירה״, דערציילנדיק וועגן דער באַב־ראַכער שחיטה, ווײנט אויס:

אבכה ביום מבוכה, ואגנח בליל אביכה
על הרוגי בכרכא, חרון אל נתכה...

רבי מרדכי בן יוסף פון וואָרמס, באַוויינענדיק די גזירות פון ה׳מ״ג (1283), דערמאָנט באַכראַך אין די שורות:

ממרום נגזר הרג בכרך, אויב עליהם קשתו דרך
על זבח משפחה כל־אחד ברך, יחדיו ברכו את השם המבורך;

ביידע עלעגיעס זענען אין כתב־יד. מיר ציטירן עס פון דעם פריער שוין דערמאָנטן „ספר גזירות אשכנז וצרפת״.

פראַנקפורט ביים מיין:

די דאָזיקע קהילה וואָס האָט אין שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער געשפּילט אַ גאָר חשובע ראָלע און זיך אויך באַקאַנט געמאַכט ווי די „שטאָט פון די ראָטשילדס", האָט אירע וואָרצלען אין דעם בראשית־פּעריאָד פון אשכנז. פאַראַן אַ סברא, אַז די דאָזיקע שטאָט האָט שוין געהאַט אַ ישוב צוגלייך מיט די אַנדערע ריין־קהילות אין דעם גאָר ערשטן אויפשפּראָץ פון אַשכנז — איז דאָך דער מאָין איינער פון די וויכטיקע וואַסערוועגן פון דעם ריין. פון יענע צייטן האָבן מיר אָבער נישט קיין זיכערע ידיעות.

אַ זיכערן אָנשפּאַר וועגן אַ ייִדישן קיבוץ אין פראַנקפורט האָבן מיר ערשט פון דעם מיטן פון 12טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ שאלה, וואָס עס האָט אָנגעפרעגט רבי אליעזר בן נתן, דער „אבן־העזר" אין יאָר 1152, וועגן דעם ווי עס זאָלן האַנדלען ייִדן, וואָס קומען אין אַ שטאָט צו אַ יאַריד, צאָלן דאָרטן פאַרשיידענע שטייערן און נדבות פאַר אָרעמעלייט, אָבער אין דער דאָזיקער שטאָט איז נישטאָ קיין אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט און אויך נישט די געהעריקע חברות. צי זאָלן די דאָזיקע סוחרים מעגן פאַרטאָן די נדבות פאַר די אָרעמעלייט פון זייערע ערטער, פון וואַנען זיי קומען. ווי אַ ביישפּיל ברענגט דער שאלה־פרעגער די שטאָט פראַנקפורט 13).

פון דער זעלביקער שאלה קומט אויס, אַז די ייִדן פלעגן קומען אין פראַנקפורט צו די יאַרידן און דאָרטן וווינען אין קריסטלעכע אַכסניות.

אַ צווייטע ידיעה וועגן פראַנקפורט מיט בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער געפינען מיר אין די שאלות און תשובות פון אַן אייניקל פון דעם פריִער־דערמאָנטן „אבן־העזר". עס שרייבט רבי אליעזר בן יואל הלוי, וואָס איז באַקאַנט ווי דער ראבי"ה, אַז ער איז געווען אין פראַנקפורט אין שייכות מיט העלפן אַרויסנעמען ייִדן, וואָס עס זענען געזעסן אין דער דאָרטיקער תפיסה. עס איז, אמת, נישט קלאָר, צי די דאָזיקע ייִדן זענען געוועזן אָרטיקע, אָדער פון ערגעץ געקומענע אָדער געבראַכטע 14).

---

13) טעקסטועל ווערט אין דער שאלה פון „אבן העזר" אַזוי געזאָגט:

„בני העיר שהלכו לעיר אחרת ופסקו עליהם צדקה נותנין וכשהן באין מביאין אותה עמהם ומפרנסין בה עניי עירם. במה דברים אמורים כשאין שם חבר עיר כגון בווראנקבורט.

14) ווערטערלעך זאָגט זיך אין מקור:

... „אני אליעזר הלוי בבואי לפרנקפורט על דבר התפוסים רבו טרדותי... ולא יכולתי להתבונן דבריהם כי הייתי טרוד בפדיון שבוים".
(איך אליעזר הלוי ווען איך בין געוועזן אין פראַנקפורט וועגן דעם ענין

צי איז דאָרטן יאָ אָדער נישט געווען אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ איז אָבער קלאָר, אַז אויך דאָן זענען זיי געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אַנדערע אשכנז־קהילות.

וועגן אַן אָרגאַניזירטן קיבוץ אין פראַנקפורט ד׳מיין האָבן מיר שוין גענויע און זיכערע ידיעות פון יאָר 1241. געווען זענען דאָרטן דאַן אַ בית־הכנסת און צוויי בתי־מדרשים (אָדער ישיבות). עס דערציילט וועגן דעם די בלוט־כראָניק פון אשכנז. עס איז פאַראייביקט געוואָרן אין אַ ריי קינות און סליחות די סיבה פון דער שחיטה, וואָס האָט געקאָסט ביז 180 קדושים (אין דער רשימה פון פראַנקפורטער מעמאָר־בוך); עס איז אַ מעשה מיט אַ געצווונגענעם שמד. פון דער קהילה זענען געראַטעוועט געוואָרן נאָר די 24, וואָס האָבן אָנגענומען דעם שמד.

ב י נ ג ע ן :

אין אַ ווינקל צווישן די דריי גרויסע קהילות פון שו״ם (שפייער־וואָרמס־מאַינץ) ליגט האַרט ביים ריין דאָס שטעטל בינגען, אָדער ווי זי הייסט אין די אַלטע יידישע כראָניקעס בינגאָ. פון דאַנען ציִען זייער ייחוס־קייט אַ ריי אָנגעזעענע יידישע משפחות און גדולים.

ווערט שוין בינגען דערמאָנט אין יאָר 1160 ביי דעם רייזנדער בנימין פון טודעלאַ.

שפּעטערע ידיעות שטעלן שוין צו וועגן דער קהילה־קדושה בינגען די כראָניקעס וועגן די גזירות און די רשימות פון די קדושים.

אַגב, אַהער, קיין בינגען, האָט זיך געראַטעוועט נאָך אַ מהומה אין קעלן אין יאָר 1198 דער פּריִער דערמאָנטער רבי אליעזר בן יואל הלוי (דער ראבי״ה). אָבער אויך דאָ איז פאָרגעקומען אין די ראש־השנה־טעג פון יענעם יאָר אַן איבערפאַל און אַ רויבעריי. עס זענען ביים ראבי״ה פאַרלוירן געגאַנגען אַ סך פון זיינע כתבים.

מ י נ צ ע נ ב ע ר ג :

צום ערשטן מאָל הערן מיר פון מינצענבערג ווי אַ מקום־מיקלט פאַר פּליטים פון מאַינץ, וועלכע זענען פון דאָרטן, אין יאָר 1188, אַנטלאָפן צוליב דער מורא פון שחיטות. וועגן דעם דערציילט איינער פון די באַקאַנטע גדולי־אשכנז רבי אליעזר בן יהודה פון מאַינץ (באַרימט ווי דער „הרוקח״ אויפן נאָמען פון זיין ספר, געבוירן אין מאַינץ אין יאָר 1165, געשטאָרבן 1238). ווי ער גיט איבער אין זיינע זכרונות זענען די מאַינצער יידן געקומען זיך ראַטעווען קיין מינצענבערג, אָבער אויך דאָ האָבן זיי קיין מנוחה נישט געפונען.

פון די אַרעסטירטע... און איך האָב מיט די (אַנדערע) ענינים זיך נישט גע־קענט פאַרנעמען, ווייל איך בין געווען באַשעפטיקט מיט פדיון שבוים.

ביידע שטעלן ציטירט פון: Germania Judaica זייט 107.

דאָרטן זענען אין דאָזיקן יאָר שוין געווען איינגעזעסענע ייִדן. דאָס ווייסן מיר פון אַ געשיכטע, וואָס האָט געקענט אַרויסרופן אַ שחיטה קעגן ייִדן, און איז אָבער אויסגעמיטן געוואָרן. עס ווערט אין אַן אַרטיקע כראָניק איבערגעגעבן, אַז דעם 2טן מאַרץ 1188 איז אין אַ ברונעם, וואָס איז געשטאַנען אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ אין דעם געגנט ווו עס האָבן געווינט ייִדן, אַריינגעפאַלן אַ קריסטין און זיך דערטרונקען. די קריסטן האָבן געטענהט, אַז דאָס האָבן די ייִדן געטאָן. אַ דאַנק דער הילף פון דעם אָרטיקן שררה, דעם פירשט קונאָ דעם ערשטן, איז נישט גע־קומען צו קיין אַרויסטרעטונגען קעגן די ייִדן.

דאָס, וואָס דאָרטן איז געווען אַ ייִדישער קיבוץ, מיט אַ ספּעציעלן ייִדישן וווין־באַצירק און וואָס דער דאָרטיקער שררה האָט געשמט ווי נישט קיין שונא־ישראל, האָט טאַקע אַהין, משמעות, געבראַכט די מאַינצער פּליטים.

מינצענבערג געהער אויך צו די געציילטע קהילות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די היסטאָרישע וועדים פון די קהילות־שו״ם אין 13טן יאָרהונדערט. (וועגן די סעסיעס פון די קהילות־שו״ם און די אָנגענומענע דאָרטן תקנות רעדן מיר שפּעטער אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל).

פּ אַ י ן :

צי עס איז דאָרטן געווען אַ קהילה אין דעם בראשית פון אַשכנז איז נישט באַקאַנט, אָבער עס איז זיכער, אַז עס זענען דאָרטן געווען איינצלנע ייִדן. דאָס דערציילט אַ שאלה, וואָס עס האָט אויפגעהויבן דער פריִער שוין דערמאָנטער רבי אליעזר בן יואל הלוי (דער ראבי״ה).

די שאלה איז באַשטאַנען אין מתיר מאַכן אַן עגונה, וואָס איר מאַן איז דער־הרגעט געוואָרן אין וועג. געהאַנדלט האָט זיך עס אין אַלכסנדר בן שמואל פון אַנדערנאַך, וועלכער האָט געהאַט אַ וויינהאַנדל אין פּאַין און איז אין יאָר 1199 גע־פאָרן פון פּאַין קיין קאָבלענץ. געווען זענען עס מלחמה־צייטן און ער איז אויפן וועג דערהרגעט געוואָרן. די דאָזיקע שאלה האָט אין יענע יאָרן פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט אין דער רבנישער ליטעראַטור און עד־היום, ביי ענלעכע שאלות־עגונה, פאַררופט מען זיך אויף יענעם פּסק.

ל י נ ץ :

דאָס שטעטל לינץ, קאָבלענצער קרייז, ווערט מיט דער דאַטע 1218 אַריינגע־פלאָכטן אין אונדזער קהילות־קייט פון דעם אַשכנז־בראשית. מיר דערוויסן זיך

פון אַן אַרטיקער כראָניק, אַז אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן זיך דאָרטן געשמדט צוויי יידישע פרויען — אַ מוטער און אַ טאָכטער.

די דאָזיקע קהילה געפינט זיך אויך אין דער קדושים־רשימה פון די גזירות אין יאָר 1349.



דער מיטלאַלטערלעכער „יודענטויער" אין סאַין

פרייבורג:

פון אַ שטייער־סיכסוך, וואָס עס איז געווען צווישן די יורשים פון אָרטיקן פירשט און קעניג ווייסן מיר, אַז אין יאָר 1230 זענען שוין דאָרטן געווען ייִדן ווי איינגעזעסענע. טאָקע דער ייִדן־שטייער איז געווען דער אָביעקט פון שטרייט.

פון יאָר 1349 דערוויסן מיר זיך פון אַן אָרטיקע כראָניק, אַז:

... „ערב דעם פרויען־טאָג זענען אַלע ייִדן פון פרייבורג פאַרברענט געוואָרן...".

לאַודאַ:

די קהילה לאַודאַ איז אין דעם טאָג פון 1טן און 2טן יאַנואַר 1235 פאַרשריבן געוואָרן מיט בלוט און פייער אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

דער נירנבערגער „מעמאָר־בוך" דערציילט ווי אַזוי אַכט לאַודאַער קדושים זענען נאָך אוממענטשלעכע פּייניקונגען אומגעבראַכט און פאַרברענט געוואָרן. די דאָזיקע שרעק־געשיכטע איז אויך פאַראייביקט אין דער עלעגיע פון רבי יחיאל ב"ר יעקב פון איזנאַך, וואָס הייסט „ימים ברחו" 15).

האַגענאַו:

הגם האַגענאַו געפינט זיך ווייט פון לאַודאַ האָט זיך דאָ, אין זעלביקן יאָר 1235, אָפּגעשפּילט אַן ענלעכער בלוט־בילבול, וואָס האָט זיך אָבער נישט אַזוי גרויזאַם פאַרענדיקט ווי אין לאַודאַ און אַנדערע ערטער. עס דערציילט וועגן דעם דער דאָמיניקאַנער קלויסטער־ברודער ריכטער פאַן סענאָנעס אין זיין כראָניק פון 1250, אַט וואָס:

... „איניקע בירגער האָבן פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די ייִדן האָבן ערב זייער פּסח־יום־טוב פאַרכאַפּט צו זיך אין די הייזער 3 זיבן־יאָריקע קריסטלעכע ייִנגלעך, זיי געמאַטערט און לסוף דערמאָרדעט. געווען איז עס דעם 04טן אַפּריל 1235. די ייִדן, מורא האָבנדיק פאַר די פאָלגן פון זייערע מעשים, האָבן אויף גיך געשיקט שליחים צום קייסער און פאַרשטאַנען מיט אומגעהייער־גרויסע מתנות צו געווינען דעם קייסער אויף זייער זייט. ווען דער קייסער איז געקומען קיין האַגענאַו און מען האָט אים געוויזן די טויטע קינדער האָט ער זיך אָפּגערופן: — אויב זיי זענען טויט באַגראָבט זיי, קיין אַנדער ווערדע האָבן זיי נישט. די קריסטן זענען אַוועק פאַר־שעמטע און דער פאַרברעכן פון די ייִדן איז נישט אויסגעקויפט געוואָרן...".

---

15) זע דאָס קאַפּיטל „די «בלוטסקאַפּעללע» אין לאַודאַ" אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 160 און ווייטער.

אויב דאָס מאָל זענען די דאָרטיקע ייִדן אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק געפינען מיר אין דער קדושים־רשימה פון די גזירות אין יאָר 1349 דעם נאָמען פון דער קהילה אין האַגענאַו.

איבערלינגען:

פון די ריין־ברעגעס ווילן מיר זיך אַריבערכאַפּן צו דער גרויסער אָזיערע באָדענזע, וווהין דער ריין פאַלט אַריין. טרעפן מיר דאָרטן איבערלינגען. הגם עס זענען פאַראַן גאָר פריִאיקע אָנדייטונגען וועגן דעם זיין פון ייִדן אין דאָזיקן אָרט איז פאָרט די זיכערסטע דאַטע דאָס יאָר 1241, ווען מיר געפינען איבערלינגען אין דער רשימה פון די שטעט, ווו ייִדן האָבן געצאָלט דעם מלוכהשן שטאָט־שטייער.

וייטערדיקע ידיעות שטאַמען שוין וועגן שחיטות, שריפות, הריגות, רויבע־רייען און מערדערייען אין שפּעטערדיקע יאָרן — 1332, 1349 און ווייטער. מיר ווילן זיך צו דעם אומקערן אין קאַפּיטל אויף קידוש־השם.

אָפּענהיים:

פון דאָזיקן שטעטל ביים ריין ציִען זייער ייחוס צענדליקער מישפּחות. זייער פיל יחידים, וואָס האָבן פאַרנומען אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער גאָר וויכטיקע ערטער אין ייִדישן לעבן (און לעצטנס אויך אין אַלגעמיינעם) גרויסן זיך מיט זייער אָפּשטאַמאָרט אָפּענהיים.

אויך דאָ ווייזן מיר פון די שטייער־רעגעסטן, אַז אין יאָר 1241 האָט די דאָזיקע קהילה געצאָלט דעם קעניגלעכן שטייער.

פאַרנעמט אויך די דאָזיקע קהילה אַ חשובן אָרט אין דער רשימה פון די קדושים און טהורים — די וואָס זענען אומגעקומען אין דעם גזירה־יאָר פון 1349.

קאָנסטאַנץ:

צוריק פון ריין זענען מיר ווידער ביי דער אָזיערע באָדענזע.

קאָנסטאַנץ געהערט צו די וווּנדערלעכסטע שטעט אין דעם דאָזיקן פּראַכטפולן ווינקל, אויף דער גרענעץ צווישן דער שווייץ און היינטיקן דייטשלאַנד. אָנהייבנדיק פון 1241 ווען מיר דערוויסן זיך דאָס ערשטע מאָל וועגן דעם, אַז ייִדן זענען דאָרטן דאָ (קעניגלעכע שטייער־רשימה) גייט ווייטער אַ קייט פון גזירות און חורבנות: 1312, 1314, 1331, 1333, 1349 און ווייטער.

גרויזאַם איז געווען די רציחה פון דעם המון צו די „אומגלויביקע" יידן. מיר וועלן דאָס נאָך דערציילן אינעם שפּעטערדיקן קאַפּיטל „אויף קידוש־השם" 16).

קייזערסלאַוטערן:

נאָענט פון די עלטסטע אַשכנז־קהילות שפּייער און וואָרמס, ליגט קייזערס־לאַוטערן, וואָס אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור, אין די גזירות־כראָניקעס הייסט זי לוטר אָדער לוטרא. הגם די ערשטע ידיעה וועגן די יידן אין דער דאָזיקער שטאָט שטאַמט פון 1241, ווען מיר געפינען די שטאָט אין דער רשימה פון די וואָס צאָלן דעם יידישן מלוכה־שטייער, איז אָנצונעמען, אַז עס זענען משמעות שוין דאָרטן געווען יידן פריער פון דער דאָזיקער דאַטע.

פאַרנעמט נאָכדעם קייזערסלאַוטערן אַ גאָר חשובן אָרט אין דער רשימה פון די קהילות וואָס האָבן אויך געגעבן זייער בלוט־שטייער בעת די גזירות און שחיטות.

**
*

זענען מיר ביים סוף פון אונדזער עקסקורסיע ביים ריין און דערבייאיקע מייכן.

דער שפּאַציר על נהרות רינוס איז נישט גאָר קיין פריילעכער שפּאַציר. דער־ציילט דאָך יעדע קהילה וועגן דעם וועג פון פּיין און ליידן, וואָס זי איז אַדורך.

מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט (צוזאַמען מיט קעלן) 30 קהילות, וואָס האָבן אין משך פון אַ פּאָר הונדערט יאָר געלייגט דעם גרונשטיין און געפורעמט דעם שפּעט־טערדיקן אַשכנז־בנין.

יעדע קהילה האָט געגעבן איר אייגענעם צושטייער און אַלע צוזאַמען האָט פאַראייניקט איין גורל; אַלע צוזאַמען האָבן ביודעים אָדער בלא יודעים, באַוווסטזיניק אָדער אָן כוונה, מיט זייער לעבן און נאָך מער מיט זייער אופן פון שטאַרבן געבויט דעם נייעם נוסח אַשכנז.

וועלן מיר אין ווייטערדיקן קאַפּיטל אַרויסברענגען אַ טייל פראַגמענטן פון דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון דעם נייעם, וואָס די דאָזיקע קהילות האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער פאָלקסלעבן. דעם נייעם שטייגער פון מאַרטירערטום, וואָס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם בראשית און שפּעטער פאַר דער גאַנצער תקופה פון אַשכנז.

מיר וועלן אַריינבליקן אין די העראָאישע בלעטער פון דעם קאַפּיטל אויף קידוש־השם.

---

16) זע דאָס קאַפּיטל „קאָנסטאַנצער וועגט דערציילן..." אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 32 און ווייטער.

אויף קידוש־השם

... נאָך טויזנט יאָר אויף גאָטס אייביקער ערד,
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר ניט די שפּראַך און ניט דאָס ליד —
פאַרבלייבן לזכרון וועלן בלויז אונדזערע קדושים.

(בעריש ווייַנשטיין — נאָך טויזנט יאָר).

היינט, שוין העכער טויזנט יאָר נאָכן אויפקום פון אַשכנז, ווען עס זענען שוין אָפּגעווישט און פאַרווישט געוואָרן אַן אַ שיעור שפּורן פון יענעם וואָס — געווען; ווען אין די אַרכיוו־קאַמערן זענען מיט גאָר דיקן שטויב באַדעקט און פון דעם זכרון פון דער מענטשהייט זענען אויסגעמעקט געוואָרן ניט איין גרויסע „העלדנטאַט“ איז נאָך אַלץ אין פאָלקס־זכרון געבליבן לעבעדיק דער קידוש־השם פון אַשכנז. געבליבן לעבעדיק און באַווירקט נאָך אויף ווייטערדיקע צייטן.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו מיינען, אַז אונדזער פאָלק האָט דעם אויסשליסלעכן מאָנאָפּאָל אויף קידוש־השם; אַז נאָר מיר זענען בכוח זיך מוסר־נפש זיין זיך פאַרן גלויבן, פאַר דער אידייע, פאַרן כבוד פון כלל און יחיד. די געשיכטע פון יעדן פאָלק האָט צו דערציילן וועגן העלדן, גיבורים אין הייליקע. יעדעס פאָלק האָט זיינע העראָיק־עפּאָסן און מאַרטירער־געשיכטעס. זענען דאָך פול די קאַטאַקאָמבעס, טעמפּלען און קירכעס פון אַלע אמונות מיט הייליקע, מיט מאַרטירער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפּייניקן פאַרן גלויבן. האָט דאָך די קריסטלעכע אמונה, למשל, פאַר יעדן טאָג פון יאָר אַן אַנדער הייליקן...

עס איז טאַקע אַזוי, אָבער מען קאָן בשום אופן נישט פאַרגלייכן די קידוש־השם־מאָמענטן און פאָרמען פון אַלע פעלקער מיט דעם ווי אַזוי ער איז פאָרגעקומען ביי ייִדן. ביי אונדז באַגלייט דאָך דער קידוש־השם־מאָטיוו דעם גאַנצן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. איז דאָך די געשיכטע פון ייִדישן וועלט־פאָלק — די גע־

שיכטע פון אַ לאַנגע קייט פון קידוש־השם־קאַפּיטלען. אַזוי איז עס זינט מיר פאַרמאָגן אונדזער געשריבענע געשיכטע.

נישטאָ קיין תקופה און נישטאָ קיין תפוצה, ווו דער קידוש־השם־מאָמענט פאַרנעמט נישט דאָרטן דעם אויבנאָן. ווערן דאָך, אין יעדן אָרט און צייט, אונדזערע געשיכטע־קאַפּיטלען געשריבן מיט הייסן בלוט פון קדושים און דער פאָלקס־המשך ווערט געהאַרטעוועט ביים פלאַקער פון שייטערהויפנס.

עס ציט זיך אַ גלייכע ליניע פון דעם אור־נסיון פון דעם ערשטן היסטאָרישן יידן — אַברהם, וואָס איז אַדורך נמרודס קאַלכאויוון, דורך דעם נסיון פון חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זענען אַדורך נבוכדנצרס קאַלכאויוון, ביז די נאַצישע קאַלכאויוונס און גאַזקאַמערן.

עקידת יצחק פון באַרג מוריה האָט אין זיך שוין געטראָגן די זוימען פון עקידת זיגעלבוים אין לאָנדאָן, פון טויזנטער יאָרן שפּעטער.

און דער טאַט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס פלעגן זיך אַרומבינדן מיט דינאַמיט און גראַנאַטן און זיך אַריינוואַרפן אין נאַצישע טראַנשייען, כדי אויפצוע־ריסן צו ווערן צוזאַמען מיט די שונאים, האָט אָפּגעקלונגען דער אור־אַלטער לע־גענדאַרער רוף פון שמשון הגיבור — תמות נפשי עם פלישתים — לאָמיך שטאַרבן אינאיינעם מיט די פלישתים.

עס איז פאַראַן אַ גאַר נאָענטע שייכות צווישן דעם נישט־גלייכן פאַרמעסט פון פאַסטוכל דוד מיטן ריז גלית און דעם געראַנגל פון דעם אויסגעהונגערטן, פאַרמאַכטן, געוועזלאָזן וואַרשעווער געטאָ מיט דער איבער די ציין באַוואָפנטער נאַצישער אַרמיי.

פון פאַרשיידענע פאָרמען און נוסחאות איז אונדזער קידוש־השם־גאַלעריע. פּאַסיווער און אַקטיווער אופן פון מסירת־נפש; דאָס מקריב־זיין זיך פון יחידים און מאַסנהאַפטע קרבנות; איינצלנע קדושים־גיבורים און קאָלעקטיווע גבורה און קדושה.

צווישן דער דאָזיקער פיל־פאַרעמדיקער מסירת־נפש־פּאַנאָראַמע האָט זיך מיט אַ באַזונדערן נוסח אַרויסגעהויבן דער קידוש־השם פון אַשכנז. עד־היום פאַרנעמט דער דעמאָלטיקער קידוש־השם פון די אַשכנז־קהילות אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט אין אונדזער געשיכטע און איז אויך פון די יעניקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן די אַשכנז־תקופה געגעבן דעם באַזונדערן כאַראַקטער אין אונדזער קיום־קייט.

**
*

וועגן דער גזירות־ און שחיטות־קייט פון די אַשכנז־יידן, בעת דער צייט פון די קרייצפאָרער איז שוין פאַראַן אַ גאַר גרויסע ליטעראַטור. אין די כראָניקעס פון די יעניקע וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט, אָדער אויפגענומען גבית־עדותן פון

יענער צייט, פאַרנעמט אַ גאָר באַזונדער אָרט דער קידוש־השם־מאָמענט. מיט די גענויסטע פּרטים ווערן געשילדערט די סצענעס פון מקריב זיין זיך פון אַלטע און קינדער, מענער און פרויען. אין אַ גרויסע צאָל פון עלעגיעס — קינות און סליחות — ווערן באַקלאָגט און געאַכפּערט די דאָזיקע גיבורים און קדושים. נישט גאָר יידישע עדות, וואָס האָבן דאָס געזען אָדער געהערט, הייבן אַרויס די פאַנטאַסטיש־וווּנדערלעכע מסירת־נפש־געשיכטעס. מיר געפינען עס אויך ביי נישט־יידישע (גאָר אָפט יידן־פיינטלעכע) כראָניקערס, וואָס זייערע פאַרצייכענונגען באַשטעטיקן דאָס, וואָס די יידישע עדות זאָגן וועגן דעם.

כדי מיר זאָלן באַנעמען דאָס גאַנצע בילד פון דעם אויפקום פון אַשכנז דאַרפן מיר זיך באַקענען אויך מיט דעם נייעם נוסח פון דעם אַשכנזישן קידוש־השם. אין דעם דאָזיקן נוסח — אין פייער און בלוט — איז דאָך אַשכנז געפורעמט געוואָרן. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ פּאָר פראַגמענטן און אויסצוגן פון די קידוש־השם־שילדערונגען פון יענער תקופה.

עס האָט זיך אויפגעהיט די כראָניק פון שלמה בן שמעון פון מאַינץ, איינער פון די געציילטע וואָס האָט פאַרשריבן די שחיטות פון ערשטן קרייצצוג פון 1096. ער גופא איז געווען אַן עדות פון טייל געשעענישן און ער האָט אויך געוויסע פּרטים צונויפגעקליבן פון „מויל פון די זקנים". פון זיין גאָר גענויע באַשרייבונג וועלן מיר אַרויסנעמען אַ פּאָר פראַגמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום קאַפּיטל קידוש־השם.

.. „דעם 23סטן אייר זענען זיי באַפאַלן די קהילה פון ווירמייזאָ (וואָרמס). די קהילה האָט זיך צעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל איז געבליבן אין די הייזער און איין טייל איז אַנטלאָפן צום בישאָף אין הויף. זענען די ווילדע וועלף באַפאַלן די וואָס זענען געבליבן אין זייערע הייזער און זיי דערהרגעט: מאַנסלייט, פרויען און קינדער. זיי האָבן חרוב געמאַכט די הייזער, אַלצדינג צערויבט; די ספר־תורהס צעטראָטן אין שמוץ, צעריסן און פאַרברענט... זיבן טעג שפּעטער, אין טאָג פון ראש־חודש סיון, אין טאָג ווען די יידן זענען געקומען צום באַרג סיני מקבל זיין די תורה, זענען אויפגעצייטערט געוואָרן אויך די, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין בישאָפס הויז, און די שונאים האָבן געטאָן מיט זיי וואָס זיי האָבן געטאָן מיט יענע. אויך זיי האָבן זיך געשטאַרקט ווי זייערע ברידער און זענען דערהרגעט געוואָרן און מקדש־השם געווען פאַר אַלעמען אין די אויגן. זיי האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער די קוילער אין נאָמען פון זייער באַשעפער. און אייניקע פון זיי האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן און מקיים געווען דעם פּסוק: «די מאַמע איבער אירע קינדער איז צעשמעטערט געוואָרן». דער פאָטער איז געפאַלן איבער זין, ווייל ער איז געקוילעט געוואָרן איבער זיי; איינער האָט געקוילעט זיין ברודער און איינער זיינע קרובים און זיין פרוי און קינדער. חתנים — זייערע כלות און דערבאַרעמדיקע פרויען זייערע אייניקע קינדער...".

און אין אַ ווייטערדיקער שילדערונג, פון עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך אַ ריי פּיינען און שחיטות ווערט פון דעם זעלביקן כראָניקער ווידער דערציילט אַן ענלעכע סצענע פון דעם מין קידוש־השם:

... „און די יעניקע אין די חדרים, ווען זיי האָבן דורך די פענצטער צוגעזען די מעשים פון די צדיקים — האָבן אַלע אויסגעשריען: «דאָס בעסטע פּאַר אונדז איז מקריב צו זיין אונדזערע לעבנס!» און די ווייבער האָבן אָנגעגורט זייערע לענדן און געשאָכטן זייערע זין און טעכטער און זיך אַליין; און אויך אַ סך פון די מאַנסלייט האָבן זיך געשטאַרקט און געשחטן זייערע פרויען און קינדער. די איידעלע און פאַרצערטלטע האָט געשאָכטן איר ליבלינג־קינד. מענער און פרויען האָבן געשאָכטן איינע די אַנדערע...“.

און אָט איז אַ סצענע פון מאַינץ, אויך פון דער זעלביקער כראָניק.

... „און די טייערע קינדער פון ציון, די קינדער פון מאַינץ, זענען געפּרוווט געוואָרן מיט צען נסיונות, ווי חנניה, מישאל און עזריה און האָבן געבראַכט זייערע קינדער צו דער עקידה... און די פרויען די צדקניותן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער איינע צו דער אַנדערער, אַ פאָטער — צו זיין זון און ברודער, אַ ברודער — צו זיין שוועסטער, אַ פרוי — צו איר זון און טאָכטער, אַ שכן — צו זיין שכן און פריינד, אַ חתן — צו זיין כלה; דער שעכט און ווערט געשטאָכן און יענער שעכט און ווערט געשטאָכן; ביז בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט בלוט, בלוט פון מענער מיטן בלוט פון זייערע פרויען, בלוט פון עלטערן מיטן בלוט פון זייערע קינדער, בלוט פון ברידער מיטן בלוט פון זייערע שוועסטער, בלוט פון רבנים מיטן בלוט פון זייערע תלמידים, בלוט פון חתנים מיטן בלוט פון זייערע כלות און די בלוטן פון זויג־קינדער מיטן בלוט פון זייערע מאַמעס...“.

דערציילט ער ווייטער וועגן די מיטלען, וואָס עס זענען געטאָן געוואָרן, כדי די שונאים זאָלן נישט שטערן די יעניקע וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן מקריב־געווען:

... „און אויך די כשרע פרויען, די בת־מלכהס, האָבן געוואָרפן גאָלד און זילבער דורך די פענצטער אַרויס צו די שונאים, כדי זיי זאָלן זיין פאַרנומען אויפצוקלייבן דאָס געלט, כדי זיי צו פאַרהאַלטן אַ ביסל ביז זיי וועלן פאַרענדיקן די שחיטה פון זייערע זין און טעכטער, און די הענט פון די דערבאַרעמדיקע פרויען האָבן געשאָכטן זייערע קינדער כדי צו טאָן זייער באַשעפערס רצון“.

די דאָזיקע כראָניק איז פול מיט אַ ריי אינדיווידועלע סצענעס, מיט דיאַלאָגן צווישן די קרבנות; מיט דינגעניש צווישן זיך ווער וועמען זאָל פריער ברענגען פאַר אַ קרבן. אָבער נישט נאָר דורך שעכטן, דורך בלוט־קרבנות, נאָר אויך דורך פייער האָבן זיי זיך מקריב געווען:

... „האָט מר יצחק הצדיק גענומען זיינע צוויי קינדער, זון און טאָכטער, און

אינמיטן נאַכט זיי געפירט דורכן הויף און זיי געבראַכט אין שול פאַרן אָרון־קודש און זיי געשאָכטן אויף קידוש־השם... ער האָט געשפּריצט זייער בלוט אויף די זײלן פון אָרון־קודש, כּדי זיי זאָלן זיין עדות פאַר גאָט און פאַרן כּסא־הכּבוד... האָט דער צדיק זיך אומגעקערט דורכן הויף צו זיין פאָטערס הויז און אָנגעצונדן דאָס הויז פון אַלע פיר ווינקלען און זיין מוטער איז פאַרברענט געוואָרן אויף קידוש־השם. און דער צדיק מר יצחק האָט זיך אַ צווייטן מאָל אומגעקערט צו פאַרברענען די שול, ער האָט אָנגעצונדן אַלע טירן און פענצטער... און די שונאים האָבן אַריינגע־שריען צו אים דורכן פענצטער: «רשע איינער, קום אַרויס פון פייער, דו קענסט זיך נאָך ראַטעווען!» און זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אים אַ לאַנגן שטאַנג, כּדי אים אַרויסצוציִען פון פייער. אָבער דער צדיק האָט נישט געוואָלט און דער גאָטספאַרכ־טיקער איש תם וישר איז פאַרברענט געוואָרן...״

די דאָזיקע שילדערונגען האָבן געהאַט אַ שייכות צו די דריי גרונט־קהילות פון אַשכּנז — צו שפּייער—וואָרמס—מאַינץ. אָבער אין די ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען פון דעם זעלביקן רבי שלמה בן שמעון געפינען מיר אויך ידיעות וועגן אַנדערע שטעט. דאָרטן ווערט שוין דערציילט ווי מענער, פרויען, זקנים און יונגע זענען געשפּרונגען אין טייכן און זיך דאָרטן, אין טייך, געשאָכטן.

... „און אַז דער חסיד שמואל האָט געזען אַז זיין זון יחיאל וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך לעבט נאָך — און געווען איז ער אַ שיינער בחור — האָט ער צו אים אויסגערופן: יחיאל מיין זון, שטרעק אויס דיין האַלדז פאַר דיין טאַטן און איך וועל דיר ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאָט. וואָרט מיין זון, איך וועל מאַכן אַ ברכה אויף דער שחיטה און דו זאָלסט ענטפערן אָמן. האָט אַזוי שמואל דער חסיד געטאָן, ער האָט געשאָכטן זיין זון אין וואַסער. און ווען דער חבר פון יחיאלן, דער חתן שמואל בן גדליה, האָט דערזען, אַז זיין חבר איז געשאָכטן געוואָרן האָט ער באַ־שלאָסן דאָס זעלבע צו טאָן. ער האָט צוגערופן צו מנחמען, דער שמש פון דער שול אין ק ע ל ן און אים געזאָגט: איך באַשווער דיר, נעם דיין שאַרפן שווערד, זיי איר גוט בודק, אַז עס זאָל אין איר נישט זיין קיין שום פּגימה און שעכט מיך... דו וועסט מאַכן אַ ברכה אויף דער שחיטה און איך וועל ענטפערן אָמן...״

דערציילט ווייטער די כּראָניק, אַז אויך דער פאָטער, רבי שמואל האָט געבעטן דעם שמש פון קעלן, אַז ער זאָל אים שעכטן און לסוף האָט דער שמש זיך אַליין דערשטאָכן מיט דער שווערד.

דערציילט די כּראָניק ווייטער וועגן דער שטאָט עללער:

... „און דעם 4טן פון חודש, געווען איז עס ערב־שבת, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די שונאים כּדי צו באַשטראָפן די קדושים פון ע ל ל ע ר, ביז זיי צווינגען צום שמד. אַז די זאַך איז זיי באַוווּסט געוואָרן האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן אין איין צימער און געזאָגט ווידוי. נאָכדעם האָבן זיך די חסידים צוגעגרייט אַלעמען צו שעכטן.

געווען זענען דאָרטן אין שטאָט אומגעפער 300 נפשות. און דאָס זענען די נעמען פון די חסידים וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פרייוויליק צו שעכטן: רבי גרשום און מר יהודה בן אַברהם און זיין ברודער יוסף און רבי יהודה הלוי דער זון פון רבינו שמואל און רבי פטר. האָבן זיי גענומען זייערע שווערדן, פאַרשלאָסן די טירן און אַלעמען געשאָכטן. נאָכדעם האָט רבי פטר געשאָכטן די אַנדערע פיר (די חסידים, די שעכטערס) און ער אַליין איז אַרויף אויף אַ טורעם און זיך אַראָפּגעוואָרפן און געפאַלן טויט. פון די אַלע נפשות זענען געבליבן לעבן נאָר צוויי בחורים און צוויי קינדער און אויך ביי די זענען געווען איבערגעשניטן די גאָרגלען, נאָר זיי זענען לעבן געבליבן...".

די זעלביקע געשיכטעס דערציילן אויך אַנדערע כראָניקעס. אומעטום חזרט זיך איבער דער זעלביקער מאָטיוו — מען ברענגט זיך אַליין פאַר אַ קרבן. **אַזוי דער־ציילט אַ צווייטער כראָניקער (אַן אַנאָנים) צווישן אַנדערע:**

... „און דאָרטן (וואָרמס) איז געווען איינער און זיין נאָמען איז געווען רבי משולם בן יצחק, האָט ער אין אַ הויכן קול אויסגערופן צו אַלע וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען און צו זיין פרוי צפורה: הערט נאָר צו מיר צו גרויסע און קליינע, דעם דאָזיקן זון האָט מיר גאָט געגעבן, עס האָט אים מיין פרוי צפורה געבוירן שוין אויף איר עלטער, יצחק איז זיין נאָמען — איצט וועל איך אים מקריב זיין ווי עס האָט אַברהם אָבינו מקריב געווען זיין זון. האָט זיך אָפּגערופן זיין פרוי צפורה: האַר מיינער, וואַרט אַ ווײַלע, זאָלסט נאָך גאָרנישט טאָן צו מיין זון וועמען איך האָב אויף מיינע עלטערע יאָרן געבוירן און דערצויגן. שעכט מיך פריער און איך זאָל נישט זען דעם טויט פון מיין זון. האָט ער געענטפערט: איך וועל אַפילו נישט וואַרטן קיין רגע, דער יעניקער וואָס האָט אים אונדז געגעבן וועט אים צונעמען און אים אַריינגעבן אין שויס פון אַברהם אָבינו. און ער האָט געבונדן זיין זון יצחק און האָט גענומען דעם שווערד צו שעכטן. ער האָט געמאַכט די ברכה איבער דער שחיטה און דאָס יינגל האָט געענטפערט אָמן און ער האָט אים געשאָכטן. דאַן האָט ער גענו־מען זיין פרוי וואָס האָט געיאָמערט און ביידע זענען אַרויס פון צימער. די שונאים האָבן זיי געכאַפּט און דערהרגעט".

נישט נאָר דורכן שעכטן, נישט מיט בלוט־אָפּפערס האָבן זיי זיך מקריב גע־ווען. גרויס איז די צאָל פון געשפּרונגענע אין וואַסער; פון אַזעלכע וואָס האָבן זיך אונטערגעצונדן און אומגעקומען אין פייער.

וועלן מיר ציטירן אַ כראָניק פון אַ נישט־ייִד; עס דערציילט אין זיין כראָניק דער צערעמאָניאַל־מייסטער פון קאָנסטאַנצער ראַט, הײַנריך פאָן דיזענהאָפען, אָט דאָס ווייטערדיקע:

... „דעם צווייטן יאַנואַר 1349 האָט מען אַלע ייִדן פון ק אָ נ ס ט אַ נ ץ פאַר־שפּאַרט אין צוויי הייזער, ווייל זיי האָבן פאַרסמט די ברינעמער. מען האָט זיי דאָרטן

געהאַלטן ביז 32טן מערץ. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מען זיי אַלע, דריי הונדערט און דרייסיק מאַן, אַרויסגעטריבן אויפֿן פֿרייען פֿעלד, הינטער דער שטאָט און מען האָט זיי אַריינגעיאָגט אין אַ ספּעציעל צו דעם צוועק אויפֿגעבויטע, געביידע. די דאָזיקע געביידע האָט מען אונטערגעצונדן און מען האָט זיי אַלע 330 פֿאַרברענט. איין טייל איז געגאַנגען אין די פֿלאַמען טאַנצנדיק, אַנדערע האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים, אַ דריטער טייל האָט געוויינט...״.

נישט נאָר די כראָניקערס — אויך די פּיטנים, די מחברים פֿון די פּיוטים, די יעניקע וואָס האָבן אין קינות און סליחות באַקלאָגט די גזירות האָבן געדענקט צו דערמאָנען די דאָזיקע אין פֿלאַמען טאַנצנדיקע.

אָט וואָס עס שרייבט אין זיין קלאָגליד משה בן אליעזר הכהן אין דער קינה אויף די שחיטות פֿון די קהילות ווירצבורג, ראָטנבערג, נירנבערג:

... איך וויל נישט הערן מער קיין וואָרט פֿון טרייסט און באַדויער —
כ׳וויל ליבערשט שוין אין קבר מיטנעמען מיין טרויער!
פֿינצטער און ביטער איז מיר, באַרימטע ראָטענבורג, דו קרבן,
פֿאַרשטערט איז יעדע פֿרייד און פֿריילעכקייט איז אָפּגעשטאָרבן!
איר מענטשן קוקט זיך צו צום וווּנדער, גרויס און אומגעהייער —
מיינע קינדער גייען טאַנצנדיק און זינגענדיק צום פֿייער!
אויף קידוש־השם פֿאַרן בורא און זיין נאָמען צו גרויסן,
געוואָרפֿן זיך שנעל אין די כוואַליעס פֿון פֿייער, וואָס ברויזן,
מאַמעס האָבן די קינדער צו זיך צוגעבונדן אין ליידן,
זיי ווערן געשלעפּט, קומען אום, נישט פֿונאַנדערצושיידן.
די כּלות פֿון מיין פֿאָלק, צייטיק פֿאַר דער חופּה, האָבן געזונגען,
אַליין געצונדן דעם פֿייער און אַהין אַריינגעשפּרונגען...

אויך דער כראָניקער און מקונן אפרים בן יעקב פֿון באָן, אין זיין סליחה „למי אוי, למי אבוי״ הייבט אַרויס די דאָזיקע קדושים:

... פֿאַר וועמען ווי, פֿאַר וועמען ווינד און פֿאַר וועמען צרות?
פֿאַר וועמען וווּנדן און חרפּות־ביושים און גזירות?
פֿאַר וועמען רויטע אויגן פֿון וויינען און קלאָגן?
פֿאַר יענע, וואָס טוען דעם יאָך פֿון גלות טראָגן,
פֿאַר יענע, וואָס האָפֿן אויף פֿרידן — און ווערן פֿאַרלענדט,
פֿאַרמישפּט אויך כּלערליי טויטן, פֿאַרשטיינט און פֿאַרברענט,
וואָס לויפֿן פֿון פֿייער אין וואַסער און ווערן דערטרונקען,
וואָס מאַכן אַ זבח־משפּחה: טאַטעס און מיידלעך און יונגען,

און שעכטן זיך אויס מיט אַ ברכה אַלע צוזאַמען —
זאָס איז דער קרבן פאַרצערט אין די פלאַמען!
(דיביידע פראַגמענטן נאָך דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ).

דער דאָזיקער אופן פון קידוש־השם האָט אויך געפונען זיין אָפּקלאַנג אין די דעמאָלטיקע רבנישע שאלות און תשובות. אַזוי לייענען מיר אין די שאלות־ותשובות פון מהר״ם פון ראָטענבורג די ווייטערדיקע תשובה:

... „אַ ייד האָט געפרעגט אונדזער לערער דעם רבי מאיר, צי דאַרף ער האָבן אַ תשובה אויף דעם, וואָס ער האָט אין צייט פון דער גרויסער שחיטה אין דער בלוט־שטאָט קאָבלענץ, געשאָכטן זיין פרוי און פיר קינדער 1). זיי האָבן אים וועגן דעם געבעטן, ווען זיי האָבן געזען ווי גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן און די שונאים האָבן אָנגעהויבן אומברענגען אויף קידוש־השם די יידישע קינדער. אויך ער האָט געוואָלט זיך מקריב זיין און זיך נעמען דאָס לעבן, אָבער ער איז דורך נישט־יידן געראַטעוועט געוואָרן. רבי מאיר האָט געפסקנט, אַז ער דאַרף קיין שום פאַרגעבונג נישט. ער פאַררופט זיך דערביי, אַז עס איז באַקאַנט, אַז גרויסע גדולים און אויטאָריטעטן האָבן דאָס זעלביקע געטאָן, זיין האָבן געשאָכטן זייערע זין און טעכטער. קלאָר, זאָגט ער, אַז ווער עס איז זיך אַליין מקריב, קומט אים זיכער גאַר נישט, נאָר אַפילו די וואָס האָבן אַנדערע אומגעבראַכט, דאַרפן קיין שום כפרה...״ 2).

⁂

עד־כאן אַ ריי אויסצוגן און פראַגמענטן, וווּ עס ווערן געשילדערט די קידוש־השם געשעענישן אין יענע צייטן פון דעם בראשית פון אַשכנז.

וואָס האָבן אייגנטלעך מחדש געווען די קדושים פון אַשכנז? קידוש־השם־געשיכטעס האָט דאָך שוין אונדזער געשיכטע געהאַט ביז דאַן.

זיכער האָט מסירת־נפש, דאָס מקריב־זיין זיך פאַרן גלויבן, פאַרן פאָלק, פאַר דער אידייע, פאַרן כבוד פון כלל און יחיד, כסדר אונדז באַגלייט. דאָ, אָבער, ביי די ברעגעס פון ריינוס און מאָזעל, ביים מאַין און נעקער, האָט דער דאָזיקער קידוש־השם דערגרייכט אַזאַ פאַרנעם וואָס איז ביז דאַן אין אונדזער געשיכטע געווען נישט באַקאַנט. סיי אין צאָל פון די פונקטן וווּ די קידוש־השם־מעשים זענען פאָרגעקומען, סיי אין דער צאָל פון די קדושים, וואָס די דאָזיקע געשיכטעס האָבן אַרומגענומען, האָבן איבערגעשטיגן אַלע קידוש־השם־בלעטער פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

1) דאָ ווערט געמיינט די שחיטה פון 15טן ניסן ה' כ״ה — 2טער אַפּריל 1265.
2) שאלות ותשובות מהר״ם, ראָטענבערג, ציטירט לויט: Dr. H. J. Zimmels.—Beiträge zur Geschichte der Juden in Deutschland im 13. Jahrhunder insbesondere auf Grund der Gutachten des R. Meir Rothenburg. Frankfurt am Main, 1926.

לסוף — און דאָס איז דער עיקר — דער אופן, דער ווי אַזוי די קדושים האָבן זיך מקריב געווען.

מיר ווילן נאָר פאַרצייכענען עטלעכע פּרטים:

— אויף דאָרטן, ווו עס האָבן זיך געפונען יחידים אָדער גרופּן, וואָס האָבן זיך איינגעבראָכן און האָבן, לפנים, אַנגענומען דעם שמד, איז די מערהייט געגאַנגען אויף קידוש־השם; בעסער געוואָלט אומקומען איידער פעלשעווען, איידער פאַרלייקענען זייער גלויבן.

— טייל זענען טאַקע אומגעקומען דורך די הענט פון די שונאים, אָבער גרויסע מאַסן, נאָך די שילדערונגען פון די כּראָניקערס, די מערהייט, האָט זיך אַליין אומגעבראַכט!

— דערביי האָבן עס גלייך געטאָן מענער, פרויען און קינדער; געטאָן עס אָן דעם מינדסטן געפיל פון רחמנות...

דערציילט עס די כּראָניק, אָדער עס קלאָגט אויס די עלעגיע:

— מיט פרייד געשפּרונגען אין פייער!

— געזונגען אין די פלאַמען!

— צוזאַמען זיך אַרומגענומען און געשפּרונגען פון טורעם אין טייך אַריין!

— האָט דער טאַטע פריִער געשאָכטן זיין קינד און נאָכדעם זיך!

— געמאַכט אַ ברכה פאַר דער שחיטה!

נישט קיין איינציקער פאַל — נאָר הונדערטער! ווער קאָן עס גאָר באַנעמען די סיטואַציע פון אויסגעטיילטע 5 שוחטים, וואָס דאַרפן קוילענען הונדערטער מענטשן — די אייגענע פרויען און קינדער און נאָכדעם זיך אַליין מקריב זיין.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מאַסנהאַפטע ממש עקזאַלטירטע שטימונג פון אין גאַנצן מבטל מאַכן, נעגירן דאָס ערדישע, דאָס קערפּערלעכע לעבן. (צו דער דאַזיקער דערשיינונג וועט אונדז נאָך שפּעטער אויסקומען זיך אומצוקערן).

און דאָס איז געווען אַ ניי ?

אמת, מיר געפינען אין אַן עלטערן מקור, אַז מען האָט שוין אַזוי גערעדט צו יידן, אַז מען האָט שוין מיט הונדערטער יאָרן פריִער, ערב אַ גורל־מאָמענט ביים שטיין פון אַ נסיון אויך אַזוי געהאַנדלט.

אין די „יידישע מלחמות" פון יוסף פלאַוויוס ווערט דערציילט ווי אַזוי אליעזר דער אָנפירער פון די סיקאַריער האָט גערעדט צו די באַלאַגערטע אין מסדה. ער האָט צו זיי, די באַלאַגערטע יידן, גערעדט זיי זאָלן זיך נישט אונטערגעבן, נישט אַנטלויפן פון די רוימער. ער האָט זיי געפּרוווט איבערצייגן, אַז בעסער זאָלן זיי אַלע באַגיין זעלבסטמאָרד איידער אַריינפאַלן אין די רוימישע הענט. און פלאַוויוס דערציילט, אַז נאָך אליעזרס רעדע האָט זיך קיינער נישט אַרויסגעוויזן שוואַך פאַר דער שוידערלעכער אַקציע. אַלע האָבן אויסגעקוילעט זייערע ליבע.

עס איז צו צווייפלען צי די אַשכנזישע ייִדן, ביי די ברעגעס פון ריין האָבן מיט 1.000 יאָר צוריק געוווסט פון פלאוויוסעס „ייִדישע מלחמות". זיכער איז אָבער, אַז אָן אָפּקלאַנג, אַ בת־קול פון יענעם מסדה קידוש־השם איז פּאַרט צו זיי דערגאַנגען און פון דעם דאָזיקן ווידערקלאַנג איז געוואָרן די גרויסע טאַט פון דער אַליין־אָפּפערונג פון טויזנטער. אָבער שוין נישט ווי אַ לעגענדע נאָר אַ היסטאָרישע ווירק־לעכקייט.

**

מיר דערמאָנען, עס וועט נאָך מער אויסקומען שפּעטער צו דעם צו קומען, אַז דער כוח פון נוסח אַשכנז אין אונדזער געשיכטע איז דאָס וואָס הגם ער האָט דאָ אָדער דאָרטן געביטן געוויסע מאַניערן און ווירקט זיך אויס אין פאַרשיידענע וואַר־יאַנטן, איז ער דער דאָמינירנדיקער עד־היום.

ווילט זיך איבערשפּרינגען אַ קייט מיט תקופות, פון די ריינוס־ברעגן ביז די ווייסל־ און בוג־ברעגן, פון די קרייצפאָרער־שחיטות ביז די האַקנקרייצלער־פאַר־ניכטונגען.

אַ פּאָר געשיכטעס פון די דאָזיקע היינטצייטיקע געשעענישן וועלן מיר דאָ אַרויפברענגען:

... „אין אַ געוויסע נאַכט, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אַט וועלן די דייטשן שוין ליקווידירן דעם געטאָ האָט אַ גרופּע מענטשן, פון דער אינטעלי־גענץ, זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון וועלוול שרייבמאַן און באַשלאָסן צו באַגיין קאָ־לעקטיוון זעלבסטמאָרד. זיי האָבן שטאַרק אָנגעהייצט דעם אויוון, דעם רויך נישט אַרויסגעלאָזט, כדי זיך פאַרטשאַדען און נאָך אַריינגעגעבן זיך און די קינדער סם־איינשפּריצונגען. אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען געטראָפן אַ פאַרהאַקטע טיר און אַ רויך האָט געשפּאַרט. מען האָט אויפגעריסן די טיר און געטראָפן אַלעמען אין האַלב־טויטן צושטאַנד... צוזאַמען זענען עס געווען 41 מאַן...".

(פון גבית־עדותן פון געטאָ פּרוזשענע).

אויך דאָ ווייסן מיר פון אַ פעסטגעשטעלטן פאַל, אַז אַ מוטער האָט איר אייגן קינד איינגעשפּריצט סם.

אַ צווייטע געשיכטע דערציילט:

... „אין דער דאָזיקער נאַכט פון 15טן אָקטאָבער 1942, ווען מען האָט זיך אין געטאָ דערוווּסט, אַז מאָרגן ווערט דער געטאָ ליקווידירט, האָבן די ייִדן אויפגעקליבן אַלע ווערטפולע זאַכן און מאַשינעס, ניי־מאַשינעס און מלבושים און עס געבראַכט אין הויז פון שניידער אַברהם גרינבערג און אונטערגעצונדן דאָס הויז. צוזאַמען מיטן הויז האָט אָנגעהויבן צו ברענען דער ג ע ט א.

... די ייִדן האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט. זענען פיל באַגאַנ־

גען זעלבסטמאָרד, צווישן זיי דאָקטאָר ליכטיקער, דאָקטאָר שאַפּיראָ מיט זייערע משפּחות. אויך די מיטגלידער פון „יודענראַט" זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער גאַנצער יידנראַט האָט זיך קאָלעקטיוו אויפגעהאָנגען אין הויז פון אליה־משה עפּשטיין, אין זעלביקן צימער ווו זיי האָבן געהאַט די לעצטע זיצונג..."

(גבית־עדותן פון געטאָ קאַרטוז־בערעזע 3).

וויסן מיר נישט צי די פאַרשפּאַרטע אין די געטאָס פון פּרוזשענע און בערעזע, (וואָס האָבן געטאָן דאָס וואָס עס דערציילן עדות, וועלכע זענען דערביי געוועזן), האָבן געזען און געלייענט די כראָניקעס פון קידוש־השם פון זייערע אור־אור־עלטערן מיט אַ טויזנט יאָר צוריק. אָבער, אַז עס איז געווען אַ רעזולטאַט פון קידוש־השם על־פּי נוסח אַשכנז, דאַרף מען אָננעמען.

מעשה פּרוזשענע און בערעזע איז געשען אין אָקטאָבער 1942. וועגן די דאָזיקע קאָלעקטיווע זעלבסטמאָרדן האָט מען זיך דערוווּסט נאָך דער באַפרייונג פון באַגלייבטע גבית־עדותן. אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען וועגן דעם זיכער נישט געוווּסט. און אַט דערוויסן מיר זיך וועגן אַן ענלעכע טאַט אין דעם באַלאַגערטן אויפשטענדיקן וואַרשעווער געטאָ.

דערציילט אַ רעלאַציע פון ש. ל. שניידערמאַן, פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט", אַפּריל 1960 אין דער אַרבעט: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ (נייע פּרטים און דאָקומענטן) דאָס ווייטערדיקע:

„... אין דער דריטער וואָך פון אויפשטאַנד איז דאָס טראַגישע רעשטל יידן אין פלאַמענדיקן געטאָ געוואָרן דערשיטערט פון דער ידיעה וועגן דעם טראַגישן טויט פון מרדכי אַנילעוויטש און די וויכטיקסטע מיטגלידער פון שטאָב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

„דער שטאָב האָט זיך געפונען אין דעם גרויסן בונקער אויף מילאַ גאַס נומ' 18, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַרום 400 יידן. דער בונקער איז באַשטאַנען פון עטלעכע טיילן, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען פון די טויטן־לאַגערן: טרעבלינקע, פּאָניאַטאָוו, טראַווניקי, פּיאַסקי און — געטאָ.

„דער בונקער איז געווען די הויפּט־באַזע פון אויפשטאַנד. עס האָבן זיך דאָרט געפונען אַרום 100 גוט־באַוואָפנטע אויפשטענדלער. אַהין זענען געקומען די באַריכטן פון די פאַרשיידענע קאַמפּס־פּונקטן. פון דעם דאָזיקן בונקער זענען געגעבן געוואָרן די באַפעלן וועגן די ספּעציעלע אַקציעס און עס זענען געשיקט געוואָרן די קאָמוניקאַטן צו דער אַרישער זייט.

3)ביידע גבית־עדותן זענען אויסגענוצט אין „פּנקס פּרוזשענע, בערעזע, שערשעוו, מאַלטש און סעלץ" — בוענאָס־איירעס 1958.

„אין פרימאָרגן פון 18טן מיי, וואָס איז אויסגעפאַלן אין שבת, האָבן נאַציישע שטורעם־טרופן צוזאַמגערינגלט די חורבות אויפן שטח פון דער מילאַ גאַס און גע־עפנט אַ קאָנצענטרירטן פייער אויף דער פּאָזיציע פון שטאַב.

„וועגן אַנטלויפן האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל די נאַציס האָבן געהאַט אַרומגעשטעלט מיט מאַשין־געווער אַלע פינף צוגענג צום הויז פון מילאַ 18. עס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע שלאַכט. אַלס ענטפער אויף דעם עקשנותדיקן ווידער־שטאַנד מצד די געטאָ־קעמפער האָבן די נאַציס גענומען נוצן שטיקנדיקע גאַזן. זע־ענדיק, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף האָט מרדכי אַנילעוויטש אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די מיטגלידער פון שטאַב און אַלע האָבן איינשטימיק באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דער ערשטער האָט דעם באַשלוס אויסגעפירט לייב ראָטבלאַט, וועלכער האָט פריער דערשאָסן זיין מוטער. דאַן האָט איינער דעם צווייטן דערשאָסן.

פּלוצעם האָט עמעץ באַמערקט, אַז איין אַרויסגאַנג פון בונקער איז פריי. עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט.

„ווען פון אַ שכנותדיקן בונקער איז געקומען צו הילף אַ באַוואָפנטע גרופּע זענען שוין געלעגן טויט די וויכטיקסטע פירערס: מרדכי אַנילעוויטש און זיין חברטע, מיראַ פוכנער, פּאָנדאַמינסקי, אַנקערמאַן, שפּענצער, ווילנער, ראָטבלאַט און אַנדערע. בלויז מיכאַל רויזנפעלד, טאָשיאַ אַלטמאַן, יהודה ווענגראָווער און מנחם ביגעלמאַן זענען געוואָרן אָפּגעראַטעוועט. (זיי זענען שפּעטער אַלע געפאַלן אין די רייען פון די פּאַר־טיזאַנער) . . . ״

איז דען נישט אידענטיש די דאָזיקע שילדערונג צו דעם וואָס עס דערציילן די קידוש־השם־געשיכטעס פון אַשכנז ?

**
*

איך וויל דעם דאָזיקן קאַפּיטל פאַרענדיקן מיט אַ געוויסן פּאַראַלעל און טאַקע פאַרגלייך מיט אונדזער תקופה.

ספרד — שפּאַניע האָט צוגלייך מיט גרויסע קידוש־השם־מעשים אַריינגעפירט אין אונדזער געשיכטע אויך די אַנוסים — די מאַראַנען. די יעניקע וואָס האָבן גע־פונען אַ זכות אָדער אַ היתר אַנצונעמען לפנים דעם קריסטלעכן גלויבן אָבער אין געהיים פּלעגן זיי אָפּהיטן זייער יידישקייט־טראַדיציע.

קלאָר, אַז דאָס קאַפּיטל מאַראַנען פאַרמאָגט דערהויבענע קידוש־השם־מאָמענטן. זיי זענען געגאַנגען צו די אינקוויזיציע־פייניקונגען, זיי זענען אומגעקומען אויף די שייטערהויפנס. אומגעקומען, ווייל זיי האָבן אָפּגענאַרט די קריסטלעכע קירכע.

זיי האָט אָפּילו שוין נישט געהאָלפן קיין תשובה. פאַרקערט — די „כפּרה״ פאַר די דאָזיקע זינד איז געווען דער אויטאָ־דע־פע.

מיר קענען אָבער אין דער געשיכטע פון ספרד נישט געפינען די דאָזיקע מאַסנ־

האַפטע קידוש־השם־דערשיינונג פון דעם כאַראַקטער פון אַליין־אָפּפערונג. דאָרטן האָט דאָמינירט דאָס מאַראַנענטום — פאַרשטעלטע, אָפּגענאַרטע, מאַסקירטע ייִדיש־קייט (אָדער קריסטלעכקייט).

און מיר געפינען אין אַ ריי מקורים, אַז טייל בני־דור פון די שפּאַנישע גזירות באַקלאָגן זיך אויף די אינטעליגענטע, אויפגעקלערטע, הויכשטייענדיקע קרייזן פון ספרדישן ייִדנטום, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין פעסטע האַלטונג, זיי האָבן אין דער צייט פון נסיון נישט אויסגעהאַלטן, זיי האָבן זיך געשמדט 4).

שפּרינגען מיר ווייטער איבער יאָרהונדערטער; לאָזן מיר הינטער זיך תקופות און דורות און שטייען ווידער ביי אונדזער בלוטיקן דור פון די נאַצי־שחיטות.

אונדזער דור האָט אויך געהאַט מאַראַנען — די וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן". קיינער וועט און טאָר נישט וואַגן ווען צו משפּטן און זאָגן ווי אַזוי ער האָט געדאַרפט האַנדלען. אָבער אין דעם היסטאָרישן אַנאַליז פון דער צייט, אין דעם סך־הכל פון אונדזער בראָך זען מיר אָט וואָס:

פון דער שארית־הפליטה האָבן זיך צו דער רעקאָנסטרוקציע פון ייִדישן לעבן; צו דער אַרבעט אויפצובויען צוריק דעם צעשטערטן בית־ישראל גענומען ראשית־כל די לעבנגעבליבענע געטאָ־קעמפער און פּאַרטיזאַנער, זיי זענען געווען די ערשטע אויף אַלע געביטן און אויף אַלע פראָנטן. די יעניקע פון די „אַרישע פּאַפּירן" (אמת, נישטאָ קיין כלל אָן אויסנאַמען) זענען געווען פון די לעצטע, פון די וואָס זענען נאָכגעגאַנגען. און מיר ווייסן אויך, אַז עד־היום געפינען זיך נאָך זייער אַ סך פון די דאָזיקע „מאַראַנען" פון דער נאַצישער אינקוויזיציע אין די ערטער, וואָס זייער „גוטער אויסזען" און „פעסטע אַרישע פּאַפּירן" האָבן זיי אין יענע יאָרן אָפּגעראַטעוועט.

ווילט איר — האָבן מיר דאָ, אין מיניאַטור, אַ געוויסן פאַרגלייך צווישן דעם קידוש־השם על־פּי־נוסח־אַשכּנז און די שיטה פון מאַראַניזם.

4) יוסף יעבץ אין „אור החיים".

דריי לעגענדעס

פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דור צו דור, דערציילן גאָר אָפט אַ סך מער ווי דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון אַרכיוון. די היינטיקע וויסנשאַפט, און פריִער פון אַלץ די פאָרשערס פון געשיכטע, נוצן טאַקע אויס די דאָזיקע אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונגען ביים אויפקלערן אַ סך פאַרהוילענע פרטים פון געוועזענע תקופות. באַזונדער שפּילן די פאָלקס־געשיכטעס אַ וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, ווו עס פעלן גאָר אָפט די געהעריקע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פאַר דער געגעבענער תקופה אָדער קיבוץ. בעיקר אָבער העלפן די לעגענדעס ווי אויך פאָלקסלידער צו פאַרשטיין דעם גייסטיקן געמיט, די רוחניותדיקע אַטמאָספער און די אידייען־וועלט פון דער לאַנג־פאַרשווונדענער היסטאָרישער לאַנדשאַפט. ווועלן מיר דאָ ווייטער איבערדערציילן דריי לעגענדעס, וואָס זענען געבונדן מיט דעם בראשית פון אַשכנז, מיט יענער צייט פון 1000 יאָר צוריק ווען דער דאָזיקער נוסח האָט זיך אָנגעהויבן צו געשטאַלטיקן.

די דאָזיקע לעגענדעס ווערן געבראַכט אין „מעשה־בוך" 1). מיר ברענגען זיי אין אַ לשון וואָס איז גאָר נאָענט צו יענעם יידיש אין וועלכן זיי זענען אין משך פון צענדליקער דורות דערציילט און איבערדערציילט געוואָרן.

אַלע דריי פאָלקס־לעגענדעס זענען געבונדן מיט מאַינץ — דאָס וויגעלע פון אַשכנז, און געהערן טאַקע צו יענער תקופה ווען עס זענען געלייגט געוואָרן די גרונטשטיינער פון נוסח־אַשכנז.

מיר האַלטן זיך אין דעם כראָנאָלאָגישן סדר צו די טעג אין וועלכע די דאָזיקע געשיכטעס זאָלן האָבן פאַסירט.

---

1) דאָ ווערן די געשיכטעס איבערדערציילט נאָך דער דייטשישער אויסגאַבע פון „מעשה בוך", וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן דורך בערטאַ פאַפּענהיים, (פראַנקפורט ביים מאַין 1929), נאָך דער יידישער אויסגאַבע פון „מעשה־בוך", אַמשטערדאַם 1723.

1. אלחנן — דער יידישער פויפסט

די דאָזיקע לעגענדע איז די 193סטע געשיכטע אין דעם „מעשה־בוך", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט. דער רבי שמעון הגדול, וועגן וועמען עס דערציילט זיך אין דער געשיכטע איז בישט קיין לעגענדאַרע פערזאָן. ער איז באַקאַנט ווי רבי שמעון הגדול, אָדער רבי שמעון בן רבי יצחק בן אבון. ער האָט געלעבט מיט 1.000 יאָר צוריק אין מאַינץ און געווען אַ בן־דור פון רבנו גרשום מאור הגולה. ער איז געווען רב און שליח־ציבור אין מאַינץ. זיין זיידע אבון הגדול איז פון די ערשטע תושבים אין מאַינץ, געקומען פון דער שטאָט לע מאַנס אין פראַנקרייך.

רבי שמעון איז באַקאַנט מיט זיינע צאָלרייכע פיוטים, קינות און סליחות. איינער פון זיינע פיוטים, איז דער „יוצר" צום צווייטן טאָג ראש־השנה



די מצבה פון רבי שמעון הגדול וואָס איז געפונען געוואָרן אין יאָר 1922.

„מלך אמון". אין דאָזיקן פיוט איז אַריינגעפלאָכטן דער נאָמען פון זיין זון „אלחנן בני יחי לארך ימים" (מיין זון אלחנן, וואָס זאָל לאַנג לעבן), וואָס וועגן אים דערציילט די לעגענדע.

שמעון הגדולס שוועסטער איז געווען די מוטער פון רש"ין. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1015. אין יאָר 1922 ביים איבערבויען אַ טייל פון דעם שוצמויער פון מאַינץ האָט מען געפונען אַ שטיק פון זיין מצבה.

***

הונדערט־דריי־און־נייַנציקסטע געשיכטע. — געשעען איז דאָס ביי רבי שמעון הגדול. ער האָט געוווינט אין מאַינץ ביים ריין. דער דאָזיקער רבי שמעון האָט ביי זיך אין שטוב געהאַט הענגען דריי שפּיגלען און ער האָט דאָרטן אַלץ געקענט זען — סיי דאָס וואָס עס איז שוין אַמאָל געשען, סיי דאָס וואָס עס וועט געשען. אויך איז אויפן בית־עולם, צוקאָפּנס פון זיין קבר, געווען אַ לעבעדיקער וואַסערקוואַל. דער רבי שמעון איז געווען אַ גדול. האָט ער געהאַט אַ זון, אלחנן איז געווען זיין נאָמען. ער איז דאַן געווען נאָך אַ קליינער יינגל.

נו, איז איין מאָל געטראָפן, אַז די שבת־גויע האָט אין אַ געוויסן שבת געוואָלט איינהייצן אין שטוב, ווי עס איז דעמאָלט געווען די פירונג. האָט די גויע גענומען דאָס קינד און מיט אים אַוועק. די מויד, די דינסט, וואָס איז געווען אין שטוב, האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. זי האָט געטראַכט, אַז די גויע וועט באַלד צוריקברענגען דאָס קינד. די גויע האָט אָבער דאָס קינד גענומען און אַוועק און האָט אים געלאָזט אָפּשמדן. זי האָט געמיינט, אַז דערמיט ברענגט זי אַ קרבן. אין יענע צייטן האָבן זיי (די קריסטן) זייער שטאַרק געהאַלטן פון אָפּשמדן (יידישע קינדער).

ווען רבי שמעון הגדול איז געקומען פון שול אַהיים האָט ער די דינסט נישט געטראָפן, זי איז געלאָפן אויפזוכן די גויע מיטן קינד. זי האָט זיי אָבער נישט געפונען. האָט רבי שמעון נישט געטראָפן נישט די מויד און נישט דאָס קינד.

פּלוצלינג איז געקומען די מויד מיט אַ גרויס געשריי. פרעגט רבי שמעון פאַרוואָס שרייט זי. זאָגט זי צו אים:

— ליבער רבי, גאָט בעוואָר, די שבת־גויע האָט צוגענומען דאָס קינד, עס אַוועקגעטראָגן און איך ווייס נישט ווו עס איז אַהינגעקומען.

אַלזאָ, מען האָט אָנגעהויבן דאָס קינד אומעטום צו זוכן, אָבער מען האָט עס נישט געקענט אין ערגעץ געפינען. דאָס קינד איז פאַרלוירן געגאַנגען.

נון, האָבן טאַטע־מאַמע שטאַרק געיאָמערט נאָך זייער ליב קינד. רבי שמעון האָט געפאַסט טאָג און נאַכט, אָבער דער השם־יתברך האָט פון אים פאַרבאָרגן ווו דאָס קינד געפינט זיך.

נון, דאָס קינד איז זייער ווייט אַוועק, ער איז אַריינגעקומען אין די הענט פון די גלחים און זיי האָבן דאָס קינד דערצויגן און ער איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנ־טער. דען זיין האַרץ האָט ער געהאַט פון רבי שמעון הגדול.

דער יונג איז געגאַנגען פון איין היכשול צו דער צווייטער ביז ער איז געקומען קיין רוים, ווו ער האָט נאָך געלערנט אַנדערע וויסנשאַפטן און שפּראַכן ביז ער איז געוואָרן אַ קאַרדינאַל אין רוים און זיין נאָמען איז געוואָרן גאָר אין דער גאַנצער וועלט באַקאַנט. ער איז געוואָרן זייער חשוב און ער איז טאַקע געווען אַ שיינער דערצו.

סוף־דבר — געשעט, אַז דער פּויפּסט איז געשטאָרבן און דער יונג, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין חריפות און וויל־לערנען, איז געוואָרן דער פּויפּסט.

נון, האָט ער געוווסט, אַז ער איז אַ ייד, און אַז זיין פאָטער איז רבי שמעון הגדול פון מאַינץ. און דאָ איז ער גאָר צווישן די גוייִם אַזאַ חשובער מאַן געוואָרן.

איין מאָל טראַכט ער — איך וועל זען צו ברענגען מיין פאָטער פון מאַינץ אַהער קיין רוים.

דאַן שרייבט ער אַ בריוו קיין מאַינץ צו דעם דאָרטיקן בישאָף (ער איז דאָך געווען דער פּויפּסט, וואָס אַלע קאַרדינאַלן האָבן צו אים געהערט), אַז ער זאָל פאַר־ווערן די יידן צו האַלטן שבת, אַז יידן זאָלן נישט טאָרן מל־זיין זייערע קינדער און יידישע פרויען איז פאַרווערט אָפּצוהיטן די מיצווה פון טבילה.

דאָ האָט דער פּויפּסט זיך וויל געטראַכט, אַז זיין פאָטער וועט זיכער אַהער געשיקט ווערן כדי זיך משתדל צו זיין, אַז די זאַכן זאָלן אָפּגערופן ווערן. אַזוי איז עס טאַקע געשען.

גלייך ווי דער בישאָף פון מאַינץ האָט באַקומען דעם בריוו פון פּויפּסט האָט ער די יידן מודיע געווען וועגן דער גזירה. האָבן די יידן געוואָלט דעם בישאָף גוט מהנה זיין, כדי די גזירה זאָל נישט איינגעפירט ווערן. אָבער דער בישאָף האָט זיי געוויזן דעם בריוו פון פּויפּסט און ער קאָן גאָרנישט העלפן. זאָלן זיי בעסער אַליין פאָרן קיין רוים און דאָרטן פרוון דעם פּויפּסט מפייס זיין.

וואָס האָבן נעבעך די אָרעמע יידן געקענט טאָן? זיי האָבן תשובה געטאָן, גע־בעטן, געטיילט צדקה. און לסוף באַשטימט, אַז זיי שיקן קיין רוים רבי שמעון הגדול און נאָך צוויי רבנים, ער זאָל ביי דעם פּויפּסט פאַר די יידן פירשפּרעכן. אפשר וועט גאָט ברוך הוא העלפן און אַ נס וועט געשען.

נישט געקוקט אויף דער גזירה האָבן די יידן וויי טער, אין געהיים, די קינדער מל־געווען, ווייל זיי האָבן ביים בישאָף געפּועלט, אַז ביז זיי וועלן נישט קומען פון רוים זאָל ער די גזירה נישט איינפירן. דאָס איז אָבער געווען בסוד.

אַלזאָ, זענען זיי אַוועק קיין רוים, צום פּויפּסט. גלייך ווי זיי זענען אַהין אָנגע־קומען האָבן זיי זיך געמאָלדן צו די דאָרטיקע יידן, וועמען זיי האָבן דערציילט די גאַנצע זאַך. האָבן זיך די דאָרטיקע יידן שטאַרק געוווּנדערט, ווייל, זאָגן זיי, מיר ווייסן אַז דער פּויפּסט איז גאָר זייער אַ גוטער, זינט מענטשן געדענקען איז נאָך אַזאַ גוטער פּויפּסט פאַר די יידן נישט געווען. ער קען גאָר אָן יידן נישט לעבן. ער האַלט אויף בסוד יידן ביי זיך און זיי מוזן מיט אים אויך שפּילן אין שאַך. ווידער האָבן זיי גאָרנישט געהערט פון דער דאָזיקער גזירה. זיי מיינען, אַז די דאָזיקע קומט גאָרנישט פון פּויפּסט נאָר דער אָרטיקער, מאַינצער, בישאָף האָט עס אויס־געטראַכט.

דאַן האָט רבי שמעון הגדול אַרויסגענומען דעם בריוו פון פּויפּסט און עס בעוויזן די יידן פון רוים. זעענדיק דאָס האָבן זיי געזאָגט, ווייזט אויס, אַז דאָס איז עפּעס אַן ענין וואָס האָט אַ שייכות צו אייך אין דייטשלאַנד.

האָבן די יידן אין רוים אויך געטאָן תשובה, מתפלל געווען און געגעבן צדקה. די פּרנסים פון רוים זענען דאַן אַוועק צום קאַרדינאַל, וואָס איז מיט זיי געווען גוט באַקאַנט און האָבן אים געוואָלט פאַרגיטיקן. זאָגט צו זיי דער קאַרדינאַל, אַז דער בריוו איז פון דער אייגענער האַנט פון פּויפּסט געשריבן געוואָרן צום קאַרדינאַל אין מאַינץ, אַזוי אַז מיר קענען דאָ גאָרנישט אויסריכטן. ער האָט זיי אָבער געגעבן אַן עצה, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען זיי שרייבן אַ בקשה צום פּויפּסט.

גלייך ווי דער פּויפּסט האָט באַקומען די בקשה האָט ער זיך דערמאָנט וועגן גאַנצן ענין און ער האָט געהייסן די יידן זאָלן צו אים קומען. איז געקומען רבי שמעון הגדול צום עלטסטן קאַרדינאַל און פאַר אים פאַרגעשטעלט די מאַינצער שליחים און אַז זיי ווילן ריידן מיטן פּויפּסט פערזענלעך. האָט דער פּויפּסט געלאָזט וויסן, אַז ער וויל ריידן נאָר מיטן עלטסטן פון די יידן. אַזוי ווי רבי שמעון איז געווען דער עלטסטער, איז ער עס טאַקע געווען דער שליח פון גאָט.

גלייך ווי רבי שמעון איז אַריין צום פּויפּסט איז ער געפאַלן אויף די קני. דאַן איז דער פּויפּסט געזעסן מיט אַ קאַרדינאַל און געשפּילט אין שאַך. ווי ער האָט דערזען רבי שמעונען האָט זיך דער פּויפּסט שטאַרק דערשראָקן און געהייסן אים אויפשטיין און דערווייל זיצן ביז ער וועט פאַרענדיקן דאָס שפּיל.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס שפּיל האָט דער פּויפּסט געפרעגט רבי שמעונען וואָס עס איז זיין באַגער.

האָט דער גדול אָנגעהויבן מיט געוויין און געשריי און געוואָלט ווידער אַ מאָל אַנידערפאַלן אויף די קני פאַרן פּויפּסט. דער פּויפּסט האָט עס אָבער נישט געוואָלט ליידן און רופט זיך אָפּ:

— עס זענען צו מיר געקומען די ידיעות וועגן אייער פעלשעווען; אויסטער־לישע בריוו זענען פון מאַינץ אָנגעקומען און מיר האָבן געמוזט אייך די זאַכן פאַרווערן.

דער פּויפּסט האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט רבי שמעונען אַ פּילפּול און עס האָט געהאַלטן, אַז ער האָט געקענט, גאָט באַהיט, רבי שמעונען באַזיגן. ער, ר׳ שמעון, האָט זיך טאַקע שטאַרק געוווּנדערט וואָס אַזאַ האַרץ געפינט זיך צווישן גויים.

זיי זענען געבליבן צוזאַמען אַ האַלבן טאָג. דער פּויפּסט האָט נאָכדעם געזאָגט:

— מיין ליבער געלערנטער, איך האָב באַמערקט אַז דו ביסט גאָר וויל געלערנט. און די יידן האָבן טאַקע מיט רעכט דיר געשיקט. איך האָב דאָ יעדן טאָג

ייִדן, וואָס שפּילן מיט מיר אין שאַך. שפּיל זשע דו אויך מיט מיר איין מאָל אין שאַך. דיין ענין וועט פון דעם נישט ליידן.

רבי שמעון איז געווען אַ מייסטער אין שאַכשפּיל, וואָס זיין גלייכן איז אויף דער וועלט נישט געווען. אָבער דער פּויפּסט האָט אים געגעבן מאַט. דאָס האָט ביים גדול אַרויסגערופן גרויס פאַרוווּנדערונג.

ווידער האָבן זיי אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אמונה־ענינים. ווידער האָט עס ביי רבי שמעונען אַרויסגערופן גרויס פאַרוווּנדערונג, ווייל ער האָט פון פּויפּסט געהערט זייער אַ גרויסע חריפות.

ווען רבי שמעון האָט נאָך אַלץ פאַר אים זיך געקלאָגט און געבעטן וועגן דעם ענין וואָס ער איז צוליב דעם געקומען האָט דער פּויפּסט געהייסן אַרויסגיין אַלע קאַרדינאַלן.

דאַן האָט דער פּויפּסט אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז פון רבי שמעונען און אים געזאָגט:

— ליבער טייערער פאָטער, קענט איר מיר נישט?

דער פאָטער האָט געענטפערט: — פון וואַנען זאָל איך אייך, קעניגלעכע גנע־דיקייט, קענען?

זאָגט דער פּויפּסט:

— ליבער אַלטער פאָטער, האָט איר נישט אַמאָל פאַרלוירן אַ זון?

דאָס דערהערנדיק האָט זיך דער גדול דערשראָקן און זאָגט: — יאָ.

דאַן האָט געזאָגט דער פּויפּסט:

— איך בין דיין זון אַלחנן, דער וואָס איז דיר פאַרלוירן געגאַנגען דורך דער שבת־גויע. ווי גרויס די דאָזיקע עבירה איז וויים איך נישט, איך קאָן עס נישט זאָגן; איך טראַכט אָבער, אַז דער, וועמענס נאָמען עס זאָל געלויבט זיין, האָט עס אַזוי געוואָלט. דעריבער האָב איך דעם באַפעל אַרויסגעגעבן (די גזירות), דער־וואַרטנדיק, אַז דו וועסט צו מיר פערזענלעך קומען, וואָס עס איז טאַקע געשען. ווייל איך וויל צוריקקומען (צו די ייִדן) און דעריבער וועל איך די גזירה צוריק מבטל מאַכן.

דער פּויפּסט האָט אים געגעבן גוטע בריוו פאַר דעם בישאָף פון מאַינץ, אַז די גזירות זענען אָפּגערופן געוואָרן.

דאַן פרעגט אים דער זון:

— ליבער פאָטער, קענסטו מיר נישט געבן אַן עצה, אַז איך זאָל האָבן אַ פאַרגעבונג?

האָט זיך אָפּגערופן רבי שמעון:

— מיין ליבער זון, זאָרג נישט, דו ביסט אַן אונדזעריקער, ווייל דו ביסט דאָך נאָך אַ קינד געוועזן ווען דו ביסט פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן.

דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיין ליבער פאָטער, אָבער איך בין דאָך אַזוי לאַנג געוועזן צווישן גויים און איך האָב געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד, און די גוטע טעג, ווי דו זעסט האָבן מיר צוגעהאָלפן, אַז איך האָב נישט חוזר בתשובה געווען. קען איך דען האָבן אַ כפּרה?

לסוף האָט דער פּויפּסט געזאָגט:

— פאַר אַהיים אין נאָמען פון גאָט פון ישראל און ברענג די בריוו ווידער צו דיין בישאָף און זאָג נישט גאָרנישט וועגן מיר, איך וועל באַלד ביי דיר זיין אין מאַינץ. אָבער איך וויל אַן אָנדענק נאָך מיך לאָזן איידער איך וועל אַהין אַוועק, וואָס זאָל זיין גוט פאַר די ייִדן.

אַלזאָ איז רבי שמעון מיט זיינע חברים צוריקגעקומען צום בישאָף מיטן בריוו, אַז די גזירה איז, ברוך השם, אָפּגערופן געוואָרן, און אַלע זענען געוואָרן פריילעך.

האָט רבי שמעון דערציילט זיין פרוי די געשיכטע, וואָס עס איז מיט אים געטראָפן און אַז איר זון איז דער פּויפּסט אַליין.

ווי זי האָט עס דערהערט האָט זי אָנגעהויבן צו יאָמערן. אָבער רבי שמעון האָט צו איר געזאָגט:

— ערגער זיך נישט. מיר וועלן אונדזער זון באַלד צוריק האָבן ביי אונדז.

דער פּויפּסט האָט אָנגעשריבן אַ ספר וועגן אמונה און עס אַריינגעלייגט אין אַ באַשטימטן אָרט און האָט באַשטימט, אַז ווער עס וועט שפּעטער ווערן פּויפּסט זאָל שטענדיק אין דאָזיקן ספר אַריינקוקן. עס איז זייער אַ סך צו שרייבן, וואָס אין דעם דאָזיקן ספר שטייט געשריבן.

נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט גרויסע געלטער און קומט קיין מאַינץ און איז צוריק געוואָרן אַ חשובער ייִד און אין רוים האָט מען נישט געוווּסט, וווּהין ער איז אַהינגעקומען.

אויף דער דאָזיקער געשיכטע האָט רבי שמעון הגדול געמאַכט אַ „יוצר" אויפן צווייטן טאָג ראש־השנה.

דעריבער זאָלט איר נישט מיינען, אַז עס געשעען שלעכטע זאַכן. עס איז פאַר־לאָפן ווי מיר דערציילן דאָ.

אַנדערע זאָגן, אַז רבי שמעון הגדול האָט דעם זון דערקענט, טאָקע שפּילנדיק אין שאָך מיט אים. ווייל ער האָט באַמערקט, אַז ער מאַכט אַ צוג אין שפּיל, וואָס רבי שמעון האָט עס אים קינדווייז אויסגעלערנט. דאַן האָט ער באַמערקט, אַז דאָס איז זיין זון.

הקדוש ברוך הוא זאָל אונדזערע זינד מוחל זיין דורכן זכות פון רבי שמעון, זכותו יגן עלינו, אָמן, סלה.

**
*

אין דער דאָזיקער פֿאָלקס־מעשה זענען פֿאַראַן זיכערע היסטאָרישע פֿאַקטן. אין דער צייט זענען טאַקע געווען גזירות, וואָס מען האָט זיי אָפּגעשריבן. אויך איז אין דער זעלביקער צייט געשען אַ פֿאַקט וואָס אַ קאַטוילישער גלח וועצעלין האָט זיך מגייר געווען.

עס איז פֿאַראַן נאָך אַ נוסח פֿון דער דאָזיקער געשיכטע, ווו דער סוף ווערט פֿאַרענדיקט, אַז דער דאָזיקער פּויפּסט אלחנן האָט אויף זיך גענומען אַ שטראָף — ער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם טורעם פֿון דעם קלויסטער פֿון הייליקן פּעטרוס אין רוים און איז דערהרגעט געוואָרן.

2. דער קדוש ר׳ אמנון פֿון מאַינץ

צום ערשטן מאָל ווערט די דאָזיקע געשיכטע דערמאָנט אין דעם ספר „אור זרוע״ פֿון רבי יצחק בן משה מווינא (געבוירן אין בעמען אין יאָר 1180, געשטאָרבן אין ווין אין 1260). נאָכדעם איז די געשיכטע פֿון ר׳ אמנונס קידוש־השם אָפּגעדרוקט אין זייער פֿיל אויסגאַבעס פֿון ראש־השנה־דיקע און יום־כּיפּורדיקע מחזורים.

די דאָזיקע געשיכטע געפֿינט זיך אויך אין אונדזער פֿריער־דערמאָנטן „מעשה־בוך״, אונטער דעם נומער 231סטע געשיכטע.

אויך אין דעם פֿאַל ברענגען מיר די דאָזיקע לעגענדע לויט דער ווערסיע פֿון דערמאָנטן „מעשה־בוך״.

די גענויע צייט ווען דער דאָזיקער לעגענדאַרער אמנון האָט געלעבט איז שווער פֿעסטצושטעלן. קלאָר איז, אַז דער ר׳ קלונימוס בן רבנו משולם, צו וועמען ר׳ אמנון איז געקומען צו הלום האָט געלעבט אין מאַינץ אין דער צייט פֿון ערשטן קרייצצוג (1096), ווען ער קומט אום ווי אַ קדוש.

צוויי־הונדערט־דריי־און־זיבעצנטע געשיכטע — עס איז געשען מיט אַ גרויסן צדיק, זיין נאָמען איז געווען רבי אמנון, וואָס איז געווען אַ גאָר חשובער אין דעם הויף פֿון בישאָף אין מאַינץ. ער איז געווען אַ גאָר באַרימטער מאַן אין אַלע ענינים, אין לערנען, אין רייכקייט און איז געווען גאָר שיין. ער איז געווען אַ גרויסער חכם און האָט פֿאַרמאָגט פֿיינע מידות, וואָס אַ ייִד האָט נאָר געקענט פֿאַרמאָגן. דעריבער איז ער געווען גאָר געשעצט ביי אַלע פֿירשטן, גראַפֿן און שררות. זיי האָבן אים אַלע ליב געהאַט און האָבן אים גערן געזען ביי זיך. צו זיין פֿרומקייט איז נישט געווען קיין גלייכן.

איין מאָל ווען ער איז געווען אין הויף פֿון דעם בישאָף האָבן אים די פֿירשטן געזאָגט:

— מייסטער אמנון, נעם אָן אונדזער גלויבן, וועט דיר אונדזער האַר, דער בישאָף, מאַכן פֿאַרן גרעסטן בעל־יועץ, דען ער האָט דיר גאָר ליב. מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל מיטן האַר וועגן דיר גערעדט, אַז ער זאָל דיר ברענגען צו כבוד. האָט ער

אונדז געענטפערט, ווען דו וועסט זיך באַקערן (שמדן) און אָננעמען זיין גלויבן, וועט ער דיר צו גאָר גרויסן כבוד ברענגען. דעריבער בעטן מיר דיר — באַקער זיך דאָך סוף-כל־סוף.

אָבער רבי אמנון האָט וועגן דעם אַפילו נישט געוואָלט הערן.

איין מאָל האָט דער בישאָף אַליין מיט אים גערעדט, אַז ער זאָל זיך שמדן, אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט פאָלגן.

אַזוי האָט עס געדויערט פון טאָג צו טאָג, ער האָט זיך אָבער צו זייערע רייד נישט צוגעהערט.

אַ געוויסן טאָג איז דער בישאָף געווען גאָר צודרינגלעך צו רבי אמנונען, אַז ער זאָל זיך שמדן.

האָט רבי אמנון, כדי לויז צו ווערן, געענטפערט:

— איך וועל זיך וועגן דעם מיישב זיין און וועל אייער פירשטלעכע גנאָד געבן אַן ענטפער אין דריי טעג אַרום.

ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך אַזוי אַרום אַרויסדרייען פון דעם בישאָפס צודרינגלעכקייט און האָבן אַ ביסל מנוחה.

ווען ער איז אַרויס פון בישאָפס הויז האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטאָן; ווי אַזוי האָט ער געענטפערט דעם בישאָף, אַז ער וועט זיך מיישב זיין, צי ער זאָל אַוועק פון יידישן גלויבן; ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט וועגן דעם עניין פון שמדן זיך זיין אין ספק; ווי האָט ער געקענט, רחמנא־ליצלן, אין דעם הקדוש ברוך הוא לייקענען?

דאָס האָט זיך אים געלייגט שווער אויפן האַרצן; ווען ער איז געקומען אַהיים איז ער געווען שטאַרק טרויעריק און באַטריבט. ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן. זיין ווייב פרעגט אים וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן, וואָס איז געשען, עס איז דאָך גאָרנישט געווען זיין פירונג אַזוי טרויעריק צו זיין. ער האָט אָבער זיין הויז־געזינד גאָרנישט געוואָלט דערציילן. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל מיט טרויער אַריין אין קבר, איך וועל מיין קאָפּ נישט רוּק לייגן איידער איך וועל נישט תשובה טאָן אויף מיין עבירה.

ווען עס איז געקומען דער דריטער טאָג האָט דער בישאָף געשיקט אים רופן, ער זאָל זאָגן, וואָס איז געוואָרן מיט דעם ישוב־הדעת.

האָט רבי אמנון געזאָגט — ער וויל נישט קומען און ער האָט מיט אים גאָר־נישט וואָס צו טאָן.

דאַן האָט דער בישאָף צוויי מאָל נאָכאַנאַנד ווידער געשיקט נאָך אים. אָבער ער האָט נישט געוואָלט קומען.

דאַן האָט דער בישאָף געהייסן ברענגען דעם צדיק מיט גוואַלט.

ווי ער איז געקומען צום בישאָף האָט דער בישאָף געפרעגט רבי אמנונען:

— וואָס האָסטו זיך געטראַכט ווען איך האָב דריי מאָל נאָך דיר געשיקט און דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען. האָסט מיר אויך צוגעזאָגט אין דריי טעג צו געבן אַן ענטפער. פאַרלאַנג איך טאַקע היינט פון דיר אַן ענטפער אויף דעם וואָס מיר האָבן דיר געפרעגט.

דער צדיק האָט זיך אָפּגערופן:

— איך האָב פאַר אייך קיין שום ענטפער אויף אייערע פראַגן וואָס איר האָט געוואָלט אָדער ווילט נאָך אַלץ. דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל אייך אין דריי טעג אַרום געבן אַן ענטפער, האָב איך דאָס אַרויסגעבראַכט פון מיין מויל אומבאַוווסטערהייט און דאָס איז פונקט ווי איך וואָלט געלייקנט אין דעם הקדוש ברוך הוא. דעריבער וויל איך מיין אורטייל אויף מיר גופא אַרויסטראָגן. צוליב די ווערטער, אַז „איך וועל זיך מיישב זיין", זאָל מען מיר מיין צונג אויסשניידן, וואָס האָט עס אַזוי געזאָגט.

אַזוי אַרום האָט דער צדיק געוואָלט תשובה טאָן און מקדש־השם זיין.

דאַן האָט געזאָגט דער רשע, דער בישאָף:

— דעם אורטייל וואָס דו האָסט אויף זיך אַרויסגעגעבן גייט מיר אין גאַנצן נישט אָן. דאָס איז צו ווינציק. די צונג דיינע האָט דאָך געזאָגט דעם אמת וואָס דו מיינסט. אָבער דיינע פיס, ווייל דו האָסט צו מיר דערוווידערט צו קומען, זאָל מען זיי אָפּשניידן. אויך די אַנדערע גלידער פון דיין לייב וועלן מיר פייניקן.

ער האָט אים געהייסן אָפּשניידן די הענט און די פיס. און יעדעס מאָל ווען מען האָט אים אָפּגעשניטן איין גליד האָט ער אים נאָך אַלץ געפרעגט, צי ער וויל זיך שמדן און יעדעס מאָל האָט רבי אמנון געענטפערט — ניין! ער פלעגט יעדעס מאָל זאָגן:

— פייניקט מיר שטאַרקער, ווייל איך האָב דאָס פאַרדינט מיט מיינע ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט.

און ווען דער רשע האָט זיינס דערפילט און האָט אים געווג אָנגעפייניקט, האָט דער בישאָף געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אים אַריינלייגן אין אַ בעט, וווהין מען זאָל אויך צולייגן די אָפּגעשניטענע גלידער און דאָס בעט אַוועקטראָגן צו רבי אמנונען אין שטוב.

ווען רבי אמנונס פרוי און קינדער האָבן אים דערזען האָבן זיי אויפגעהויבן אַ גרויסן געיאָמער ווי איר קענט זיך עס פאָרשטעלן, ווי עס איז ביי זיי, נישט פאַר אייך געדאַכט, אויפן האַרצן געווען.

האָט דאַן רבי אמנון געזאָגט צו זיין ווייב און קינדער:

— ליב ווייב, איך האָב דאָס גאָר רעכט פאַרדינט ווי עס קומט מיר, ווייל איך האָב דעם הקדוש ברוך הוא געוואָלט פאַרלייקענען. אָבער איך האָף, אַז איצט, נאָך

דעם ווי איך האָב מקדש־השם געווען און אויף דער וועלט תשובה געטאָן, וועל איך האָבן מיין חלק פון עולם־הבא.

קורץ נאָך דעם איז אויסגעפאַלן ראש־השנה. האָט רבי אמנון געבעטן, אַז מען זאָל אים אַוועקטראָגן מיטן בעט אין דער שול און אַוועקשטעלן נעבן דעם חזן. מען האָט אים טאַקע אַוועקגעטראָגן אין דער שול און דאָס בעט געשטעלט ביים חזן.

ווען עס איז געקומען צו מוסף, ביי דער קדושה, האָט זיך דער צדיק אָפּגערופן צום חזן:

— וואַרט אַ ווײַלע שטיל, איך וויל מקדש־השם זיין, איידער איך גיי שטאַרבן.

ער האָט אָנגעהויבן די תפילה פון „ונתנה תוקף״, וואָס ווערט עד־היום געזאָגט ראש־השנה און יום־כיפור.

ווי ער האָט פאַרענדיקט די תפילה איז ער פאַרשוווּנדן און קיינער האָט אים מער נישט געזען. דער הקדוש ברוך הוא האָט אים גלייך צוגענומען צו אַלע צדיקים אין גן־עדן.

אין דריי טעג שפּעטער איז ער געקומען צו חלום צו זיין לערער רבי קלונימוס בן רבי משולם און געבעטן, אַז די תפילה ונתנה תוקף, וואָס ער האָט מחבר געווען, זאָל מען עס צעשיקן צו אַלע ייִדן, אומעטום, ווו זיי געפינען זיך, אַז זיי זאָלן עס זאָגן אין די פאַרכטיקע טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור.

ער האָט עס אַזוי געטאָן. עד־היום זאָגן מיר אומעטום דעם ונתנה תוקף ראש־השנה און יום־כיפור פאַר זיין נשמה וועגן.

הקדוש ברוך הוא זאָל אונדז אין זכות פון פרומען צדיק אויך לאָזן געניסן.

**
*

ווי עס זאָל נישט זיין מיט דער דאָזיקער לעגענדאַרישער אמנון־פיגור איז קלאָר, אַז די דאָזיקע געשיכטע געהערט צו די גאָר עלטסטע קידוש־השם־דערציילונגען, וואָס זענען געגאַנגען אין פאָלק. צי רבי אמנונס קידוש־השם איז טאַקע געבונדן מיטן שאַפן פון דעם פיוט „ונתנה תוקף״ איז נישט באַוויזן. קלאָר, אַז די דאָזיקע תפילה איז פון די גאָר עלטסטע אין אונדזער ליטורגיע־ליטעראַטור. סיי דער אינהאַלט, סיי דער בוי פון דער תפילה זאָגן, אַז זי איז אויפגעקומען אין מזרח.

אינטערעסאַנט איז אויך אָנצוגעבן, אַז אַן ענלעכע געשיכטע ווייסט די קריסטלעכע וועלט צו דערציילן וועגן זייערן אַ מאַרטירער עמעראַם, וואָס איז פאַרלאָפן אין רעגנסבורג אין 7טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע ווערסיע, די קריסטלעכע, האָט אויך אַ שייכות צו דער דריטער לעגענדע וואָס מיר וועלן דערציילן ווייטער.

3. רבי עמרם אין אָרון אויפֿן ריין

אויך די דאָזיקע לעגענדע נעמען מיר אַרויס פֿון דעם דערמאָנטן „מעשה־בוך", ווו עס איז די געשיכטע נומער 247.

אין טייל נוסחאות איז אָנגעגעבן, אַז די שיף איז אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אין רעגנסבורג, זי זאָל שווימען קיין מאַינץ. די דאָזיקע ווערסיע לייגט זיך בכלל נישט אויפֿן שכל, ווייל פֿון רעגנסבורג קיין מאַינץ איז נישטאָ קיין גלייכער וואַסערוועג.

צוויי־הונדערט־זיבן־און־פֿערציקסטע געשיכטע.

— אַ געשיכטע איז געשען מיט אַ חסיד וואָס האָט געהייסן רבי עמרם, וועלכער האָט געוווינט אין קעלן ביים ריין. דאָרטן האָט ער געהאַט אַ ישיבה. געשטאַמט האָט ער פֿון מאַינץ.

נון, ווען דער חסיד איז אַלט געוואָרן איז ער אויך קראַנק געוואָרן. האָט ער געשיקט נאָך זיינע תלמידים און האָט צו זיי געטאָן אַזוי צו זאָגן:

— מיינע ליבע תלמידים, איך ליג דאָ און וועל שטאַרבן. אַלזאָ איז מיין באַגער, דאָס איר זאָלט מיר ברענגען צו קבורה קיין מאַינץ, ווו עס ליגן מיינע עלטערן.

דאַן האָבן געזאָגט זיינע תלמידים צו אים:

— ליבער רבי, דאָס קענען מיר דיר נישט טאָן, ווייל עס איז אַ גרויסע סכנה אַזוי ווייט צו פירן.

האָט דאַן רבי עמרם ווידער געטאָן זאָגן:

— ווען איך וועל שוין זיין געשטאָרבן זאָלט איר מיר מטהר זיין און איר זאָלט מיר אַריינלייגן אין אַן אָרון און דעם אָרון זאָלט איר אַריינשטעלן אין אַ קליין שיפל און עס לאָזן מיטן ריין. דאָס שיפל וועט שוי גיין וווהין איך וויל.

ווי רבי עמרם איז געשטאָרבן האָבן זיינע תלמידים דורכגעפירט די טהרה און דעם אָרון אַריינגעלייגט אין אַ שיפל, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט אינעם ריין.

דאָ האָט דאָס שיפל אָנגעהויבן צו שווימען קעגן דעם שטראָם ביז עס איז נעקומען קיין מאַינץ.

ווי די מענטשן אין מאַינץ האָבן דערזען אַזאַ גרויסן וווּנדער, אַ שיפל שווימט קעגן שטראָם, זענען זיי זיך צונויפגעלאָפן און זיי זעען, אַז אינעווייניק ליגט אַ מת.

דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז דאָס איז זיכער עפּעס אַ הייליקער און ער באַגערט מען זאָל אים ברענגען צו קבורה. זענען די מענטשן געגאַנגען צום שיפל און געוואָלט אַרויסנעמען דעם אָרון. האָט זיך דער אָרון אָפּגערוקט הינטער־ווײַלעכטס און אַוועק פֿון די מענטשן.

זענען אַוועק די גויים און עס דערציילט דעם בישאָף פֿון מאַינץ.

דערווייל איז געקומען די גאַנצע שטאָט צולויפן צום רײַן, יהודים און גויים, להבדיל, צוזאַמען. ווי די ייִדן זענען צוגעגאַנגען צום ברעג אָנצוקוקן דעם גרויסן וווּנדער, איז דאָס שיפל צוגעשווומען צו די ייִדן.

האָבן די קריסטן געוואָלט אָנכאַפּן דאָס שיפל האָבן זיי עס נישט געקענט, ווײַל ווי נאָר די קריסטן האָבן געוואָלט אָנרירן דאָס שיפל פלעגט דאָס שיפל אַנטלויפן צוריק אין טײַך אַרײַן. מען האָט געזען, אַז דאָס שיפל באַגערט, אַז די ייִדן זאָל זיך מיט דעם פאַרנעמען.

דאַן האָבן די קריסטן צוגערופן די ייִדן און געזאָגט:

— גייט צום שיפל און זעט וואָס דאָרטן איז.

דאָס שיפל איז צוגעקומען צו די ייִדן און זיי זענען אַרײַן אין שיפל און האָבן געעפנט דעם אָרון. אין אָרון האָבן זיי געטראָפן אַ מת און דערבײַ איז געלעגן אַ בריוו. אין בריוו איז געשטאַנען געשריבן:

— מײַנע ליבע ברידער און פרײַנד, איר ייִדן פון דער קהילה־קדושה מאַינץ. זײַט וויסן, אַז איך, עמרם, בין צו אײַך געקומען צוליב דער סיבה וואָס איך בין געשטאָרבן אין דער קהילה־קדושה קעלן און איך באַגער פון אײַך, אַז איר זאָלט מיך ברענגען צו קבורה בײַ מײַנע עלטערן, וואָס ליגן אין מאַינץ. אײַך זאָל עס זײַן צום פרידן און אַריכת־ימים.

ווי די ייִדן האָבן געזען דעם בריוו האָבן אַלע אָנגעהויבן צו טרויערן און האָבן אַרויסגעטראָגן דעם אָרון אויפן ברעג.

דאָ האָבן די קריסטן אַרויסגעוויזן פיל עזותקייט און האָבן זיך געשטאַרקט קעגן די ייִדן און האָבן זיי געשלאָגן. אָבער די קריסטן האָבן נישט געקענט רירן דעם אָרון פון דעם אָרט.

דאָ האָט דער בישאָף גלײַך באַפוילן מען זאָל דעם אָרון באַוואַכן, אַז די ייִדן זאָלן אים נישט צונעמען. ער האָט געהייסן אויף דעם אָרט אויסבויען אַ תיפלה, וואָס איז געווען זייער גרויס.

די ייִדן האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע שתדלנות מיט בקשות, אַז זיי זאָלן קענען צונעמען דעם אָרון. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביז צום היינטיקן טאָג הייסט נאָך די קירכע מיטן נאָמען עמרם.

אַלע נאַכט פלעגט קומען רבי עמרם צו חלום צו זײַנע תלמידים און פלעגט זיי כסדר זאָגן:

— ברענגט מיר צו קבורה בײַ מײַנע עלטערן.

ווען די תלמידים פון קעלן האָבן געהערט וועגן דעם זענען שטאַרק טרויעריק געוואָרן און זענען געקומען קיין מאַינץ.

ווען זיי זענען געקומען קיין מאַינץ זענען זיי בײַנאַכט אַרויס פון דער שטאָט און אַראָפּגענומען אַ גנב וואָס איז געהאָנגען אויף דער תליה. זיי האָב אים אָנגעטאָן

ווייסע קליידער. זיי זענען אַוועק און אַרויסגענומען זייער רבי, רבי עמרמען פון אָרון און אַהין אַריינגעלייגט דעם גנב אין די ווייסע תכריכים. דעם רבי עמרם האָבן זיי געבראַכט צו קבורה ביי זיינע עלטערן.

דער הקדוש ברוך הוא איז צו די ייִדן געווען גנעדיק און עס איז געבליבן אַ סוד.

***

וועבן זיך די דאָזיקע דריי לעגענדעס אין די ווייטערדיקע דורות און תקופות אין פאַרשיידענע ניואַנסן און ווערסיעס.

בכלל פאַרנעמט אין אַשכּנז דער לעגענדאַרער עלעמענט אַ גאַר אַנגעזעענעם אָרט. די דאָזיקע אַשכּנז־לעגענדאָגראַפיע איז פריִער פאַר אַלץ געווידמעט געשיכ־טעס פון מסירת־נפש און קידוש־השם, ביישפּילן פון מקריב זיין זיך פאַר דעם גלויבן, פאַר דער אידייע. ווייטער וועלן מיר טאַקע זען ווי אַזוי וואָר און לעגענדע זענען דורכגעפלאָכטן אין דער געשיכטע פון אַשכּנז, סיי ווען עס רעדט זיך וועגן קהילות, סיי ווען עס דערציילט זיך וועגן יחידים.

אָט דער דאָזיקער לעגענדאַרישער עלעמענט האָט באַגלייט די גאַנצע טויזנט יאָר פון דער אַשכּנז־תקופה. מיר געפינען זיי אין יעדן דור און אין יעדן קיבוץ. עס איז נישט דער אָרט אויף דעם, אָבער מען קאָן דורכפירן אַ פּאַראַלעל פון די דאָזיקע ערשטע דריי אַשכּנז־לעגענדעס מיט די וואָס פילן אָן דער ייִדישער לעגענ־דאָגראַפיע פון מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין די חסידישע סיפּורים פון די ניסים און נפלאות. מיט ענלעכע געשיכטעס איז אויך איבערגעלאָדן אונדזער לעצטע בלוטיקע נאַצי־תקופה.

רבנו גרשום מאור־הגולה

מיר האָבן זיך שוין באַקאַנט מיט דער טעריטאָריע און מיט דער צייט, ווו און ווען עס איז אויפגעקומען דער אַשכנז־יישוב. מיר האָבן אויך אַריינגעבליקט אין די בלעטער, ווו עס ווערט דערציילט וועגן די בלוטיקע געבורטסווייען פון דעם דאָזיקן ניי־אויפגעקומענעם צענטער, וואָס איז געוואָרן אין משך פון טויזנט יאָר, און ווייטער, דער פירער און וועגווייזער פון די תפוצות. מיר מוזן זיך אָבער אויך באַקענען מיט די יחידים, מיט גרויסע גייסטער, וועלכע האָבן באַגרינדעט דעם נייעם נוסח, וואָס דער דאָזיקער צענטער האָט אָנגענומען.

דאָס יאָר 1960 איז טאַקע דער טויזנטסטער געבוירנטאָג פון יענעם, וואָס אים ווערט צוגעשריבן די בכורה צו זיין דער יסוד־לייגער פון אַשכנז. מיר מיינען רבנו גרשום בן יהודה, וואָס איז אַריין אין דער יידישער געשיכטע מיטן טיטל מאור־הגולה — דאָס ליכט פון דעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק.

אין דער צייט ווען רבנו גרשום איז געבוירן געוואָרן (ווי עס ווערט אָנגענומען פון דער מערהייט פון די היסטאָריקער), אין יאָר 960, זענען שוין ביי די ברעגעס פון ריין, ווי מיר האָבן עס שוין פריער געזען, געוועזן יידישע קיבוצים. די דאָזיקע יישובים האָבן שוין דאַן פאַרמאָגט זייערע פירער, טייל פון זיי גאָר גרויסע אויטאָריטעטן אין יידישער הלכה און יידישער טראַדיציע. אָבער אים — רבנו גרשומען — איז צוגעשריבן דער גרויסער אויפטו צו זיין דער יעניקער, וואָס האָט געלייגט די גרונטשטיינער פון דעם גייסטיקער געשטאַלטיקונג פון דעם נייעם צענטער. דערפאַר טאַקע האָט ער דאָך באַקומען דעם ערן־נאָמען מאור־הגולה.

***

וועגן רבנו גרשום איז שוין פאַראַן אַ גאָר גרויסע־ביאָ־ביבליאָגראַפישע ליטעראַטור. נישטאָ קיינער פון אונדזערע היסטאָריקערס, אָדער אַנדערע פאָרשער וועגן

געוויסע אַספּעקטן פון אונדזער געשיכטע, וואָס זאָלן פאַרבייגיין, און זיך נישט אָפּשטעלן לענגער אויף דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט. אין דעם רייכן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן רבנו גרשום פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די אַרבעט פון דעם יונגן ייִדישן געלערנטן שלמה איידלבערג, וואָס באַשעפטיקט זיך בעיקר מיט די שאלות און תשובות פון רבנו גרשום [1].

ווען מיר זיך דאָ, גאָר קורץ, אָפּשטעלן אויף רבנו גרשומס ביאָגראַפיע, כדי שפּעטער אַריבערגיין צו זיין ווערק, צו זיינע פאַרדינסטן ביים אויספורעמען דעם נוסח־אַשכנז.

די מערהייט היסטאָריקערס, ווי פריִער דערמאָנט, נעמען אָן פאַר רבנו גרשומס געבוירן־דאַטע דאָס יאָר 960. נישט אין גאַנצן אויפגעקלערט איז דאָס אָרט ווו ער איז געבוירן געוואָרן. טייל האַלטן, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פראַנצויזישער שטאָט, טייל, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין מעץ און אַנדערע ווילן באַווייזן, אַז זיין געבורטאָרט איז מאַינץ. ווי עס זאָל נישט זיין איז קלאָר, אַז אויפגעוואָקסן געוואָרן איז ער ביי די ברעגעס פון ריין און אַז זיין ערשטע דערציִונג האָט ער באַקומען אין מאַינץ.

וועגן זיין פאָטער, רבי יהודה, ווייסט נישט די ייִדישע געשיכטע־פאָרשונג קיין סך. מען ווייסט, אַז ר׳ גרשום האָט געלערנט אין מאַינץ ביי רבי יהודה בן מאיר הכהן, וועמען מען האָט אויך באַטיטלט הזקן (דער אַלטער) און איז אויך געווען באַקאַנט ווי „סיר לעאָן” אָדער „סיר לעאָנטין”. דער דאָזיקער זאָל האָבן אָפּגעשטאַמט פון איטאַליע. רבנו גרשום האָט געהאַט אַ ייִנגערן ברודער מכיר, אַ קענער פון תלמוד, מחבר פון אַ תלמודישן לעקסיקאָן „אלפא־ביתא דר׳ מכיר”. דער דאָזיקער מכיר האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט פיר זין — נתן, נחמיה, מנחם, יקיר, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָליע און פאַרנומען וויכטיקע פּלעצער אין דער פירונג פון די אויפגעקומענע קהילות אין אַשכנז.

מיר ווייסן אויך, אַז רבנו גרשום האָט אין מאַינץ געהאַט אַ פרוי, בונא, די טאָכטער פון דוד.

עס זענען געבליבן שפּורן פון אַ משפחה־טראַגעדיע ביי רבנו גרשומען. זיינער אַ זון האָט זיך אין דער צייט פון די קרייצצוג־גזירות געשמדט. ער זאָל האָבן געשטאָרבן נישט אומקערנדיק זיך צוריק צום ייִדישן גלויבן [2].

דער וויכטיקסטער פּרט פון רבנו גרשומס אויפטועז איז די גרינדונג פון דער ישיבה אין מאַינץ. פון דער דאָזיקער ישיבה איז טאַקע אַרויסגעקומען די גאָר

1) תשובות רבנו גרשם מאור הגולה — כונסו מתוך כתבי־יד וספרי ראשונים בצרוף מבוא, הערות וביאורים — על ידי שלמה אידלברג, ניו־יאָרק — תשט״ז.

2) מיר האָבן דאָ אַן אָפּקלאַנג פון איינער פון די פריִער־געבראַכטע לעגענדעס.

גרויסע פלעיאַדע פון די גדולים, פון די אמתע בויער און פאַרפעסטיקער פון דעם נייעם יידישן גייסטיקן צענטערביים ריין.

מען דאַרף בשום־אופן נישט פאַרשטיין, אַז ביז רבנו גרשומס איניציאַטיוו איז בכלל מאַינץ נישט געווען קיין מקום־תורה. אַט האָבן מיר שוין פריִער דערמאָנט רבנו גרשומס רבי, דעם רבי יהודה „סיר לעאָנטין". אין דער זעלביקער צייט, ביז רבנו גרשום האָט אויפגענומען זיין איניציאַטיוו האָבן שוין דאָרטן געווירקט באַקאַנטע אויטאָריטעטן און גדולים. מיר וועלן אַ פּאָר פון זיי דערמאָנען:

דעמאָלט איז דאָרטן געווען און געווירקט רבי משה בן קלונימוס, איינער פון די באַרימט־געוואָרענע פּיטנים, רעליגיעזע דיכטער.

אין דער זעלביקער צייט האָט דאָרטן געוווינט רבי אבון הגדול פון לע מאַנס (פראַנקרייך). דער זיידע פון דעם שפּעטער באַקאַנטן רבי שמעון הגדול.

צוזאַמען מיט די פריִערדיקע דאַרף מען אויך דערמאָנען דעם רבי משולם בן קלונימוס פון רוים, וועלכער האָט געהאַט דעם טיטל הגדול (דער גרויסער) און אויך גאון. איינער פון די אויסטייטשער פון תלמוד און באַרימט ווי אַ פּוסק. זיינע תשובות אין הלכה זענען פאַרגליכן געוואָרן צו די באַשלוסן פון די גאונים אין בבל, די העכסטע אויטאָריטעטן פון יענער צייט.

מיר וועלן אויך דערמאָנען די בני־דור פון רבנו גרשום:

רבי שמעון בן יצחק, אַן אייניקל פון רבי הגדול. ער איז געווען דער שליח־ציבור פון מאַינצער קהילה און געזעסן מיט ר' גרשומען אין אָרטיקן בית־דין. ער איז אויך געווען אַ פּייטן, מחבר פון אַ ריי עלעגיעס — קינות און סליחות. וועגן זיין זון, אלחנן, ווערט עס דערציילט די לעגענדע, אַז ער איז געוואָרן אַ פּויפּסט 3).

רבי יקיר, דער פאָטער פון רבי יעקב, וואָס איז געווען דער רבי פון רש"י.

ווי מיר זעען נאָר פון די עטלעכע אויסגערעכנטע איז מאַינץ ווייט נישט געווען קיין גייסטיקער מידבר און רבנו גרשום האָט שוין דאָרטן געטראָפן אַן אָרט פון תורה און חכמה. זיין אויפטו איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן מקום תורה פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן צענטער, וואָס האָט באַווירקט און אַרומגענומען די אַרומיקע עלטערע און ניי־אויפגעקומענע קהילות.

נאָך מער — ער האָט די דאָזיקע קהילות געמאַכט זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק אין דעם פּרט פון יידישער פירונג, סיי אין ענינים פון טראַדיציע, פון רעליגיעזן צערעמאָניאַל, סיי אין דער הינזיכט פון אינערלעכן שטייגער־לעבן אין דער משפחה און צווישן מענטש און מענטש.

ביז דעמאָלט פלעגן די קהילות פון ריין (און אויך פון פראַנקרייך) זיך ווענדן מיט זייערע אָנפראַגעס אין רעליגיעזע ענינים צו די גאונים פון בבל. מיר געפינען

3) זע פריִער אין קאַפּיטל „דריי לעגענדעס".

זייער אָפּט אין די גאונישע שאלות־ותשובות אַז די „אַנשי רינוס" פלעגן שיקן שליחים מיט שאלות, סיי אין רעליגיעז־צערעמאָניעלע סיי אין יורידישע ענינים פון בין אָדם לחברו, (צווישן מענטש און מענטש) צו די גאונים פון סוראָ און פומפּדיתאָ, די צוויי ישיבה־צענטערס פון בבל. אין סוף פון צענטן יאָרהונדערט זענען אַזעלכע שאלות אָנגעקומען צו רבי שרירא גאון און אין אָנהייב פון 11טן יאָר־הונדערט צו רבי חאַי גאון, די לעצטע גאונים פון דער בבל־תּקופה.

מיטן וווקס פון די ייִשובים ביי די ברעגעס פון ריין, זיכער אויך מיט די שווערקייטן פון יענער אומרויִקער און דינאַמישער צייט, די פּאָליטישע געשעע־נישן און די ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכע געענדערטע פאַרהעלטענישן, האָבן גע־בראַכט צו דער נויטווענדיקייט, אַז די „אַנשי רינוס" זאָלן האָבן אַן אייגענעם תּורה־ און חכמה־צענטער און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף די פּסקים און תּשובות פון ווייטן בבל.

דעם דאָזיקן אויפטו, וואָס רבי יהודה בן מאיר, דער „סיר לעאָנטין" האָט אָנ־געהויבן האָט רבנו גרשום דערפירט צו פּערפעקציע. ער האָט אין מאַינץ געשאַפן אַ גרויסע ישיבה, וואָס אין איר האָבן זיך געלערנט הונדערטער תּלמידים פון די דעמאָלטיקע ריין־קהילות. מאַינץ, מיטן רבנו גרשום בראש, ווערט, פריִער פאַר די ריינישע קהילות, און שפּעטער פאַר אַלע תּפוצות, דאָס, וואָס עס איז ביז דאַן גע־ווען בבל, מיט די דאָרטיקע ישיבות סורא און פומפּדיתא בראש.

די גרינדונג פון דער ישיבה אין מאַינץ און די שייכות פון רבנו גרשום צו איר איז אַרומגעוועבט מיט דער וויטערדיקער לעגענדע 4):

געוועזן איז עס מיט אַ טויזנט יאָר צוריק. אויף אַ שטויביקן וועג, נישט ווייט פון טייך ריין, איז געגאַנגען אַ ייִדיש בחורל. פון דער ווייטנס האָט ער דערזען אָנקו־מען אַ מענטשן און ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן: אפשר איז דאָס אַ בייזער מענטש, אַ גזלן?

אָבער ווען דער מענטש איז געקומען נעענטער, האָט דאָס בחורל געזען, אַז דאָס גייט אַ ייִד. האָט ער זיך זייער דערפרייט. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דער עלטערער האָט געפרעגט:

— וווהין גייסטו, מיין יונגער פריינד?

— איך בין אַ גאָלדשמיד, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָ נישט ווייט, אין אַ שכנותדיקער שטאָט, זיצט אַ באַרימטער מייסטער. וויל איך זיך לערנען ביי אים און בעסער קענען מיין פאַך. און וווהין גייט איר?

— איך גיי קיין ווענעציע, אין איטאַליע. פון דאָרטן וועל איך פאָרן מיט אַ שיף איבער דעם מיטללענדישן ים און נאָך דעם וועל איך גיין קיין בבל.

4) איבערגעגעבן נאָך „היסטאָרישע געשטאַלטן" פון יודל מאַרק, בוענאָס־איירעס, 1957.

— אויב איר קלייבט זיך אין אַזעלכע ווייטע לענדער, האַנדלט איר אַוודאי מיט טייערע שטיינער און אַנדערע טייערע זאַכן. פאַר וואָס־זשע גייט איר צופוס און אָרעם איז אייער אויסזען? — האָט דאָס בחורל זיך געוווּנדערט.

— איך האַנדל נישט מיט קיין טייערע שטיינער — האָט דער עלטערער גע־לאַסן געענטפערט. די ייִדן פון מיין שטאָט שיקן מיך קיין בבל, ווייל דאָרטן זענען פאַראַן די גרעסטע געלערנטע לייט פון יידישן פאָלק. זיי קענען גוט דעם תלמוד, דאַרף איך גיין אַהין צו דערוויסן זיך וועגן אונדזערע ייִדישע געזעצן.

— עס זענען דאָך פאַראַן אַזוי פיל ייִדן אין אַלע שטעט ביים מאַין און אָרום ריין. דאַרף מען גיין אַזוי ווייט זיך צו דערוויסן וועגן ייִדישע געזעצן? — האָט דאָס בחורל נישט געקענט פאַרשטיין.

— מיר גייען דאָ אַרום ווי אין דער פינצטער, אָן ליכט פון וויסן — האָט דער עלטערער אָפּגעזיפצט, — ווייל מען וויסן, מוז מען גיין קיין בבל, פאַרפאַלן.

— זאָל זשע גאָט באַגליקן אייער וועג — האָט דאָס בחורל פרום צוגעווונטשן.

— ווער דער בעסטער גאָלדשמיד אין לאַנד! — האָט דער עלטערער זיך צע־שיידט מיטן בחורל...

ווען דאָס בחורל איז ווייטער געגאַנגען, האָט ער געטראַכט: פאַרוואָס דאַרפן אַזוי פיל ייִדן פון אַרום דעם טייך ריין אָנקומען צו די געלערנטע לייט פון בבל? ער וועט זען צו ווערן נישט נאָר אַ גוטער גאָלדשמיד — ער וועט ווערן אַ גרויסער געלערנטער, אַזאַ גרויסער, אַז ער וועט אָנווייזן ווי צו לעבן נאָכן ייִדישן געזעץ נאָך.

אַזוי האָט דאָס פאָלק זיך פאַרגעשטעלט דעם אויפקום פונעם גייסטיקן צענטער אין אַשכנז. דאָס בחורל וועגן וועמען די מעשה ווערט דערציילט איז עס דער שפּע־טערדיקער רבנו גרשום מאור־הגולה.

נישט וויכטיק צי דער דאָזיקער בראשית איז טאַקע אַזוי פאָרגעקומען. היס־טאָריש איז אָבער דער פאַקט, אַז מיט רבנו גרשומען איז אויפגעבויט געוואָרן דער דאָזיקער, אומאָפּהענגיקער פון בבל, מקום־תורה, וואָס האָט באַלויכטן די תפוצות. פאַר אַלע שפּעטערדיקע תקופות איז געוואָרן מאַסגעבנדיק דער דעמאָלט אויפגעקו־מענער נוסח, וואָס האָט זיך באַזירט אויף די תקנות פון רבנו גרשום.

מיר וועלן טאַקע באַלד זיך באַקענען מיט די דאָזיקע תקנות, מיט די נייע כללים און באַשטימונגען, וואָס דער מאור־הגולה האָט איינגעפירט. איידער מיר קומען דערצו ווילן מיר נאָך צוגעבן אַ פּאָר פּרטים צו דער פּערזענלעכקייט פון דעם בעל־התקנות.

רבנו גרשום האָט זיך נישט באַנוגנט נאָר מיט דעם וואָס ער האָט אויפגע־שטעלט די גרויסע ישיבה אין מאַינץ. ער האָט אויך דורכגעפירט אַ ריי אויסבע־סערונגען אין די טעקסטן פון תלמוד. עס זענען דאַן נישט געווען קיין דרוקערייען. מען האָט געלערנט פון איבערגעשריבענע טעקסטן, וועלכע זענען נישט זעלטן גע־

ווען פאַרגרייזט. ער האָט דורכגעקאָנטראָלירט זייער פיל תלמוד־מאַנוסקריפּטן, קאָרעגירט די פעלערן און צו טייל טראַקטאַטן אָנגעשריבן פירושים. זיין פעסטגע־שטעלטער תלמוד־טעקסט איז טאַקע דער אָנגענומענער אין דער יידישער וועלט.

רבנו גרשום האָט חוץ זיין גרויס געלערנטקייט אויך פאַרמאָגט שטאַרקע אָר־גאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. חוץ דעם וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט די תלמוד־טעקסטן האָט ער מיט זיינע תקנות אויסגעבויט די ראַם פון דעם יידישער „מלוכה אין מלוכה", פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין דער נישט־יידישער אַרומרינגלונג. אין דעם פּרט איז ער געווען אַ רעפאָרמאַטאָר פון אַ גאָר ברייטן פאַרנעם.

צום סוף — רבנו גרשום איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער פּייטן. ער איז דער מחבר פון אַ ריי פּיוטים — תפילות פאַר פאַרשיידענע יום־טובים; קינות און סליחות. אין זיי קומען טאַקע צום אויסדרוק די פּיינען פון זיין צייט. עס זענען באַ־קאַנט צען פון זיינע שאַפונגען, וואָס זענען לעצטנס אויפגעקליבן געוואָרן און זענען דערשינען מיט אַ ריי באַמערקונגען, אויסטייטשונגען און וויסנשאַפטלעכע קאָ־מענטאַרן 5).

גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שטימונג איז די סליחה „איה כל נפלאותיך הגדולות והנוראות", וואָס ווערט געזאָגט אין דער פערטער סליחות־נאַכט. דאָ קומט רבנו גרשום צו גאָט מיט אַ טענה און פאָדער — ווו זענען דיינע וווּנדער און דיינע מוראס?

אין דער דאָזיקער סליחה רופט ער אויס:

ווו זענען אַלע דיינע וווּנדער און דיינע מוראס
פון וועלכע אונדזערע טאַטעס דערציילן זינט דורות?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
היינט ליגן מיר איבער דער וועלט צעטראָטן און צעריסן,
און עס איז דער קץ פאַרבאָרגן, קיינער קען ניט וויסן.
גיב פרישע כּוחות אונדז, ווייל אונדזער קראַפט איז אָפּגענומען,
דאָס רשעות פון דער וועלט איז גרויס און לאָזט צו זיך ניט קומען.
פון צייט צו צייט אַלץ ווערן דריקנדיקער מיינע צוואַנגען,
דער קומענדיקער טאָג איז ערגער פון דעם טאָג, וואָס איז פאַרגאַנגען.
כ'בין מיד דעם יאָך פון בלוט־און־גאָלד־ייִציקן פאָלק צו טראָגן,
וואָס האַלט אין איין שרייען: מעסט און ברענג וואָס מער צוטראָגן.

(יידיש פון י. י. שוואַרץ)

5) סליחות ופזמונים מרבנו גרשום מאור הגולה, ירושלים תש"ד.

רבנו גרשום האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ גאַלעריע פון תלמידים, וואָס האָבן זיין לערע און זיין פירונג ווייטער ממשיך געווען.

פון די ערשטע וואָס האָט אַרויסגעהויבן גאָר ברייט דעם נאָמען פון רבנו גרשום און צווישן אַנדערע אַריינגעפירט דעם טיטל מאור-הגולה איז געווען רש״י, וואָס איז געווען אַ תלמיד פון רבנו גרשומס אַ תלמיד. ער שרייבט וועגן אים:

... „און אונדזער לערער גרשום זאָל דער נאָמען פון צדיק און קדוש דערמאָנט ווערן מיט בענטשונג איז געווען דער וואָס האָט באַלויכטן די אויגן פון דער גולה. מיר אַלע לעבן פון זיין מויל און אַלע קינדער פון גלות אַשכּנז און כותים (געמיינט איטאַליע) זענען זיינע שילער און תלמידים פון זיינע שילער״ 6).

פון דאַן אָן האָט זיך טאַקע אָנגענומען דער טיטל „מאור-הגולה״.

געננוי וועגן דעם טויט פון רבנו גרשום איז נישט קלאָר, עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען, אַז ער איז געשטאָרבן צווישן די יאָרן 1028—1040.

אויפן אַלטן מאַינצער בית-עולם איז, ביז דעם נאַצי-אויפמאַרש, אויפגעהיטן געוואָרן די מצבה נאָך רבנו גרשום מאור-הגולה.

---

6) דער ווערטלעכער טעקסט פון רש״ין איז:

„רבנו גרשום זכר צדיק וקדוש לברכה שהאיר עיני הגולה וכולנו מפיו חיין וכל בני גלות אַשכנז וכותים תלמידי תלמידיו הן״ — אין די „תשובות חכמי צרפת ולותיר״, סימן כ״א, אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ווין תרמ״א (1881).

די מצבה פון רבנו גרשום מאור הגולה, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט אויפן אַלטן מאַינצער בית־עולם

די תקנות פון רבנו גרשום

איבערזעצן דאָס וואָרט תקנות אויף אונדזער היינטיקן טאָג־טעגלעכן לשון וואָלט געמיינט אַ סכום פון כללים און געזעצן; אַ צאָל פון פונקטן און יסודות פאַר אַ רעגולאַמין צו דער פירונג פון דער ייִדישער עדה — הכלל אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער ייִדישער „מלוכה אין דער מלוכה״. און ייִדן האָבן שוין דאַן, מיט טויזנט יאָר צוריק, ביי די ברעגעס פון ריין, מיט זיך טאַקע פאַרגעשטעלט אַ מין געשלאָסענע איינהייט אין דער אַלגעמיינער רעגירונג־סיסטעם פון לאַנד.

כדי צו פאַרשטיין דעם זין פון דער דאָזיקער „ייִדישער קאָנסטיטוציע״ און פאַרוואָס מען האָט דאַן געדאַרפט באַשטימען די תקנות, מוז מען זיך באַקענען מיט דעם געזעלשאַפטלעכן מצב, מיט דער ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די ייִדן און זייער דעמאָלטיקן פּאָליטיש־יורידישן סטאַטוט.

הגם עס איז פאַרנעפּלט דער פאַקטישער בראשית פון דער ייִדישער איינגעזעסנקייט אַרום ריין און ווען אַפילו עס זאָל זיין ווי עס ווילן געוויסע היסטאָריקערס, אַז אין איניקע ערטער (מאַינץ, רעגענסבורג, טריער א״א) זענען שוין ייִדן געווען נאָך פריִער, איז זיכער, אַז די גרעסטע צאָל ייִדישע קיבוצים זענען דאָרטן אויפגעקומען אין דעם 10טן און 11טן יאָרהונדערט. די נעמען פון די יחידים, וואָס מיר ווייסן פון יענער צייט — צי דאָס זענען די פירער, די געלערנטע פון די קהילות, אָדער די אַנדערע פאַרזענלעכקייטן — באַווייזן, אַז דאָס זענען געווען געקומענע פון דער פרעמד. מיר געפינען צווישן זיי איינגעוואַנדערטע פון איטאַליע, פון פראַנקרייך און אַנדערע ערטער.

די דאָזיקע „נייע עמיגראַציע״ (באַנוצנדיק זיך מיט אינדזער היינטיקן געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן) האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ירושה פון די „אַלטע היימען״. זיי האָבן געפּרווווט די דאָזיקע מיטגעבראַכטע מיט זיך פירונגען, שטייגער־לעבן, אַריינפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען. אויך דאָרטן, אין די פאַרלאָזענע היימען האָבן

זיי געלעבט „פּאַרזיך״, געהאַט אייגענע מינהגים און פּירונגען, וואָס האָט זיי אָפּגע־טיילט און אויסגעטיילט פון דעם נישט־ייִדישן אַרום. אויך דאָרטן זענען זייערע באַשעפטיקונגען געווען אַנדערע ווי די פון זייערע מיט־שכנים; אויך דאָרטן האָבן זיי געהאַט זייערע אייגענע קהל־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס צו רעגולירן זייערע אינערלעכע, ייִדישע, ענינים.

האָט מען קאָפּירט, אימיטירט דאָס פריִערדיקע לעבן און סדר. עס פלעגן אָבער אַרויסשווימען נייע שווערע שאלות; אַ גאַנצע ריי פרישע פּראָבלעמען האָט זי גע־שטעלט פאַר די נייע תושבים, אַזעלכע וואָס זיי האָבן עס נישט געהאַט אין די „אַלטע היימען״. פלעגט מען שיקן שליחים מיט אָנפראַגעס צו דעם אויטאָריטעטיוון צענ־טער פון דער ייִדישער תפוצות־אָנפירערשאַפט — קיין בבל.

די קהילות ביים ריין זענען אָבער שנעל געוואָקסן. דאָס אַרומיקע לעבן (סיי די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, סיי די פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע פאַרהעלטע־נישן) זענען געווען אַנדערע. עס הייבן זיך אָן שטעלן אויפן סדר־היום פון דעם כלל ווי אויך פאַר יחידים, ענינים, וואָס מען קאָן נישט לאָזן וואַרטן ביז עס וועט קומען אַ תשובה פון ווייטן בבל. מען מוז אין געוויסע פאַלן האַנדלען גיך און טאַקע גלייך אויפן אָרט. דאָס זענען ענינים, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער וואַנדערונג־שטראָם (משפחה־פּראָבלעמען, פאַרלאָזענע פרויען, צעשטערטע היימען): ענינים פון דעם נייעם מלוכה־סדר (פּראָבלעמען פון אַנדערע שטייער־סיסטעמען, סוחרישע קאָנ־קורענץ, חזקה א״אַ).

די וועלט בכלל איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. דאָס וואָס עס איז געווען ריכטיק און אָנגענומען מיט יאָרן צוריק אין סורא און פּומפּדיתאָ איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר שפּייער, וואָרמס, מאַינץ און טריער.

עס וואַקסט אויס די נויטווענדיקייט פון אַן אייגענער און טאַקע אין געוויסע פּרטים רעפאָרמירטער „קאָנסטיטוציע״ פאַר דעם נייעם ייִדישן קיבוץ. דאָ קומען מיר צו די וואָרע וואָרצלען פון דער לעגענדע וועגן דעם אַלטן שליח, וואָס גייט מיט אַ שאלה קיין בבל, ווען עס האָט געטראָפן דער יונגער וואַנדערער ביים ריין. דער לעגענדאַרער יונגער וואַנדערער ווערט דער היסטאָרישער רעפאָרמאַטאָר, דער בעל־התקנות רבנו גרשום.

די ייִדן האָבן אין די דאָזיקע נייע ערטער פאַרנומען אַ גאָר אָנזעעוודיקן אָרט אין דעם אָרטיקן ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישן לעבן און גאָר באַזונדער אין די פאַרבינדונגען פון דעם דאָזיקן געביט מיט ווייטע און נאָענטע מדינות. מען דאַרף אויך אָננעמען, אַז זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע, אפשר פּיאָנערישע, ראָלע ביים אויפבוי און אַנטוויקלונג פון די שטעט ביים ריין און מאַין.

עס דערציילן דאָקומענטן, אַז די באַלעבאַטים פון אַ ריי שטעט, די בישאָפן, האָבן אין פּריווילעגיעס פאַר די שטעט גאָר בולט אַרויסגערוקט דעם ייִדישן עלע־

מענט, וואָס זאָל באַווירקן דעם וווקס און אויפבוי פון דער שטאָט. די „פריווילעגיע" פון דעם בישאָף אין שפּייער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ווייל איך וויל אויך דעם קליינעם יישוב, שפּייער, דערהייבן צו דעם מצב פון אַ שטאָט, האָב איך אַהין פאַרבעטן די יידן". אין דעם זעלביקן דאָקומענט לייענען מיר ווייטער: „איך געפין אויס, אַז איך וועל גרעסער מאַכן דעם אָנזען פון אונדזער שטאָט ווען איך וועל אין איר טויערן פאַרבעטן די יידן".

עס איז גאָרנישט קיין צופאַל וואָס קאַרל דער גרויסער האָט בראש פון זיין דעלעגאַציע קיין אַראַביע (ווי מיר האָבן עס פריער דערמאָנט) געשיקט דעם אַאַכע־נער ייד יצחק. די יידן זענען דעמאָלט צוליב זייער פיל סיבות און צוליב פאַרשיי־דענע טעמים געווען די וועלט־פאַרבינדער. פריער פאַר אַלץ טאַקע צוליב דער תפוצות־געמיינזאַמקייט פון די צעזייט־און־צעשפּרייטע קיבוצים. זיי זענען דעריבער געווען אויסגעצבונדן מיט דעם וועלט־מיסחר, געוווסט ווו, וואָס מען קאָן איינהאַנד־לען; ווו, וואָס עס פאָדערט זיך; זיי האָבן באַהערשט פרעמדע שפּראַכן און צוליב דעם געהאַט אַ רוטין אין האַנדל און פאַרמיטלונג.

פון אַלטע אַרכיוו־דאָקומענטן, און פריער פון אַלץ פון די רבנישע שאלות־ותשובות, קענען מיר זיך שאַפן אַ כמעט בולט בילד פון די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די יישובים ביים ריין. מיר קענען באַשטימט זאָגן מיט וואָס זיי האָבן זיך באַשעפטיקט, וואָס פאַר אַ סחורות און פּראָדוקטן זיי פלעגן אַריינפירן און אַרויספירן; מיר ווייסן אַפילו די פאָרמען פון זייערע פינאַנץ־אָפּעראַציעס און איינ־געשטעלטע רעגעלן פון מיסחר, קאָנקורענץ, קעגנזייטיקע אָפּמאַכן און אייגנטום־רעכט. יידן האָבן געהאַנדלט מיט זאַלץ, פלייש, מעדיקאַמענטן, ווייַן, כעמישע־ און פאַרב־מאַטעריאַלן. זיי פלעגן פּאַכטן ווייַנגערטנער; פלעגן האָבן אייגענע שיפן, וואָס פלעגן פירן סחורות מערב־לים; זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט די גרויסע האַנדלס־צענטערן אין מערב און מזרח.

זייער רעכטלעכער סטאַטוט איז געווען געזיכערט דורך די שררות פון די שטעט, ווו זיי האָבן געוווינט. פלעגן צו זיי צאָלן שטייערן און פון זיי געהאַט גע־זיכערט שוץ. בעיקר זענען עס געווען די בישאָף־שטעט: וואָרמס, טריער, מאַינץ, מעץ, קעלן, רעגנסבורג, שפּייער און אַנדערע. זענען טאַקע די דאָזיקע שטעט גע־ווען פון די וויכטיקסטע גלידער אינעם רוקנביין פון דעם נייעם אויפגעקומענעם יידישן קיבוץ אין אַשכנז.

יידן האָבן אין רוב פון די דאָזיקע ערטער געוווינט אין באַזונדערע יידישע קוואַרטאַלן. אָבער דאָס זענען נישט געווען אַרויפגעצוווּנגענע, ווי גזירות, יידישע געטאָס. פאַרקערט, די דאָזיקע קוואַרטאַלן זענען באַטראַכט געוואָרן ווי פּריווילע־גיעס פאַר די יידן. יידן האָבן מיט אייגענעם ווילן אויסגעקליבן די דאָזיקע וווינ־ערטער, כדי צו זיין צווישן אייגענע; כדי צו קענען אין קאָמפּאַקטער קאָנצענטראַציע



די תקנות פון רבנו גרשום מאור־הגולה, זיך אויפגעהיט אין דער פראַנקפורטער שטאָטישער ביבליאָטעק

אויסלעבן זיך לויט זייער אייגענעם שטייגער און טראַדיציע. די דאָזיקע אָפּגע־טיילטקייט האָט געבראַכט צום אויפקום פון דער יידישער אַליינפאַרוואַלטונג. דאָ ווערן געשאַפן די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף; פאַרשיידענע חברות פון יידישער דערציִונג, קולטור און סטודיע. עס איז דער בראשית פון יידי־שער אויטאָנאָמיע — פון דער „מלוכה אין דער מלוכה".

געוועזן אויך פאַלן ווען דער דאָזיקער קוואַרטאַל האָט געהאַט די פאַרזיכערונג פון שוץ קעגן אָנגריפן מצד דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אַזוי ווערט דורך דעם פריִער־דערמאָנטן שפּייערער בישאָף רידיקער מאָטיווירט פאַרוואָס ער האָט די יידן אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן קוואַרטאַל און פאַרוואָס ער האָט דעם דאָזיקן אָרט אַרומגעצוימט מיט אַ שוץ־מויער. ער זאָגט אָפן, כדי די יידן צו באַשיצן פאַר די מעגלעכע אַרויסטריטן פון „פרעכקייט" מצד דעם קריסטלעכן המון.

די נייע באַדינגונגען; די נייע סביבה; די באַציִונגען מצד און צו דער נאָענטער קריסטלעכער אַרומרינגלונג; די פאַרבינדונג מיט דער וועלט; די נייע געזעצן וועגן מיסחר אין דאָזיקן לאַנד; די גאַר אַנדערע סטרוקטור פון דער יידישער עדה און די לאַגע פון דער משפחה אין דער דאָזיקער יידישער געמיינשאַפט האָט אַרויסגע־רופן די נויטווענדיקייט פון אַ סטאַבילן רעגלאַמענט און אַ פעסטע יורידישע באַזע. אַזוי זענען אויפגעקומען די תקנות, וואָס מען שרייבט צו צו רבנו גרשום מאור־הגולה.

מיר האָבן זיך אויסגעדריקט וואָס מען שרייבט צו, ווייל טייל תקנות האָט טאַקע רבנו גרשום מחדש געווען אָבער טייל, וואָס ווערן אים צוגעשריבן האָט ער נאָר באַנייט — זיי האָבן „אויף פּאַפּיר" שוין פון פריִערדיקע צייטן עקסיסטירט. זיין פאַרדינסט איז דאָס, וואָס ער האָט זיי אויפסניי איינגעפירט אין לעבן.

בכלל ווערן אָנגעגעבן אַ פאַר צענדליק תקנות, וואָס שטאַמען פון רבנו גרשום. כמעט אַלע האָבן זיי אַ שייכות צו ענינים פון בין־אָדם־לחברו, אַזעלכע וואָס רעגו־לירן די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש אָדער שאַפן געוויסע יורידישע רעכטן פון יחיד צום כלל. מען וואָלט זיי געקענט איינטיילן אין דריי גרופּעס:

אַזעלכע וואָס האָבן צו טאָן מיט משפחה־לעבן;

אַזעלכע וואָס רעגולירן די פאַרהעלטענישן פון יחיד צום יחיד אָדער צום קהל אין דער יידישער סביבה גופא;

און תקנות וואָס באַשטימען די באַציִונגען פון יידן צו דער נישט־יידישער וועלט.

מיר וועלן דאָ טאַקע פּרוּוון אויסרעכענען אַ ריי תקנות, נאָך זייערע גרופּן.

משפחה־אָנגעלעגנהייטן:

— עס איז פאַרווערט צו האָבן מער ווי איין פרוי;

— מען טאָר קיין פּרוי נישט אָפּגטן קעגן איר ווילן. אויב דאָס איז געשען זענען דער מאַן, דער סופר און דער עדות אין חרם;

— אין פאַלן וואָס מען קאָן אָפּגעטן די פּרוי על־פּי־דין (אויב זי האָט נישט קיין קינדער 10 יאָר נאָך דער חתונה, אָדער זי איז אַראָפּ פון זינען) קאָן עס פאָר־קומען נאָר נאָך דעם ווען דער מאַן וועט באַקומען אַ הסכמה פון הונדערט רבנים פון דריי קהילות, אין דריי לענדער;

— אַ מאַן טאָר זיך נישט דערווייטערן פון זיין פרוי אויף מער ווי 18 חדשים;

— אויב אַ פרוי איז פאַרלאָזן געוואָרן פון איר מאַן, אָדער איר מאַן איז אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן וואָס ער קאָן זי נישט מפרנס זיין, דאַרף די קהילה איבער־נעמען די זאָרג פאַר איר אויסהאַלטונג.

— אַ מאַן טאָר נישט האָבן קיין הנאה פון דער פּרויס הכנסות, וואָס קומען פון גזילה אָדער גניבה.

תקנות פון אַלגעמיינעם כּאַראַקטער (יחיד און קהל):

— מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין בעלי־תשובה;

— דאָס רעכט צו „עכּוב הקריאה״ — נישט לאָזן דאַווענען אָדער לייענען אין דער שול, אויב עמעצער פון קהל האָט טענות צו אַ צווייטן, אַז יענער גייט נישט לדין;

— יענער וואָס ווערט גערופן לדין מוז זיך מעלדן;

— יעדער וואָס האָט פאַרלוירן אַ חפץ קאָן צווינגען דעם בית־דין, אַז עס זאָל אין דער שול אויסגערופן ווערן אַ חרם אויף אַלע קהל־מיטגלידער, זיי זאָלן מודיע זיין אָדער אומקערן די אבידה;

— אַ קנס אויף יענעם וואָס שלאָגט אַ צווייטן און אַ דאָפּלטע שטראָף אויב דאָס געשלעג איז פאַרגעקומען אין שול;

— מען טאָר נישט, אונטער דראָונג פון חרם, לייענען פרעמדע בריוו;

— אויב קהל האָט באַשטימט אַ געוויסן שטייער — פאַר אָרעמע אָדער אַנ־דערע ענינים — מיט אַ מערהייט שטימען מוז זיך די מינדערהייט אונטערוואַרפן די באַשטימונגען;

— מען זאָל געבן פורים־געלט פאַר אָרעמעלייט.

תקנות וועגן באַציִונגען מיט דער אויסערלעכער סביבה:

— עס איז פאַרווערט צו קויפן וועלכע נישט איז קעגנשטאַנדן פון נישט־יידישן רעליגיעזן צערעמאָניאַל ווי קירכע־בעכערס, גלחים־קליידער, תפילה־ביכער וכדומה, צוליב סכנה;

— אַ ייִד טאָר נישט אויסקויפן ביי דער מאַכט די חזקה פון אַ צווייטן ייִדן (פון אַרענדע, פּאַקט וכדומה);

— נישט אויסדינגען אַ הויז ביי אַ נישט־ייִד, ווו עס האָט געוווינט אַ ייִד;

— אויסמיידן צו רופן אַ ייִדן צו נישט־ייִדישן געריכט, סיידן עס האַנדלט זיך ביי אַ גאָר גרויסן היזק.

***

מיר האָבן דאָ אין די דאָזיקע תקנות דעם יסוד פון דער אינערלעכער ייִדישער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט אין משך פון ווייטערדיקע תקופות און דורות צעמענטירט די ייִדישע תפוצות. גאָר כאַראַקטעריסטיש זענען די דאָזיקע תקנות ווען מען נעמט זיי פון דעם מאָראַליש־עטישן שטאַנדפּונקט.

עס איז דאָ באַשיצט געוואָרן דאָס רעכט פון דער פרוי קעגן צעלאָזנקייט און ווילקיר פון דעם מאַן. אַפילו אין דעם פאַל ווען דער דין איז מיטן מאַן האָט מען אַנגענומען זייער פיל צוימען, כדי נישט צו לאָזן צעברעכן די משפחה. די זאָרג פאַר דער פרנסהלאָזער פרוי האָט ווידער געהאַט פאַר אַ ציל נישט צו דערלאָזן צו דעם מצב, אַז זי זאָל זיין געצוווּנגען דורך אַנדערע, נישט־אַנשטענדיקע, וועגן באַקומען איר חיונה.

די מערהייט באַשליסט; דאָס רעכט פון עיכוב התפילה; נישט לייענען יענעמס בריוו; קעגן אויסקאָנקורירן יענעמס פרנסה; נישט אַריינקריכן אין יענעמס חיונה; דורכקומען צווישן זיך, נישט לויפן אין די געריכטן, האָט געצוימט די גייציקייט פון די יחידים, האָט געשאַפן אַ געוויסע כלל־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן. יעדער יחיד האָט געקענט מאָנען זיין רעכט.

פון גאָר אַן אַנדער מין איז די תקנה נישט צו פאַרשעמען אַ בעל־תשובה. דאָ וויל מען עס פאַרבינדן מיט דער משפחה־טראַגעדיע פון רבנו גרשום וואָס זיין זון איז געצוווּנגען געוואָרן צום שמד. בעת די גזירות פון יענע צייטן האָבן יחידים און גרופן אָנגענומען לפנים־וועגן דעם קריסטלעכן גלויבן און שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן מעגלעך צוריק צוקערן זיך צום ייִדישן כלל, האָבן זיי עס געטאָן. און דאָ האָט מען טאַקע געוואָרנט, אַז מען זאָל די דאָזיקע בעלי־תשובה נישט אויפוואַרפן זייער אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן.

די תקנות לגבי נישט־ייִדן איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון יענע אָנגעשטרענגטע צייטן. מען האָט זיך באַמיט פאַרקלענערן ביז אַ מינימום די מעגלעכקייטן פון אויפרייצן קעגן זיך די קריסטלעכע גלויביקע. דאָס ווייזט אָבער אויך פון דער צווייטער זייט, אַז די גנבים פון די צערעמאָניאַל־אָביעקטן זענען געווען נישט־ייִדן. מען האָט געוואָרנט קעגן פּאַסערס, די אויפקויפערס פון די גניבות. ייִדישע גנבים, בפרט פון קלויסטער־זאַכן, זענען, משמעות, נישט געווען.

***

ביז אַהער האָבן מיר גערעדט וועגן רבנו גרשומס תקנות. עס האָבן זיך אויך אָפּגעהיט אַ ריי תשובות, ענטפערס וואָס ער האָט געגעבן אויף צוגעשיקטע צו אים אָנפראַגעס ווי צו האַנדלען אין אַ ריי סיטואַציעס און ענינים. קיין ספּעציעלע זאַמ־לונג פון רבנו גרשומס שאלות־ותשובות זענען נישטאָ, זיי זענען צעזייט און צע־שפּרייט אין אַ ריי פּובליקאַציעס פון זיינע בני־דור און תלמידים. טייל זענען שוין פאַרעפנטלעכט און טייל געפינען זיך אין כתב־יד.

מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט די אַרבעט פון דעם יונגן ידישן געלערנטן שלמה אידלבערג. אין דער דאָזיקער אַרבעט פון „תשובות רבנו גרשום מאור־הגולה", זענען טאַקע צונויפגעזאַמלט אַלע ענטפערס, אַלע דעציזיעס און באַשלוסן, וואָס רבנו גרשום האָט אַרויסגעגעבן אין שייכות מיט די געשטעלטע אים פראַגעס. און די דאָזיקע תשובות ווייזן ווידער אויף דעם נוסח, אויף דעם עיקר, וואָס האָט דעם יסוד־לייגער פון אַשכּנז אינטערעסירט. ווידער זעען מיר, אַז די ענינים פון בין אָדם לחברו — די פּראָבלעמען פון מענטשן צו מענטש, האָבן ביי אים פאַר־נומען דעם ערשטן אָרט.

ש. אידלבערג האָט בסך־הכל פון די פאַרשיידנסטע מקורים צונויפגעקליבן 77 תשובות פון רבנו גרשום. וועט זיין כדאי זיך צו באַקענען מיט די ענינים וואָס די דאָזיקע תשובות פאַרנעמען זיך.

צערעמאָניאַל־רעליגיעזע פּראָבלעמען (דאַוונען, דוכענען, ברכות, שבת־יום־טוב, הבדלה, שופר־בלאָזן, תענית, מגילת־לייענען) —	15 ענינים.
כשר־טריף (שחיטה, גויִיש ברויט, יין־נסך) — — — — — — —	7 ענינים.
שטייגער־פראַגן (מילה, אבילות, שמחות) — — — — — — —	4 ענינים.
משפחה־פּראָבלעמען (קידושין, גיטן, חליצה) — — — — — — —	13 ענינים.
עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע פראַגן (האַנדל, פּראָצענט, חובות, משכנות, ירושה, פקדונות, שבועות, הזיקות, גזילה, אַרבעטלוין) — — — — — — — — — — — — —	34 ענינים.
באַציונגען מיט קהל — — — — — — — — — — — — —	4 ענינים.

די דאָזיקע צעגלידערונג פון די ענינים ווייזן אונדז, אַז פון די 77 פראַגן זענען 26 (די ערשטע דריי גרופּעס) געווען פּראָבלעמען, אַזוי צו זאָגן, צווישן מענטש און הימל — הימל־ענינים. און 51 פון זיי זענען פראַגן פון בין־אָדם־לחבירו, פּראָבלעמען פון מענטש צו מענטש.

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די ידישע עדה איז דאַן אַרומגענומען געוואָרן פריִער פאַר אַלץ און בעיקר מיט די ראַמען פון אירע מענטשלעכע, ערדישע, אינטערעסן.

די קהל-אָרגאַניזאַציע האָט איר גאַנצן געוויכט געלייגט פאַר די טאָג-טעגלעכע נויטן פון אירע מיטגלידער.

מיר האָבן די דאָזיקע פאַרטיילונג געבראַכט, ווייל שפּעטער, ווען מיר וועלן ריידן וועגן דער ירושה, וואָס די מזרח־אייראָפּעיִשע תקופה האָט איבערגענומען פון אַשכנז, וועט אונדז טאַקע אויסקומען צו מאַכן פאַרגלייכונגען מיט די דאָזיקע ציפערן און פאַקטן.

די קהילות שו״ם און זייערע באַשלוסן

פון רבנו גרשומס תקנות, וואָס האָבן געשאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון דער קהילה אין אַשכנז ציט זיך אַ ווייטערדיקער גלייכער און דירעקטער וועג צו די תקנות פון דעם קהילות־פאַרבאַנד אין אַשכנז — צו די תקנות פון די קהילות שו״ם.

מיר האָבן שוין פריִער נישט איין מאָל דערמאָנט די דאָזיקע ערשטע פיאָנערן־קיבוצים פון שפּייער־וואָרמס־מאַינץ, וואָס זענען אין דער ייִדישער געשיכטע אַריין מיט זייער פאַרקירצטער ראשי־תיבות־פאַרקירצונג — שו״ם. די דאָזיקע קהילות פאַרנעמען זייער ערנאָרט אין אַשכנז נישט נאָר מיט זייער בראשיתדיקן פאַרפעסטיקן זיך ביי די ברעגעס פון ריין; נישט נאָר מיט זייער ווונדערלעכער מאַרטיראָלאָגיע און ביישפּיללאָזן קידוש־השם; נישט נאָר מיט דער גרויסער צאָל פון גדולים און מנהיגים וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. זיי צייכענען זיך אויס באַזונדערס מיט דעם, וואָס דער דאָזיקער דריילינג האָט רעאַליזירט דעֿ פאַקטאָ די יעניקע תקנות, וואָס רבנו גרשום האָט פּראָקלאַמירט דעֿ יוראַ. זיי האָבן איינגעפירט אין לעבן דאָס, וואָס עס איז דעקרעטירט געוואָרן דורך וואָרט און שריפט.

געטאָן איז עס געוואָרן אויף די געגנט־צוזאַמענטרעפן פון די ריין־קהילות, וווהין עס זענען געקומען די פאָרשטייערס פון דער שוין דאַן צעצווייגטער נעץ פון די דאָרטיקע ייִדישע יישובים. דורך די דאָזיקע באַשלוסן הערן אויף די תקנות צו פאַרפליכטן נאָר אין איינצלנע קהילות, זיי זענען שוין גילטיק פאַר אַלע קהילות. זייער גילטיקייט איז נישט באַגרענעצט מיט אַ באַשטימטער צייט. די דאָזיקע צוזאַמענקומען, אָדער ווי זיי וואָלטן אויפן היינטיקן לשון געהייסן, קאָנגרעסן, לייגן די יסודות פון דער קאָנסטיטוציע פאַר די קהילות פון דעם גאַנצן לאַנד.

עס ווערט אויך געשאַפן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבאַנד פון די צעזייטע

און צעשפרייטע קהילות. פון דאָרטן שטאַמט דער היינט גאָר פּאָפּולערער טערמין וועד הקהילות.

אמת, נישט מיט איין מאָל, נישט אָן שווערקייטן און שטרויכלונגען, איז דערגרייכט געוואָרן צו באַשאַפן דעם דאָזיקן קהילות־פאַרבאַנד. פון רבנו גרשומס טעג ביז די פאַרגעקומענע געגנט־קאָנפערענצן פון די ריינישע קהילות זענען אַדורך יאָרהונדערטער. אויף דעם דאָזיקן צייט־שליאַך זענען געלעגן די מאָרדיקע גזירות און שחיטות פון די דריי קרייצצוגן — פון 1096; 1146—1147 און 1189—1190. כמעט יעדע 50 יאָר איז געקומען אַ צעטרייסלונג, וואָס האָט מיט בלוט, פייער און אייזן געפּרוווט אויסוואָרצלען און פאַרטיליקן די יידישע קיבוצים.

ערשט ווען עס איז פאַרהעלטנישמעסיק רויקער געוואָרן; ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהיילן די ווונדן, קומען צו זיך די אויפגערודערטע קהילות און פאַר־פעסטיקן זייער בונד — געשען איז עס אין די ערשטע צענדליקער פון דעם 13טן יאָרהונדערט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די קהילות ביים ברעג פון רייך.

אין משך פון די דאָזיקע בלוטיקע יאָרהונדערטער איז דאָס יידישע לעבן גע־שטאַרקט און געמוטיקט געוואָרן דורך די יעניקע וואָס האָבן, פון מויל צו מויל, פון האַנט צו האַנט איבערגעליפערט די לערע און די פּראַקטיק פון די ערשטע אַשכנז־תקנות. אין אַ צייט פון אומגעהייערע סכנות, אַרומגערינגלט מיט אַ וועלט פון אויפגעהעצטן פאַנאַטיזם און בלוטיקער רשעות האָט זיך די יידישע „מלוכה אין דער מלוכה" דורכגעשלאָגן, כדי נישט נאָר אויפצוהאַלטן איר קיום, נאָר אויך זאָרגן פאַר איר אייגנאַרטיקן המשך.

עס איז פאַראַן אַן אַלטע יידישע לעגענדע, אַז אין דעם זעלביקן טאָג ווען אַ דור פאַרלירט זיין פירער ווערט שוין ערגעץ־ווו געבוירן דער יעניקער וואָס וועט אים פאַרטרעטן. די געשיכטע פון די ערשטע 300 יאָר פון דער אַשכנז־תקופה, די שווערסטע יצירה־צייט פון דער דאָזיקער עפּאָכע, שטעלט אונדז טאַקע צו אַ באַ־שטעטיקונג, אַ וואָרע נישט קיין לעגענדאַרע, פון דעם דאָזיקן נישט איבערגעריי־סענעם פאָדעם. עס ווערט נישט איבערגעריסן די קייט, וואָס פאַרבינדט און פאַר־קניפּט דעם אָוועקגעגאַנגענעם נעכטן מיטן היינט, מיט דעם מאָרגן.

אין יאָר 1040 שטאַרבט רבנו גרשום — און ווי סימבאָליש ווערט אין זעלביקן יאָר געבוירן רבי שלמה יצחקי, באַקאַנט ווי רש"י;

רש"י שטאַרבט 1105 — ער איז שוין אין טרוא, וווּהין ער האָט איבערגע־פלאַנצט דעם אַשכנז־נוסח. ער לאָזט איבער תלמידים און עס וואַקסט פון זיי אַרויס זיין אייניקל רבי יעקב בן מאיר, באַקאַנט ווי דער רבנו תם (געבוירן 1110, גע־שטאָרבן 1171);

און אין דער מוטער־לאַנד פון אַשכּנז, ביי די ברעגעס פון ריין האָט זיך, נישט געקוקט אויפן בלוטיקן שניט, שטאַרק צעבליט דער יידישער קיבוץ און פון דאָרטן וואַקסט אויס די פּערזענלעכקייט פון רבי יהודה החסיד (געבוירן אין 1150, געשטאָרבן אין 1217);

צוויי יאָר פאַר זיין טויט, אין יאָר 1215, ווערט געבוירן רבי מאיר בן ברוך, באַקאַנט ווי דער מהר״ם פון ראָטענבורג.

שימערן אַרויס פון דער אַשכּנז־קרוין: רבנו גרשום, רש״י, רבנו תם, ר׳ יהודה החסיד, דער מהר״ם פון ראָטענבורג.

עס קייטלט זיך אַ רינג אין אַ רינג און עס פלעכט זיך אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען אין דעם אַשכּנז־קראַנץ. מיר וועלן זיך אויף די דאָזיקע נעמען שפּעטער אָפּשטעלן באַזונדער. מען דאַרף, ביים באַנעמען די דאָזיקע פאַרפעסטיקונג־תקופה פון אַשכּנז זיך באַקענען מיט זייערע פּערזענלעכע ביאָגראַפיעס, וואָס איז אַגב אַרומגעוועבט מיט וווּנדער־לעגענדעס. יעדער פון זיי האָט, אויף זיין שטייגער און מיט זיינע אויפטוען, צוגעגעבן וואָגיקע און אייגנאַרטיקע צושטייערן פאַרן אַשכּנז־בנין. דעם בנין, וואָס זיינע ווינקלשטיינער האָט געלייגט רבנו גרשום און אין דער פולער פּראַכט פאַרטיק געוואָרן אין דער צייט פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג, איינער פון די באַטייליקטע אין די צוזאַמענפאָרן פון די שו״ם־קהילות.

***

וועגן די צוזאַמענטרעפן פון פאָרשטייערס פון די שו״ם־קהילות, און געוועזן זענען עס די גייסטיקע מנהיגים פון די ערטער, זענען פאַראַן אַ ריי אָנדייטן אין דער פּוסקים־ליטעראַטור. די שאלות־ותשובות פון די באַטייליקטע אין די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן, זענען דער הויפּט־מקור פאַר דעם פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע ביים ריין, און דאָרטן זענען טאַקע דאָ די פּרטים וועגן די צונויפקומען, די באַטייליקטע אין זיי פאָרשטייערס און וועגן די באַשלאָסענע תקנות. די דאָזיקע ידיעות, הגם זיי זענען נאָר פראַגמענטאַרישע, גיבן אין תוך אַ כּמעט פול בילד פון דעם פאַרנעם פון די דאָזיקע צונויפקומען און אָנגענומענע דאָרטן תקנות. פון דאַנען האָבן טאַקע די יידישע היסטאָריקערס געפּרוּווט רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן פאַרלויף און דעם באַדייט פון דעם דעמאָלטיקן וועד־הקהילות און זיין ראָלע אין יענער צייט.

אַ גרינטלעכע אַרבעט, ווו עס איז אויסגענוצט געוואָרן דער גאַנצער סכום ביז דאַן באַוווּסטע מקורים איז אַרויס אין דייטשלאַנד, צוויי יאָר איידער היטלער

איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס איז אַ דאָקטאָראַט־דיסערטאַציע פון שפּעטערדיקן ראַבינער זעליג אויערבאַך 1).

פון דער דאָזיקער סטודיע, ווו עס ווערן אויסגענוצט אַלע מעגלעכע מקורים און גענומען אין אַכט די פאַרשיידענע אַרויסגעבראַכטע סברות פון אַנדערע היס־טאָריקערס, ווייסן מיר, אַז עס זענען סך־הכל פאַרגעקומען פיר סעסיעס פון די פאַר־שטייערס פון די ריין־קהילות. מיר זאָגן ריין־קהילות, ווייל הגם די דאָזיקע צו־נויפפאָרן ווערן אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם קהילות־דריילינג פון שו״ם האָבן אין די צונויפפאָרן זיך באַטייליקט אויך פאָרשטייערס פון די אַנדערע קהילות.

די ערשטע סעסיע איז פאָרגעקומען בערך צווישן דאָס יאָר 1208 און 1215. דאָס אָרט איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן;

די צווייטע סעסיע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1220 אין מאַינץ;

די דריטע סעסיע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1223 אין שפּייער;

די פערטע סעסיע איז פאָרגעקומען בערך אין יאָר 1245. וועגן אָרט איז פאַראַן א פלוגתא, טייל האַלטן אַז עס איז פאָרגעקומען אין שפּייער און טייל מיינען, אַז אין מאַינץ.

אויף די דאָזיקע סעסיעס זענען אָנגענומען געוואָרן די ווייטערדיקע צאָל תקנות:

— אויף דער ערשטער 26 תקנות;
— אויף דער צווייטער 29 תקנות;
— אויף דער דריטער 40 תקנות.

---

1) די אַרבעט הייסט: **Die rheinischen Rabbinerversamlungen im 13 Jahrndert** — Inaugural-Dissertation verfast und der Hohen Philosophischen Fakultät der Bayrischen Julius Maximilians - Universität Würzburg zur Erlangung der philosophischen Doktorwürde vorgelegt von **Selig Auerbach** aus Hamburg, Würrburg, 1931.

דער מחבר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1096 אין האַמבורג. דאָרטן פאַרענדיקט די תלמוד־תורה רעאַלשול און די אָרטיקע מיטלשול. שפּעטער שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון מאַרבורג און בערלין. אין בערלין אויך געלערנט אין דעם ראַבינער־סעמינאַר. די דאָזיקע דיסערטאַציע־אַרבעט איז געווען פאַרן פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון דעם בייערישן יוליוש־מאַקסימי־ליאַן אוניווערסיטעט אין ווירצבורג. נאָכן פאַרענדיקן דעם שטודיום איז ער געווען ראַבינער אין אַ קהילה פון וועסטפאַלען. בעת דער נאַצי־הערשאַפט איז ער געוואָרן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז אַרויסגענומען געוואָרן פון לאַגער בעת אַ ספּעציעלער אינטערווענץ פון ענגלאַנד פאַר 100 ראַבינער. נאָך דעם ווי ער איז אַ געוויסע צייט גע־ווען אין ענגלאַנד האָט ער עמיגרירט קיין נאָרד־אַמעריקע. ער איז איצט ראַבינער אין טאָראָנטאָ, קאַנאַ׳, פאַראייניקטע שטאַטן.

דער פערטער צוניפפּאַר האָט באַשטעטיקט די פריִערדיקע און צוגעגעבן אַ ספּעציעלע קלאַוזול וואָס באַגרענעצט דאָס רעכט פון אַרויסצוגעבן אַ חרם.

אייגנטלעך האָבן די סעסיעס נישט מחדש געווען אַלע תקנות. זיי פלעגן יעדעס מאָל באַשטעטיקן די באַשלוסן פון דעם פריִערדיקן צוניפקום און צוגעבן נייע תקנות, וואָס די צייט, באַדינגונגען און געשעענישן האָבן אַרויסגערופן זייער נויט־ווענדיקייט.

ווען מען אַנאַליזירט די, אין גרונט גענומען, 40 תקנות, זעט מען, אַז דאָ האָבן מיר אַ ווייטערדיקע קאָנטינויִטעט פון די תקנות פון רבנו גרשום. אָן ספק זענען צווישן די באַשלוסן פאַראַן ענינים וואָס זענען געבונדן מיטן ייִדישן רעליגיעז־צערעמאָניאַלן לעבן. אָבער דער עיקר, דעם אויבנאָן, פאַרנעמען פּראָבלעמען פון בין אָדם לחברו, אַזעלכע וואָס האָבן אַ שייכות צו די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. דאָס זענען פראַגן פון דער קהילה־באַציִונג פון יחיד צום כלל, רעכטן און פליכטן פון יחיד און גרענעצן פון דער אָנפירער־מאַכט; משפחה־זאַכן — מאַן און פרוי, פראַגן פון גט און כתובה, ענינים פון ירושה אאַז״וו; ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען — אין די ראַמען פון דער ייִדישער עדה און מחוץ איר; פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט — ריכטיקער מיט דער מלוכהשער און שטאָטישער אַדמיניסטראַציע.

אין די דאָזיקע תקנות פילן מיר שוין דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון דער צייט, דער ווילן פון יחידים — גבירים און תקיפים — וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און באַקומען חשק צו ווערן די דעה־זאָגערס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די דאָזיקע תקיפות ווערט שטאַרק געצוימט. מיר זעען ווי די באַשלוסן פאַרווערן די יחידים, וואָס האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין דעם „חסד״ פון די שררות — קיסרים און פירשטן — זיי זאָלן דורך זייערע „באַציִונגען״ זיך אַנטלאָסטן פון די שטייערן, וואָס זאָל גאָר אַרויפגעוואָרפן ווערן אויפן נישט־פאַרמעגלעכן המון.

עס האָבן זיך משמעות געפונען אַזעלכע וואָס האָבן דורך זייער „באַענטקייט״ מיט די הערשערס באַקומען אַ מעגלעכקייט, אַז מען זאָל זיי נאָמינירן ווי די קהל־פירערס, אָן דעם ווילן, אָדער גאָר קעגן דעם ווילן, פון דער עדה. אַ חרם האָט דעריבער געצוימט די דאָזיקע, וואָס וועלן באַשטימט ווערן פון די שררות ווי קהל־פאַרשטייערס אָן דעם פרייען אויסוואַל פון די קהל־מיטגלידער.

עס איז ביז גאָר באַגרענעצט געוואָרן די געלט־ליכווע. דאָס לייען געלט אויף פּראָצענט (צווישן ייִדן) איז געוואָרן שטרענג פאַרווערט, סיידן דער וואָס לייט דאָס געלט טיילט זיך מיט די ריווחים פון דעם געשעפט.

מען האָט נאָך גאָר גוט געהאַט אין זכרון די שחיטות פון די קרייצצוגן. מען האָט דעריבער מער ווי ווען נישט איז געמוזט זאָרגן פאַר אַ רויקן און געזונטן צוזאַמענלעבן מיט דעם נישט־ייִדישן אַרום. אַ ריי מיט תקנות וואָרנט גאָר שאַרף

קעגן פאַלשקייטן; עס ווערט אָנגעזאָגט צו זיין שטרענג ערלעך אין פינאַנס־עלע באַציונגען מיט נישט־ייִדן.

די סעסיעס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם „פּערסאָנעלן" און „אינסטיטוציאָנעלן" צושטאַנד פון קהילות. דאָ זענען אויסגעקליבן געוואָרן די פּרנסים און שליחי־ציבור; דאָ האָט מען באַשטימט די גבאים און געגרינדעט די צדקה־חברות; דאָ האָט מען באַטראַכט וועגן די רעמאָנטן פון די אַלטע קהל־בנינים אָדער בויען נייע (שולן, חתונה־לאָקאַלן, געזעלשאַפטלעכע וואַרשטאַטן).

הכלל — די אַלע פונקציעס פון דער ייִדישער אַליין־פאַרוואַלטונג איז דורך דאַנען רעגולירט געוואָרן. עס איז אין איר ערשטער פּאַרעם, צוגעפּאַסט צו יענע באַדינגונגען, אויפגעקומען די ייִדישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין דער נישט־ייִדישער אַרומרינגלונג.

דער ספּעציעלער באַשלוס פון דער פערטער סעסיע, וואָס באַגרענעצט דאָס באַנוצן זיך מיט דער סאַנקציע פון חרם, באַווייזט, אַז מען האָט משמעות צו שטאַרק דעם דאָזיקן מיטל געניצט און ווייזט אויס מיט אים מיסברויכט. די הויפּט־סאַנקציע מיט וועלכער עס איז געצוווּנגען געוואָרן דער יחיד זיך נישט אַרויסברעכן פון דער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין, פון קהל, איז געווען דער חרם. ווייזט אויס, אַז עס האָבן זיך טייל טוער צופיל געלאָזט וויל־גיין מיטן דאָזיקן מיטל.

אָט איז דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער תקנה, וואָס די פערטע סעסיע האָט אָנגענומען:

... „מיר חזרן איבער, הגם עס איז שוין פון פריער באַוווּסט, אונטער דער דראָונג פון חרם, אַז:

קיין שום רב קאָן קיין שום מיטגליד פון זיין קהילה לייגן אין חרם אָן דער דערלויבעניש פון דער קהילה. אויך קאָן קיין שום קהילה נישט אַרויסגעבן דעם פּסק פון חרם אויף וועמען נישט איז אָן דעם הסכם פון רב.

אויב אַ רב אָדער אַ קהילה וועט אַרויסגעבן אַ חרם אַנדערש ווי עס ווערט דאָ געזאָגט איז זייער חרם נישט גילטיק. דער דאָזיקער חרם איז אויך נישט גילטיק ווען אַפילו אַנדערע רבנים וועלן אים באַשטעטיקן . . ."

**
*

די תקנות פון רבנו גרשום מיט 1000 יאָר צוריק בערך און די תקנות פון די שו"ם־קהילות פון 13טן יאָרהונדערט האָבן פאַקטיש געשאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון דער ייִדישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס האָט אין די ווייטערדיקע צייטן, אין די שפּעטערדיקע תקופות, ביי אַנדערע באַדינגונגען און אונטער אַנדערע פאָרמען, געשפּילט די דעצידירנדיקסטע ראָלע ביים אויספורעמען דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

נאָך דעם פּערטן צונויפפאָר פון די רייך־קהילות איז באַקאַנט וועגן אַ קהילות־צוזאַמענטרעף אין יאָר 1381 אין מאַינץ. קיין נייעס האָט דער דאָזיקער צונויפקום נישט געבראַכט. עס זענען נאָר באַשטעטיקט געוואָרן די תקנות פון די פריערדיקע סעסיעס.

עס קומט דער 15טער און 16טער יאָרהונדערט וואָס צעשטערט דעם יידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד. גזירות און גירושים. עס הייבט אָן צו גיין אַ פּליטים־שטראָם קיין מזרח. צוזאַמען מיט זיי ווערן מיטגעבראַכט די יסודות פון די תקנות — שו״ם.

אין די תקנות פון דעם וועד ארבע ארצות פון פּוילן; אין די באַשלוסן פון וועד מדינת ליטא; אין די תקנות פון מדינת מעהרין א״אַ זעען מיר אַן אָפּקלאַנג און אַ שפּיגל פון די ערשטע אַשכּנז־תקנות. מיר וועלן עס אילוסטרירן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

דער גאונישער אויסטייטשער - רש״י

עס איז אָנגענומען, אַז אין דעם זעלביקן יאָר 1040, ווען עס איז געשטאָרבן רבנו גרשום מאור הגולה איז געבוירן געוואָרן רבי שלמה דער זון פון יצחק, וואָס איז געוואָרן באַוווּסט ווי **רבי שלמה יצחקי** און איז טאַקע אַריין אין דער יידישער גייסט־געשיכטע מיט די ראשי־תיבות **רש״י**.

אין דער תקופה אַשכנז איז רש״י טאַקע אַ ווייטערדיקער זייל פון דעם דאָזיקן טויזנט־יאָריקן גייסט־בנין, וואָס ווירקט נאָך עד־היום און סטימולירט אויך ווייטער דאָס לעבן פון יידישן וועלט־פאָלק. אויב רבנו גרשום מאור הגולה האָט געשאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון דער אַשכנז־תקופה, באַשטייט רש״יס פאַרדינסטן אין דעם, וואָס ער האָט די דאָזיקע ראַם אָנגעפילט מיט אַ שכלדיקן אינהאַלט, מיט אַן אוצר פון ליכט און וויסן, וואָס האָט דער דאָזיקער תקופה געגעבן איר אַנהאַלט און דויער.

אין יענער צייט האָט מען נאָך אַפילו נישט געחלומט וועגן דרוקערייען; עס איז קיינעם נישט געקומען אויפן זינען צו האָבן ביי זיך ספרים־זאַמלונגען אָדער עפנטלעכע ביבליאָטעקן. די גרונטווערק פון יידישן וויסן, ראשית דער תנ״ך, דער תלמוד און מדרשים, זענען געווען ביי יחידים ווי זעלטענע כתב־ידן. די ברייטע שיכטן פון פאָלק זענען ממש געווען אָפּגעשניטן פון די דאָזיקע גייסט־אוצרות. די דאָזיקע ווערק זענען נישט נאָר געווען דאָס אייגנטום פון יחידים, זייער אינהאַלט איז געווען פאַרשטענדלעך נאָר פאַר געציילטע יחידי־סגולה. רש״יס אויפטו איז געווען, וואָס ער האָט געעפנט טיר און טויער צו די דאָזיקע פאַרבאָרגענע קוואַלן; ער האָט מיט דעם כוח פון זיין הסברה און קאָמענטאַרן זיי געמאַכט צוטריטלעך פאַר אַלעמען און פרייער פאַר אַלץ פאַרן פשוטן פאָלק.

וועגן רש״ין — זיין לעבן און זיינע אויפטוען — האָט שוין די יידישע קולטור־געשיכטע אַ גאַר גרויסע ביבליאָטעק. פון די ווערק וועגן אים קאָן מען שוין צונויפשטעלן אַ גאַר פיינע ביבליאָטעק. די פערזענלעכקייט רש״י איז געווען אַזוי פילגעשטאַלטיק, אַז רש״י איז געוואָרן אַן אָביעקט פון כל־המינים שטודיעס.

רש״יס ביאָגראַפיע פאַרנעמט אַ זייער חשובן אָרט אין דער יידישער לעגענ־דאָגראַפיע. זיין לעבן־געשיכטע איז דורכגעפלאָכטן מיט אַן אַ שיעור פאָלקס־געשיכטעס, וואָס דאָס איז שוין גענוג פאַר אַ ספּעציעלער שטודיע.

זיינע חיבורים זענען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. ער איז פאַררעכנט ווי דער גרעסטער מפרש פון תנ״ך און תלמוד. דער אַנערקענטסטער קאָמענטאַטאָר פון תורה־שבכתב און תורה־שבעל־פה און האָט זיך פאַרדינט דעם ערן־טיטל פון פרשן דתא, וואָס מיינט דער אויסטייטשער פון געזעץ, מיט וואָס ער איז באַקרוינט געוואָרן.

רש״י איז אויך געווען איינער פון די הלכה־אויטאָריטעטן אין זיין דור. עס איז אמת, נישטאָ קיין זאַמלונג פון זיינע תשובות, עס זענען אָבער באַקאַנט ביז 350 פון זיינע פּסקים אין הלכה, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע שאלות־ותשובות פון די פריאיקע און שפּעטערע פוסקים.

רש״י איז אויך געווען אַ פּייטן. פונקט ווי אַ ריי אַנדערע גדולים פון יענער תקופה האָט ער פאַרפאַסט אַ ריי פּיוטים — לויב־לידער און אויך עלעגיעס, קלאָג־לידער געווידמעט די גזירות פון זיין צייט, פון וועלכע ער איז געווען אַן עדות.

שפּראַכפאָרשערס האָבן ביי רש״ין זייער פיל צו לערנען. ביי פּאָפּולאַריזירן דעם תנ״ך און תלמוד האָט ער אַן אַ שיעור מחדש געווען און שטאַרק באַרייכערט דעם אויסדרוק־אוצר פון דעם לשון־קודש פון זיין צייט, וואָס איז געוואָרן אַ באַזע פאַר דעם היינט־צייטיקן העברעיש.

אויך שפּילט רש״י אַ פּיאָנערישע ראָלע אינעם אויפקום פון אונדזער יידיש, וועגן וואָס עס וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו באַטראַכטן.

אַזוי אַרום באַשעפטיקן זיך מיט דער פּערזענלעכקייט רש״י און זיינע אויפטוען קולטור־היסטאָריקערס און אַלגעמיינע געשיכטע־כראָניקערס; הלכה־אויטאָריטעטן און תלמוד־מפרשים; ביבל־קריטיקערס און שפּראַך־פאָרשערס. איז טאַקע גרויס די צאָל ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס געווידמעט רש״ין און ביי אַ ריי געלעגנהייטן זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן רש״י־זאַמלביכער 1).

---

1) די ליטעראַטור וועגן רש״ין איז ממש אַ שפּעדיקע. קלאַסישע ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאָנאָגראַפיעס וועגן רש״ין זענען פאַראַן פון יום־טוב ליפּמאַן צונץ (וואַרשע תרכ״ב); ב. ווינאָקור (בערדיטשעוו תרכ״ו); א. ה. ווייס (ווין, תרמ״ב); אליעזר מאיר ליפשיץ (וואַרשע, תרע״ב); יעקב לעווינסאָן (ברוקלין, ת״ש).

אויף דער אויסשטעלונג צום 900 יאָריקן געבוירן־טאָג פון רש״ין, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, אין ת״ש — 1940, זענען געווען 13 פאַרשידענע ביאָגראַפיעס וועגן רש״ין אין: העברעיש, יידיש, דייטש, ענגליש, רוסיש, האָלענדיש, אונגאַריש. (יצחק ריבקינד — תערוכת רש״י).

אין שייכות מיט אַ ריי רש״י־אַניווערסאַרן זענען דערשינען זאַמלביכער, צווישן זיי:

מיר וועלן דאָ, אין די ראַמען פון אונדזער אַרבעט, זיך אָפּשטעלן אויף רש״יס שייכות צו דער אויספורעמונג פון דער תקופה אַשכנז.

**
*

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז רש״יס לעבנס־געשיכטע איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ קייט פון פאָלקס־געשיכטעס; די דאָזיקע לעגענדעס באַגלייטן רש״ין פון זיין געבוירן ביז זיין טויט — ריכטיקער, זיי האָבן שוין צו טאָן מיט רש״יס ערב־גע־בוירן און ביז זיין אָרט אויף יענער וועלט נאָך זיין טויט. פון דער דאָזיקער שפע וועלן מיר אַרויסנעמען געציילטע, וואָס כאַראַקטעריזירן טאַקע די לעגענדאָגראַפישע אייגנשאַפטן פון דעם אַשכנז־בראשית.

די ערשטע רש״י־לעגענדעס באַשעפטיקן זיך מיט זיין געבוירן ווערן. פאַרשי־דענע וואַריאַנטן און נוסחאות האָבן די דאָזיקע לעגענדעס, וואָס זענען געבונדן מיט זיין פאָטער און מוטער.

דערציילט איינע אַזאַ פאָלקס־געשיכטע:

רש״יס פאָטער רבי יצחק האָט געהאַט אַ גרויסן איידלשטיין, אַ פּערל, וואָס איז געווען ווערט אַ ריזיקן פאַרמעגן. האָבן די שטאָטלייט (קריסטן) געוואָלט דעם פּערל ביי אים אָפּקויפן, כדי דאָס אַריינטאָן אין אויג פון אַן עבודה־זרה. וויפל מען האָט נישט אָנגעבאָטן ר׳ יצחקן פאַר דעם דאָזיקן פּערל האָט ער אים נישט געוואָלט פאַרקויפן. האָבן זיי אים פאַרנאַרט אויף אַ שיפל אין מיטן ים און געפרוווט אים צווינגען ער זאָל זיי פאַרקויפן דעם פּערל. ער האָט דעם דאָזיקן איידלשטיין אַריינ־געוואָרפן אין ים אַריין. דאַן איז אַרויס אַ בת־קול אין ר׳ יצחקס בית־המדרש, וואָס זיינע תלמידים האָבן געהערט: — עס וועט פון דיר דעריבער אַרויסקומען אַ זון, וואָס וועט באַלייכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אין אַ יאָר אַרום איז טאַקע געבוירן געוואָרן אַ יינגל, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן שלמה — דער צוקונפטי־קער רש״י.

דאָס איז דער ערשטער באַקאַנטער נוסח פון דער דאָזיקער ערב־געבורט־לע־גענדע 2).

רש״י־בוך, בס.־איירעס ת״ש — 1940, צום 900 געבורטס־יאָר פון רש״י. פון דעם זאַמל־בוך זענען דערשינען דריי אויסגאַבעס: אַ יידישע, אַ העברעישע און אַ שפּאַנישע;

ספר־רש״י — למלאות שמונה מאות שנה וחמישים לפטירתו, ירושלים תשט״ז;

רש״י תורתו ואישיותו — אַ זאַמלבוך אין העברעיש און ענגליש אונטער דער רעדאַק־ציע פון הרב ד״ר שמעון פעדערבוש, ניו־יאָרק, 1958;

וועגן רש״יס שפּראַך־אוצר און סטיל זענען שוין ביז איצט אַרויס 5 בענד היכל רש״י פון יצחק אבנרי.

2) שלשלת הקבלה, דף ל״ו, עמוד א׳.

אין משך פון יאָרן האָט אָבער דאָס פֿאָלק אויף די דאָזיקע געציילטע שורות אָנגעוועבט אַ גרויסן ניסים־בנין — דערגאַנצט און צוגעגעבן פּרטים ביז עס איז געוואָרן אַ געשיכטע, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַ ריי לעגענדאַרישע פֿראַגמענטן פֿון דעם געבורט פֿון אור־אַלטן יצחקן ביי דער מוטער שׂרה אויף דער עלטער; לע־גענדעס פֿון אַברהם־אָבינו, פֿון שמואל הנביאס מוטער און פֿון שמשון הגיבור זענען דאָ אָנגעוועבט געוואָרן.

ראשית הייסט טאַקע רש״יס מוטער שׂרה, און זי איז געווען אַן עקרה, פּונקט ווי די מוטער שׂרה; אויך איז דאָ פֿאַראַן די זעלביקע טענה וואָס אַברהם האָט געהאַט צו גאָט: „רבונו של עולם, גוט, איך האָב טאַקע אַלץ — אָבער ווער וועט ירשנען מיין פֿאַרמעגן?״. און די דאָזיקע לעגענדע, אין איר אַנטוויקלונג פֿון לאַנגע דורות איז אַזאַ:

אין דער שטאָט טולאָן, פֿראַנקרייך, האָט געלעבט אַ ייִד רבי יצחק. געווען איז ער אַ גרויסער געלערנטער אָבער אַ נאָך גרעסערער אָרעמאַן. עס האָט אים אָבער נישט וויי־געטאָן זיין אָרעמקייט, ער איז געווען דערשלאָגן, וואָס זיין ווייב איז געווען אַ קינדערלאָזע — איר טראַכט איז געווען פֿאַרמאַכט. צען יאָר האָט ער מיט איר שוין געוווינט און זי האָט אים נישט געבראַכט קיין יורש. ער האָט זיין פֿרוי, שׂרה איז געווען איר נאָמען, זייער גערן געהאַט. אָבער נאָך דעם ייִדישן דין האָט ער איר געדאַרפֿט אָפּגטן, אויב זי האָט ביז צען יאָר נאָך דער חתונה נישט געהאַט קיין קינדער. פֿלעגט רב יצחק בעטן אויף פּרנסה אָבער דער עיקר האָט ער מתפּלל געווען, אַז ער זאָל געבענטשט ווערן מיט אַ קינד. נישט נאָר פֿלעגט ער תּפֿילה טאָן ער האָט אויך געפֿאַסט תּעניתים. איין מאָל, גייענדיק ביים ברעג פֿון ים, ווו ער האָט געזוכט אַרבעט, האָט ער דערזען אַ פֿינקלדיקע זאַך. ווען ער איז צוגעגאַנגען נעענטער האָט ער באַמערקט אַ פּערל גרויס ווי אַן איי. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גאָט האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און דערהערט זיין תּפֿילה. ער האָט געדאַנקט גאָט פֿאַר דעם חסד וואָס ער האָט צו אים אַרויסגעוויזן און אין זיין דאַנק דערמאָנט: — דערבאַרעמדיקער באַשעפֿער, רייכקייט האָסטו מיר צוגע־שיקט, אָבער וואָס טויג עס מיר, אַז איך וועל שטאַרבן אָן אַ יורש, וואָס וועט ירשענען מיין עשירות?

שׂרה, יצחקס פֿרוי, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פּערל איז פֿון גרויסן ווערט. זי האָט אים גענומען און אַוועק צו אַ יובעליר, יענער זאָל אָפּשאַצן זיין ווערט. דער יובעליר האָט פֿאַרן פּערל פֿאַרגעלייגט אַ ריזיקן פֿאַרמעגן — צען מאָל מער ווי ער איז באמת געווען ווערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טולאָנער בישאָף זוכט אַרום אַזאַ פּערל, כּדי אים אַריינצופּאַסן אין דעם אויג פֿון אַ בילד פֿון דער הייליקער מאַדאָנע, וואָס געפֿינט זיך אין דער אָרטיקער קאַטעדרע. דער בישאָף האָט שוין געהאַט איין פּערל פֿון אַזאַ גרייס און עס האָט אים געפֿעלט אַ צווייטער.

דערהערנדיק די געשיכטע איז שרה אין שרעק געלאָפן אהיים, דערציילט איר מאַן די געשיכטע. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן דעם פּערל נישט פאַר־קויפן, כדי נישט באַשיינען די עבודה־זרה.

דער בישאָף האָט זיך אָבער אָנגעזעצט אויף ר׳ יצחקן, כסדר געשיקט צו אים שליחים און אָנגעבאָטן גרויסע סומעס, נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין שום פּרייז, כדי צו באַקומען דעם פּערל. ר׳ יצחק איז אַפילו איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם פּאַרוואַלטער פון בישאָף אויף אַ שפּאַציר, כדי ביי אים אויסדינגען דעם פּרייז און אָפּקויפן דעם פּערל. געפאָרן זענען זיי אויף אַ שיפל. ר׳ יצחק האָט דעם פּערל אַריינגעלייגט אין טאַש אַריין צוזאַמען מיט ניס. פאָרנדיק האָט ער כסדר געקנאַקט ניס און גערעדט וועגן פּרייז. שפּעטער האָט ער ביים אַריינוואַרפן די שאָלעכץ פון די ניס אין וואַסער, כלומרשט נישט ווילנדיק, אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין דעם פּערל. ר׳ יצחק האָט דערביי געמאַכט אַ געשריי, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער האָט דאָס אומגערן געמאַכט.

דאַן האָט זיך דערהערט אַ בת־קול פון הימל: „יצחק! צוליב מיין כבוד האָסטו אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַ פּערל, וואָס וואָלט דיין גאַנץ לעבן באַגליקט מיט פּרנסה און רייכקייט! וועסט דערפאַר געבוירן אַ זון, וואָס וועט לייכטן ווי די שענסטע פּערל אין דער וועלט; ער וועט לייכטן אייביק מיט דער ליכט פון תורה פאַר זיין פאָלק!״.

אינגיכן איז טאַקע זיין פרוי שרה פאַרגאַנגען אין שוואַנגערן און עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן שלמה און מיט זיינע פּירושים צו דער תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה האָט ער טאַקע באַלויכטן דאָס לעבן פון פאָלק 3).

די דאָזיקע אויסגעבריטערטע ערב־געבורט־לעגענדע האָט נאָך אַ סעריע אַנדערע וואַריאַנטן און נוסחאות, וואָס באַווייזט ווי דאָס פאָלק האָט געוואָלט צו־געבן דעם דאָזיקן באַליבטן אויסטייטשער פון די תורה־סודות וואָס מער וואָג, וואָס מער חשיבות. אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס אויך אין דער ספרדישער ספּערע האָט זיך אויפגעהיט אַ ערב־געבורט־לעגענדע פון רש״ין, וואָס איז גאָר אַנדערש פון דער באַקאַנטער פּערל־לעגענדע. דאָ האָט עס גאָר צו טאָן מיט אַ באָרוך.

די דאָזיקע לעגענדע, וואָס איז פאַרשפּרייט צווישן די תימנים דערציילט:

... מען האָט דערציילט אויף ר׳ יצחקן, דער פאָטער פון רש״ין, אַז ער איז געוועזן אַ גבאי און אַ שמש אין דער שול פון זיין שטעטל. ער פלעגט אויסקערן

3) לויט י. בן־הלל (יוסף מענדעלסאָן) — רש״י אין דער לעגענדאָגראַפיע, אין רש״י־בוך, בוענאָס־איירעס 1940, זייטן של״ב—של״ג.

און אויסרייניקן די שול. פלעגט צוגרייטן און צורעכט מאַכן די ליכט און זיי אָנצינדן. קיין גרויסער בן־תורה איז ער נישט געווען, אָבער אַ זייער ערלעכער, פרומער און אָפּגעהיטן פון שלעכטס. פאַרמאָגט האָט ער אַ גרויסע באָרד, וואָס האָט דער־גרייכט ביז צו זיינע קני. וואָס פלעגט ער טאָן? האָט ער אָנגעהאָנגען אַ בייטל אויפן האַלדז, וווהין ער פלעגט פאַרבאַהאַלטן זיין באָרד. אַ געווויסן מאָל האָט ער ביי זיך געטראַכט: ווער בין איך וואָס גאָט האָט מיר באַשאָנקען מיט אַזאַ באָרד, וואָס קיינער פאַרמאָגט עס נישט. איך בין נישט קיין רב און גישט קיין חכם — טאָ צו וואָס דאַרף איך עס. סיידן עס איז ביים באַשעפער דאָ אַ מין דערביי. און ער האָט זיך דערטראַכט, אַז די דאָזיקע גרויסע באָרד קאָן אים דינען ווי אַ בעזים. ער האָט טאַקע באַשלאָסן מיט זיין באָרד אויסצורייניקן יעדן ערב־שבת דעם אָרון־קודש, אַראָפּשאַרן פון די ספר־תורהס דעם שטויב. אַזוי האָט ער זיך געפירט לאַנגע יאָרן. פלעגט יעדן ערב־שבת מיט דער באָרד אויסקערן דעם אָרון־קודש און צוריק איר אַריינלייגן אין דעם שיידל, וואָס איז געהאָנגען אויפן האַלדז. אויף דער עלטער איז אים געקומען צו חלום אליהו־הנביא און געזאָגט. וויסן זאָלסטו, אַז איך בין געשיקט צו דיר פון גאָט ברוך־הוא אָנצוזאָגן, אַז פאַר דעם כבוד־התורה וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזן, ווערסטו געבענטשט ווערן מיט אַ זון וואָס וועט פאַרלייכטן די אויגן פון אַלע יידן. זאָלסט אים אַ נאָמען געבן שלמה. פון איצט אָן זאָלסטו אָפּהיטן דיין פרוי, אַז זי זאָל נישט עסן קיין אומווירדיקע מאכלים, ווייל פון בויך אַרויס וועט דאָס קינד זיין הייליק. און דו זאָלסט געדענקען, אַז אין טאָג פון דעם ברית זאָלסטו אים נישט מל זיין ביז איך וועל קומען כדי צו זיין סנדק און כדי אים געבן טרינקען פון דעם כוס של ברכה און אים בענטשן, כדי גאָטס לערע זאָל זיין איינגעקריצט אין זיין האַרצן. אין דער פרי האָט יצחק דער־ציילט דעם חלום צו זיין פרוי. זיי האָבן זיך ביידע געפרייט. די פרוי האָט טאַקע פאַרשוואַנגערט און געבוירן אַ זון. אויפן אַכטן טאָג האָט ער אויפגערופן אַלע אָרטיקע איינוווינערס און צוגעגרייט אַ גרויסן מאָלצייט. אַלע האָבן זיך אויפגע־קליבן, אָבער אליהו־הנביא איז נאָך נישט געקומען... דערציילט ווייטער די פאָלקס־געשיכטע, אַז נאָכן לאַנגן וואַרטן און בעטן האָט זיך אליהו־הנביא סוף־כל־סוף באַוויזן אין דער געשטאַלט פון אַן אָרעמאַן און טאַקע געווען דער סנדק, געבענטשט דעם רך־הנימול און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן 4).

נישט נאָר דער געבורט, אויך די חתונה פון רש״ין איז אַרומגעוועבט מיט אַ קראַנץ לעגענדעס. אָט למשל ווערט אין איינער דערציילט, אַז ער האָט חתונה גע־

4) יצחק רצהבי, לידתו של רש״י באגדת התימנים, אין „מישור“. איבערדערציילט נאָך י. ברגר — רש״י באגדת העם, אין „רש״י — תורתו ואישיותו“, ניו־יאָרק תש״ח, זייטן 153—155.

האָט אין פּראָג זייענדיק גאָר יונג, ווו עס האָט זיך אין אים פֿאַרליבט די טאָכטער פֿון בעל־אַכסניא, ווו ער איז איינגעשטאַנען. און אַ צווייטע לעגענדע דערציילט גאָר, אַז ער האָט חתונה געהאַט גאָר אויף דער עלטער. עס זאָגט זיך דאָרטן אַט וואָס:

... רש״י, ווען ער איז געווען ראש־ישיבה, און ער איז שוין דאַן געווען אַלט 75 יאָר, איז נאָך אַלץ געווען אַ בחור. אַ געוויסן טאָג איז אין דער ישיבה געקומען אַ מיידל און זי איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. האָט זיך רש״י צו איר אָנגערופֿן — איך שווער דיר, וואָס פֿאַר אַ בחור עס וועט דיר פֿון ישיבה געפֿעלן ווערן און וועסט אים אויסקלייבן קריגסטו פֿאַר אַ מאַן. האָבן די בחורים איר אָנגעוווּנקען, אַז דער ראש־ישיבה גופֿא איז אַ בחור. האָט זי אים טאַקע אויסגעקליבן און ער האָט מיט איר געמוזט חתונה האָבן. זי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער 5).

די פֿאָלקס־לעגענדע אָנערקענט נישט קיין שום היסטאָרישע פֿאַקטן, ווייס נישט פֿון קיין שום דאַטעס. אַ ביישפּיל פֿון דעם ווי די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע קאָן זיך צעשפּילן איז די ווייטערדיקע לעגענדע, וואָס פֿלעכט צונויף רש״יס חתונה און טויט אין פּראָג, ווו ער איז גאָר קיין מאָל נישט געווען. דערציילט די דאָזיקע פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע אַט וואָס:

... גאָר יונג איז רש״יס נאָמען באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט ווי אַ גדול אין תורה, דער עיקר צוליב זיינע פּירושים אויפֿן תלמוד. זיין געלויבטער נאָמען איז דערגאַנגען צו דער קהילה אין פּראָג וואָס האָט אים פֿאַרבעטן צו קומען צו זיי, ווו ער זאָל ווערן ראש־ישיבה. געווען איז ער בסך־הכל דאַן אַכצן יאָר אַלט. דאָס פֿאָלק האָט אים ליב געהאַט און פֿאַרערט. דאָרטן האָט ער אויך גענומען פֿאַר אַ ווייב די טאָכטער פֿון איינעם פֿון די רייכסטע און בכבודיקע מיטגלידער פֿון דער קהילה. ער האָט אָבער אויך באַקומען שונאים צווישן די רבנים וואָס זענען געווען שטאַרק אייפֿערזיכטיק פֿאַר זיין דערפֿאָלג און זיי האָבן געזוכט ווי אַזוי אים צו טאָן שלעכטס. זיי האָבן אויף אים אַרויסגעלאָזן אַ שלעכטן נאָמען און אויך פֿאַרמיאוסט ביי די גוים. זיי האָבן ענדלעך באַשלאָסן אים צו דערהרגענען. דאָס האָט זיך אונטערגענומען אַ בחור, וואָס איז געווען אייפֿערזיכטיק אויף רש״ין צוליב זיין פֿרוי. פֿון הימל האָט מען אָבער מודיע געווען רש״ין אין חלום, אַז עס לויערט אויף אים אַ סכנה. רש״י האָט דאָס דערציילט זיין פֿרוי, אַז זיינע שונאים ווילן אים דערמאָרדן און ער האָט איר אַנטדעקט אַ געוויסן זאַלב, וואָס אויב מען לייגט עס אַרויף אויפֿן אָרט פֿון דער וווּנד ווערט עס פֿאַרהיילט. אַ געוויסן אָוונט, ווען רש״י איז געזעסן ביי זיך אין צימער אַליין, פֿאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען ביים

5) געבראַכט דורך הרב י. ל. מיימון אויפֿן סמך פֿון אַ כתב־יד אין „ספר רש״י", ירושלים, תשט״ז.

לערנען, האָט זיך פלוצלינג געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעלאָפן זיין שונא און האָט פאַרזעצט רש״ין אַ מעסער אין פלייצע. דערהערנדיק די געשרייען איז געקומען צולויפן די פרוי, עס זענען אויך אָנגעלאָפן שכנים. די פרוי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם זאַלב און זי האָט עס אַרויפגעלייגט אויף דער וווּנד. רש״י האָט געעפנט זיינע אויגן און האָט געבעטן זיינע שכנים מען זאָל צוגרייטן אַן אָרון און מען זאָל אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן. נאָך דעם ווי מען וועט באַגראָבן דעם ליידיקן אָרון וועט ער אין געהיים פאַרלאָזן די שטאָט. אויב מען וועט אַזוי נישט טאָן, האָט רש״י געזאָגט, וועלן די שונאים ווידער פּרוּוון אים צו דערהרגענען. און מען האָט טאָקע אַזוי געמאַכט. מען האָט דורכגעפירט די לוויה, מען האָט דעם ליידיקן קאַסטן באַגראָבן און אַפילו געשטעלט אַ מצבה אויף דעם קבר. רש״י האָט פאַרלאָזט פּראָג און זיך באַזעצט אין רעגנשבורג, ווו ער האָט ממשיך געווען צו לערנען תורה. די שונאים האָבן זיך אָבער נישט באַרויקט און פלעגן פון צייט צו צייט שענדן און צעשטערן זיין קבר און מצבה. שטענדיק אָבער פלעגט זיך צוריק באַווייזן אַן אַנדער מצבה, פון מירמלשטיין, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות דער נאָמען פון רש״י. מיט יאָרן שפּעטער, ווען רש״י איז באמת געשטאָרבן, האָט מען זיין קערפּער געבראַכט קיין פּראָג און אַריינגעלייגט אין דעם ליידיקן קבר...6).

קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ, פונקט ווי ביי דער פריערדיקער לעגענדע, פשוטע פאָלקס־פאַנטאַזיע — רש״י האָט נישט חתונה געהאַט אין פּראָג, ער איז דאָרטן בכלל נישט געווען און געשטאָרבן איז ער אין דער שטאָט טרואַ, אין פראַנקרייך, אין יאָר 1105.

די פאָלקס־לעגענדעס האָבן רש״ין געבראַכט אין ערטער ווו ער איז נישט געווען און אַפילו צונויפגעבראַכט מיט פערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט גאָרנישט געקענט זיך טרעפן. צווישן אַנדערע זענען אין די רש״י־לעגענדעס פאַראַן שילדערונגען ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיטן רמב״ם, וואָס איז גאָר געבוירן געוואָרן דרייסיק יאָר נאָך רש״יס טויט.

וועלן מיר די רש״י־לעגענדאָגראַפיע פאַרענדיקן מיט אַ פאָלקס־פאַנטאַזיע וועגן זיין אָרט אין גן־עדן. דערציילט זיך די דאָזיקע לעגענדע אַזוי: 7).

רש״י, הגם ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין ענִיוות, איז געווען איבערצייגט,

---

6) די דאָזיקע ווערסיע ווערט געבראַכט אין דעם ערשטן באַנד: **Sippurim**, eine Sammlung judischer Volkssagen, Erzählungen, Mythen... Prag 1858. אין דער אַרבעט פון ל. ווייזעל „רש״י אָדער ירח״י״.

7) די דאָזיקע לעגענדע ברענגען מיר נאָך דער ווערסיע פון י. ווייזל, וואָס געפינט זיך אין דער פריערדערמאָנטן ערשטן באַנד פון סיפּורים, זייטן 31—35.

אַז אויף יענער וועלט וועט ער זיכער זיצן אין גן־עדן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט דאָרטן זיצן אויף אַ גאָלדענע שטול, אויפן קאָפּ וועט ער האָבן אַ קרוין מיט פּערל און וועט הנאה האָבן פון דעם זיוו השכינה. ער האָט אָבער געוואָלט פון פאָרויס וויסן ווער וועט זיין דער שכן, זיין חבר, וואָס וועט נעבן אים זיצן אין גן־עדן. נאָך אַ סך תעניתים און תפילות האָט מען אים מן השמים געגעבן צו וויסן אין חלום, אַז זיין גן־עדן־שכן איז רבי אַברהם בן גרשון הצדיק, וואָס וווינט אין באַרצעלאָנאַ — שפּאַניע. הכלל רש״י האָט באַשטימט צו פאָרן קיין באַרצעלאָנאַ און זיך טרעפן מיט זיין גן־עדן־חבר.

רש״י האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דמיון, אַז דער דאָזיקער צדיק, רבי אַברהם בן גרשון, איז אַ ייִד מיט אַן אויסגעאיידלטן בלאַסן פּנים, וואָס פאַרמאָגט טיפע אויגן און האָט אַ לאַנגע הדרת־פּנימדיקע באָרד; אַ ייִד מיט אַ געבויגענעם רוקן, וואָס זיצט יומם־ולילה, טאָג און נאַכט און לערנט תורה; פאַסט תעניתים און האַלט אין תפילה טאָן און וויים גאָרנישט פון די פאַרגעניגנס פון עולם־הזה. נאָר אַזאַ איינער, טראַכט רש״י, פאַרדינט דאָך דעם ערן־נאָמען צדיק.

ווען רש״י איז געקומען קיין באַרצעלאָנאַ איז ער אָבער שטאַרק פאַרוווּנדערט געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז געווען פול מיט ייִדישע געלערנטע און גאָטפאַרכטיקע האָט קיינער נישט געקענט אַזאַ פרומען מאַן מיטן נאָמען רבי אַברהם בן גרשון.

האָט רש״י אָנגעהויבן זוכן בכלל אַזאַ איינעם מיטן דאָזיקן נאָמען און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז עס געפינט זיך טאַקע איינער אַברהם בן גרשון, וואָס איז אין שטאָט באַוווּסט ווי דאָן אַברהם, אָבער איז גאָרנישט פון די פרומע לייט. מען האָט זיך געוווּנדערט וואָס אַזאַ ווי רש״י פרעגט זיך נאָך אויף אַ פאַרשוין, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין צעלאָזנקייט, היט נישט אָפּ גאָטס געבאָטן, עסט נישט פון קיין כשרער שחיטה. — ווי קומט איר זיך גאָר פרעגן אויף אַזאַ איינעם, עס מוז דאָך זיין אַ טעות.

טראַכט זיך רש״י ביי זיך: — אַ גאַנץ פיינעם שכן וועל איך דאָס האָבן אין גן־עדן. און ער האָט געבעטן מען זאָל אים פאָרט ווייזן ווו דער דאָזיקער וווינט; — איך וועל פּרווון, אפשר וועט זיך מיר איינגעבן אים אַרויפצופירן אויפן גלייכן וועג, אויפן דרך־הישר.

האָט מען רש״ין געזאָגט: — ביי דעם וועט איר שוין גאָרנישט פּועלן; און־דזער רבי האָט שוין נישט איין מאָל געפּרווט אָבער ער איז איינגעשפּאַרט און האַרטנעקיק.

— עס מאַכט נישט אויס, — האָט רש״י דערווידערט, — ווייזט מיר ווו עס איז זיין וווינונג.

מען האָט רש״ין געגעבן אָפּגעמשלט די גאַס און דאָס הויז פון דעם דאַזיקן מאַן, וואָס איז אין באַרצעלאָנאַ געווען באַוווּסט ווי דער דאָן אַבּרהם.

ווען רש״י איז צוגעקומען צום אָרט, וווּ די דאָזיקע הויז האָט זיך געדאַרפט געפינען, איז ער געבליבן דערשטוינט. ער האָט פאַר זיך געזען אַ ריזיקן מיט אַלע פּראַכטן אויסגעפּוצטן פּאַלאַץ. — זאָל דאָס זיין אַ וווינונג פון אַ זון פון דעם גע־פלאָגטן פאָלק? האָט זיך רש״י געטראַכט. ווען ער איז אַדורך דעם הויפּט־אַריינ־גאַנג איז זיין פאַרווונדערונג כסדר געוואַקסן. וואָס מער ער איז ווייטער געגאַנגען האָט ער באַמערקט אַלץ מער און מער גלאַנץ און רייכקייט, וואָס דער רבי האָט עס נאָך ביז איצט ביי קיין שום בן-ישראל נישט געזען. אַ מחנה פון דינערס, אין גאָלד־באַפּוצטע אוניפאָרמען האָבן אָן אויפהער הין און צוריק אַרומגעלאָפן; פאַר־שיידענע חשובע הערן און דאַמען זענען נאָכאַנאַנד געקומען און אַוועק; אַ גרויסע צאָל קאַרעטעס זענען כסדר אָנגעקומען. אומעטום האָט זיך געפילט אַז דאָ ווערט געפירט אַ לוסטיק־פריילעכער לעבן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז גאָר אַ פּאַלאַץ פון אַ פירשט.

רש״י האָט שוין געטראַכט, אַז דאָ איז עפּעס אַ טעות און האָט שוין געוואָלט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ. ערשט דאָ איז צו אים צוגעקומען אַ דינער און פריינדלעך געפרעגט וואָס ער דאַרף, וועמען ער פאַרלאַנגט. רש״י האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט: — איך וויל ריידן מיטן האַר פון דעם דאָזיקן הויז. דער דינער האָט גלייך אַרויפגעפירט רש״ין דורך ברייטע מירמלשטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו פאַרשיידענע קאָרידאָרן און סאַלאָנען. ביי איין טיר האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן.

— איך דאַרף אייך פריִער אָנמעלדן צו מיין האַר, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי איז אייער נאָמען.

רש״י האָט דעם דינער געזאָגט זיין נאָמען און זיין געבוירן־אָרט. דערביי האָט ער ביי זיך געטראַכט: — עפּעס מאָדנע זאַכן געשעען אויף דער וועלט. דאָ וווינט אַ ייִד, אַ רשע, היט נישט אָפּ גאָטס געבאָטן און לעבט זיך אַ מלכותדיק לעבן און ער איז נאָך דערצו פאַרזיכערט מיט אַן אָרט אויף יענער וועלט אין גן־עדן. אין אַנדערע ערטער האָט ער געזען גאָטספאַרכטיקע ייִדן און זיי לעבן גאָר אין דחקות און נויט. פאַר וואָס זאָל גראָד דעם דאָזיקן קומען אַזאַ פאַרגעניגן אויף דער וועלט און אויך הנאה אויף יענער וועלט?

אין דעם האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן. זיין האַלטונג איז געווען מיט שטאָלץ; די טריט פעסט — אמת פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט ליבלעכקייט און גוטסקייט.

מיט יראת־הכבוד האָט ער זיך דערנעענטערט צו רש״ין און געזאָגט: — איך פיל זיך באמת גליקלעך, וואָס איר האָט מיר אָנגעטאָן אַ כבוד און באַזוכט מיין הויז.

מוט מיר דעם פאַרגעניגן און בלייבט טאַקע ביי מיר אַ לענגערע צייט. דערביי האָט ער גענומען דעם פאַרוואונדערטן רש״ין ביים אָרעם און אים אַריינגעפירט אין צימער.

אויף אַזאַ אויפנאַמע האָט זיך רש״י נישט גערעכנט און איז געווען אין פאַר־לעגנהייט און נישט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט. דער באַלעבאָס האָט דאָס באַ־מערקט און האָט זיך אָפּגערופן:

— איר וווּנדערט זיך, רבי, געוויס וועגן דער גרויסער פּראַכט וואָס איר זעט אין אַ ייִדיש הויז. איך פאַרזיכער אייך, ליבער רבי, אַז אומעטום ווו עס באַגלייט אונדז די שפע פון דעם אַלמעכטיקן און די געזעצן פון לאַנד שיצן אונדז — דאָרטן איז אונדזער פאָטערלאַנד.

— נישט צוליב אייער רייכקייט בין איך פאַרוווּנדערט, האָט זיך אָפּגערופן רש״י, נאָר וועגן דעם וואָס איר דאַנקט שלעכט אָפּ דעם יעניקן וואָס האָט אייך מיט אַזאַ רייכטום באַגליקט — איר היט נישט אָפּ זיינע געזעצן.

— אַהאַ! איך זע, אַז מען האָט אייך וועגן מיר אַנדערציילט אַלדאָס בייז, האָט אים דאָן אַברהם איבערגעריסן. איר קאָנט, רבי, איינשפּאָרן רייד. איך ווייס גוט מיינע פליכטן און צווישן גאָט און מענטשן דאַרף מען נישט האָבן אַ צווייטן מענטשן פאַר אַ פאַרמיטלער.

דאָ האָט זיך רש״י מיט אייפער אָפּגערופן און ציטירט אַ פּסוק פון תנ״ך, ווו עס ווערט געוואָרנט די רייכע רשעים זיי זאָלן זיך צו שטאַרק נישט פאַרלאָזן אויף זייער רייכקייט, וואָס קאָן זיין גאָר צייטווייליק.

דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעהערט, געשמייכלט און צוגעגעבן: — איך האָף אויף דער זעליקייט פון גאָט אַזוי ווי איר און צוזאַמען מיט אייך וועל איך געניסן פון עולם־הבא.

טראַכט זיך רש״י: — מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט דער דאָזיקער מענטש איז איבערצייגט און ער גיט צו אויפן קול: — ניין! דאָס איז נישט דער ריכטיקער וועג וואָס פירט צו זעליקייט! איר דאַרפט אייער וועג איבעראַנדערשן, אָוועקגיין אויף אַ בעסערן, תשובה טאָן!

— ליבער רבי, — רופט זיך אָפּ דער רייכער באַלעבאָס, — גלייבט איר דען באמת, אַז דער יעניקער וואָס היט נישט אָפּ אַלע חומרות און סיגים, באַגרענעצונ־גען וואָס שטרענגע רבנים האָבן באַשטימט, פאַרדינט טאַקע נישט גאָטס זעליקייט? מיר זענען דאָך נישט קיין באַשטראָפטע און די וועלט איז דאָך נישט קיין תּפיסה, וואָס מיר דאַרפן כסדר האַלטן אין איין וויינען און פאַסטן תעניתים. דער באַשעפער האָט אונדז געגעבן אַ שפע פון פרייד און ווער עס נוצט עס נישט יענער זינדיקט. דער אייביקער האָט אונדז, דורך זיינע נביאים, געגעבן די תרי״ג מיצוות, די זעקס הונדערט און דרייצן געבאָטן, און דער וואָס דערפילט זיי טוט גענוג כדי צו האָבן

אויף דער וועלט אַ גליקלעך לעבן און איז פאַרזיכערט נאָכן טויט צו געניסן פון גאָטס זעליקייט.

אַ דינער איז אַריינגעקומען און האָט איבערגעריסן דעם שמועס. ער האָט געמאָלדן, אַז אונטן וואַרטן אין דעם האָל די אָרעמעלייט וואָס זענען געקומען נאָך נדבות.

— גוט, היינט וועל איך אַליין, פּערזענלעך, פונאַנדערטיילן די נדבות, — האָט זיך אָפּגערופן דער באַלעבאָס און ווענדט זיך צו רש״ין: — אפשר ווילט איר מיך באַגלייטן? עס איז אַן אָנגענעמע זאַך צו געבן צדקה; היינט וויל איך פּערזענלעך דאָס טאָן, ווייל מאָרגן איז די חתונה פון מיין טאָכטער. זיי זענען צוזאַמען אַראָפּ־געגאַנגען אונטן, וווּ עס זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די אָרעמעלייט.

גייענדיק האָט רש״י געפרעגט: — איר האָט זיכער גענומען אַ רייכן איידעם פאַר אייער טאָכטער?

— ניין, רבי, מיין קינפטיקער איידעם איז נישט רייך, ער שטאַמט פון אַן אָרעמער מישפּחה, אָבער זייער געשיקט און בראַוו. פון קינדווייז אָן איז ער דער־צויגן געוואָרן אין מיין הויז.

רש״י האָט געשוויגן, ער איז געווען צופרידן, וואָס זיין קינפטיקער גן־עדן־שכן האָט פאָרט עפּעס פון גוטע מידות.

אין האָל איז דער באַלעבאָס צוגעגאַנגען צו אַ טיש. עס זענען פאַרבייגע־גאַנגען די אָרעמעלייט און יעדער האָט באַקומען זיין צוגעטיילטע נדבה. דאָס מאָל האָבן זיי באַקומען אַ טאָפּלטן סכום ווי שטענדיק. יעדער האָט גענומען זיין טייל און מיט דאַנק אַוועק. ווען אַלע זענען שוין אַדורך האָט מען באַמערקט, אַז אַ פרוי שטייט נאָך אין עק פון זאַל. דער מנדב האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע פרוי איז איינע פון די אָרעמעלייט און האָט איר צוגעטראָגן אַ נדבה. די פרוי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו נעמען און דערביי געזאָגט:

— איך בין נישט געקומען נאָך אַ נדבה, איך בין געקומען פרעגן אַן עצה.

— רעד, מיט וואָס קאָן איך דיר באַהילפיק זיין, קום נעענטער צו מיר, האָט זיך אָפּגערופן דער באַלעבאָס.

די פרוי איז צוגעקומען און האָט אָנגעהויבןריידן: — איך בין אַן אָרעמע אַלמנה וואָס דערנערט זיך זייער ביטער מיט מיינע פיר יתומים. מיין גאַנצע האָפע־נונג איז געווען דער חתן פון מיין טאָכטער, ער האָט דאָס געדאַרפט זיין מיין שטיצער און העלפער פאַר מיינע יתומים. אויפן טויטנבעט פון מיין זעליקן מאַן האָט ער עס אויך צוגעזאָגט. אָבער איצט איז ער פאַרבלענדט געוואָרן פון געלט און האָט חתונה מיט אַ רייכע כלה און מיין טאָכטער געלאָזן זיצן.

— אָבער פרוי, וואָס עפּעס קומסטו גראָד צו מיר וועגן דער דאָזיקער זאַך?

צי קאָן איך דען עפּעס ביי דעם דאָזיקן מאַן פּועלן, אָדער באַפעלן? האָט געפרעגט דאָן אַברהם.

— דו קאָנסט עס הערן! ווייל דער דאָזיקער מאַן איז דיין קינפטיקער איידעם!

דאָן אַברהם האָט זיך דערשראָקן ווען ער האָט דאָס דערהערט און אויף אַ סעקונדע האָט ער נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַ ווייל שפּעטער איז ער געקומען צו זיך און געזאָגט צו דער פרוי: — איך וועל די זאַך אויספאָרשן, צי עס איז ווי דו האָסט געזאָגט און די זאַך וועט שוין ווערן גוט. גיי אַהיים און זיי געטרייסט.

ווען די פרוי איז אַוועק האָט זיך רש״י נישט געקאָנט איינהאַלטן און פרעגט:

— נו, וואָס וועט איר אייגנטלעך טאָן? אַ פּאַטאַלע געשיכטע בלייבט דאָך דאָס סיי־ווי! עס וועט גוט זיין ווען איר וועט זיך טרעפן מיט דעם פאַרלאָזענעם מיידל און איר מיט עפּעס גאָלד פאַרגיטיקן.

דאָן אַברהם איז, ווייזט אויס, פון די ווערטער פון רש״ין נישט גאָר שטאַרק אָנטציקט געווען און האָט גאָר טרוקן און אָפיציעל געזאָגט רש״ין: — אויב איר וועט מאָרגן זיין ביי דער חתונה פון מיין טאָכטער וועט איר דערפאַרן ווי אַזוי דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער ענין איז דערליידיקט געוואָרן.

רש״י איז אַוועק צו זיך אויף דער אַכסניא. ער האָט די גאַנצע נאַכט נישט גע־קאָנט שלאָפן. ער האָט ממש געברענט פון אומגעדולד צו זען ווי אַזוי וועט זיך דער ענין פאַרענדיקן, ווי אַזוי וועט דאָן אַברהם פאַרגיטיקן דער פאַרשעמטער כלה. גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין פרימאָרגן־תפילה האָט ער זיך שנעל געלאָזן צו דעם פּאַלאַץ פון זיין גן־עדן־שכן. דאָ האָט ער געטראָפן אַ גרויס געטומל, ווי געוויינטלעך אויף אַ חתונה. אַלע צימערן זענען געווען פול מיט געסט פון די פאַרשיידענע שטאַנדן; הילכיקע מוזיק האָט פול געמאַכט דעם גרויסן פּאַלאַץ. מיט גרויס מי האָט זיך רש״י געקאָנט דורכשלאָגן אַ וועג, כדי זיך אַריינצובאַקומען אין דעם צימער פון דעם באַלעבאָס. דאָן אַברהם איז געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן און אַרום אים האָבן זיך געפונען די בכבודיקסטע לייט פון דער שטאָט. ער איז געגאַנגען רש״ין אַנטקעגן, כדי אים צו באַגריסן.

עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די חתונה־צערעמאָניע. ווי עס איז געווען דער מינהג איז אויפן הויף אַוועקגעשטעלט געוואָרן די חופּה. די כלה אין אַ ווייס אַטלאַ־סענע קלייד, מיט אַן איבערגעדעקטן קאָפּ שלייער איז פאָרויס געפירט געוואָרן פון צוויי בכבודיקע דאַמעס. נאָך איר איז געגאַנגען דער חתן, באַגלייט פון צוויי מענער און נאָך זיי אַלע חתונה־געסט, יעדער מיט אַ ברענענדיקע ליכט אין האַנט. מוזיק און געזאַנג האָבן פון דער אַלטאַנע אַראָפּגעשאָלט. אַ רב האָט פאַרגעלייענט די כתובה און דער חתן האָט גענומען אַ גאָלדענעם רינג, אָנגעטאָן אים אויף דער כלהס פינגער זאָגנדיק דעם טראַדיציאָנעלן שפּרוך: „הרי את מקודשת

לי כדת משה וישראל". ווידער האָט דער רב געזאָגט די ברכות; מען האָט צע־בראָכן אַ גלעזל אויף דער ערד און דער עולם האָט אויסגערופן מזל־טוב!

דאַן איז צוגעקומען דאָן אַברהם צו דער כלה און האָט אויפגעהויבן איר שלייער.

— הייליקער גאָט, בעלבאַ! האָט דער חתן אויסגעשריִען און איז געפאַלן אויף דער ערד.

דער עולם איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט, ווייל די כלה איז גאָרנישט געווען דאָן אַברהמס טאָכטער.

— איך מוז אייך די דאָזיקע רעטעניש אויפקלערן, — האָט דאָן אַברהם גע־זאָגט, — די דאָזיקע פרוי (די כלה) איז פריִער געווען די כלה פון דעם מאַן. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַרבאַנד פון ליבע. איך האָב פון דעם נישט געוווסט. צוליב דאַנקבאַרקייט און אין דער האָפענונג צו פאַרבעסערן דעם גורל פון זיינע עלטערן האָט ער צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט מיין טאָכטער. ערשט נעכטן האָב איך זיך דערוווסט די געשיכטע, אַז ער איז שוין געווען אַ חתן מיט אַן אַנדערער. וויל איך נישט צעשטערן דאָס וואָס ליבע האָט פאַראייניקט. איך וויל נישט אַז צוליב מיר זאָל אַ יונגפרוי בלייבן פאַרשעמט און אומגליקלעך. נעם די דאָזיקע פרוי אָנשטאָט מיין טאָכטער, האָט אייך ליב און זייט גליקלעך.

די נייע פּאָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני ביי די פיס פון זייער וווּל־טעטער און זיי באַנעצט מיט טרערן פון דאַנק. אַלע זענען געווען גערירט פון דער גרויסמוטיקייט פון דאָן אַברהמען.

ער האָט נאָך אַ ווײַלע שטילקייט געזאָגט: — וואָס שייך דעם נדן און דעם אויסשטייער וועט איר פאַרשטייט זיך קריגן ווי עס איז דאָ געשריבן אין דער כתובה. מען האָט געקענט זען אויף די געזיכטער פון די אָנוועזנדיקע די געפילן פון הסכם און צופרידנקייט.

רש"י האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער איז צוגעלאָפן צום דאָזיקן איידעלן און בראַוון מאַן, אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז און פריידיק אויסגערופן: — יאָ, דו ביסט ווירדיק צו זיין אין גן־עדן. איך פריי זיך דיר צו האָבן פאַר אַ שכן נעבן זיך.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר, קיינער האָט נישט באַנומען די רייד פון דעם געערטן רבי און יעדערער האָט געוואָלט אַ גענויערע אויפקלערונג.

אויף דעם האָט רש"י אין זיין באַגייסטערונג אויסגערופן: — איצט זע איך, אַז נישט נאָר מיט פאַסטן תעניתים און מיט תפילות פאַרדינט מען יענע וועלט; דאָס אָפּהיטן די קליינלעכע דינים און פאַרשריפטן מאַכט נאָך קיינעם נישט פאַר

קײן צדיק; אַן אײדעלע האַנדלונג און אַ מיטפילנדיק האַרץ איז דער בעסטער קרבן פאַר גאָט; זאָגט דעריבער דוד המלך:

וועד קאָן אַרויפגײן אויף דעם באַרג פון גאָט?
און ווער קאָן שטײן אויף זײן הײליקן אָרט?
דער וואָס האָט רײנע הענט און אַ לויטער האַרץ,
וואָס האָט מיך נישט דערמאָנט צום פאַלשן,
און נישט געשווירן מיט באַטרוג. 8).

אַ גאַנצע וואָך, ווי לאַנג עס דויערן די חתונה־פײערלעכקײטן, איז רש״י גע־בליבן אין הויז פון דאָן אַברהם. ער האָט אים דערצײלט וועגן וואָס ער איז אַהער געפאָרן.

די לעגענדע פאַרענדיקט זיך, ווי געװײנטלעך אַלע פאָלקס־מעשיות מיט דעם טראַפאַרעטן סוף:

רש״י איז אַ צופרידענער געפאָרן אַהײם. צי זײ בײדע זענען איצט נאָך באמת שכנים אין גן־עדן, וועגן דעם האָבן מיר נישט קײן ידיעה.

**
*

מיר האָבן די דאָזיקע לעגענדע געבראַכט אין איר פולן אינהאַלט. קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פשוטע פאָלקס־פאַנטאַזיע. רש״י איז נישט געװעזן אין באַרצעלאָנאַ. אָבער די דאָזיקע לעגענדע אַ רײ נוסחאות און וואַריאַנטן און ווערט גאָר צוגעשריבן אין אַ צווײטן אָרט, אין גאָר אַן אַלטן מקור ווערט זי צו־געשריבן אַ צווײטן צדיק, וואָס האָט אויך געוואָלט וויסן זײן שכן אין גן־עדן. דאָרטן פאַרנעמט דעם פלאַץ פון דאָן אַברהם פון באַרצעלאָנאַ גאָר אַ קצב. אָנ־

---

8) יהואשעס איבערזעצונג פון תהילים, קאַפּיטל כ״ד, פסוקים 3—4:

מי יעלה בהר ה׳
ומי יקום במקום קדשו:
נקי כפיים ובר לבב
אשר לו נשא לשוא נפשו
ולא נשבע למרמה.

די דאָזיקע לעגענדע האָט אָבער געדינט ווי דער יסוד פאַר דעם יידיש־העברעישן פאָפּו־לערן שרײבער יהושע מזח (1834—1917) פאַר זײן דערצײלונג „דער גוטער חבר אין גן־עדן (וועגן רש״י)״.

שטאָט אַ טאָכטער פון אַן אַלמנה איז דאָרטן עס אַ מיידל וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון אַ געפאַנגענשאַפט. 9).

די דאָזיקע לעגענדע האָט נאָך פריערדיקע מקורים. אָבער זי איז נישט אַזוי פאַרשפּרייט ווי דאָס ווערט געטאָן לגבי רש״ין.

די רש״י־לעגענדעס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, און די אַנדערע וואָס מיט זיי זענען איבערגעפולט אַלע רש״י־מאָנאָגראַפיעס, ווייזן אויף דעם אופן ווי די יידישע פאָלקס־מאַסע האָט געזען רש״ין. אין דעם נוסח־אַשכּנז וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף די ווערטן פון בין־אָדם לחברו, אַרויסגעהויבן דאָס מענטשלעכע פון דעם יידישן גייסטיקן באַגאַזש, איז טאַקע רש״י געוואָרן אין די אויגן פון פאָלק דער, וואָס האָט דעם הימל אַראָפּגענידערט צו דער ערד.

ער האָט געעפנט די סודות פון דער תורה פאַרן פשוטן המון האָט אים דעריי־בער דאָס פאָלק מיט דעם זעלביקן באַצאָלט.

אין נוסח־אַשכּנז וואָס איז געשטאַנען אויף דער ערד, ווו עס האָט געגאָלטן דער כלל פון וחי בהם, אַז די מיצוות זענען געגעבן געוואָרן די מענטשן כדי מען זאָל לעבן מיט זיי, באַקומט די לעגענדע פון דעם דאָן אַברהם פון באַרצעלאָנאַ, און רש״יס קאָמענטאַר צו זיין האַנדלונג, אַ גאָר באַזונדער באַטייט.

מען דאַרף פון דער איבערגעטריבענער גוזמאַדיקייט פון רש״יס לעגענדעס באַזייטיקן דעם אָנוווקס פון פאַנטאַזיע. באַזייטיקן די „ווייטע מדינות״, וווהין עס זאָל האָבן געפאָרן — פּראָג, באַרצעלאָנאַ און ווו נישט? און מיר האָבן רש״ין ווי איינעם פון די וואָס האָבן געפורעמט און געטורעמט דעם אַשכּנז־בנין. זיין אָרט איז געווען אין די קהילות פון שו״ם — אין שפּייער, אין וואָרמס און אין מאַינץ. דאָ האָט ער געלערנט, געלעבט און געווירקט.

נוסח־אַשכּנז האָט טאַקע געהאַט פון איין זייט די תקנות פון רבנו גרשום — די ראַם פון דאָזיקן נוסח און גלייך נאָך דעם די פּירושים פון רש״ין, וואָס האָבן אָנגעפילט די ראַם מיט אינהאַלט; אויב רבנו גרשום האָט רעפאָרמירט דאָ איבער־לעבע מישפּחה־ און קיבוץ־לעבן פון דער געשלאָסענער יידישער עדה, האָט רש״י דעמאָקראַטיזירט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער דאָזיקער עדה, געעפנט פאַר אַלעמען די גייסט־אוצרות, וואָס ביז אים איז עס געווען מעגלעך נאָר פאַר יחידי־סגולה, פאַר אַן אויסדערוויילטער עליטע.

---

9) ספר מעשיות והוא חיבור יפה מהישועה לרבינו ניסים גאון ז״ל בר יעקב נ״ע.. וואַרשע 1898, זייטן 50—57.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער ערשטער ספר, וואָס איז ביי ייִדן אָפּגעדרוקט געוואָרן איז געווען דער פּירוש רש״י אויף חומש 10).

רש״י איז פאַרפלאָכטן מיט דעם יסוד פון אַשכנז אויך דורך דעם וואָס ער האָט געלערנט און איז אויסגעוואַקסן אין דער ספערע פון דער אַשכנז־טעריטאָריע. הגם ער איז געבוירן געוואָרן נישט אויף דער עכטער אַשכנז־ערד האָט ער אָבער זיין דערציִונג און אויסבילדונג באַקומען אין די וויכטיקסטע בראשית־קהילות פון אַשכנז. ער האָט געלערנט אין וואָרמסער און מאַינצער ישיבות און עס איז פאַראַן, אַ נישט־באַשטעטיקטע סברא, אַז ער האָט אויך געלערנט אין שפּייער. די היסטאָרישע קהילות פון שו״ם האָבן אַלזאָ געשטאַלטיקט זיין וועג.

געלערנט האָט טאַקע רש״י ביי די תלמידים פון דעם גרינדער פון נוסח־אַשכנז, ביי די תלמידים פון רבנו גרשום מאור־הגולה. זיין ערשטער רבי אין וואָרמס איז געווען רבי יעקב בן יקר, איינער פון רבנו גרשום באַוווסטע תלמידים. ווען רבי יעקב איז געשטאָרבן האָט רש״י ממשיך געווען זיין לערנען ביי רבנו גרשומס אַ צווייטן תלמיד, ביי רבי יצחק הלוי. אַזוי אַז מיר האָבן דאָ אַ דירעקטן פאָדעם וואָס האָט זיך געצויגן פון רבין צום תלמיד.

הגם רש״י האָט זיך אין וואָרמס געפונען געציילטע יאָרן איז ער אָבער אַזוי איינגעבאַקן געווען אין די מוחות און הערצער פון די דאָרטיקע ייִדן, אַז די וואָרמסער האָבן געהאַלטן, אַז ער איז זייערער. עס איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַפילו אָנגענומען אַז ער איז דאָרטן געבוירן געוואָרן. עד־היום באַווייזט מען אין וואָרמס די וואַנט, וווּ עס איז געשען אַ נס מיט רש״יס מוטער, וואָס איז דאָרטן

---

10) געדרוקט געוואָרן איז דער דאָזיקער פּירוש אין דער איטאַליענישער שטאָט רידזשיאָ די קאַלאַבריאַ Reggio di Calabria אין יאָר 1475 (18טן פעברואַר — אָדר רל״ה). דאָס איז דער ערשטער ייִדישער געדרוקטער ספר בכלל. דער דרוקער איז געווען אברהם בן גרשון. צום סוף פון דעם ספר געפינט זיך טאַקע אַ ליד, וווּ עס ווערט כסדר אַריינגעפלאָכטן דער נאָמען אַברהם. מיר ברענגען דאָ די ערשטע צוויי און לעצטע דריי שורות פון דאָזיקן ליד:

נשלם פי (רוש) תורה, שרש״י ביארה, שבה היתה אורה, לכל בני אברהם;
אשיר בשיר לאל, צור פודה וגואל, אשר נתן באל, בלב אברהם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

להר בית ראשון, יקב לב ועשתון, אני בן גרשום, בן יצחק אַברהם;
בריגיו המדינה, ועל ימא מותבא, בסוף קאלאבריאה, שם גר אַברהם;
ליצירת ה׳ אלפים, ומאתים וה׳ ושלושים, בי׳ באדר סוף חדשים, לחשבון אברהם.

פון דעם דאָזיקן ערשטן ייִדישן אינקונאבל איז פאַראַן איין איינציקער עקזעמפּלאַר, וואָס געפינט זיך אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין פּאַרמאַ, איטאַליע. (זע זייט 125.)

אַדורך ווען זי איז געווען שוואַנגער מיט רש״ין און כדי אויסצומיידן אַן אומגליק האָט זיך די וואַנט אַריינגערוקט און באַשאַפן אַ נישע 11).

ביי דער אַלטער וואָרמסער שול איז געווען צוגעבויט אַ בית־מדרשל, וואָס איז געווען אָנגערופן די „רש״י קאַפּעלע״, ווו עס האָט לויט אַ מסורה געלערנט רש״י. די דאָזיקע „קאַפּעלע״ איז דורך די נאַציס חרוב געוואָרן אין יאָר 1938. בעת מיינע אָפטע באַזוכן אין וואָרמס, אין די יאָרן 1949—1951 האָב איך אין דעם



דאָס קליינע שולכל, וואָס איז געווען צוגעבויט צו דער גרויסער וואָרמסער שול און אָנגערופן „רשי קאַפּעלע״

שטאָטישן מוזעום געטראָפן די שטיינערנע רש״י־שטול, אויף וועלכער ער זאָל האָבן בעת זיין לעבן געלערנט. אַפילו די דייטשישע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיך איי־בערגענומען מיט רש״יס פאַרבונדנקייט מיט וואָרמס. איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז דער אַלטער שוץ־מויער פון דער שטאָט, נאָענט פון דער „יודענ־גאַסע״ און די טויערן אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „רש״י־טויער״ 12). עס איז

11) וועגן דער לעגענדע זע ווייטער אין קאַפּיטל וועגן רבי יהודה החסיד.

12) זע אין מיין בוך אין לאַבירינטן פון תקופות, זייט 124. דאָרטן איז אויך פאַראַן אַ בילד פון דעם „רש״י־טויער״.

מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין דער רש״י־מיקווה, וואָס געפינט זיך אין אַ הייל, ביי דער, היינט צעשטערטער, „רש״י־קאַפּעלע״.



דער צעשטערטער אַריינגאַנג אין דער אַלטער רש״י־מיקווה, וואָס איז געווען ביי דער „רש״י־קאַפּעללע״.

פון וואָרמס איז רש״י ווייטער געפאָרן קיין מאַינץ. דאָ האָט ער געלערנט אין דער ישיבה, וואָס עס האָט געגרינדעט רבנו גרשום מאור־הגולה און ווידער ביי איינעם פון רבנו גרשומס גרעסטע תלמידים, ביי רבי יצחק בן יהודה, וואָס זאָל אַגב זיין רש״יס אַ קרוב. דאָ אין דער היסטאָרישער אַשכנז־ישיבה האָט רש״י אָנגעהויבן זיין גרויסע אַרבעט, זיין לעבנס־ווערק, דעם פירוש אויף תנ״ך און תלמוד.

רש״י איז נאָך געציילטע יאָרן צוריק געקומען אין זיין געבוירן־שטאָט, טרואַ. ער האָט דאָ געהאַט זיין פרוי, מישפּחה. נאָך זיינע קענטעניש און נאָך דעם נאָמען וואָס ער האָט דערוואָרבן האָט ער געקענט פאַרנעמען אַ פירנדיקן אָרט אין דעם יידישן לעבן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ קהילה־פירער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, פון וואָס ער האָט געצויגן אַ באַשיידענע חיונה. ער האָט געאַרבעט אין אַ ווינגאָרטן און אין אַ ווינקעלער. ער פלעגט, אָן געצאָלט, זיצן אין אָרטיקן בית־דין. אין משך פון די פינף און צוואָנציק יאָר וואָס ער האָט

נאָך געוווינט אין טרוא איז ער אָבער געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט ווייטע און נאָענטע קהילות. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז זיינע פּסקים אין הלכה זענען צעזייט איבער די פאַרשיידענע שאלות־ותשובות.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז, פּונקט ווי די אַנדערע ראשונים פון אַשכנז, איז רש״י געווען אַן עדות פון די אַכזריותן פון ערשטן קרייצצוג אין די יאָרן 1095—1096. אַ סך פון זיינע חברים זענען דאַן אומגעקומען. די ישיבות, וווּ ער האָט באַקומען זיין וויסן — וואָרמס און מאַינץ — זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט פון אומבאַשרייבלעכן קידוש־השם. רש״י באַקלאָגט טאַקע די דאָזיקע רציחות אין אַ ריי עלעגיעס. איין קינה וואָס ווערט אים צוגעשריבן איז פול מיט קללות און חרמות קעגן די מערדער און שענדער. עס איז איינע פון די שאַרפסטע פּראָטעסט־קינות, פון וועלכע עס ווייעט מיט צער און צאָרן, מיט ווי און וויינד. יעדע סטראָפע הייבט זיך אָן מיט תת (צוויי תאוון) וואָס דאַרף משמעות אָנווייזן אויף דער צייט פון די שחיטות תתנ״ו.

אָט זענען די ערשטע סטראָפעס פון דאָזיקן ווי־געשריי, וואָס הייסט: „קללה ושמתא״ — אַ קללה און אַ חרם.

> און געבן זאָלסטו זיי צו אַ קללה און אַ פאַרוויסטונג,
> אויסגעגאָסן זאָל ווערן אויף זיי דיין האַס, צאָרן און כעס;
>
> שיקן זאָלסטו אויף זיי די פאַרדאַרב־מלאכים, אָנשיקענישן און מהומות,
> זאָלסט זיי פאַרטיליקן מיט דעם שווערד אין דרויסן און מיט ציטער
> אינעווייניק; 13).

געשטאָרבן איז רש״י אין מיטן פון דיקטירן (ער איז שוין דאַן געווען שוואַך אַליין צו שרייבן) זיין פירוש אויף מסכת מכות. ער איז דאַן אַלט געווען פינף און זעכציק יאָר. אויב מיר האָבן נישט די גענויע דאַטע פון זיין געבוירן האָט זיך אָבער אויפגעהיט די פּינקטלעכע טויט־דאַטע: ניין און צוואַנציק טעג אין חודש תמוז און יאָר תתס״ה (1105).

---

13) די עלעגיע האָט פיר און פערציק צוויי־שורהדיקע סטראָפעס. די ציטירטע סטראָ־פעס זענען אין העברעיש:

> תתנם לחרפה לקללה ולשמה
> תתיך עליהם אף, שצף, קצף וחמה;
>
> תשלח בם מלאכי מארה ומגערה ומהומה
> תשמידם בשכול חרב מחוץ ומחדרים אימה;

(„ספר גזירות אַשכנז וצרפת״, ירושלים תש״ו, זייטן ק״ה—ק״ו).

רש״יס ירושה איז אומגעהייער גרויס. מיט זיינע פּירושים האָט ער דערגרייכט אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן פאָלק; געוואָרן באַליבט ביי אַלע שיכטן פון פאָלק. טרעפלעך זאָגט טאַקע איינער פון רש״יס ביאָגראַפן:

... „דאָס איז די געשיכטע פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרבאָרגן אין די דלד־אמות פון פשוטער אויפקלערונג און האָט זיין ליכט פאַרשפּרייט אויף ריזיקע שטחים. ביי זיין שיין טוט זיך וואַרעמען די גאַנצע כנסת־ישראל, פון גרויס ביז קליין; פון ראשי־ישיבות ביז די קינדער אין חדרים; פון די פּני — די נגידים פון קהל און געלערנטע פון פאָלק — ביז די פשוטע האָלצהעקערס און וואַסער־טרעגערס״ 14).



דער אינעווייניק פון דער „רשי־קאַפּעללע״. ביים וואַנט דער שטיינערנער רשי־שטול געפינט זיך איצט אין שטאָטישן מוזעום אין וואָרמס.

גאָר באַזונדער האָט רש״י, ווי שוין דערמאָנט, גרויסע פּיאָנערישע פאַרדינסטן פאַר דעם אויפקום און אויספורעמונג פון יידיש לשון — דער מכשיר, וואָס האָט כסדר באַווירקט די אַשכנז־תקופה און איר צוגעגעבן די וואָג און ראָלע פאַר די

14) ד״ר י. ק. מיקלישנסקי — „חיי המורה״, אין רש״י, תורתו ואישיתו, ניו־יאָרק, תשי״ח, זייט 29.

טויזנט יאָר פון נוסח־אַשכנז וואָס האָט גאָר באַזונדער באַקומען דעם תיקון און דערגרייכט די העכסטע הייכקייטן אין מיזרח־אייראָפּע 15).

מיר טרעפן אָבער אויך ערטער און צייטן ווען מען פּרוווט אַרויסטרעטן קעגן רש״ין, ווען מען באַמיט זיך אים מבטל מאַכן. זיי קומען פון פאַרשיידענע זייטן און ערטער וואָס צילן טאַקע צו טרעפן סיי דעם נוסח־אַשכנז, סיי דעם פאָלקס־המשך וואָס דער דאָזיקער נוסח האָט מיט זיך געטראָגן פאַר די יידישע דורות.

מען געפינט צווישן אַ ריי ספרדישע געלערנטע און פאַרשערס אַנטי־רש״י־אַרויסטרעטן. צווישן זיי גאָר באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, ווי שמואל בר בנבנשת אין באַרצעלאָנאַ (אין 13טן יאָרהונדערט); אַברהם קרימי (14טן יאָרהונדערט). אין זיין פּירוש אויף חומש „שפה ברודה״ זאָגט ער אָן: „אל תפן אל דברי רש״י״ — זאָלסט זיך נישט צוהערן צו פּירוש פון רש״י; גאָר שאַרף קעגן רש״ין איז אַרויסגעטראָטן אַ ספרדי אין 16טן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאַמפלעט קעגן רש״ין אונטער אַ פּסעוודאָנים „פלמון בן פלת״; דאָס זעלביקע טרעפן מיר ביים באַקאַנטן געלערנטן יוסף־שלמה דעל מעדיגאָ 16).

מען דאַרף בשום אופן נישט פאַרשטיין, אַז רש״י איז בכלל געווען נישט אָנערקענט פון די ספרדים. אדרבא דער רוב פון די ספרדים האָבן אָנערקענט רש״יס פּירושים. דער פאַקט אָבער פון די דאָזיקע אַרויסטריטן (אין פאַרשיידענע צייטן) און די טענות צו רש״ין און זיין דרך פון קאָמענטירן דעם תנ״ך און תלמוד ברענגט דעם יידישן פאָרשער ד״ר יהודה ראָזנטאַל צו דער ווייטערדיקער מסקנא:

„... יעדעס מאָל ווען עס פאַרשטאַרקט זיך די השכלה־באַוועגונג ביי יידן שפּאַרט זי זיך אָן אויפן רמב״ם און ברענגט מיט זיך ביודעים אָדער בלא יודעים דאָס פאַרקלענערן פון דער געשטאַלט פון רש״ין.

און מיט רעכט ווייזט ער אָן, אַז די בערלינער השכלה האָט מיט איר צו אייפערדיקער פאַרהערלעכונג פון רמב״ם, אַ פאַרהערלעכונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז אַ מין געצנדינעריי אַנגעהויבן מאַכן עקספּערימענטן אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די פונדאַמענטן פון דעם יידישקייט־געפיל פון רש״י.

„די דייטשישע משכילים האָבן געמאַכט די ערשטע פּרוון צו פאַרבייטן דעם לימוד פון רש״י אין די שולעס דורך לערנען פאַרשיידענע פראַגמענטן פון דעם

---

15) זע וועגן דעם ווייטער אין קאַפּיטל: „יידיש — די בריק פון אַשכנז — ביז מיזרח־אייראָפּע״.

16) יהודה רוזנטאַל — „רש״י והרמב״ם בהערכת הדורות״ אין פּרקים, באַנד 2, ניו־יאָרק, תש״ך, זייטן 47—49.

רמב״מס משנה תורה. אויך די נייע איבערזעצונג פון חומש אויף ריינעם דייטש איז געווען פאַרטראַכט אונטערצוגראָבן אונטער דעם ייִדישקייט־דרך פון רש״ין 17).

עס ווערן דאָרטן געבראַכט, אַז די גאָר אייפערדיקע משכילים, וואָס האָבן אין געוויסע פעריאָדן און ערטער מיט גוואַלט געוואָלט „רעפאָרמירן" דאָס ייִדישע לעבן זענען, אפשר בלא יודעים, געוואָרן דינער פון שונאי־ישראל (אַזאַ איינער וואָס איז גאָר באַרימט לגנאי איז הירץ האָמבערג).

איינער פון די דאָזיקע אייפערדיקע משכילים איז געווען אברהם באָכנער, וועל־כער איז געווען אַ לערער אין דער וואַרשעווער ראַבינער־שול. ער איז גאָר באַקאַנט מיט זיינע באַמיִונגען, ביי דער מאַכט, וועגן דורכפירן „רעפאָרמען". צווישן אַנדערע האָט ער אין זיינעם אַ מעמאָראַנדום צו דער מאַכט פאָרגעלייגט צו פאַרמאַכן אַלע חדרים; ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן תלמוד, בכלל מען זאָל פאַרווערן צו לערנען דעם תלמוד פאַר דעם המון 18).

אין אַלגעמיין האָט דער דאָזיקער קרייזן „רעפאָרמאַטאָרן", אין זיין אַנט־וויקלונג געשפּילט אַ זייער טרויעריקע ראָלע אין ייִדישן לעבן. פון דעם קרייז זענען אויפגעקומען די כל־המינים דייטשן, פּאָליאַקן און רוסן „פון משהס גלויבן", וואָס זייער צווייטער דור איז שוין געווען פול מיט משומדים און נישט זעלטן צוגעשטעלט גאָר פינצטערע אַנטיסעמיטן.



פראַגמענט פון ערשטן געדרוקטן רש״י־פירוש צום חומש פון דאַן אַן הייסט טאָקע דער דאָזיקער כתב רשי־כתב.

17) דאָרטן.

18) ד״ר יעקב שאַצקי — ייִדישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 ביז 1866, ניו־יאָרק, 1943, זייט 200 א״וו.

רבנו תם — דער ערשטער קהילות־אָרגאַניזאַטאָר

משה האָט באַקומען די תורה פון סיני; ער האָט זי איבער־געגעבן צו יהושען; יהושע האָט עס ווייטער איבערגעגעבן צו די זקנים; די זקנים צו די נביאים; די נביאים צו די אַנשי כנסת הגדולה...

מיט די דאָזיקע קורצע זאַצן וויל דער מאמר אין פּרקי אָבות באַווייזן, אַז די ייִדישע לערע האָט אַ קאָנטינויִטעט. עס מיינט, אַז פון דור צו דור ווערט זי איבערגעליפערט פון איין פירער צום צווייטן; און אַזוי גייט עס ביז צו אונדזערע הייַנטיקע טעג.

עס קומט אויס די ייִדישע היסטאָריקערס זיך שווער אַן עצה צו געבן מיט דער דאָזיקער המשכדיקייט. נישט זעלטן זענען פאַראַן צייט־אָפּשניטן, ווו מען האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם; ווו פון איין רינג צו דעם צווייטן פון דער דאָזיקער המשך־קייט איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג. ווען מיר קומען צו דער אַשכנז־תקופה, יעדנפאַלס צו די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער דאָזיקער תקופה, האָבן מיר אַ כמו־באַשטעטיקונג פון דער דאָזיקער טעזע, פון־האַנט־צו־האַנט־איבערליפערונגען פון דעם נוסח וואָס האָט זיך דעמאָלט אויסגעפאָרעמט. מיר קענען דאָ באַווייזן אין יעדן דור ווער עס איז געווען דער יעניקער וואָס האָט ווייטער געשפּינען דעם פאָדעם פון המשך און אויך מיט וואָס ער האָט דעם דאָזיקן המשך פאַרפעסטיקט.

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל געזען ווי אַזוי דער דאָזיקער נוסח איז פון דעם גרונטלייגער רבנו גרשום מאור־הגולה איבערגענומען געוואָרן פון זיין יורש רש״י. נאָך רש״יס טויט האָבן מיר אַ ווייטערדיקן יורש — געווען איז עס טאַקע רש״יס אייניקל, וואָס איז אין דער ייִדישער געשיכטע באַקאַנט ווי דער רבנו תם.

מיר וועלן זיך ראשית באַקענען מיט אַ ריי ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם דאָזיקן קאָנטינואַטאָר פון דעם אַשכנז־נוסח.

רש״י האָט נישט געהאַט קיין זין. ער האָט אָבער נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ גאַנצע פּלעיאַדע תלמידים, וואָס האָבן זיין לערע פאַרטיפט און אויסגעברייטערט.

צווישן זיינע תלמידים זענען טאַקע געווען זיינע איידעמס און אייניקלעך. עס איז אויפגעקומען אַ גאַנצע רש״י־דינאַסטיע, וואָס האָבן אויסגעברייטערט דעם תלמוד־פּאַרטייטש, די באַקאַנטע „בעלי־התוספות״. צווישן זיי זענען טאַקע געווען צוויי רש״יס איידעמס רבי יהודה בן נתן (באַקאַנט ווי רער ריב״ן), וועמען רש״י האָט אויף דער עלטער דיקטירט זיינע פּירושים און חידושים און רבי מאיר בן שמואל פון ראַמערו, (דער מאַן פון רש״יס טאָכטער יוכבד), אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון רש״יס געבוירן־ און וווין־שטאָט טרואַ.

פון רבי מאירס פיר זין האָבן זיך צוויי אַרויסגערוקט פון די גאָר באַרימטסטע „בעלי־התוספות״ — געווען זענען עס די ברידער רבי שמואל בן מאיר (באַקאַנט ווי דער רשב״ם) און רבנו יעקבן בן מאיר, דער רבינו תם.

ביידע זענען זיי געווען די פאַרזעצערס פון דער לערע פון זייער גרויסן זיידע. אָבער דער רשב״ם האָט זיך בעיקר געווידמעט די ווייטערדיקע פאַרטייטשונג פון דער תורה. אַגב איז ער אין אַ ריי פּרטים נישט געווען מסכים מיטן וועג פון זיין זיידן, פון רש״ין. רבנו תם האָט זיך אָבער בעיקר פאַרנומען מיט הוראה, אָנגעפירט מיט אַ ישיבה אין ראַמערו; מיט הלכה — אין פּסקענען אַ ריי ריטועלע און שטייגערישע שאלות און דער עיקר מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די ידישע קהילות.

אין דער ישיבה פון רבנו תם קומען תלמידים פון נאָענט און ווייט. עס איז שוין נאָכן ערשטן קרייצצוג, וואָס האָט חרוב געמאַכט די גרויסע ישיבות פון שו״ם און עס האָט זיך דער תורה־צענטער אויף אַ צייט אַריבערגעטראָגן קיין צפון־פראַנקרייך, אין טרואַ, ווו עס האָט געוווינט רש״י און איצט קיין ראַמערו, ווו עס האָט געוווינט רבנו תם. עס לערנען דאָ טאַקע תלמידים פון צפון־פראַנקרייך און פון דער רייך־געגנט. אין איין צייט האָבן ביי אים געלערנט ביז אַכציק תלמידים, וואָס זענען נאָכדעם געווען פון די אָנערקענטע „בעלי־תוספות״.

רבנו תם איז געווען אַ מין סינטעז פון ביידע ערשטע אַשכנז־באַגרינדערס; עס האָבן זיך אין אים פאַראייניקט די אייגנשאַפטן פון רבנו גרשום — דעם בעל־התקנות און פון רש״י — דעם גרויסן לערער־פאַרטייטשער.

מיר האָבן שוין פריִער 1) דערציילט וועגן די תקנות פון רבנו גרשום מאור־הגולה, וואָס זענען געווען דער יסוד פון די קהילות שו״ם. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז די בכורה פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע־פאָרעם געהערט צום רבנו תם. ער איז עס געווען דער יעניקער וואָס האָט פאַררופן אַזעלכע צוזאַמענפאָרן פון די ידישע קהילות און צוועקגעשטעלט דעם פונדאַמענט פון דער צענטראַלער ידישער אַליינפאַרוואַלטונג.

---

1) זע דאָס קאַפּ׳ „די תקנות פון רבנו גרשום״ און קאַפּ׳ „די קהילות שו״ם״.

רבנו תם איז געווען אַן עדות פון די גרויזאַמקייטן פון דעם צווייטן קרייצ־צוג. עס דערציילט אַ כראָניק 2) אַז ער איז בעת דער דאָזיקער צייט שיעור נישט אומגעקומען. אין יאָר 1147 איז זיין הויז באַפאַלן געוואָרן פון די קרייצפאָרערס. די באַנדע האָט זיין פאַרמעגן צערויבט און אים אַרויסגעפירט הינטערן שטאָט כדי אים דערהרגענען. די פייניקערס האָבן צו אים געטענהט: — דו ביסט דאָך דער פירער פון די ייִדן און מיר ווען זיך אָן דיך נוקם זיין צוליב די פיינען פון אונדזער אויסלייזער. זיי האָבן אים געמאַכט פינף וווּנדן אין קאָפּ, טאַקע קעגן די וווּנדן וואָס עס האָט געהאַט קריסטוס. דערציילט די כראָניק, אַז געשען איז עס דעם צווייטן טאָג שבועות. מען האָט דערביי פאַר זיינע אויגן צעריסן אַ ספר־תורה און עס האָט טאַקע געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל אומקומען. גראָד איז על־פּי־נס אָנגעפאָרן אַ ריטער, וואָס האָט געקענט דעם רבנו תם און ער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דערציילט די זעלביקע כראָניק, אַז דער ריטער האָט עס געטאָן פאַר אַ מתנה פון אַ פערד, וואָס איז געווען ווערט פינף זקוקים (גאָלד־רענדלעך).

אין יענע אומרויִקע יאָרן, ווען דער גרויל פון דעם ערשטן קרייצצוג פון פופציק יאָר צוריק איז נאָך געווען לעבעדיק אין זיכרון פון די ייִדישע יישובים, האָבן זיך די ייִדישע קיבוצים אַלץ מער און מער געצנומען זיך איינשליסן אין זייערע ווין־קוואַרטאַלן. עס האָט זיך אויך געשאַפן, אין אָנבליק פון די געפאַרן, אַ נייטיקייט פון אַן ענגע פאַרבינדונג פון די באַזונדערע קהילות, הגם זיי האָבן זיך געפונען אין די ראַמען פון באַזונדערע מלוכות.

די ייִדישע עדה אין די שטעט ווערן אָנערקענטע „איינסן" אין דער שטאָט. עס ווערט געלייגט דער יסוד פון אַן אויטאָנאָמער קהילה. עס אַנטשטייט שוין דאַן דער אַמט פון פּרנס; אין טייל אָפיציעלע אַקטן האָט די ייִדישע אָרגאַניזירטע עדה דעם נאָמען „ייִדישער מאַגיסטראַט".

און טאַקע אונטער דער אָנפירונג פון רבנו תם ווערט דורכגעפירט די צענט־ראַליזירונג פון די באַזונדערע ייִדישע קהילות און עס ווערט גערופן צוזאַמענפאָרן, אָדער וועדים פון די באַזונדערע קהילות.

שוין דעמאָלט ווערט געלייגט דער יסוד פון דעם כאַראַקטער פון דער ייִדי־שער אויטאָנאָמיע, פון איר אינערלעכער אָרגאַניזאַציע און אויך פון די פאַרבינ־דונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. זיכער האָבן דאָ שוין געווירקט די תקנות פון רבנו גרשום און מיר זעען טאַקע, אַז דעם ערשטן אָרט האָבן פאַרנומען די־פּראָבלעמען פון בין־אָדם־לחבירו. אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם ברענגט פּראָפּ׳

2) די כראָניק פון רבי אפרים ב"ר יעקב פון באָן, וואָס הייסט „ספר זכירה" און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ריי ערטער. לעצטנס אויך אין דעם זאַמלבוך „גזירות אשכנז וצרפת", ירושלים, תש"ז.

שמעון דובנאָוו די וויטערדיקע דריי סיבות, וואָס האָבן דעמאָלט באַוויגן צו רופן די וועדים פון די באַזונדערע קהילות 3).

א) איינשטעלן דעם סדר פון דער ייִדישער אַליין־פאַרוואַלטונג, אַז ער זאָל זיין אַן איינהייטלעכער פאַר אַלעמען; באַשטימען די רעכטן פון די רבנים און די דיינים, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסטראָגן אורטיילן אויך אין ציווילע פּראָצעסן צווישן די מיטגלידער פון דער קהילה;

ב) צופּאַסן די דינים פון ייִדישן ריטואַל צו די נייע אומגעביטענע באַדינגונגען אין די מערב־לענדער, וואָס זענען אונטער דער קריסטלעכער הערשאַפט. (ביז דאַן האָט מען זיך אַלץ געהאַלטן ביי די אָנווייזונגען פון מיזרח, — בבל, וואָס איז געווען אין דער איסלאַמישער ספּערע);

ג) מען האָט אויך געמוזט איינשטעלן אַ ריי תקנות וואָס האָבן געדאַרפט צוריק רעגאָווירן דאָס לעבן נאָך די גזירות און פּאַרוויסטונגען פון די קרייצצוגן.

די ערשטע צוזאַמענפאָרן פון די דאָזיקע באַזונדערע קהילות זענען פאָרגעקומען צווישן די יאָרן 1150 און 1170 און טאָקע משמעות אין טרואַ, ווו עס איז שוין דאַן געווען רבנו תם.

ווען מען זעט די תקנות וואָס זענען אויף די דאָזיקע וועדים אָנגענומען געוואָרן איז קלאָר, אַז מען האָט זיך געהאַלטן ביי די תקנות פון דעם יסוד־לייגער פון אַשכנז, די תקנות פון רבנו גרשום מאור־הגולה. אָט זענען די וויכטיקסטע באַשלוסן פון די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן.

סיכסוכים צווישן ייִדן דאַרפן באַטראַכט ווערן נאָר אין ייִדישן בית־דין, נישט אין קיין קריסטלעכן געריכט. ווער אַ ייִד מיט זיין אָנקלאַגע זיך ווענדן צו אַ קריסטלעכן געריכט ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער קהילה, אַריינגעלייגט אין חרם, וויל ער צעשטערט דעם יסוד פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע; אַנדערש איז וועןביידע ייִדישע צדדים וועלן מסכים זיין איבערצוגעבן דעם ענין צו אַ נישט־ייִדישן געריכט, אָבער עס דאַרפן דערביי זיין ייִדישע עדות.

עס איז שטרענג פאַרווערט זיך צו ווענדן נאָך הילף צו די מאַכטהאָבערס, כדי צו באַקומען דעם אַמט פון אַ פּרנס אין דער קהילה; עס איז פאַנווערט אָנצושרעקן מיט דער הילף פון „דרויסן" די קהילה־פירערס; עס טאָרן נישט טאָלערירט ווערן מסירות ווי בכלל יעדער פּרווו אַריינצופירן פרעמדע פאַקטאָרן אין די אינעווייניקסטע ענינים פון דער קהילה; די ייִדן וואָס זענען מקורבים למלכות האָבן די התחייבות צו באַשיצן די אומבאַרירלעכקייט פון דער קהילה־אויטאָנאָמיע אַפילו אויב זיי ווערט דראָען פון די גויים באַשטראָפט צו ווערן.

---

3) שמעון דובנאָוו — וועלט געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, באַנד 4, זייט 149 (בוענאָס־איירעס, 1951).

עס פאַרנעמט אַ גאַר וויכטיקן אָרט די תקנות וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו אָפּהיטן די סטאַבילקייט און ריינקייט פון פאַמיליע־לעבן ווי אויך דעם סאָציאַלן שטייגער. עס ווערט געגומען אין שוץ די פרוי; קעגן ווילקירלעכע האַנדלונגען פון מאַן אין פרט פון גט; אָן דעם וויסן פון דער פרוי און אָן הסכם פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט נישט קיין מאַן דאָס רעכט אַוועקצופאָרן פון זיין פרוי אויף אַ לענגערע צייט.

גאָר באַזונדער איז געוואָרנט געוואָרן נישט צו קויפן אָדער נעמען אין משכון די קריסטלעכע קירכלעכע חפצים — בילדער, בגדים, כלים פון זייער רעליגיעזן צערעמאָניאַל. עס זאָל נישט קומען צו קיין חשד, אַז ייִדן פאַרשוועכן די דאָזיקע, ביי די קריסטן, פאַרהייליקטע זאַכן.

די קהילות־צוזאַמענפאָרן, וואָס עס האָט איניצירט רבנו תם איז נאָך דעם געוואָרן די באַזע פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די קהילות שו״ם, וועגן וואָס מיר האָבן אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל איבערגעגעבן.

רבנו תם איז געשטאָרבן אין יאָר 1171. ער האָט פאַר זיין טויט דורכגעלעבט איינע פון די בלוטיקסטע גזירות, וואָס יענע צייט האָט געקענט. עס איז די גזירות בלויש (בלוא), וועגן וואָס עס דערציילן אומצייליקע כראָניקעס און טרויער־לידער.

נאָך דער כראָניק וואָס עס האָט זיך אויפגעהיט פון דעם שוין פריִער־דער־מאָנטן רבי אפרים פון באָן 4) און ווערט אויך געבראַכט פון אַנדערע כראָניקערס פון יענער צייט האָט זיך אין דער פראַנצויזישער שטאָט בלוא אָפּגעשפּילט איינע פון די ערשטע בלוט־בילבול־סצענעס, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן אַן אויסרייד פאַר אָן אַ שיעור פּייַנען פאַר די ייִדן אין פאַרשיידענע צייטן און תפוצות. מיר ווילן דאָ וויטער איבערגעבן די דאָזיקע געשיכטע, ווי זי ווערט געבראַכט אין דער פאַרצייטיקער כראָניק 5).

... אין יאָר פיר טויזנט און תתקל״א (1171) איז געקומען אַ צרה אין פראַנק־רייך און גרויסער בראָך אין דער שטאָט בלוא. געוווינט האָבן אין דער שטאָט בערך פיר מנינים ייִדן. געשען איז עס אַ דאָנערשטיק, אין אָוונט.

איז איינער אַ ייִד געגאַנגען אָנטרינקען זיין פערד. אויפן וועג האָט ער גע־טראָפן אַ גוי, וואָס איז אויך געגאַנגען צום טייך. האָט ער מורא געקראָגן און אַרויסגעצויגן פון אונטער זיינע בגדים אַ שטיק פעל. ווען דעם גויס פערד האָט דאָס דערזען אין דער פינצטער האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, זיך געשטעלט

4) פאַרעפנטלעכט אין „ספר גזירות אַשכנז וצרפת״, ירושלים תש״ו, זייטן קכ״ד, קכ״ה, קכ״ו.

5) לויט דער ייִדישער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ אין זאַמלבוך „קידוש השם״, ניו־יאָרק תש״ז, זייטן 999, 1000, 1001.

אויף די הינטערשטע פיס און בשום אופן נישט געוואָלט אַריין אין וואַסער. דער ערל האָט זיך אויך דערשראָקן, איז ער געלאָפן צו זיין באַלעבאָס און אים דער־ציילט: — „כ׳האָב געזען איינעם אַ יידן, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אַ קליין יינגל, וואָס די יידן האָבן דערהרגעט, אין טייך אַריין. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דער ייד וועט מיך אויך דערהרגענען, אויך דאָס פערד האָט זיך דערשראָקן פאַרן אויפגע־ברויזטן וואַסער — ביז איך געקומען צולויפן דאָס דערציילן".

און אין בלוא איז געווען אַ יידישע פרוי, אַן אשת־חיל, מיטן נאָמען פּולצעלינאַ און דער גוי האָט געוווּסט, אַז זיין באַלעבאָס טראָגט אויף דער פרוי אַן אַלטע שינאה. אויף מאָרגן, איז ער אַוועקגעריטן צום שטאָט־עלטסטן, וואָס איז געווען אַ זייער פאַרדאָרבענער מענטש און אים דערציילט די מעשה. איז ער געוואָרן זייער אויפגעבראַכט, געגומען אַלע יידן, אַרום 40 מאַן, און זיי פאַרשפאַרט אין תפיסה.

האָט פּולצעלינאַ זיי געטרייסט און באַרויקט, ווייל זי האָט זיך פאַרלאָזט אויפן שטאָט־עלטסטן, וואָס האָט זיך פריינדלעך פאַרהאַלטן צו איר. אָבער דעם שטאָט־עלטסטנס פרוי האָט אָנגערעדט פאַר אים און געהעצט אויף די יידן — האָט ער געוואָרפן אויף איר אַ גרויסע שינאה און אָנגעזאָגט די וועכטער, אַז טאָמער קומט פּולצעלינאַ אים זען, זאָל מען זי נישט אַריינלאָזן. (זי איז געווען די איינציקע, וואָס מען האָט נישט פאַרשפּאַרט אין תפיסה).

האָט ער געזוכט אויסצוטראַכטן אויף זיי אַ בילבול — אָבער נישט געקענט, ווייל עס זענען נישט געווען קיין עדות וואָס זאָלן דעם בילבול באַשטעטיקן. איז געקומען אַ גלח צום שטאָט־עלטסטן און געזאָגט: — „כ׳וועל דיר געבן אַן עצה ווי צו מאַכן איבער זיי אַ מישפּט, זאָלסט נאָר נישט נעמען פון זיי קיין אויסקויף־געלט. ברענג דעם קנעכט וואָס האָט דאָס אַלץ געזען און וואַרף אים אַריין אין אַ טיפן פלאַץ פון טייך אויף וועלכן די כומרים וועלן שפּריצן הייליק וואַסער. אויב זיינע רייד זענען וואָר, וועט ער אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך; און אויב נישט, וועט ער דערטרונקען ווערן".

איז דעם שטאָט־עלטסטן געפעלן געוואָרן די עצה און ער האָט אַזוי געטאָן. מ׳האָט געבראַכט דעם קנעכט, אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און אים אַרויסגע־צויגן. מ׳האָט גערעכט געגעבן דעם רשע און באַשולדיקט די אומשולדיקע און די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן אויפגערודערט.

דעמאָלט האָט דער שטאָט־עלטסטער געשיקט פרעגן ביי די יידן וויפל אויס־קויף־געלט וועלן זיי אים געבן אויב ער וועט זיי ראַטעווען פון טויט? האָבן זיי זיך געהאַלטן אַן עצה און צוגעזאָגט אים געבן הונדערט פונט און אויך שענקען די חובות וואָס מען האָט זיי געקומען, ביז הונדערט אַכציק פונט.

די יידן האָבן נאָך געהאַלטן אין מיטן אונטערהאַנדלען מיט די גויים איז דער גלח געקומען צו גיין און האָט געזאָגט דעם שטאָט־עלטסטן: „זאָלסט נישט נעמען

ביי זיי קיין מתנות!" ער האָט האַרט געמאַכט זיין האַרץ און זיך צו זיי נישט צוגעהערט.

האָט דער צורר באַפוילן און מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ הילצערן הויז, באַלייגט דאָס הויז מיט העלצער און טרוקענע צווייגן אַרום און אַרום. ווען מען האָט זיי געפירט פון דער תפיסה אין דרויסן האָט מען צו די ייִדן געזאָגט: — „ראַטעוועט אייערע נשמות, ווערט ווי מיר, פאַרלאָזט אייער גלויבן, וועט איר בלייבן לעבן!". אָבער זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּקערן פון זייער גלויבן און זיי האָבן געזאָגט: — „לאָמיר זיך שטאַרקן פאַר אונדזער גאָט, ווייל מיר זענען זיין פאָלק און זיינע שאָף, און וואָס עס איז אים ווויל געפעלן מיט אונדז צו טאָן — זאָל ער טאָן, ווייל אויסער אים איז קיין גאָט נישט פאַראַנען!".

האָט דער צורר באַפוילן און מ'האָט גענומען ר' יחיאל בר' דוד און יקותיאל בר' יהודה, ביידע כוהנים און רבינו שמואלס (דעם רשב"מס, רש"יס אייניקל) תלמידים און רבי אהודה בר' אַהרון און מ'האָט זיי געבונדן אין שטריק. מען האָט אָנגעצונדן דאָס האָלץ און ווען דאָס פייער האָט זיך צעברענט — האָבן זיך די שטריק פון זייערע הענט איבערגעריסן און אַלע דריי זענען אַרויסגעקומען. האָבן זיי געזאָגט צום צוררס קנעכט: „דאָס פייער האָט אויף אונדז נישט קיין שליטה, פאַר וואָס זאָלן מיר נישט אַרויסקומען?". האָבן זיי געענטפערט: — „ווי וואָר מיר לעבן, איר וועט נישט אַרויסקומען". זיי האָבן זיך ביי זיי געבעטן, אָבער מען האָט זיי צוריק אַריינגעטריבן אין בראַנדהויז. דאַן זענען זיי נאָך אַ מאָל אַרויסגעקומען. האָבן זיי אָנגעכאַפּט איינעם פון די גויִים אים אַריינצושלעפּן מיט זיך אין פייער, מחמת זיי זענען געווען העלדישע מענטשן. אָבער די גויִים האָבן אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, זיי דערהרגעט מיט שווערדן און זיי אַריינגעוואָרפן אין פייער. און זיי און אויך די אַנדערע איין און דרייסיק ייִדן זענען נישט פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, נאָר זענען דערהרגעט געוואָרן און געשטאָרבן פאַר גאָט. האָבן די גויִים געזען און זיך געוווּנדערט און איינער די צווייטע געזאָגט: — „זיי זענען הייליקע מענטשן, ס'איז אַ פינגער פון גאָט".

און עס איז געווען נאָך אַ ייִד, רבי דוד הכהן, וואָס האָט געוווינט אין איינער פון דעם צוררס שטעט, האָט דאָס אַלץ געזען. ער איז געווען אַ מליץ־יושר פאַר די ייִדן פון בלוֹא, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

... דאָס אַלץ האָט מען געשריבן ר' יעקבן (רבנו תם) פון שטאָט אָרלעאַנס, נאָענט צו די גאָטס געפאַלענע. ווען דער פלאַם איז אויפגעגאַנגען האָבן די ייִדן אַלע אויפגעהויבן זייערע שטימען און געזונגען. האָבן די גויִים געזאָגט: — „מיר הערן אייער געזאַנג, אָבער מיר פאַרשטייען נישט, אַזאַ מין זינגען האָבן מיר נאָך ביז היינט נישט געהערט". און ס'איז באמת באַוווּסט געוואָרן, אַז דאָס ליד וואָס

די גוייִם האָבן געהערט אין יענער ביטערער צייט איז געווען דער לויב־געזאַנג „עלינו לשבח״.

טעכטער פון ישראל, וויינט אויף די דאָזיקע ריינע נשמות; די ליבע און די טייערע בעתן לעבן און טויט. איר זאָלט זיך מער נישט קליידן אין זיידענע קליי־דער, טראָגט נישט מער קיין קליידער מיט העלע פאַרביקע קאָלירן, ווייל כּבוד איז פאַרטריבן געוואָרן פון ישראל. און אייערע ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן באַוויינען די שריפה וואָס גאָטס שונאים האָבן אָנגעצונדן.

אַ ביסל שפּעטער, זענען די ייִדן געקומען און געבראַכט צו קבורה זייערע ביינער און זיי האָבן געוויינט איבער זיי אַ גרויס געוויין, ווייל דער ווייטיק איז געווען זייער גרויס.

און די ייִדן פון פראַנקרייך און פון די אונדזלען פון ים האָבן אויף זיך מקבל געווען דעם דאָזיקן ביטערן טאָג פאַר אַ טאָג פון קלאָגן און פאַסטן. און זייַן זכר זאָל נישט אָפּגעטאָן ווערן פון זייערע קינדער, לויט די רייד פון גאון רבנו יעקב ברב מאיר (רבנו תם) וואָס האָט אַזוי געשריבן: „ס'איז גרעסער דער היינטיקער תענית פון זיבעטן חודש (צום גדליה) ווייל ס'איז אַ טאָג פון מחילה״. און די ייִדן האָבן אויף זיך גענומען צו טאָן דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן. געשען איז עס צוואַנציק טעג אין סיוון — 26סטן מײַ 1171. דער דאָזיקער טאָג איז טאַקע דורך דעם פירער פון די ייִדן אין יענער צייט, רבנו תם, איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ תענית־ציבור לזיכרון די קדושים.

עד כאן די כראָניק.

די אַנאָנימע פערזאָנען ווערן אין אַ טייל כראָניקעס, און נאָך זיי ביי דובנאָוון 6) אָנגערופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען. אַזוי זאָל דער דינער וואָס איז געפאָרן צום טייך געווען אַ קנעכט ביים שטאָט־שעף. די אָנקלאַגע איז אַוועק צום גראַף פון דער געגנט טעאָבאַלד פון שאַמפּאַניע. וואָס שייך די אויספאָרשונג מיטן „וואַסער״ איז דאָס געווען דאָן אַן אָנגענומענע סיסטעם פון „דערגייין דעם אמת״. מען פלעגט נישט אַריינוואַרפן דעם עדות אין טייך אַריין, נאָר מען פלעגט אים אויף אַ שיפל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט „הייליק וואַסער״, אַריינלאָזן אין טייך און אויב דאָס שיפל איז נישט אַראָפּ צום גרונט איז אַ סימן, אַז ער זאָגט אמת...

וועגן דער מעשה־בלוא האָבן די פּייטנים פון יענער צייט געשאַפן אַ ריי עלעגיעס, וואָס האָבן אויף לאַנגע יאָרן נישט געלאָזט פאַרגעסן דעם קידוש־השם ביי דעם ערשטן, אויף דער דאָזיקער ערד, עלילת־דם.

די דאָזיקע טראַגישע געשיכטע האָט שטאַרק אויפגערודערט דעם רבנו תם.

6) שמעון דובנאָוו — „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״, באַנד 4.

עטלעכע חדשים נאָך דער מעשה־בלוא איז ער געשטאָרבן. זיינע אויפטועו פאַר דעם אויפבוי פון דעם אַשכנזי־בנין האָבן געהאַט יורשים. פון צפון־פראַנקרייך, פון זיינע ישיבות צעשפרייטן זיך זיינע תלמידים איבער די קהילות ביי די ברעגעס פון די דייטשישע טייכן; נוסח־אַשכנז, וואָס איז אויפגעקומען ביים ריין באַקומט ווידער אַ תיקון אין זיינע היסטאָרישע ערטער.

דער מיסטיקער און טרייסטער

רבי יהודה החסיד

וזרח השמש, ובא השמש
ואל מקומו שואף, זורח הוא שם.

און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער.
און יאָגט צו איר אָרט, אַוו זי גייט אויף.
(קהלת, קאַפּ׳ א׳, פסוק 5).

עס פאַרגייט די זון און אָט שיינט זי ווידער אויף. דער דאָזיקער קהלת-זאָג באַגלייט כסדר די ערשטע אַשכנז-יאָר־הונדערטער. דוכט זיך אַז גזירות, גירושים, פּיינען און ליידן צעשטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון די דורות, — אָבער ניין — ובא השמש, וזרח השמש: אָט איז פאַרגאַנגען די זון פון רבנו תם און עס איז אין אַשכנז, טאַקע ביי די ברעגעס פון ריין, אויפגעגאַנגען אַ נייע זון, עס איז אויפגעקומען אַ צווייטער, וועלכער האָט דעם נוסח־אַשכנז פאַרגעזעצט און אים אויך אויפגעהויבן אַ שטאַפּל העכער. רבנו תם איז געשטאָרבן אין יאָר 1171 און אין יאָר 1150 (בערך) איז געבוירן געוואָרן רבי יהודה החסיד, וועלכער איז טאַקע געווען כמעט אַ דירעקטער תלמיד פון רבנו תם און האָט אויף זיין שטייגער באַרייכערט דעם נוסח־אַשכנז מיט נייע און דויערנדיקע גייסט־ווערטן. איידער מיר קומען צו די נייסן וואָס רבי יהודה החסיד האָט מחדש געווען ווען מיר זיך, פּונקט ווי ביי די פריערדיקע אַשכנז־בויערס, אָפּשטעלן אויף זיין ביאָגראַפיע.

אַזוי ווי ביי זיינע פאָרגייער איז אויך זיין לעבן אַרומגעוועבט מיט אָן אַ שיעור פאָלקס־געשיכטעס. די לעגענדעס גייען אים פאָרויס, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. אין דעם „מעשה־בוך״, וואָס מיר האָבן שוין פריער ציטירט 1) זענען

1) זע פריער דאָס קאַפּיטל „דריי לעגענדעס״.

פאַראַן אַ פּאָר צענדליק געשיכטעס וואָס האָבן אַ שייכות צו רבי יהודה החסיד און צו זיין פאָטער רבי שמואל החסיד 2). מיר האָבן דאָ סיי ניסים ונפלאות וואָס עס איז מיט זיי געשען, סיי וווּנדער און מופתים וואָס זיי האָבן באַוויזן. די דאָזיקע געשיכטעס דרייען זיך אַרום וווּנדערלעכע אויפטוען ביים פאַרהיטן גזירות אויף יידן — אויף גאַנצע קהילות אָדער יחידים. מיר וועלן זיך דאָ ווייטער אָפּשטעלן נאָר אויף אַ פּאָר פון זיי, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביאָגראַפיע פון דעם, וואָס מיר באַהאַנדלען אין דאָזיקן קאַפּיטל.

רבי שמואל החסיד פאַרזינדיקט זיך 3)

און עס איז געשען: רבי שמואל החסיד איז געווען אין אַ מיל, ווו ער האָט געוואָלט מאָלן ווייץ אויף פסח פאַר זיין פאָטער קלונימוס. דערוויל איז אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין מיל אַראָפּגעפאַלן אַ וואָלקנבראָך און די וואַסערן האָבן אַזוי הויך געשטיגן, אַז די אייזלען האָבן נישט געקענט אַהיימפירן דאָס מעל, ווייל עס וואָלט זיך פאַרנעצט און עס וואָלט געוואָרן חמצדיק. רבי שמואלן איז געוואָרן זייער לייד און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. דאַן האָט ער געטאָן גיין און האָט מיט אַ שם געמאַכט אַז עס זאָל קומען אַ לייב. דער לייב איז געווען פיל גרעסער אַפילו פון קעמלען. דאַן האָט רבי שמואל גענומען דעם זאַק מיט מעל, עס אַרויפגעלייגט אויפן לייב און אַליין זיך אויך אויף אים אַרויפגעזעצט. מיטן לייב האָט ער דורכגעריטן די וואַסערן ביז זיין פאָטערס הויז.

און ווי זיין פאָטער האָט דערזען, אַז ער איז געקומען אַהיים מיט אַזאַ לייב, האָט ער געטראַכט, אַז דעם וווּנדער האָט געמאַכט אַ בעל־שם. דאָ איז דער פאָטער געוואָרן אין צאָרן און געטאָן צו אים זאָגן: — „דו האָסט געטאָן אַ גרויסע עבירה, וואָס דו האָסט דעם לייב אַרויסגערופן מיטן שם. צוליב די דאָזיקע זינד וועסטו אַלע דיינע טעג נישט האָבן קיין קינדער."

רבי שמואלן האָט עס שטאַרק וויי געטאָן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַזאַ גרויסע עבירה. נאָך צוויי טעג איז ער געקומען צום פאָטער און געזאָגט: — „ליבער פאָטער, דו זאָגסט, אַז איך האָב געטאָן אַ גרויסע עבירה, בעט איך דיר גיב מיר אַרויס אַ תשובה, וואָס דו וועסט באַפוילן, וועל איך אויספירן".

2) דאָס זענען די געשיכטעס: 162, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 169, 170, 171, 172, 173, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 180, 181, 182, 184, 185, 186, 187, 189 פון „מעשה־בוך".

3) דאָס איז די 166סטע געשיכטע פון „מעשה־בוך". מיר גיבן עס איז סטיל, וואָס איז נאָענט צום יידיש־דייטשישן לשון פון „מעשה־בוך".

האָט זיך רבי קלונימוס אָפּגערופן: — „ליבער זון, די תשובה, וואָס איך וועל דיר געבן, איז זייער אַ שווערע, דו וועסט עס נישט קענען מקיים זיין.“

האָט דער זון געענטפערט: — „ליבער פאָטער, אַלץ וואָס דו וועסט מיר זאָגן וועל איך אויספאָלגן.“

האָט דער פאָטער ווידער געזאָגט: — „אויב דו ווילסט באמת האָבן אַ כפּרה פאַר די זינד וואָס דו האָסט געטאָן מוזסטו זיבן יאָר וואַנדערן אין דער פרעמד; דו טאָרסט מער ווי איין נאַכט נישט נעכטיקן אויף איין אָרט, חוץ שבת און יום־טוב. אויב דו וועסט די דאָזיקע תשובה אויספילן דאַן בין איך דיר ערב אַז דו וועסט האָבן אַ כפּרה און וועסט דערנאָך פרומע קינדער האָבן“.

אַלזאָ, רבי שמואל האָט די תשובה גענומען אויף זיך און זיבן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געוואַנדערט, און אין דער דאָזיקער פאַרטרייבונג האָט ער געלערנט. טייל זאָגן, אַז ער איז געווען אין גלות ניין יאָר, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּקומען אויך פאַר די שבתים און די יום־טובים.

אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען צו אַן אַלמנה און ער האָט איר געזאָגט: — „פאַרקויף אַלץ וואָס דו האָסט און קויף איין וויפל דו וועסט נאָר קענען פאַר דעם געלט תבואה, ווייל אויפן אַנדערן יאָר וועט זיין אַ גרויסער יקרות, וואָס קיין שום מענטש האָט עס נאָך נישט געדענקט“. אַלזאָ, די גוטע פרוי האָט געפאָלגט דעם חסיד און האָט טאַקע אַלץ פאַרקויפט און איינגעהאַנדלט תבואה. אַזוי ווי די שטאָט־לייט האָבן געזען, אַז די אַלמנה טוט אַלץ פאַרקויפן און קויפט דערפאַר תבואה האָבן זיי ביי דער אַלמנה געפרעגט, פאַר וואָס טוט זי דאָס. האָט זי געזאָגט, אַז אַזוי האָט איר געהייסן טאָן דער חכם, וואָס איז ביי איר געווען צו גאַסט. ער האָט געזאָגט, אַז אויפן צווייטן יאָר וועט זיין אַ יקרות. ווי די לייט האָבן דערהערט די דאָזיקע רייד האָבן זיי אויך אויספאַרקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און איינגעקויפט תבואה פאַר דעם געלט.

האָט זיך גאָר געמאַכט, אַז דעם צווייטן יאָר איז גאָר געווען אַ גרויס גערע־טעניש און די מענטשן האָבן זייער אַ סך געלט פאַרלוירן אויף דעם קאָרן וואָס זיי האָבן איינגעקויפט. האָט זיך דער חסיד ווידער שטאַרק מצער געווען און איז אַוועק אויף נאָך צוויי יאָר אין גלות.

דער ווייטערדיקער יאָר איז אָבער געווען אַ הונגער־יאָר און די מענטשן האָבן צוריק באַקומען זייער געלט פאַר דער תבואה וואָס איז זיי פון פריער געבליבן.

ווען דער חסיד האָט זיין תשובה פאַרענדיקט איז ער געקומען צוריק צו זיין פאָטער און פרוי. זיין פרוי האָט אים געבוירן קינדער. געווען זענען עס צוויי זין מיט איין מאָל. איינער איז געווען רבי אליעזר און דער צווייטער רבי אַברהם, ביידע זענען געווען גרויס אין תורה. שפּעטער האָט זיין פרוי געווונען דעם רבי

יהודה החסיד. הקדוש ברוך־הוא זאָל זיין געלויבט און מיר זאָלן פון כל־טוב געניסן. אָמן.

⁂

מיר האָבן דאָ אַן איבערחזרונג פון דעם מין לעגענדע אין פאַרשיידענע צייטן, אַז גראָד די שפּעטערדיקע גדולים ווערן אויסגעבעטן מיט שווער צער; אַז זייער קומען אויף דער וועלט איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינטלעכע געשעענישן. דאָס פאָלק וויל זיינע העלדן, וואָס ער פאַרערט זען אַרומגעריגגלט מיט איבערמענטשלעכע געשיכטעס.

ווי רבי יהודה החסיד ווערט נתגלה [4]

און עס איז געשען: ווען רבי יהודה החסיד איז שוין געווען אַלט אַכצן יאָר האָט ער נישט געקענט קיין איין וואָרט לערנען. ער איז געווען אַ גרויסער עם־הארץ און אַ גרויסער לא־חפץ [5]. ער האָט גאָרנישט געטאָן נאָר אַרומגעלאָפן און געשאָסן פון אַ פייל און בויגן. אין אַ געוויסן טאָג האָט רבי שמואל החסיד (דער פאָטער פון רבי יהודה החסיד) געזאָגט אין בית־המדרש די הלכה. זענען די בחורים געוואָרן צאָרנדיק און געפרעגט רבי שמואלן: — „ליבער רבי, אַלע אייערע אָבות זענען געווען תלמידי־חכמים, אייער פאָטער רבי קלונימוס, און רבי אפרים און איר לאָזט אייער זון מיטן בויגן שיסן אַזוי ווי אַנדערע גזלנים״.

האָט רבי שמואל געזאָגט די בחורים, אַז זיי זענען גערעכט און ער וועט זען זיין זון אויף אַן אַנדער וועג פירן.

ווען די בחורים זענען אַוועק אַהיים האָט ער גערופן זיין זון יהודה און זאָגט צו אים אַזוי: — „ליבער זון, ווילסטו תורה לערנען? איך מוז דאָך זיך צוליב דיר שעמען״.

האָט זיך יהודה אָפּגערופן: — „ליבער פאָטער, פאַר וואָס וויל איך נישט לערנען תורה? איך וויל גערן לערנען, אָבער דו זאָלסט מיט מיר לערנען ווי מיט אַלע אַנדערע בחורים״.

דאַן האָט רבי שמואל גענומען זיין זון יהודה אין בית־המדרש און אויך מיט־גענומען זיין זון אַברהם. ער האָט זיי געזעצט ביי ביידע זייטן פון אים. דעמאָלט האָט רבי שמואל געזאָגט אַ שם און דער בית־המדרש איז פול געוואָרן מיט ליכט.

---

4) עס איז די 171סטע געשיכטע פון „מעשה־בוך״.

5) גענוצט אין יידיש־דייטש פאַר טויגעניכטס.

יהודה האָט נישט געהאַט קיין כּוח אויסצוהאַלטן דאָס ליכט און האָט מיט זיין מאַנטל צוגעדעקט דעם פּנים. ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און האָט גאָר־נישט געקענט זען 6).

דאָ האָט רבי שמואל זיך אָפּגערופן צו זיין זון אַברהם: — „די שעה איז פון גאָט דעם געבענטשטן געקומען צו מיין זון יהודה. איך ווייס ווויל, אַז דו ביסט אַ גרויסער למדן אַלע דיינע טעג געווען. אָבער דיין ברודער וועט אַ סך מער לערנען און וועט אויך וויסן וואָס עס געשעט אין הימל. ער וועט אויך וויסן וואָס עס וועט געשען אויף דער ערד, פאַר אים וועט קיין שום זאַך נישט זיין פאַרבאָרגן. ער וועט נישט זיין אַזאַ בקי אין תורה ווי דו ביסט געווען אין דיינע טעג, אָבער ער וועט מער זאָכן אויפטאָן ווי דו אין דיינע טעג“.

און רבי שמואל האָט מיט אים געלערנט. וואָס ער האָט מיט אים געלערנט האָט ער תיכף געקענט אויף אויסנווייניק.

ווען עס האָבן זיך אויפן אַנדערן טאָג צוזאַמענגעקליבן אין בית־המדרש די בחורים, וואָס זענען געקומען הערן די הלכה זאָגן פון רבי שמואל. נאָכן זאָגן די הלכה האָט זיין זון יהודה געפרעגט מער קשיות ווי די אַנדערע בחורים. דאָ האָבן זיך די בחורים פאַרוואונדערט און געזאָגט: — „זע נאָר, דער דאָזיקער האָט נאָר איין טאָג געלערנט און פרעגט מער ווי מיר“.

ווען דאָס זאָגן פון דער הלכה האָט זיך געענדיקט איז יהודה אַוועק שנעל און געבראַכט צו זיין פאָטער דעם פייל־און־בויגן. דאַן האָט רבי שמואל דאָס גענומען און צעבראָכן פאַר די אויגן פון די בחורים און געזאָגט: — „מיין ליבער זון יהודה, ביז איצט איז דיין אומנות געווען שיסן, אָבער אַצינדער זאָל תורה ווערן דיין מלאכה“.

ער האָט ווייטער געלערנט און איז אויסגעוואַקסן ווי דער רבי יהודה החסיד, וואָס איר הערט נאָך אַצינדער פון אים גרויסע וווּנדער.

***

אַזוי זענען מיר, אַז נישט נאָר איז ער מיט ניסים געבוירן געוואָרן, ער איז אויך אויף אַן אויסטערלישן אופן אַנטפּלעקט געוואָרן — פון אַ פּשוטן עם־הארץ, אַ שיסער מיט פייל־און־בויגן ווערט ער גאָר אַ גדול, אַ וווּנדערלעכער מאַן. דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך איבער ביי אַ סך גדולים. דאָס ווייזט ווידער ווי גרויס ער איז געווען געאַכטעט ביים פאָלק. אין דעם מוסר־השכל פון דער לעגענדע, ווי אַזוי ער איז פון זיין פּראַקטיקיט גאָר דערהויבן געוואָרן, ליגט שוין דער ווייטער־

6) לויט אַ צווייטן נוסח האָט ער בעסער אויסגעהאַלטן דאָס ליכט ווי זיין ברודער אַברהם, דער געלערנטער.

דיקער דרך, וואָס ער האָט געלערנט, אַז מיט פשטות קאָן מען דערגרייכן די הימלי־שע הייכקייטן. מיר האָבן שוין דאָ אין אַ געוויסן זין די יסודות פון דער שפּעטער־דיקער חסידות פון בעל־שם־טוב.

ווען מיר אַריינפלעכטן נאָך אַ לעגענדע וואָס האָט אויך צו טאָן מיט רבי יהודה החסיד אײדער ער איז געבוירן געוואָרן.

די וואַנט רוקט זיך אָפּ

איינער פון די היסטאָריקערס פון וואָרמסער קהילה, שמשון ראָטשילד, ברענגט אין זיינער אַן אַרבעט די ווייטערדיקע שורות:



די פאָרנט זייט פון דער אַלטער וואָרמסער שול, איידער זי איז דורך די נאַציס צעשטערט געוואָרן. — לינקס דאָס געסל, וווּ עס איז דאָ די „אַריינגעקוועטשטע" וואַנט

„דער פרעמדער, וואָס קומט קיין וואָרמס, און וועט וועלן זען די פאַראַנענע היסטאָרישע דענקמעלער פון אַלטע און נייע צייטן, וועט ער זיכער קומען אויף דער יודענגאַסע, כדי צו זען די אַלטע סינאַגאָגע. ער וועט גלייך זיך נאָכפרעגן אויף



דאָס געסל פֿון וואָרמסער געטאָ; רעכטס די שול־וואַנט מיט דעם
„אַרייַנגעקוועטשטן" פּלאַץ

דעם „איינגעדריקטן מויער״, צי איז ער נאָך פאַראַן אָדער שוין נישטאָ. דעם דאָזיקן מויער וועט ער נאָך טרעפן. דער „ניסים־בוך״ דערציילט וועגן דעם דאָזיקן מויער דאָס ווייטערדיקע: אַ בראַווע, פרומע פרוי איז געגאַנגען צום דאַווגען אין דעם ענגן געסל פון דער פרויען־שול. ווען זי איז נאָך געווען אין געסל איז מיט שטורעם אָנגעפאָרן אַ וואָגן און פשוט אַרויפגעפאָרן אויף דער פרוי און האָט זיך געקאָנט איבערפאָרן. דער אָנטרייבער האָט מיט רוגזה געטריבן די פערד גלייך אויף דער אומגליקלעכער פרוי. טויט־בלאַס האָט זי זיך צוגעדריקט צום קאַלטן שטיין. מיט טויט־שרעק האָט זי געוואַרט אויף איר סוף. אָבער דאָ האָט זיך דער מויער אַריינגעדריקט און זי האָט באַקומען שוץ אין דער נישע וואָס איז געוואָרן אין דער וואַנט. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט די פרוי געהאַט אַ זון, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן באַוווּסט ווי רבי יהודה החסיד״ 7).

די זעלביקע לעגענדע ווערט אין וואָרמס צוגעשריבן צו רש״יס מוטער. אָבער עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע רש״י־ווערסיע איז נישט ריכטיק, ווייל רש״י איז געבוירן געוואָרן, ווי מיר ווייסן עס, אין טרואַ. אַגב איז די דאָזיקע וואַנט אין וואָרמס גופא באַקאַנט (ביי ייִדן און נישט־ייִדן) ווי די יהודה־החסיד־מויער. מען דאַרף דעריבער דעם נוסח וואָס עס ברענגט ש. ראָטשילד אין נאָמען פון „ניסים־בוך״ 8) אָננעמען פאַר דעם וואַרשיינלעכן.

אַגב חזרן זיך איבער די דאָזיקע געשיכטעס מיט „איינגעקוועטשטע ווענט״ אין אַ ריי לעגענדעס ביי פאַרשיידענע גדולים, אין פאַרשיידענע צייטן. צווישן אַנדערע ווערט עס אויך דערציילט וועגן רמב״מס מוטער און אַז געשען איז עס אין קאָרדאָבאַ (שפּאַניע), וווּ מען ווייזט אַפילו די וואַנט, וווּ דער נס איז געשען.

אויך ווערט די דאָזיקע לעגענדע צוגעשריבן נישט יהודה החסידס מוטער נאָר צו אים גופא, אַז גייענדיק אַ מאָל אין גאַס איז אויף אים אָנגעפאָרן אַ וואָגן אין דעם שמאָלן שול־געסל. עס איז געווען אַ סכנה ער זאָל דערשטיקט ווערן. איז געשען אַ נס, אַז די וואַנט האָט זיך געעפנט און אַריינגענומען יהודה החסידן אין זיך און ער איז געראַטעוועט געוואָרן 9).

פון דעם אַלעמען איז יעדנפאַלס קלאָר אַז זיין מישפּחה איז געווען אין וואָרמס. טייל ווילן אָבער אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ צווייטער שטאָט פון

---

7) פאַרעפנטלעכט אין: Aus Vergangenheit und Gegenwart der Israelitischen Gemeinde Worms, von **Samson Rothschild**. Frankfurt a. M. 1905.

8) „מעשה נסים״, געשריבן אין ייִדיש־דייטש פון יפתח־יוזפא בן נפתלי הלוי דעם שמש און קהל־סופר אין וואָרמס, וועלכער האָט געלעבט אין 17טן יאָרהונדערט.

9) ר׳ גדליה אבן יחייא אין „שלשלת הקבלה״, לבוב 1862, דף ל״ט. בכלל האָבן די אַלע לעגענדעס איין מקור — די געשיכטע מיט בלעמס אייזל, וואָס עס ווערט דערציילט אין חומש (במדבר כ״ב, פסוק 25 און ווייטער).

די יחוסדיקע אַשכנז־קהילות — אין שפּייער. די געשיכטע פון זיין פּאַטער, רבי שמואל החסיד, און אויך זיין טעטיקייט איז אָבער בעיקר געבונדן מיט רעגנסבורג, וואָס איז שוין אין יענער צייט געוואָרן אַ נייער וויכטיקער פונקט אין דער אַשכנז־תקופה.

פון אַ צווייטן, גאָר אינטערעסאַנטן מקור דערוויסן מיר זיך, אַז רבי יהודה החסיד איז נישט נאָר אַ געבוירענער אין איינער פון די אַשכנז־קהילות, ווו ער האָט געווירקט און באַווירקט. עס ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון די ראשונים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַשכנז.

אַזוי געפינען מיר אין די שאלות ותשובות פון מהרש״ל 10), אין דעם סימן כ״ט, אַ תשובה אויף אַן אָנפראַגע וועגן דעם ייחוס פון מחברים פון ספרים. ענט־פערט דער מהרש״ל, אַז הגם געניו ווייס ער נישט, אָבער ער האָט געפונען פאַר־שריבן, אַז די דאָזיקע אַלע שטאַמען פון די קינדער פון משולם הגדול דער הזקן... און דער דאָזיקער רבינו משה הזקן האָט עס געשאַפן דעם „אמת נוראתך״ 11); און דעם משה הזקן האָט עס געבראַכט דער מלך קאַרל פון דער מדינה לוקאַ... און אבון הגדול האָט געבוירן רבי יצחק החסיד און רבי יהושע החסיד; און רבנו יצחק החסיד האָט געבוירן דעם רבי קלונימוס הזקן, וועלכער האָט געבוירן דעם רבינו שמואל החסיד, אַ קדוש און אַ נביא, וואָס האָט געבוירן דעם רבינו אַברהם פון שפּיראַ און דעם רבי יהודה החסיד פון שפּיראַ.

מיר זעען דאָ, אַז רבי יהודה החסיד איז טאַקע געווען אין אַ גלייכער גענעאַ־לאָגישער ליניע פון די ערשטע אַשכנז־תושבים.

ווי געזאָגט איז ער געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1150. אַ ריי דאָקומענטן און לעגענדעס פאַרבינדן די דאָזיקע מישפּחה סיי מיט וואָרמס, סיי מיט שפּייער. עס איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז בעיקר האָט זיין פּאַטער, רבי שמואל החסיד און ער גופא שוין געווירקט אין רעגנסבורג. געקומען איז ער אַהין אין יאָר 1195. (12). ער האָט אויסגעבויט אַ ישיבה וואָס איז געוואָרן אַ וויטערדיקער צענטער פון וויסן און לערע, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען צענדליקער פירערס, וואָס האָבן געשאַפן פאַרשיידענע שיטות סיי אין הלכה, סיי אין קבלה און האָבן מחדש געווען ווייטערדיקע תקנות. מען האַלט אַז נאָך די גרויסע בבל־ישיבות פון סוראַ און פומפּדיתא, נאָך די אַשכנז־ישיבות פון מאַינץ און טרויאַ איז די רעגנסבורגער

10) רבי שלמה בן יחיאל לוריא. באַרימטער רב. מפרש און פוסק. געבוירן אין בריסק ד׳ליטא אין יאָר 1510 און געשטאָרבן אין לובלין י׳ כסלו של״ד (1573). אין לובלין איז געווען באַרימט די מהרש״ל־שול.

11) אַ פּיוט פאַר דעם לעצטן טאָג פּסח.

12) אַזוי גיט אָן דער מהר״ם מינץ אין זיינע שאלות־ותשובות, סימן ע״ו.

ישיבה געווען דער וויכטיקער המשך פון דער קייזער קולטור־צענטערן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן יידישן תפוצות־לעבן.

מיר וועלן דאָ נאָר דערמאָנען אַ טייל פון רבי יהודה החסידס תלמידים. רבי אליעזר בן יהודה פון וואָרמס, באַקאַנט ווי דער „רוקח" אויפן נאָמען פון זיין ספר; רבי יצחק בן משה פון ווין, באַקאַנט אויפן נאָמען פון זיין ספר „אור זרוע"; רבי יהודה בן קלונימוס פון שפּייער, דער מחבר פון „ייחוסי תנאים ואמוראים".

פון אַ כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין שטראַסבורג 13) וויסן מיר גענוי וועגן זיינע לעצטע טעג. ער איז קראַנק געוואָרן שבת דעם 9טן אדר תתקע"ז (18טן פעברואַר 1271) און געשטאָרבן דעם 13טן אדר (22סטן פעברואַר).

עס איז פון אים געבליבן אַ גאַר גרויסע ליטעראַרישע ירושה. ער האָט אָנגעשריבן די וויטערדיקע ספרים:

1. ספר הכבוד; 2. ספר חסידים; 3. ספר האורה; 4. ספר הטעמים; 5. אגרת לבן; 6. צוואת רבי יהודה; 7. דערקלערונג פון שם ע"ב; 8. סוד היחוד; 9. סודות התפילה; 10. פירוש אויף דעם „ספר יצירה; 11. גן בושם; 12. ספר החכמה; 13. תפילות; 14. ספר גימטריאות; 11. פשטים אויף חומש 14).

אָבער דעם וויכטיקסטן באַטייט פאַר אשכנז, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער געמיט און דער גייסט־צושטאַנד פון יענער תקופה און וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם נוסח־אשכנז, האָט געהאַט דער „ספר חסידים", וואָס אים ווידמען מיר דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

מיר וועלן דעם איצטיקן קאַפּיטל, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן דער ביאָגראַפיע פון רבי יהודה החסיד פאַרענדיקן מיט אַ לעגענדע וואָס האָט אַ שייכות צו דער צייט ווען ער איז שוין געוועזן אין רעגנסבורג און באַוווּסט ווי אַ גדול 15).

געשען איז דאָס אין רעגנסבורג. איין מאָל איז רבי יהודה החסיד געגאַנגען אויף דער גאַס. דאָ האָט אים באַגעגנט דער ראָש־עירון 16) פון רעגנסבורג. נאָך אים איז נאָכגעלאָפן אַ קליין לעמעלע און האָט כסדר נאָכגעשריען מע־מע, ווי עס איז דער סדר פון די קליינע שעפּסעלעך, וואָס שרייען אַזוי. האָט דער שטאָט־עלטסטער געפרעגט רבי יהודה החסידן: — „ליבער רבי, איר זייט דאָך דער עלטסטער רבי ביי די יידן און טוט אַלצדינג וויסן, וואָס אויפן הימל און וואָס עס געשעט אויף

13) קאַטאַלאָג לאַנדאַוער, זייט 65; קאָדעקס נומער 44, פאָליאָ 35.

14) נאָך דער ביאָביבליאָגראַפישער אַרבעט פון א. פריימאַן אין קאַפּיטל רעגנסבורג אין: Germania Judaica ברעסלאַו, 1934, זייט 294.

15) די געשיכטע נומער 172 פון שוין דערמאָנטן „מעשה־בוך".

16) באַצייכענונג פאַר בירגערמייסטער אין יידיש־דייטש.

דער ערד. דערום זאָגט מיר, פאַר וואָס שרייט מיר נאָך אַזוי דאָס לעמעלע כסדר מע־מע? איר פאַרשטייט דאָך אַלע לשונות״.

דאָ האָט זיך אָפּגערופן רבי יהודה החסיד: — „מיין ליבער הער, איך ווייס ווייל וואָס דאָס לעמעלע שרייט, אָבער איך קאָן עס נישט זאָגן״.

דאָ האָט אים דער ראש־עירון גאָר שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל אים דאָך זאָגן. אָבער דער חסיד, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר עפּעס שלעכטס, וואָס דערפון וועט געשען, האָט געוואָלט אויסמיידן אים צו דערציילן. אָבער האָט אים דער ראש־עירון געבעטן ער זאָל האָבן צו אים צוטרוי, ער האָט אים דערביי געגעבן זיין האַנט, אַז עס וועט אים נישט געשען קיין שום בייז.

האָט דער חסיד אים געזאָגט: — „ליבער הער, איך וועל אייך זאָגן — דאָס שעפּעלע שרייט צו אייך אָט וואָס: הערט זיך צו, איר זאָלט וויסן, אַז אין דער צייט וואָס איר גייט דאָ איצט שפּאַצירן, ליגט אַ פרעמדער ביי אייך אין דער היים ביי אייער פרוי. און דאָס איז וואָר, גייט נאָר נייערט געשווינד אַהיים, וועט איר זיי צוזאַמען דערווישן״.

דער ראש־עירון האָט זיך נישט געלאָזן צוויי מאָל זאָגן און האָט טאַקע דעם חמץ געפונען צוזאַמען ווי עס האָט אים געזאָגט דער חסיד.

דאָ האָט ער געשיקט נאָכן חסיד און האָט אים געזאָגט: — „נון, האָב פון מיר מיין דאַנק פאַר וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט. אַלע דיינע טעג וועל איך דיר עס געדענקען״. און ער האָט אים געשענקט אַ גוטן געשאַנק און ער איז געוואָרן גוט פאַר די יהודים. אָבער זיין גויע, זי האָט אויך נישט געהאַט קיין שולד אין דעם, דען מען האָט איר מיט גוואַלט באַצוואונגען. דער ראש־עירון האָט דעם דאָזיקן זעלביקן גוי פאַרמישפּט.

די דאָזיקע לעגענדע איז איינע פון פיל, ווו עס קומט צום אויסדרוק אויך די בכבודיקע באַציִונג פון נישט־יידן צו רבי יהודה החסיד.

***

פאַר דער באַציִונג פון דער יידישער לעגענדאָגראַפיע צו דער פּערזענלעכקייט פון רבי יהודה החסיד איז כדי צו ציטירן וואָס עס איז פאַרצייכנט אין אַ לעגענדע־ספר, ווו עס זאָגט זיך:

... „עס איז דאָ אַ מסורה, אַז ווען רבי יהודה החסיד וואָלט געלעבט אין דער צייט פון די נביאים וואָלט ער געווען אַ נביא; וואָלט ער געלעבט אין דער צייט פון די תנאים, וואָלט ער געווען אַ תנא; וואָלט ער געלעבט אין די צייטן פון די אמוראים, וואָלט ער געווען אן אמורא״ 17).

---

17) אַ כתב־יד, וואָס ווערט געבראַכט אין באַנד 9 פון בריסל: Jahrbücher für jüdischer Geschichte und Literatur.

דאָס בוך פון טרייסט און האָפענונג

דער „ספר חסידים“ און זיין ראָלע אין דער אַשכנז-תקופה

שפת אמת ורוח נבון ולב טהור.
אַ ריין האַרץ,
אַן אָפענע נשמה
און אמת אויף די ליפּן.
(„ספר החסידים“, סימן 51)

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר איבערגעגעבן די ביאָגראַפיע פון רבי יהודה החסיד און אויסגערעכנט אַ צעטל מיט די ווערק וואָס ער האָט פאַרפאַסט. צווישן זיי איז אויך דער־מאָנט דער „ספר חסידים“. דער דאָזיקער ספר איז שטאַרק באַרימט געוואָרן, ממש זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליבלינג־בוך פריִער פאַר אַלץ ביי דעם פּשוטן פאָלק, ביי דעם דלת־העם. דער „ספר החסידים“ האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אויספורעמונג פון דעם נוסח־אַשכנז, פריִער פאַר אַלץ טאַקע אינעם שאַפן די גייסטיקע געמיט־מיליע פון דער דאָזיקער סביבה. ביים באַהאַנדלען אונדזער היסטאָרישן גאַנג דורך די ערשטע אַשכנז־יאָרהונדערטער דאַרף מען דע־ריבער זיך גענויער באַקענען מיט דעם דאָזיקן ווערק.

זאָל גלייך פון אָנהייב אָבער געזאָגט ווערן, אַז הגם דער „ספר חסידים“ ווערט צוגעשריבן צו איין מחבר, צו רבי יהודה החסיד, איז עס פאַקטיש אַ קאָלעקטיווע אַרבעט. עס איז אַ פּראָדוקט פון אָנגעזאַמלטע שאַפונגען פון עטלעכע דורות — אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט. חוץ רבי יהודה החסיד זענען אין דאָזיקן ספר באַטייליקט זיינע פאָרגייערס און זיינע תלמידים. געשאַפן געוואָרן איז דער דאָזיקער ספר אין די סאַמע גרויזאַמסטע יאָרן, ווען דער אַשכנז־קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן אויס־קריסטאַליזירן און געבוירן איז ער געוואָרן אויף דער טעריטאָריע, ווו די קידוש־השם־עפּאָכע האָט זיך אָפּגעשפּילט. די מחברים פון ספר זענען געווען עדות פון

די אַכזריותן פון איין זייט און פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע פון דער צווייטער זייט.

תחילת האָט מען אָנגענומען, אַז רבי יהודה החסיד איז דער מחבר פון דעם „ספר חסידים". די לעצטע שטודיעס און אויך די ניי געפונענע כתב־יד־עקזעמפּלאַרן פון ספר האָבן באַוויזן, אַז אין צוזאַמענשטעלן דעם קאָדעקס האָבן זיך באַטייליקט אַ ריי אַנדערע. עס זענען דאָ צוויי הויפּט־מחברים: רבי שמואל החסיד און זיין זון רבי יהודה החסיד. זיי האָבן אָנגעשריבן די הויפּט־טיילן פון ספר. ער איז שפּעטער דערגאַנצט געוואָרן פון רבי יהודהס תלמיד רבי אלעזר דער „רוקח" (מיר האָבן אים שוין אין פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט). אַ סברה, אַז נאָך ווער האָט צוגעלייגט אַ האַנט און מוסיף געווען צום דאָזיקן ספר.

דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דער באַדייט פון נאָמען „ספר חסידים" מיינט נישט אַ ספר פאַר די חסידים, נאָר אַ חיבור פון די חסידים — געמיינט דעם טאַטן, רבי שמואל און דעם זון רבי יהודה, וואָס ביידע האָבן געהאַט צו זייערע נעמען די באַצייכענונג החסיד.

דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ קאָדעקס, ווו עס זענען אָנגעזאַמלט אַ סך הונדערטער פאַראַגראַפן מיט פאַרשידענע אָנווייזונגען ווי זיך צו פירן; דינים, מנהגים און זיטן; עטישע פּרינציפּן און מוסר־רייד. פון דער צווייטער זייט איז דער דאָזיקער ספר פול מיט געשיכטעס פון שדים, רוחות און גייסטער; גרויל־מעשיות פון יענער וועלט; אַבערגלייבענישן, וואָס גרענעצן זיך מיט כישוף־מאַכעריי.

טאַקע צוליב די דאָזיקע קעגנזעצלעכע באַשטאַנד־טיילן פון דעם „ספר חסידים" איז ער געוואָרן אַן אָביעקט פון אַלזייטיקע שטודיעס. מען וויל אין דעם דאָזיקן פאָלקס־בוך געפינען דאָס בילד פון יענער גרויזאַמער צייט. מען זוכט צו פאַרענטפערן דעם שעמנז־אַריינגעפלעכט פון טייוול־געשיכטעס (אָפט מאָל גאָר פון נישט־יידישן אָפּשטאַם) מיט דער שטימונג פון יענער צייט. מער וויל פאַרענטפערן די יענע־וועלט־מעשיות מיט דעם ווילן צו באַווירקן דעם המון נישט מורא צו האָבן פאַרן טויט, גיין אויף קידוש־השם, ווייל... אָט זעט איר דאָך, אַז די טויטע „לעבן" — לעבן ווי מיר: קומען אין שול אַריין, קומען באַזוכן זייערע קרובים, שמועסן צווישן זיך, רעדן זיך דורך אין די קברים. דער טויט איז בכן גאָרנישט — מען דערהרגעט נישט די נשמה...

וועלן מיר טאַקע מאַכן אַ שפּאַציר איבער די פאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן גאָר אָריגינעלן ספר. ראשית וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן מחבר, ריכטיקער מחברים; נישט אויף זייערע ביאָגראַפישע פּרטים, זיי זענען אונדז שוין באַקאַנט פון פריערדיקן קאַפּיטל. מיר ווילן נאָר אַרויסברענגען, וואָס די נייסטע יידישע ליטעראַטור־פאָרשונג זאָגט וועגן די יעניקע, וואָס האָבן דעם דאָזיקן עטיש־פאָלקלאָריסטישן קאָדעקס צוזאַמענגעשטעלט.

דער „ספר חסידים" איז באַקאַנט אין אַ ריי וואַריאַנטן. דאָס ערשטע מאָל איז ער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין באָלאָניע (איטאַליע) אין יאָר 1538 און איז נאָך דעם, אין משך פון יאָרהונדערטער, איבערגעדרוקט געוואָרן לויט דער דאָזיקער ערשטער פּובליקאַציע. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַט 1178 סימנים (פּאַראַגראַפן). די צווייטע אויפלאַגע פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין באַזעל אין יאָר שמ"א (סוף 1580) האָט אָבער געהאַט נישט מער ווי 1172 פּאַראַגראַפן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּונקטן וואָס פעלן זענען געפאַלן אַ קרבן פון דער דעמאָלטיקער צענזור. דער קאַטוילישער צענזאָר האָט אַרויסגעוואָרפן זעקס סימנים, ווייל ער האָט אין זיי געזען אַ לעסטערונג קעגן דער קריסטלעכער אמונה 1).

נאָך דעם ווי דער „ספר חסידים" האָט זיך אין משך פון 250 יאָר כסדר איבערגעדרוקט האַלטנדיק זיך ביי דער דאָזיקער צענזורירטער אויסגאַבע פון באַזעל, איז ער ווידער אַ מאָל „אויסגערייניקט" געוואָרן. דאָס מאָל שוין דורך דער רוסיש-צאַרישער צענזור. פאַר די צאַרישע צענזאָרן איז די קאַטוילישע צענזור געווען צו ליבעראַל. אין דער אויסגאַבע פון „ספר חסידים", וואָס איז דערשינען אין רוסלאַנד, אין שטעטל סדילקאָוו, אין יאָר 1832, האָט שוין דער צענזאָר אַרויסגעשניטן נאָך עטלעכע צענדליק פּאַראַגראַפן 2).

אַ צווייטער נוסח פון „ספר חסידים", און משמעות טאַקע אַן עלטערער, איז אויפגעהיט געוואָרן אין דער רייכער העבראַיקאַ-קאָלעקציע פון דער מלוכהשער ביבליאָטעק אין פּאַרמאַ (איטאַליע) 3). די דאָזיקע ווערסיע איז אַ סך גרעסער פון דעם באַקאַנטן נוסח פון דער ערשטער פּובליקאַציע אין באָלאָניע. אַנשטאָט די פאַר-עפנטלעכטע דאָרטן 1178 סמנים, פאַרמאָגט דער מאַנוסקריפּט 1983 פּאַראַגראַפן. דער דאָזיקער, פאַרגרעסערטער, וואַריאַנט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם פאַרלאַג „מקיצי נרדמים" אין בערלין, אין יאָר 1891—1893.

טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן אָפּגעפונענעם כתב-יד זענען אויפגעקלערט גע-וואָרן אַ רייע אומקלאָרקייטן און ספקות וועגן „ספר חסידים" בכלל און זיינע מחברים בפרט. איצט איז שוין נישטאָ קיין שום ספק, אַז אָנגעהויבן דעם דאָזיקן ספר האָט רבי שמואל בן קלונימוס החסיד פון רעגענסבורג; דערגאַנצט האָט אים זיין זון רבי

---

1) געניי וועגן דעם, וועלכע פּאַראַגראַפן און „פאַר וואָס" גיט איבער אין זיין אַרבעט ד"ר לעאָפּאָלד צונץ אין דעם ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „המזכיר" (דייטש) פון יאָר תר"ח (1858).

2) ד"ר ישראל צינבערג — „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", צווייטער באַנד, ניו-יאָרק 1943; הוספות, זייט 316.

3) קאָדעקס נומער 1133 פון דעם קאַטאַלאָג: Catalogo dei codici ebraici della Biblioteca di Parma non descritti dal de-Rossi, per Pietro Perreau (Firenze, 1880).

יהודה החסיד און שפּעטער האָט רבי יהודה החסידס תלמיד, רבי אלעזר דער „רוקח“ פון וואָרמס נאָך צוגעגעבן אַ רייע פראַגמענטן און פאַראַגראַפן פון אַנדערע גדולים.

עס קומט אויך אויס, אַז עס זענען געווען עטלעכע קאָפּיעס פון „ספר חסידים“, וואָס זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט צווישן די תלמידים פון רבי יהודה החסיד.

וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם „ספר חסידים“ וועלן מיר נאָך ברענגען אַ ציטאַט פון באַקאַנטן יידיש־דייטשן קולטור־היסטאָריקער ד״ר מ. גידע־מאַן, ווו ער כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן בוך.

... „עס זענען פאַראַן ביכער, וואָס זייער באַדייטונג און וויכטיקייט ליגט נישט אין זייער אינהאַלט, נאָר אין דער צייט ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן. אַנדערע ספרים מיט דעם זעלביקן אינהאַלט ליגן פאַרוואַלגערט צווישן ,שמות׳ און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט זיי, בשעת די ערשטע פאַרכישופן אונדז מיט זייער אינטערעסאַנטקייט. מיר קענען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן ביז מ׳־ר לייענען נישט דורך אַלץ וואָס עס געפינט זיך דאָרטן. זייערע חסרונות זענען אין יסוד זייערע מעלות און זייערע פעלערן זענען טאַקע ביז גאָר אינטערעסאַנט. די דאָזיקע ביכער גיבן אונדז מער וויפל זייערע מחברים האָבן געוואָלט אונדז געבן. זיי זענען אין דער בחינה פון לעבעדיקע עדות פון דעם גייסט־צושטאַנד פון פאָלק אין דער געגנט בעטער תקופה. גאַנצע דורות שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי. צו די ביכער פון דאָזיקן מין געהערט דער „ספר חסידים“. פּונקט ווי די רוינען פון אַלטע טעמפּלען, וואָס דער־ציילן וועגן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און איצטיקן חורבן, אַזוי טוט עדות זאָגן דער „ספר חסידים“ אויף דעם חורבן פון יידן אין דעם 13טן יאָרהונדערט. דערהויבענע און נידעריקע מאָמענטן; שיינקייט און מיאוסקייט, חכמה און נאַרישקייט זענען דאָרטן צונויפגעמישט צוזאַמען; איידלשטיינער צווישן שערבלעך; גאָלד צווישן זאַמד; פון אַ פאַרשימלטן געמויזעכץ שפּראָצן אַרויס שמעקעדיקע בלומען“ 4).

דער געמיש פון די הונדערטער פאַראַגראַפן פון דעם „ספר חסידים“ לערנט אונדז טאַקע זייער פיל. פריער פאַר אַלץ האָבן מיר דאָרטן מעשיות, וואָס זענען שטיקער פון דער וואָרער געשיכטע פון יענער צייט. אין די פאַרשידענע פאַראַגראַפן, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ווי מען זאָל זיך נוהג זיין, ווו עס זענען פאַראַן די פאַר־שידענע רעקאָמענדאַציעס וואָס און ווי אַזוי צו האַנדלען, האָבן מיר מאַטעריאַלן פון דער פיין־כראָניק און דאָקומענטן פון דער קידוש־השם־עפּאָפּייע.

וועלן מיר דאָ טאַקע דאָס אילוסטרירן מיט אַ ריי ביישפּילן. מיר ווייסן שוין, אַז ווען די מחברים האָבן געשריבן זייער ווערק זענען עס געווען שווערע ביטערע צייטן פאַר די יידן אין אַשכנז. גזירות, גרושים, שחיטות, צוואַנג צו שמד. און דער

4) Dr. Moritz Güdermann: Geschichte der Erzihungswesens und der Kultur der Juden in Deutschland, Wien, 1880.

„ספר חסידים" האָט אונדז פון יענער צייט איבערגעלאָזן דאָקומענטן פון דער הויכער מאָראַל און עטיק פון די דאָזיקע געפּלאָגטע ייִדן — גאַנצע קהילות, אָדער יחידים.

אַט ווערט דערציילט אין דעם פּאַראַגראַף 251 (פון דעם פּאַרמער וואַריאַנט) אַזאַ געשיכטע:

אין אַ געוויסער שטאָט איז דער שר געווען זייער שלעכט צו די ייִדן און זיי האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון דער דאָזיקער שטאָט. דער האַר פון דער שטאָט האָט זיך דערפון דערוווּסט און האָט די ייִדן פאַרהאַלטן און געצוווּנגען זיי אָפּצוגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן נישט אַנטלויפן. איז ביי די קהילה־לייט געווען אַ שאלה, צי מעגן זיי עובר זיין אויף דער שבועה, וואָס זיי האָבן געגעבן דורך צוואַנג. דערציילט דער „ספר חסידים", אַז זיי האָבן באַשלאָסן בלייבן אויפן אָרט, זיין אויסגעשטעלט אויף די גזירות פון דעם שלעכטן הערשער, כדי עס זאָל צוליב זייער אַנטלויפן נישט אַרויסקומען קיין חלול־השם. מען וועט נאָך דעם זאָגן, אַז ייִדן האָבן פאַלש געשווירן און מען וועט נישט גלייבן זייערע שבועות.

אין אַ ווייטערדיקן פּאַראַגראַף ווערט דערציילט וועגן אַ שטאָט־האַר, וואָס האָט געוואָלט צווינגען אַלע ייִדן פון זיין שטאָט צום שמד און די ייִדן זענען אַנטלאָפן. האָבן די שכנותדיקע קהילות געוואָלט אויסרופן אַ חרם אויף דער דאָזיקער שטאָט, אַז קיין ייִד זאָל קיין מאָל אין דער דאָזיקער שטאָט נישט וווינען. דערציילט דער „ספר חסידים" — איז געווען איינער אַ חכם, וועלכער האָט געזאָגט: — צו וואָס דאַרפט איר מאַכן שוועריקייטן פאַר די קומענדיקע דורות. עס וועט זיין גענוג, אַז איר וועט אַרויסגעבן אַ גזר, אַז מען טאָר אין דער שטאָט נישט וווינען כל־זמן עס לעבט דער דאָזיקער רשע.

זייער אָפט האָבן מיר דאָרטן געשיכטעס, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער מאָמענט פון קידוש־השם אין אַלע זיינע פאָרמען — פּאַסיווע און אַקטיווע.

אַט למשל ווערט גאָר שאַרף געטאַדלט אַ געוויסער רב, וואָס האָט געפּסקנט אין זיין קהילה, אַז וויבאַלד זיי שטייען פאַר דער ברירה, זיך שמדן אָדער געהרגעט ווערן, זאָלן זיי לפנים זיך אָפּשמדן און שפּעטער, ווען עס וועט קומען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט זיך אומקערן צוריק צו דער ייִדישער אמונה.

רעקאָמענדירט דער „ספר חסידים":

אינעם פאַל, ווען די שונאים וועלן קומען און זאָגן: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים אומברענגען, אויב נישט וועלן מיר אייך אַלע אויסהרגענען — זאָלן זיי אַלעמען אויסהרגענען, און מען טאָר נישט איבערגעבן דעם שונא אין די הענט קיין איין ייִדישן נפש. און ווען די שונאים וועלן זאָגן: גיט אונדז אַרויס איינע פון אייערע טעכטער און מיר וועלן זי אומווירדיק מאַכן, און אויב נישט וועלן מיר שענדן אַלע אייערע פרויען, — זאָלן זיי מיט געוואַלט אַלע שענדן,

מען טאָר אָבער נישט אַרויסגעבן אויף זנות קיין אײן ייִדישע פרוי, אַפילו אַ פנויה (אַ פריי־ליידיקע, נישט קיין חתונה־געהאַטע).

שטעלן זיך אויף פראַגעס: ווער איז אַ קדוש? דערציילט דער „ספר חסידים״: אין אַ געוויסער שטאָט זענען אַ סך ייִדן אומגעקומען אין דער צייט פון דער גזירה און אַ סך זענען אויך געווען גרייט אומצוקומען אויף קידוש־השם, אָבער זיי זענען על־פּי נס געבליבן לעבן. איז צו איינעם פון די לעבן געבליבענע, רבי שבתאי האָט ער געהייסן, געקומען צו חלום איינער פון די אומגעקומענע, אויך מיטן נאָמען שבתאי, און אים געזאָגט:

„אַלע די וואָס זענען געווען גרייט אומצוקומען אויף קידוש־השם האָבן זייער אָרט אין גן־עדן; יעדער ייִד וואָס לעבט אין דער צייט פון בלוטיקע גזירות איז אין דער בחינה פון אַ קדוש...״

דערציילט ווייטער דער „ספר חסידים״:

און געווען איז עס אין אַ שטאָט, ווו די רשעים האָבן אויסגעהרגעט אַלע ייִדן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן. נאָר צוויי בחורים האָבן זיך געראַטעוועט. עס איז זיי געלונגען אַנטרינען צו ווערן פון די רוצחים. אין איינער אַ נאַכט האָבן ביידע בחורים, וואָס זענען געווען תלמידים פון דער אָרטיקער ישיבה, געקענט אַנט־לויפן. האָט זיך איינער אַפּגערופן צום צווייטן: — איך וועל אַרויס פון מיין באַהעל־טעניש, זאָלן זיי מיך כאַפּן און איך וועל אומקומען אויף קידוש־השם. איך וויל שטאַרבן מיטן זעלביקן טויט ווי רבי חנינא בן תרדיון, וואָס מען האָט פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן. האָט אים זיין חבר געענטפערט: — ניין, פרייוויליק אין זייערע הענט וויל איך נישט אַריינפאַלן; ווען זיי מיך כאַפּן בין איך גרייט זיך מקריב צו זיין. רבי חנינא איז דאָך אויך פאַרברענט געוואָרן מיט דער ספר־תורה צוזאַמען 5).

קומען פאַרשידענע ביישפילן וועגן דעם, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט טאָן, כדי זיך צו ראַטעווען פון די רוצחישע הענט.

עס מעג אַ פרוי ברעכן דעם דין, וואָס זאָגט, אַז זי טאָר זיך נישט קליידן אין מאַנסבילשע קליידער, אויב דאָס וועט איר העלפן נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די שענדער. גלייך אויפן אָרט ווערט געבראַכט אַ מעשה וועגן אַ שיינער פרוי, וואָס איז געווען אין געפאַר, אַז מען וועט זי פאַרגוואַלטיקן. מען האָט איר אָנגעטאָן אַ באָרד און דאָס האָט טאַקע געהאָלפן, זי איז געראַטעוועט געוואָרן.

---

5) רבי חנינא בן תרדיון, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. לויט די שילדערונגען פון זיין מאַרטירער־טויט האָט מען אים איינגעוויקלט אין דער ספר־תורה, וואָס מען האָט אים געכאַפּט, אַז ער האָט אין איר געלערנט. מען האָט אים צוזאַמען מיט די תורה־פּאַרמעטן פאַרברענט. מען האָט דערביי אויף זיין ברוסט געלייגט נאַסע קנוילן פון וואָל, אַז ער זאָל לענגער לעבן און זאָל זיך מער פּייניקן.

אָבער נישט אַלץ קאָן מען טאָן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. עס וואָרנט דער „ספר חסידים״: ווען עס באַפאַלן חיילות (דאָ ווערט געמיינט די קרייצצוגלער) אויף אַ שטאָט, טאָר מען נישט אַרויסשטעלן אין די פענצטער קיין הייליקע בילדער פון די קריסטן און אויך נישט אָנטאָן זיך אין קיין צלמים, אָדער גיין אין זייערע געבעט־הייזער, כדי אַזוי אַרום אָפּצונאַרן זיי און אויסמיידן דעם טויט.

קאָנסט, הייסט עס, ראַטעווען דיין לעבן, טו עס, אָבער נישט דורך אָפּנאַרן און פֿאַלשעווען אין דער אמונה...

די דאָזיקע געשריבענע פּאַראַגראַפן מיט 800 יאָר צוריק קלינגען ביי אונדז ווי געשעענישן און פּראָבלעמען פון אונדזערע טעג. עס מישט זיך אויף דאָס קאַפּיטל וויטעמבערג אין ווילנער געטאָ — די פּאָדערונג אַרויסצוגעבן איינעם, און די דראָונג, אַז אויב ער וועט נישט אַרויסגעגעבן ווערן וועט מען אומברענגען אַלע יידן. עס קומט אויך אויפן רעיון די טראַגישע עפּאָפּייע פון די היטלער־מאַראַנען, די יידן פון דער „אַרישער״ זייט.

די קדושה פון די מאַרטירער לעבט אַפילו נאָך זייער טויט. שוין דאָרטן, אין „ספר חסידים״ רעדט זיך וועגן דער הייליקייט פון יעדן שפּראָץ פון די קדושים־בלוט. אָט האָט מען געפרעגט אַ שאלה וואָס צו טאָן מיט אַ מעסער, וואָס מען האָט געפונען אין אַ קבר פון די הרוגים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם. און דער פּסק איז געווען — ער דאַרף צוריק אַוועקגעלייגט ווערן אויפן זעלביקן אָרט. ער איז געהייליקט געוואָרן דורך דעם בלוט פון די קדושים.

אַ צווייטער פּסק איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן: — אין אַ הויז וווּ עס זענען גע־הרגעט געוואָרן יידן אויף קידוש־השם און זייער בלוט האָט באַשפּריצט די שטיי־נער און די ווענט פון הויז, טאָר דער באַלעבאָס נישט אָפּקראַצן די בלוט־פלעקן; ער טאָר זיי נישט פאַרשמירן; אויף אייביק מוזן בלייבן די סימנים פון דעם מאַר־טירער־טויט, ווי עס זאָגט זיך אין פּסוק: „ארץ אל תכסי דמי״ — פאַרדעק נישט ערד מיין בלוט...

מיר האָבן טאַקע אין די דאָזיקע פּאַראַגראַפן שטיקער פון דער בלוטיקער כראָ־ניק, אָבער מיר געפינען אויך דאָרטן, חוץ די פאַרהייליקונג פון די מאַרטירער, אָנ־ווייזונגען פון גערעכטיקייט, פון ערלעכקייט צום נישט־ייד, צו דעם יעניקן, וואָס פון זיין זייט זענען געקומען די פיינט. נישטאָ קיין אָנדייטונגען פון סתם שנאה, אדרבא דער „ספר חסידים״ וואָרנט קעגן אומבאַרעכנטע פאַלשע האַנדלונגען, וואָס וואָלטן אַראָפּגעריסן דעם נאָמען, דעם כבוד, פון דעם יידישן כלל.

רבי יהודה החסיד לערנט אין „ספר חסידים״:

דו ביזט מחויב זיך צו פירן מיטן גוי פונקט אַזוי אָרנטלעך ווי מיט דיין ברודער, דעם ייד. אויב דו באַמערקסט, אַז אַ גוי האָט אין אַ וועלכן נישט איז מסחר געהאַט אַ טעות, זאָלסטו אים וואָרענען. אויב ער וועט זיך שפּעטער אַליין אָנשטויסן אויפן

דאָזיקן טעות דעמאָלט וועט אַרויסקומען אַ חילול־השם, ווארעם מען וועט זאָגן, אַז אַלע ייִדן זענען אָפּנאַרערס. מען טאָר קיין גוי נישט אָפּנאַרן, ווייל דאָס דערנידעריקט דעם מענטשן און קיין גליק ברענגט עס סיי ווי נישט. עס איז באַקאַנט, אַז די יעניקע וואָס גיבן פאַלשע וואָגן אָדער מאָסן, די געלט־שינדערס ווערן סוף־כל־סוף אָרעמע לייט און זייערע קינדער שטייען אויס צרות אין דער פרעמד און מוזן אָנקומען צו מענטשנס הילף.

ווייטער זאָגט דער „ספר חסידים":

— מען מעג מתפּלל זיין צו גאָט אויך צוליב אַ גוי, וואָס טוט גוטס.

— ווען אַ ייִד דערמאָנט אַ פאַרשטאָרבענעם אָרנטלעכן מענטשן, סיי אַ ייִדן, סיי אַ גוי, מעג ער אויף אים זאָגן זכרונו לברכה.

—ווען אַ ייִד זעט ווי אַן אַנדער ייִד וויל הרגענען אַ גוי, וועלכער האָט יענעם ייִדן גאָר נישט געטאָן קיין שלעכטס, דאַרף דער ייִד קומען צו הילף דעם גוי.

אין זיינע מוסר־רייד פאַר אַן עטישן אויפפירן זיך רעקאָמענדירט אַפילו דער „ספר חסידים" זיך אָפּצולערנען ביי די גוים גוטע מעשים און ברענגט דערביי ביי־שפּילן פון די חסידי־אומות־העולם, וועמען עס איז כדאַי נאָכצוטאָן.

דער „ספר חסידים" הייבט אַרויס דעם פּשוטן, דעם אומוויסנדיקן מענטשן. נישט שטענדיק איז געלערנטקייט גרויס; סתם למדנות איז נישט דער עיקר. ער קריטיקירט די איבערגעשפּיצטע „תלמידי חכמים", וואָס גרויסן זיך מיט זייער פּלפּול און קענ־טענישן. פּשטות, איינפאַכקייט און ערלעכקייט שטייט העכער קעגן דער דאָזיקער גרויסהאַלטעריי. און דער „ספר חסידים" ברענגט דערביי אַ מעשה, וואָס איז דער מקור פאַר די פאַרשידענע וואַריאַנטן, וואָס מיט זיי איז רייך די מעשיות־וועלט פון די שפּעטערדיקע חסידים פון נאָך דעם בעל־שם־טוב. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף דערציילט:

און עס איז געווען אַ מעשה: געווען איז אַ ייִדיש קינד, וואָס איז געווען אַ פּאַסטעך. ער האָט געפּיטערט בהמות און געווען איז ער אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ. ער האָט אַפילו נישט געקענט דאַוונען. פלעגט ער יעדן פרימאָרגן זאָגן אַזאַ מין תפילה: „רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך זייער גוט, אַז ווען דו וואָלסט פאַרמאָגט בהמות און וואָלסט זיי מיר איבערגעבן צו היטן, וואָלט איך ביי דיר נישט גענומען קיין געצאָלט דערפאַר, פּ־ר דיר וואָלט איך געהיט בחינם —אַזוי גרויס איז מיין ליבע צו דיר!"

איז אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען אַ תלמיד־חכם און ער האָט געהערט די דאָזיקע תפילה פון פּאַסטעך. זאָגט ער צו אים:

— שוטה! זאָלסט מער אַזוי נישט מתפּלל זיין!

פרעגט דער פּאַסטעך: — ווי אַזוי זאָל איך דען דאַוונען?

האָט דער תלמיד־חכם מיט אים איינגעחזרט דעם סדר פון די ברכות, קריאַת־שמע און אַנדערע געבעטן. ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז מער זאָל ער נ־שט זאָגן זיין עם־האַרצישע תפילה.

דער תלמיד־חכם איז זיך אַוועק און דער פּאַסטעך האָט פאַרגעסן די אויסגעלערנטע תפילות. זיין אייגענע תפילה האָט ער אויך נישט געזאָגט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער טוט דערמיט אַ זינד. ער האָט דעריבער אין גאַנצן אויפגעהערט צו תפילה טאָן.

האָט דער תלמיד־חכם ביינאַכט אין חלום דערהערט אַ קול, וואָס האָט אים געזאָגט: — זיי וויסן, אַז אויב דו וועסט גיין צום פּאַסטעך און אים דערקלערן, אַז ער מעג זאָגן זיין תפילה, וואָס ער פלעגט מתפלל זיין איידער דו ביסט צו אים געקומען, וועסטו האָבן אַ שלעכטן סוף, ווייל דו האָסט פאַר יענער וועלט צוגעגזלט איינעם פון מיינע טייערע דינער.

איז דער תלמיד־חכם גלייך אַוועק צום פּאַסטעך און געפרעגט: — וואָסער תפילה זאָגסטו? האָט אים דער פּאַסטעך געענטפערט: — איך דאַוון בכלל נ־שט, ווייל די תפילות, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלערנט האָב איך פאַרגעסן און די תפילה וועגן די בהמות האָסטו מיר פאַרווערט צו זאָגן.

האָט אים דער תלמיד־חכם דערציילט זיין חלום און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אויף ווייטער זאָגן זיין געוויינלעכע, אַליין־פאַרפאַסטע תפילה.

און דער „ספר חסידים" גיט צו:

„...נאָך זעט — איר האָט דאָ נישט קיין תורה און נישט קיין מעשים־טובים, נאָר דעם פּשוטן ווונטש צו טאָן גוטס און דאָס איז שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָרעם די תורה פאַרערט פריער פאַר אַלץ די באַוויליקונג פון האַרץ".

און דער „ספר חסידים" איז טאַקע פול מיט דער אַפּאָלאָגעטיק פון אויפריכטיקייט. עס דאָמינירט דאָרטן דער מאָטאָ: „אַ ריין האַרץ, אַן אָפענע נשמה און אמת אויף די ליפּן".

עס דערקלערט טאַקע דער „ספר חסידים", אַז די פּשוטע מענטשן מיט זייער ערלעכקייט זיינען חשובער פון די תלמידי־חכמים. אַז די בעסטע תפילה איז די, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די טיפעניש פון האַרצן און נישט די קאַלטע, פאַרגליווערטע, איינגעחזרטע שורות. און עס לערנט דער „ספר חסידים":

ווען עס קומט צו דיר אַ ייד וואָס פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש, נאָר ער איז אַ ירא־שמים און וויל דאַוונען מיט כוונה; אָדער עס וועט קומען אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט אַוודאי נישט קיין לשון־קודש, זאָלסטו זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן דאַוונען אויף דעם לשון וואָס זיי פאַרשטייען. וואָרעם די תפילה דאָס איז דאָך דאָס געבעט

פון האַרצן, און וויבאַלד דאָס האַרץ ווייסט נישט וואָס די ליפּן זאָגן, וואָס קען העלפן אַזאַ תפילה?

בכלל ווערט אין „ספר חסידים" אַרויסגעהויבן די חשיבות פון מענטשן, פון יעדן מענטשן. נישט פאַרשעמען קיינעם, נישט מצער זיין קיינעם, נישט מאַכן קיינעם שלעכט פילן.

דער יסוד פון ייִדישקייט איז מענטשלעכקייט „ואהבת לרעך כמוך" — דאַרפסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין. און דער „ספר חסידים" זאָגט אָן: אַ מענטש טאָר נישט אַרויסרוקן זיין פּערזאָן אויפן ערשטן אָרט. ער דאַרף נישט זאָגן „איך און דו" נאָר שטענדיק זיך האַלטן ביי „דו און איך".

אַ מענטש דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז ווי וואָלט ער זיך געפילט, ווען ער איז אין יענעמס רשות; אַזוי דאַרף ער באַהאַנדלען די יעניקע וואָס געפינען זיך אין זיין רשות.

אַ מענטש טאָר נישט בעטן פאַר זיך אַזוינע זאַכן, וואָס דערפון וועט אַרויס־קומען אַ רעה פאַר אַנדערע. ווער עס טראַכט וועגן דעם וויל פון דער וועלט, דער וועט געניסן אויך זיין פּערזענלעך גליק.

זאָלסט נישט ענטפערן אויף קיין זידלערייען; טוט דיך עמעצער שילטן — מאַרשווייג!

די גרעסטע עבירה איז פאַרשעמען עמעצן ברבים.

זיך היטן מיט רייד אין דער אַנוועזנהייט פון קנעכט, אָדער אַפילו אַ זון פון אַ קנעכט, נישט רעדן מיט פאַראַכטונג וועגן קנעכט.

אין דער אַנוועזנהייט פון אַ בלינדן אויף איין אויג נישט רעדן וועגן באַשעפּע־נישן פון איין אויג.

ווען מען הערט ווי אַ מלמד פּאַרטייִטשט זיינע תלמידים נישט ריכטיק, טאָר מען אים נישט זאָגן אָפן: „דו טייטשט פאַלש".

ביי אַן אורח טאָר מען נישט פרעגן קיין דברי־תורה כל־זמן מען איז נישט זיכער, אַז יענער וועט עס קענען ענטפערן.

זיי נישט מקנא דעם, וואָס איז גרעסער פון דיר, און זיי נישט מבזה דעם, וואָס איז קלענער פון דיר.

אויך לגבי בעלי־חיים האָט דער „ספר חסידים" געהייסן אָנווענדן די מאָס פון יושר.

עס איז אַ גרויסע עבירה מצער צו זיין וועלכע נישט איז באַשעפעניש, אָדער אַרויפלייגן אויף אַ בהמה מער משא ווי זי איז אימשטאַנד צו טראָגן. מען טאָר נישט אָפּשניידן קיין עק ביי אַ בהמה, ווייל זי וועט נישט זיין אימשטאַנד אָפּצוטרייבן די פליגן וואָס בייסן איר און זי וועט האָבן צער.

דער „ספר חסידים" איז פול מיט אָנווייזונגען וועגן פּערזענלעכן אויפפירן

זיך. ער ברענגט אַ צעטל מיט גוטע מידות ווי אַזוי יעדער מענטש זאָל זיך פירן. ער וואָרנט קעגן כעס און קפדנות און ווי דער שטייגער פון דאָזיקן ספר ווערט יעדער פּאַראַגראַף באַגלייט מיט אַ מעשה.

עס ווערט דערציילט, שרייבט דער „ספר חסידים“, וועגן איינעם וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז ווען ער וועט ווערן גאָר שטאַרק אין כעס, זאָל ער איבערלאָזן אויף מאָרגן צו טאָן דאָס וואָס ער וויל מאַכן פאַר זיין כעס. דער זון האָט מקיים געווען דעם פאָטערס אָנזאָג. איז געשען, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף זיין פרוי, אַז זי איז אים אומטריי און אין אויפרעגונג האָט ער גע־וואָלט דערהרגענען די פרוי און אַ קינד. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאָטערס רייד און געוואַרט ביז אין דער פרי. אויף מאָרגן האָט זיך טאַקע אַרויס־געוויזן, אַז די פרוי איז געווען אומשולדיק.

אָט איז אַ צעטל פון גאָר טיפּזיניקע אַפאָריזמען פון „ספר חסידים“, וואָס לעבן עד־היום אין פאָלקס מויל:

— דריי מענטשן קאָן מען דערקענען ביי דריי געלעגנהייטן: דעם באַשיי־דענעם, אין זיין כעס; דעם גיבור, אין דער צייט פון מילחמה און דעם פריינד, אין דער צייט פון נויט.

— היט דיין צונג מער ווי דיינע פיס, ווייל ווען דו גליטשסט זיך אויס מיט די פיס באַקומסטו נאָר אַ וווּנד, וואָס מען קאָן אויסהיילן, אָבער ווען דו ווערסט גע־שטרויכלט מיט דער צונג קאָנסטו פאַרלירן דעם קאָפּ.

— אַז איך רעד האָב איך חרטה; ווען איך שוויג דאַרף איך נישט חרטה האָבן. איידער איך האָב גערעדט בין איך דער באַלעבאָס פון מיין וואָרט; איז אָבער דאָס וואָרט אַרויס פון מיין מויל, איז עס שוין דער הערשער איבער מיר.

**
*

דער „ספר חסידים“, זיין אינהאַלט און דער עיקר זיין געבוי, וואָס איז דורכ־געפלאָכטן מיט אָן אַ שיעור פאָלקס־געשיכטעס, האָט פיל געהאָלפן צו דערהאַלטן און דערהייבן דעם געמיט פון די געפּלאָגטע יידישע מאַסן אין יענער צייט.

גאָר טרעפלעך זאָגט טאַקע פּראָפ׳ ש. דובנאָוו:

„נישט אַלעמען האָט געקאָנט באַפרידיקן די טרוקענע וויסנשאַפט פון תלמוד, וואָס האָט געגעבן שפּייז דעם שכל, אָבער נישט דעם געמיט. אין יענער תקופה פון גזירות און פורעניות האָט געמוזט מיט אַ באַזונדערער שטאַרקייט זיך אַנטפּלעקן די רעליגיעז־מאָראַלישע עמאָציע. דער רביניזם, וואָס איז באַגרינדעט אויפן פּרינ־ציפּ פון „מאַכן אַ צאַם אַרום דער תורה“ האָט געקענט דינען ווי אַ געצייג פון אויסוויינקסטער דיסציפּלין פאַר אַ כלל, אָבער שמידן דעם גייסט פון דעם יחיד, געבן אים כוח איבערצוטראָגן די יסורים און אָנצונעמען פאַר ליב דעם טרויעריקן

מצב — דאָס האָט געקענט פועל זיין נאָר פערזענלעכע מאָראַל, אַ באַגייסטערטער גלויבן און אַ טיפע פרומקייט. אויף דעם וועג איז אַוועק אַ טייל פון דער גייסטיקער שאַפונג פון 12טן יאָרהונדערט. עס איז אויפגעקומען די מוסר־ליטעראַטור, וואָס איז באַשטימט פאַר אַלע שיכטן פון פאָלק און וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די מיינונגען און גלייבונגען פון פאָלק. פון אַלע ספרים פון דעם מין איז געוואָרן צום מיינסטן פּאָפּולער דער „ספר חסידים”.

עס איז געווען נישט נאָר אַ מוסר־ספר, עס איז געווען אַ בוך, וואָס האָט געגעבן דעם פאָלק טרייסט און האָפענונג, אַז דאָס שלעכטס וועט פאַרביי, אַז עס וועלן קומען פריידיקע טעג, גליקלעכע צייטן, צו וועלכע מען דאַרף שטרעבן אַפילו אין אַזעלכע ביטערע יאָרן.

די טיפע מאָראַל־עטישע לערעס פון „ספר חסידים” און די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַרן גלויבן, פאַר דער אידייע, וואָס ווערט אין דאָזיקן ספר אַרויסגעבראַכט, זענען געוואָרן אומטיילבאַרע יסוד־עלעמענטן פון דעם נוסח אַשכנז.

דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג

צו די געציילטע גדולים פון די אַשכנז-באַגרינדער, וועלכע האָבן זוכה געווען צום ערן-טיטל מאור הגולה (רבינו גרשום און רש״י) האָט אויך געהערט רבי מאיר בן ברוך, אָדער ווי ער איז ברייט באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע ווי דער מהר״ם פון ראָטענבורג, וועמען עס איז געווידמעט דער איצ-טיקער קאַפּיטל. ער איז דער פינפטער פון אַשכנז-באַגרינדער, וואָס מיר האָבן געוואָלט אין אונדזער אַרבעט פאַרשטעלן.

רבי מאיר בן ברוך איז געבוירן געוואָרן בערך אַרום דעם יאָר 1215, דאָס הייסט צוויי יאָר פאַר דעם טויט פון רבי יהודה החסיד. ווידער האָבן מיר דאָ אַ מין סימבאָליזירונג פון דער געקייטלטקייט פון אַשכנז — אַ רינג אין אַ רינג — יעדער דור האָט געהאַט זיין מנהיג, וואָס האָט דעם נוסח אַשכנז באַפּעסטיקט און ווייטער געפירט. רבי יהודה החסיד האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף אַשכנז אין 12טן יאָרהונדערט. נאָך אים האָט אין 13טן יאָרהונדערט דער מהר״ם פון ראָטענבורג דאָמינירט אין די אַשכנזישע קהילות און אויך פאַרשפּרייט זיין השפעה אויף די ווייטערע יישובים.

מיר וועלן זיך ווי פריער, ביים באַהאַנדלען די דערמאָנטע פיר אַשכנז-גדולים (רבינו גרשום, רש״י, רבינו תם און יהודה החסיד) קודם זיך אָפּשטעלן אויף די ביאָ-ביבליאָגראַפישע דאַטעס און פאַקטן פון דעם מהר״מס לעבן און שאַפן.

ווי געזאָגט, איז ער געבוירן געוואָרן אַרום יאָר 1215. די היסטאָריקערס און זיינע ביאָגראַפן פרווון אָנגעבן שפּעטערע דאַטעס. גרעץ, למשל, גיט אָן דאָס יאָר 1330, וועלכע — 1220. מען האָט אָבער אָנגענומען פאַר קרוב לאמת דאָס וואָס עס גיט אָן דעם מהר״מס ביאָגראַף שמואל באַק 1), אַז די ריכטיקע דאַטע איז משמעות 1215.

---

1) **Samuel Back.** — „R. Meir C. Baruch aus Rothenburg". Sein Leben und sein Wirken, seine Schicksale und Schriften. Frankfurt a. M. 1895.

I. Wellesz. — „Meir B. Baruch de Rothenbourg". Revue de Études Jives, t. t. 58-60, 1909, 1910, 1911.

די פריערדיקע דאַטעס ווערן אָפּגעפרעגט, ווייל עס איז אַ פאַקט, אַז דער מהר״ם פון ראָטענבורג האָט זיך אין יאָר 1242־1944 געפונען אין פּאַריז, ווו ער האָט צוגעזען די פאַרברענונג פון תלמוד, אויף וואָס ער האָט פאַרפאַסט די באַקאַנטע עלעגיע „שאלי שרופה באש״. איז דאָך נישט מעגלעך, אַז ער זאָל דאַן זיין אַלט נישט מער ווי 12־14 יאָר. אויך איז באַקאַנט פון די פאַרבליבענע און פאַרעפנטלעכטע שאלות־ותשובות, אַז אין יאָר 1241, בעת די גזירות אין פראַנקפורט ביים מאַין, האָט מען זיך צום מהר״ם געוואָנדן אין אַ ריי ענינים. ער איז דאַן מינדסטנס אַלט געווען 25 יאָר. אַזוי אַז מען האָט טאַקע די דאַטע 1215 אָנגענומען פאַר ריכטיק.

זיין געבוירן־אָרט ווערט אָנגעגעבן וואָרמס, איינע פון די ייחוסדיקע שטעט, ווו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אַשכנז.

די מצבה פון דעם מהר״מס פאָטער ר׳ ברוך, וואָס איז עד־היום אויפגעהיט אין וואָרמס, אויף דעם עלטסטן יידישן בית־עולם אין דייטשלאַנד

זיין פאָטער, רבי ברוך בן מאיר, איז געווען פון די גאָר אָנגעזעענע געלערנטע אין וואָרמס און עס איז אויך אַ סברא, אַז ער האָט געהערט צום וואָרמסער בית־דין. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, אין הלכה־ענינים, מיט די דעמאָלטיקע גדולי־הדור פון די אַשכנז־קהילות און אויך פון פראַנקרייך.

זיין דערציִונג האָט דער מהר״ם באַקומען פריִער ביי זיין פאָטער אין וואָרמס און נאָך דעם איז ער געפאָרן אין דער ישיבה אין ווירצבורג, ווו ער האָט צווישן זיינע רביים געהאַט דעם רבי יצחק בן משה פון ווין, באַקאַנט ווי דער „אור־זרוע״ (נאָך דעם ספר וואָס ער האָט פאַרפאַסט), איינע פון די גרעסטע אויטאָריטעטן פון אַשכנז. שפּעטער איז ער געפאָרן קיין פּאַריז, ווו ער האָט געלערנט ביי די דאָרטיקע בעלי־התוספות.

ווי מיר זעען איז זיין געבוירן און זיין גייסטיקע דערציִונג און שטייגונג פאַר־בונדן מיט אַשכנז.

אין פּאַריז האָט ער, ווי שוין געזאָגט, בייגעוווינט די פאַרברענונג פון תלמוד און אין 1245 איז ער שוין צוריק אין דייטשלאַנד. ער ווערט גאָר גיך דער אָנער־קענטער פירער פון דעם אַשכנזישן קיבוץ און שפּעטער הייבן זיך אויך אָן צו אים ווענדן מיט אָנפראַגעס די יישובים מחוץ די גרענעצן פון דייטשלאַנד. ער איז, ווי עס קומט אַרויס פון די אומצייליקע תשובות, וואָס ער האָט געשיקט אין דער וועלט, געווען רב אין אַ סך קהילות, ווי: קאָסטניץ, אויגסבורג, ווירצבורג, וואָרמס, נירנ־בערג, מאַינץ און ראָטענבורג. אויב אין די אַלע ערשטע שטעט איז ער געווען נישט לאַנג, איז ראָטענבורג געוואָרן די הויפּט־קהילה מיט וועלכער ער איז געווען אַמלענגסטן פאַרבונדן און טאַקע דערפאַר באַקומען דעם צונאָב־נאָמען פון ראָטענ־בורג. דאָ האָט ער אויפגעשטעלט אַ ישיבה, ווו עס זענען געקומען תלמידים פון אַלע ווינקעלעך פון דייטשלאַנד; פון דאַנען זענען דורך אים געשיקט געוואָרן די תשובות (וואָס גרייכן אין די טויזנטער) וועגן אַלע ענינים פון יידישן צערעמאָניאַלן און שטייגער־לעבן.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאָר גרויסע פּלעיאַדע מיט תלמידים, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אָנפירנדיקע ערטער אין צענדליקער קהילות אין אַשכנז און מחוץ די אַשכנז־גרענעצן. צווישן זיי זענען דאָ מחברים פון הלכה־ספרים און שאלות ותשובות, וואָס זענען עד־היום די וויכטיקסטע און אויטאָריטעטיווע מקורות פאַר הלכה. צווישן זיינע תלמידים זענען געווען: רבי אשר בן יחיאל, באַקאַנט ווי דער „רא״ש״; רבי מרדכי בן הלל — דער „מרדכי״; רבי שמעון בן צדוק — מחבר פון די שאלות־ותשובות „תשב״ץ״; רבי יצחק פון דירען, מחבר פון ספר אויף איסור־והיתור ‚שערי דורא״; רבי מאיר הכהן פון ראָטענבורג, מחבר פון „הגהות מיימוניות״ און פיל אַנדערע גדולים.

דעם מהר״ם פון ראָטענבורג, וואָס איז אויסגעוואַקסן צום גייסטיקן פירער פון גאַנצן אַשכנז כלל, וואָס איז געווען דער אָנערקענטער רבֿ איבער אַלע קהילות, איז נישט געווען באַשערט אויסצולעבן זיינע יאָרן אין שלווה. זיין סוף, זיינע לעצטע יאָרן און טויט, איז אַן אויסטערלישע עפּאָפּייע, וואָס האָט נישט איר גלייכן, אַפילו אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון אונדזער פֿאָלק. איידער מיר קומען צום דאָזיקן מאָמענט דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין דייטשלאַנד אין יענע צייטן בכלל און אויף דער רעכטלעכער לאַגע פון די יידן בפרט.

די ממשלה אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט געווען צעטיילט און צעבראָקלט צווישן די גייסטלעכע און וועלטלעכע פעאָדאַלן און אויך די שטאָטישע בירגער־לעכע שטאַנדן. די סיסטעם פון „קעניגלעכן שוץ״ איבער די יידן, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך די קרייצצוגן איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער קעניג האָט באַטראַכט די יידן ווי זיין האָב און גוטס, ווי זיין אייגנטום. די יידן, וואָס האָבן זיך גערעכנט ווי צוגעהעריקע דעם „קייסערס קאַמער״ זענען טאַקע אויף אַן אומדער־הערטן אופן עקספּלואַטירט און אונטערדריקט געוואָרן. ווען מען האָט די דאָזיקע „קנעכט פון האַנדל״ נישט געדאַרפט האָט מען זיי אַן רחמנות פאַריאָגט פון לאַנד. אין דער דאָזיקער צייט, אין 13טן יאָרהונדערט, איז לעגאַליזירט געוואָרן דער שטאַנד „קנעכט פון אימפּעריע״, אָדער ווי דאָס האָט געהייסן אין די אָפיציעלע אַקטן „קאַמער־קנעכט״. די דייטשע קייסאָרים, וואָס האָבן איבערגענומען זייער מאַכט בירושה פון קאַרל דעם גרויסן, האָבן זיך באַטראַכט ווי די געזעצלעכע באַלעבאַטים און די שוצהאַרן פון די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין זייער רשות.

נאָך די קרייצצוגן האָבן די קייסאָרים אָנגעהויבן אָפיציעל צו „באַשיצן״ די יידן קעגן די אָנפאַלן פון די אויפגעהעצטע קריסטן. מען האָט די יידן פאַרזיכערט אַ מינימיום־רעכט און די אַליין־פאַרוואַלטונג פון די קהילות. פאַר דעם דאָזיקן שוץ און „פּריווילעגיעס״ זענען די יידן מחויב געווען צו צאָלן באַשטימטע שטייערן. אַזוי ווי די קייסאָרים האָבן נישט געקענט אַריינדרינגען אומעטום און אין אַלע פּרטים פון דער אינעווייניקסטער פאַרוואַלטונג, האָבן זיי אין אַ ריי ערטער איבערגעגעבן די דאָזיקע פונקציעס, דאָס הייסט אייפצומאַנען די יידן־שטייערן, צו די אָרטיקע הערשערס, צו די פעאָדאַלן, פריער פאַר אַלץ צו די בישאָפן אין יענע שטעט, וווּ עס זענען געווען גרעסערע יידישע קהילות. דער בישאָף פלעגט פאַר „זיינע״ יידן באַצאָלן דעם קייסער דעם שטייער און שפּעטער שוין צוריסבאַקומען עס ביי די יידן, אָפט מאָל מיט אַ גאַר גרויסן עודף. געוויסע יידישע קהילות פלעגן איבערגעגעבן ווערן צו שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען, זיי זאָלן איבערנעמען דעם „יודענשוץ״, דאָס הייסט, זיי זאָלן אויספּרעסן ביי די יידן זייער „שוץ־שטייער״.

דער „שוץ״ איבער די יידן אין דייטשלאַנד איז אַזוי אַרום געלעגן אין אַ סך

הענט: דירעקט ביים קייסערס אַדמיניסטראַציע, ביי זיינע וואַסאַלן, די פֿאַרשידענע הערצאָגן, לאַנדגראַפֿן און מאַרקגראַפֿן; ביי זיינע „קרעדיטאָרן" — די בישאָפֿן אָדער אין די הענט פֿון פֿאַרשידענע שטאָטישע בירגערלעכע מאַכט־אָרגאַנען. גאָר אָפֿט פֿלעגן צווישן די דאָזיקע גרופּן פֿאַרקומען צוזאַמענשטויסן, אינטערעסן־ און השפּעה־קאַמפֿן, לאָקאַלע מילחמות און די ייִדן זענען שטענדיק געווען די ערשטע קרבנות.

ווען דער מהר״ם פֿון ראָטענבורג איז געבוירן געוואָרן און אויך שפּעטער איז הערשער איבער דייטשלאַנד געווען דער קייסער פֿרידריך דער צווייטער, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין „עלאַסטישקייט" ריכטיקער מיט זיין צוויי־פּנימדיקער טאַקטיק. אָט איז ער געווען אַ פֿריידענקער, אַן אָנהענגער פֿון דער אַראַמיש־ייִדי־שער פֿילאָסאָפֿיע און גאָר פּלוצים זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פֿאַנאַטיקער פֿון דער קאַטוילישער קירך. אָט איז ער אַ הומאַניסט און אָט גאָר אַ דעספּאָט. אויך זיין באַציִונג צו די ייִדן איז געווען אַזאַ צווייפּלהאַפֿטע און צוויי־פּנימדיקע.

אין דער דאָזיקער צייט הייבט זיך אָן אַ דרוק פֿון דער קאַטוילישער קירכע, אַז מען באַציט זיך „צו מילד" צו די ייִדן אין דייטשלאַנד. אין יאָר 1233 האָט דער פּויפּסט גרעגאָר דער 9טער אַריינגעשיקט צו די קירכע־פֿאַרשטייער אין דייטשלאַנד אַ בריוו, ווו ער מאַכט זיי פֿאָרוורפֿן, אַז זיי דערלאָזן, אַז ייִדן זאָלן לעבן אַ צו פֿריי לעבן אין לאַנד. עס הייבן זיך אָן ייִדן־באַגרענעצונגען, וואָס פֿירן צו אַנטי־ייִדישע העצעס און בילבולים.

אין 1235 צעגיסט זיך איבער דייטשלאַנד אַ כוואַליע פֿון בלוט־בילבולים, אַז ייִדן טויטן קריסטלעכע קינדער; אַז ייִדן שענדן דאָס „הייליקע ברויט". עס געשעען די בלוטיקע ייִדן־אַרויסטרעטונגען אין לאַודאַ און בישאָפֿסהיים 2).

עס קומט אַ צייט פֿון מהומות. ייִדן ווערן באַשולדיקט אין פֿאַרשידענע אומ־גליקן. דאָס לאַנד לעבט בכלל אין אַן אומרויִקער פּאָליטישער אַטמאָספֿער נאָכן טויט פֿון פֿרידריך דעם צווייטן, ווען די צענטראַלע מאַכט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעדער שררה, יעדער רעגיאָנעלער הערשער האָט אָנגעהויבן רעגירן איבער די ייִדן לויט זיין ווילן. אָפֿט האָבן זיך טייל „הערשערס" געקריגט צווישן זיך ווער עס דאַרף די ייִדן „שיצן", דאָס הייסט נעמען ביי זיי דעם שטייער.

ווען עס איז געקומען צו דער מאַכט דער קייסער רודאָלף פֿון האַבסבורג (1273) איז די לאַגע פֿון די ייִדן נאָך שווערער געוואָרן.

דייטשלאַנד בכלל האָט זיך געבויגן אונטער דער שווערער שטייער־לאַסט און באַזונדער שווער האָט זיך די דאָזיקע לאַסט געלייגט אויף די ייִדן.

---

2) זע מיין בוך אין לאַבירינטן פֿון תקופות די קאַפּיטלען: „מיטלאַלטערלעכע גע־שפּענסט־דענקמעלער" און „די בלוטסקאַפּעללע אין לאַודאַ", זייטן 154—167.

די ייִדישע קהילות האָבן געמוזט צאָלן אומגעהייער גרויסע סומעס פאַר דעם „שוץ“ און די „פּריווילעגיעס“. מען האָט גאַנצע קהילות אַוועקגעגעבן ווי „משכנות“ צום קייסערס בעלי־חובות. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקציע פון אויספּרעסן געלט ביי איינצלנע ייִדישע גבירים. דער דרוק פון שטייער־שרויף איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פון אַ סך שטעט, ביים מאַינץ און ריין, האָבן ייִדן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין פּוילן אָדער אין לענדער איבער דעם ים.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולייזיקן אַ ריי ערטער פון זייערע „שוץ־ייִדן“, עס זענען הייסט עס קלענער געוואָרן די שטייער־צאָלערס. דאַן, אין יאָר 1286, האָט דער קייסער רודאָלף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע גיטער, די אומבאַוועגלעכע און באַוועגלעכע, פון די וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָן אַ דערלויבעניש, דאַרפן קאָנפיסקירט ווערן לטובת דעם קייסערלעכן אוצר. אין דאָזיקן באַפעל איז געזאָגט געוואָרן:

... „אַלע ייִדן אין איינעם און איטלעכער באַזונדער, זענען קנעכט פון אונדזער קרוין און געהערן צוזאַמען מיט זייער פאַרמעג נישט צו קיינעם נאָר צו אונדז אָדער צו יענע פירשטן, וואָס מיר האָבן זיי אָפּגעטרעטן צו זיי לויט דעם פעאָדאַלן רעכט, דאָס הייסט, אַז אויב אַ טייל ייִדן אַנטלויפן אָן אונדזער באַזונדערער דערלויבעניש און וואַנדערן אַריבער מעבר לים, וואָס דורך דעם ציִען זיי זיך אַרויס פון עם פליכט צו זייער געזעצלעכן האַר, דעמאָלט מוז זייער גאַנץ האָב און גוטס, דאָס באַוועגלעכע און דאָס נישט־באַוועגלעכע, איבערגעפירט ווערן צו אונדז“.

אין דער דאָזיקער צייט טאַקע, ווען רבי מאיר בן ברוך פון ראָטענבורג איז שוין געווען אַ בן שבעים, האָט ער באַשלאָסן אַריבערוואַנדערן מעבר־לים. משמעות קיין ארץ־ישראל, ווי עס רעדט זיך טאַקע אין דער לעגענדע, וואָס מיר ברענגען ווייטער. אין איינעם מיט זיין מישפחה איז ער אין געהיים אַוועק פון ראָטענבורג און געקומען קיין לאָמבאַרדיע, ווו ער האָט געוואַרט אויף נאָך אַ פּאַרטיע, וואָס צוזאַמען מיט איר האָט ער געדאַרפט פאָרן אויף אַ שיף אין דעם באַשטימטן אָרט.

אין איינעם פון די וואָרמסער מנהגים־ביכער ווערט דערציילט וועגן דער געשעעניש אַזוי:

„... אונדזער לערער ר׳ מאיר פון ראָטענבורג האָט זיך געקליבן אין וועג, אַריבער דעם ים. ער, זיין הויזגעזינד און אַלע זייניקע זענען שוין געווען אין אַ שטאָט וואָס געפינט זיך צווישן הויכע בערג, גערופן לאָמבאַרדער געבירגע, און ער האָט דאָרטן געוואָלט וואַרטן ביז עס וועלן קומען אַלע, וואָס האָבן געזאָלט צוזאַמען מיט אים מיט־פאָרן. פּלוצעם איז דאָרטן געקומען דער בישאָף פון באַזעל, דער רשע ימח שמו וזכרו, וועלכער האָט דורך יענעם וועג געריטן פון רוים. צוזאַמען מיט אים איז אויך געווען אַ משומד מיטן נאָמען קניפּס, ימח שמו וזכרו, וועלכער האָט דערקענט דעם רבין און עס דערציילט דעם בישאָף. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער הערשער פון

דער שטאָט האָט אים, בעוונתינו הרבים, אַרעסטירט, פיר טעג אין תמוז פון יאָר מ״ו פון אלף השישי (1286) און אים איבערגעגעבן צום קייסער רודאָלף פון האַבס־בורג. ער איז געשטאָרבן אין דער תפיסה י״ט אייר אין יאָר נ״ג פון זעלביקן אלף השישי. ער איז נישט געקומען צו קבורה ביזן יאָר ס״ז (1307) ביז עס האָט זיך נישט געפונען אַ מענטש מיט אַן איידל האַרץ, זיסקינד ווימפען, וואָס האָט אויסגעגעבן אַ גרויס פאַרמעגן ביז ער האָט אים געבראַכט צו קבורה נעבן זיינע עלטערן אין דער שטאָט וואָרמס. און יענער נדיב איז נאָך אים נפטר געוואָרן און האָט טאַקע געקויפט אַ רו־פּלאַץ נעבן אים...״

די ביאָגראַפן פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג באַשעפטיקן זיך מיט דער סיבה וואָס האָט געשטויסן דעם אַלטן רב, דעם פירער פון אַלע אַשכנזישע קהילות, זיך צו לאָזן אין דעם וואַנדער־וועג. טייל מיינען, אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים נעמען פאַר אַ „משכון״ כדי אויספּרעסן געלט ביי די יידישע קהילות. עס איז אויך פאַראַן אַ צווייטע ווערסיע. רבי מאירס אַ זון איז אַרעסטירט געוואָרן ווייל ער זאָל געוועזן זיין פאַרבונדן מיט עפּעס אַ פּאָליטישן פאַרברעכן קעגן דעם לאַנד־הערשער. מען האָט אים באַפרייט אויפן סמך פון זיין צוזאָג, אַז ער וועט באַצאָלן 1.500 מאַרק. גאַראַנטירט פאַר דעם האָט ווייזט אויס זיין פאָטער, רבי מאיר. דער זון איז דערווייל אַנטלאָפן און כדי אויסצומיידן די קאָנסעקווענצן פון דער חשד, אַז דער פאָטער האָט געוווסט פון דעם האָט משמעות דעם אַלטן רב געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ווי עס זאָל נישט זיין — דער מהר״ם פון ראָטענבערג איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער תפיסה פון ענזיסהיים אין עלזאַס.

דאָ הייבט זיך אָן אַ געראַנגל צווישן אים און די יידישע קהילות. די קהילות פאַרלאַנגען צו באַצאָלן פאַר אים אויסלייז־געלט. עס איז אַפילו פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ סומע, דאָס זאָל זיין צוואַנציק טויזנט מאַרק, וואָס מען האָט געוואָלט פאַרלייגן דעם קעניג רודאָלף. אָבער דער אַרעסטירטער רב האָט פאַרווערט, מיט דער דראָונג פון אַ חרם, אַז די יידן זאָלן נישט וואַגן צו געבן געלט פאַר אים. — היינט האָט מען מיך גענומען, האָט ער געטענהט, מאָרגן וועט מען אַ צווייטן נעמען, ווי־באַלד די שונאים וועלן זען אַז יידן קויפן אויס די אַרעסטירטע.

ער איז געבליבן אין תפיסה זיבן יאָר, ביזן יאָר 1293 ווען ער איז געשטאָרבן. אויך נאָך זיין טויט האָט מען זיין קערפּער נישט אַרויסגעגעבן. פון איין זייט האָט מען פאַרלאַנגט אויסלייז־געלט און פון דער צווייטער זייט האָבן די יידן נישט געוווסט, צי דער הרב, וואָס רבי מאיר האָט אַרויסגעגעבן איז געוועזן חל נאָר פאַר דער צייט פון זיין לעבן, אָדער אויך גילטיק נאָך זיין טויט.

ערשט נאָך פערצן יאָר האָט זיך געפונען אַ געוויסער אַלעקסאַנדער זיסקינד בן שלמה ווימפען פון פראַנקפורט, וועלכער האָט אויסגעלייזט דעם טויטן קערפּער

פון מהר״ם פון ראָטענבורג, און אים געבראַכט צו קבורה אויפן אַלטן בית־עולם פון וואָרמס, פיר טעג אין אָדר ס״ז פון אלף הששי (1307).

דער נדבן האָט פאַר זיין טאַט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויך אים, נאָכן טויט, מקבר זיין ביים קבר פון דעם מהר״ם, וואָס עס איז טאַקע געשען.

אין די יאָרן 1948—1951 איז מיר אָפט אויסגעקומען צו זיין אין וואָרמס. איך בין יעדעס מאָל געווען אויפן דאָרטיקן אַלטן בית־עולם, דעם עלטסטן וואָס איז אָפגעהיט געוואָרן אין דייטשלאַנד; צווישן אַנדערע רעליקוויע־מצבות זענען נאָך געשטאַנען גאַנץ די צוויי מצבות פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג און פון אלכסנדר זיסקינד ווימפען. אויף די דאָזיקע מצבות זענען געווען סימנים פון אויסגעבריענטע יזכור־ליכטלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ייִדן פון די נאָענטע די־פּי־לאַגערן (פריער פאַר אַלץ פון לאַמפּערטהיים) פלעגן קומען גאָר אָפט צו די דאָזיקע קברים.

**
*

די מצבות פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג (לינקס) און פון אלכסנדר בן שלמה רעכטס, (געשטאָרבן יום־כיפור 1308) אויפן וואָרמסער בית־עולם. אויבן, אויף די מצבות, ליגן קליינע שטיינדעלעך. עס איז אַן אַלטער מנהג, אַז די באַזוכער ביי אַ קבר לאָזן איבער אַ „סימן״, אַז זיי זענען דאָ געווען.

ווען מיר האָבן איבערגעגעבן די ביאָגראַפּיעס פון די פּריערדיקע גדולי־אַשכנז האָבן מיר דאָרטן אַריינגעפלאָכטן אַ רייי לעגענדאַגראַפּישע עלעמענטן; באַווייזן ווי דאָס פאָלק האָט אויס ליבע צו זייערע פירער, זיי אַרומגעוועבט מיט אַן אַ שיעור געשיכטעס און לעגענדעס. דאָס לעבן פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג פאַרלאַנגט נישט, אַז מען זאָל עס נאָך מער צופוצן; די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו מחדש זיין. זיין לעבן און טויט איז דורכגעפלאָכטן מיט מאַרטירערטום, דאָ איז געקומען צום אויסדרוק אפשר דער העכסטער שטאַפּל פון קידוש־השם; אַליין זיך געאָפּפערט און נישט דערלאָזן, אַז זיינע פריינד זאָלן אים אויסלייזן פון די תפיסה־צוואַנגען. נישט קיין קידוש־השם פון אַ מאָמענט, נאָר אַ לאַנגער נסיון, אַ נסיון פון יאָרן.

די דאָזיקע לעבנס־דראַמע פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג האָט געגעבן שטאָף פאַר יידישע שרייבערס און פּאָעטן פאַר װוּנדערלעכע שאַפונגען. דעם מהר״מס לעבן און טויט האָבן באַקומען אַ תיקון אין אונדזער היינטיקער, נייער, יידישער ליטעראַטור.

מיר ברענגען דאָ וויי־טער אַ פּאָר מוסטערן ווי אַזוי דאָס ווערט טאַקע אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער ליטעראַטור, אויפן ערשטן אָרט גיבן מיר דאָ אַ דערציילונג פון שלום אַש. נאָך דעם ווי מיר וויסן די ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג, באַמערקן מיר, אַז אין דער דאָזיקער דערציילונג איז דאָ, ווי עס הייסט אין דער ליטעראַטור, אַ היפּש ביסל „פיקציע". ראשית וועגן דעם אַרעסט־אָרט פון רבי מאיר. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אין די געבראַכטע פראַגמענטן, גאָרנישט גע־ענדערט 3).

דערציילט שלום אַש:

איבער דעם געדרייטן, געשלענגלטן וועג, וואָס פירט בערגלעך־אַרויף און טאָלן־אַראָפּ, לענגויס מיט דעם טייכל טאַובער, שלייכט זיך אַ ייד, איינער אַליין, אַ הויכער און אַ שיינער, מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און אַ גרויסן, קלוגן געזיכט, אַן אויסגעשעטערנטס.

דאָס פּעקל אָנגעבונדן אויף דער פּלייצע און דעם שטעקן אין דער האַנט, גייט ער איינזאַם איבער דעם איינזאַם פאַרווילדעוועטן, מיט דערנער און גראָזן פאַרוואַק־סענעם וועג; איז צופרידן, ווען קיינער באַווייזט זיך נישט אויפן וועג. דענסטמאָל איז ער מיט גאָט אַליין, קלערט ער וועגן אַ האַרבער שאלה, וואָס האָט אים אָנגע־פרעגט דורך אַ שליח מיוחד אַ רב פון וואָרמס, פון מאַינץ אָדער פון אַן אַנדער דייטשישער שטאָט; אָדער גאָר פון די ווייטע, ווייטע מקומות פון מדינת פּוילן,

3) שלום אַש „דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג", אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „בייע יידישע פאָלקס־שול", ווילנע 1930. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע, צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

זוו ייִדן האָבן געפונען לעצטנס אָפּרו, האָט מען אים אַ שאלה געפרעגט, און מע וואַרט דאָרט אויף אַ תשובה.

באַווייזט זיך אָבער ווער אויפן וועג: אַ רייטער קומט אָן צו רייטן, אָדער אַ לאַנדס־קנעכט, אָדער ווער אַנדערש, קערט דער רב אָפּ אָן אַ זייט, באַהאַלט זיך אויס אין אַ נאָענט וועלדל, אָדער אין אַ בוש, אָדער גאָר אין אַ גרוב, ביז דער פרעמדער איז דורכגעריטן. דאַן קריכט דער ייִד אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און גייט ווייטער פריילעך אויפן וועג, צוזינגענדיק זיך קאַפּיטלעך תהילים, אָדער לער־נענדיק אַ בלאַט גמרא, אָדער פאַרענטפערנדיק אַ האַרבע שאלה.

קיין ספרים באַדאַרף ער נישט. ספרים געפינט מען נישט אין יענער צייט. וואָס ער קען, האָט ער אויסגעלערנט פון אויסנווייניק, און ווייס, ווו איטלעכס אות און יעדעס וואָרט אויפן דף געפינט זיך.

**
*

פּלוצעם, ווי עס גייט אַזוי דער ייִד, פאַרקלערט טיף אין אַ האַרבן ענין, קומט אים אַנטקעגן צו רייטן אַ ריטער, באַקליידט אין שטאָל און אייזן פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ הויכן לאַנגן שפּיז אין האַנט.

פון הינטן רייטן אים נאָך זיינע קנעכט.

דער ייִד וויל אַראָפּ פון וועג, אַריין אין וועלדל, נאָר עס איז שוין צו שפּעט. דער רייטער האָט אים שוין באַמערקט פון דערווייטנס.

— האַלט, ייִד!

און באַלד כאַפּן אים אָן צוויי קנעכט ביי בײדע הענט און פירן אים פאַרן ריטער.

— וואוהין גייט אַ ייִד?

— דאָס גיי איך אין דעם הייליקן לאַנד. איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דער הייליקער שטאָט ירושלים, איידעלער ריטער! — ענטפערט אָפּ דער רב און־טערטעניק.

— די ייִדן פון בײערן־לאַנד זענען דאָס אייגנטום פון זיין גנאָדן, לודוויג דעם קיניג פון בײערן. ווי אַזוי האָסטו געוואַגט דעם קיניגס לאַנד צו פאַרלאָזן?

און דער רייטער באַפעלט, און די קנעכט בינדן אָן דעם ייִד ביים עק פון רייטערס פערד, און דער ריטער שלעפּט אים מיט זיך מיט אין דער באַפעסטיקטער פרייער שטאָט פון ראַטענבורג, אויף וועלכן וועג ער געפינט זיך, און גיט אים איבער צום בורג־הערצאָג פון ראַטענבורג.

באַלד ווערט דער ייִד געפירט אין איינעם פון די פיל טורמעס פון דער ראַטענ־בורגער מויער, וואָס איז אַרום דער שטאָט, ווערט איינגעשלאָסן אין „שטראָפ־טורם“ און וואַרט אויף זיין מישפּט.

**
*

עס ווערן די יידן פון ראַטענבורג געוואָר דורך דעם טורעם־וועכטער, אַז אין דער שטאָט־מויער געפינט זיך אַ ייד. ברענגען זיי כשר עסן, און גנבענען זיך אונ־טער דעם טורעם אונטער, און דורך אַ געהיימען שליח דערלאַנגען זיי אים דאָס עסן.

דער פרעמדער ייד שיקט זיי אַ קוויטל אַרויס, אַז זיי זאָלן זיין ווייב מיט די קינדער אָנזאָגן, אַז דער מהר״ם איז אויפן וועג קיין ירושלים פון אַ ריטער געפאַנגען געוואָרן און געפינט זיך אין טורעם.

ווי די יידן פון ראַטענבורג האָבן דערהערט, ווער עס איז דער געפאַנגענער ייד אין טורעם, אַזוי האָבן זיי שליחים איבער דער וועלט געשיקט קיין וואָרמס, קיין מאַינץ, קיין שפייער און אַנדערע קהילות פון מדינת אַשכנז. און נאָך ווייטער איז דער געהער דורכגעגאַנגען — ביז די יידן פון איטאַליע און פראַנקרייך.

און צו די יידן פון מדינת פוילן איז אויך דערגאַנגען, אַז דער גרויסער רב, דער גרעסטער גאון פון זיין צייט, דער מהר״ם, איז געפאַנגען אין שטאָט־טורעם פון ראַטענבורג.

און יידן פאַרקויפן פערל און בריליאַנטן און טייערע שטיינער, און באָטן אָן אַ גרויסן אויסלייז־געלט דעם קיניג פאַר דעם טייערן געפאַנגענעם.

עס הערט דער קיניג, וועמען ער האָט אין זיין נעץ געפאַנגען, און יעדע סומע איז אים צו ווייניק, יעדער איידלשטיין, יעדעס געהאַמערטע שטיק גאָלד צו קליין, יעדע יוול צו ביליק פאַר דעם קאָפּ פון טייערן געפאַנגענעם.

— ברענגען זאָלן זיי אים פאַר דעם טייערן קאָפּ פון הייליקן רב יווועלן אַזוי פיל, — אויסצוהעפטן מיט זיי אַ קירכנקלייד; און פערל אַזעלכע זעלטענע, אויסצו־זעצן אין בלוט־קרייץ, וואָס געפינט זיך אין „יאַקאָבס קירכע" אין ראַטענבורג; און גאָלד אַזוי פיל, אויפצובויען אַ „דאָם" אין זיין הויפּטשטאָט.

און פלייסיק זאַמלען די יידן פון איטאַליע, פון לאָטאַרינגען, פון מדינת אַשכנז און מדינת פוילן שטיין און יוול, גאָלד און זילבער.

***

אָבער עס הערט דער געפאַנגענער רב פון דעם טייערן פרייז, וואָס דער קיניג האָט פאַר זיין גוף געשטעלט, און זיין האַרץ ווערט צעשניטן פאַר דעם יידנס אויס־געבלוטיקטן גראָשן.

יידן דאַרפן האָבן שטיין און יוול פאַר אַ שלעכטער צייט, ווען מע וועט באַ־דאַרפן דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט נעמען און פון שטאָט אַרויסגיין. און וואָס איז זיין זינדיקער גוף ווערט, אַז צוליב אים זאָל מען אַזוי פיל געלט אויסגעבן?

און אַ חרם לאָזט ער אויסרופן פון די שמאָלע קליינע פענצטערלעך פון דעם שטראָף־טורעם, אין דער ראַטענבורגער מויער:

— קיינער זאָל נישט וואַגן אים אויסצולייזן! דאָ אין מויער וויל ער זיצן זיין לעבן לאַנג. און קיין קיניג זאָל קירכן בויען פון יידישע פאַרמעגנס!

עס דערגייט צו דער יידישער וועלט, ווי ווייט און ברייט זי איז נאָר פאַר־שפּרייט, דאָס וואָרט פון הייליקן רבין.

און עס בלייבט איבער דער רב אַליין אין זיין איינזאַמקייט.

איינגעמויערט אין טורעם פון דער שטאָט־מויער פון ראָטענבורג, זיצט ער דאָרט ביים שמאָלן קליינעם פענצטערל און קוקן אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס שטייט קעגנאיבער דער שטאָט, אויף דעם טיפן טאָל, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט, און אויף דעם שטילן קוועלנדיקן טייכל, וואָס שלענגלט זיך אין דעם טאָל אַרום דער שטאָט — דעם טאַובער.

אין געהיים האָבן יידן אין טורעם אַריינגעשיקט זיין כשר עסן. אין געהיים האָבן זיי אים ספרים אַריינגעשיקט, אין וועלכע ער האָט געלערנט ביים ליכט פון די שטערן און לבנה, און פאַרמעט און פעדערן, זיינע ספרים צו שרייבן.

***

און די יידן פון דער גאַנצער וועלט, ווו זיי זענען נאָר פאַרשפּרייט, האָבן צו דעם געפאַנגענעם פון ראָטענבורגער טורעם געשיקט זייערע האַרבע שאלות, אַז ער זאָל זיי פסקענען, ער זאָל מישפטן.

און פון טורעם אַרויס האָט דער גרויסער רבי געמישפּט די יידן פון דער גאַנ־צער וועלט. ווו אַ רב, וואָס ער האָט געהאַט אַ האַרבע שאלה צו פרעגן, פון די ווייטסטע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון איטאַליע ביז פוילן, פון לאָטוויע ביז צו די ווייטע שטעט פון אוקראַינע, — האָבן אַלע געשיקט זייערע שאלות צו דעם געפאַנ־גענעם רב אין טורעם.

ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין טורעם.

ער איז געשטאָרבן אין טורעם. זיין קערפּער איז דאָרט געלעגן אויפבאַוואָרט אין זיין געפענגעניש־צעל פערצן יאָר נאָך זיין טויט. ביז עס האָט זיך געפונען אַ פראַנקפורטער ייד, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַ גרויסע מצווה פאַרדינען, און ער האָט פאַר זיין קערפּער געגעבן גרויסע אויסלייז־געלט, און האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל אויפן וואָרמסער בית־עולם, ווו זיין מצבה שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

***

די פּערזענלעכקייט פון דעם מהר"ם פון ראָטענבורג האָבן יידישע לערער און פּעדאַגאָגן גענומען פאַר אַ טעמע פאַר דערציִונג און אויפקלערונג פון יידישע אונ־טערוואַקסנדיקע דורות. האָט מאַקע יודל מאַרק וועגן דעם לעבן און טויט פון רבי מאיר בן ברוך, דעם געפאַנגענעם פון ראָטענבורג, אָנגעשריבן אַ דערציילונג. ער

פלעכט דאָרטן אַריין אַ ריי ביאָגראַפישע פּרטים, וואָס דערגאַנצן די פריִערדיקע דערציילונגען.

ווייטער גיבן מיר פראַגמענטן פון דער ווערסיע פון יודל מאַרקס מהר״ם־געשיכטע 4).

דאָס איז געווען מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק. איבער די ענגע גאַסן פון פּאַריז האָט מען געפירט אין וועגענער גרויסע ספרים. מען האָט זיי צונויפגענומען אין יידישע הייזער. דאָס זענען געווען גמרות, געשריבענע מיט דער האַנט. מען האָט די גמרות געבראַכט אויף אַ פרייען פּלאַץ אין מיטן שטאָט. דאָרטן האָט מען זיי פאַרברענט.

— „די גמרות באַליידיקן דעם קריסטלעכן גלויבן״, — אַזוי האָבן געשריִען די גלחים און האָבן געהעצט דאָס פאָלק.

אַ יונגער ייִד, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, איז געשטאַנען פונווייטן און האָט זיך צוגעקוקט, ווי מען וואַרפט די גמרות אין פייער אַריין. ער האָט געזען ווי קריסטן טאַנצן אַרום דעם גרויסן פייער, ווי אַמאָליקע געצנדינערס ביי אַ ווילדער צערעמאָניע. עס איז אים געווען ביטער אויפן האַרצן און ער האָט געטראַכט:

— און מיר מוזן דאָס לעבן צווישן זיי! און מיר זענען נאָך צופרידן, ווען זיי לאָזן אונדז לעבן אין זייערע שטעט. זיי טרייבן אונדז און שלאָגן אונדז, און זיי קענען נישט פאַרטראָגן וואָס מיר זענען געלערנטער ווי זיי. ווו געפינט מען אַן אָרט, ווו מען זאָל קענען רויִק לערנען?

דער יונגער ייִד איז געקומען פון וואָרמס. דאָרטן האָט ער שוין זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קענען. אָבער ער האָט געוואָלט וויסן מער. און ער האָט געוואַנדערט איבער פאַרשיידענע שטעט, ווו עס זענען געזעסן גרויסע יידישע געלערנטער, און האָט אַלץ מער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קענען און מיט זיין שאַרפן מוח. ער האָט אין ערגעץ נישט געקענט פאַרבלייבן לאַנג. עס זענען געווען זייער שווערע צייטן פאַר ייִדן. אומעטום האָט מען ייִדן געשלאָגן, פון אַ סך ערטער האָט מען זיי פאַרטריבן. און איצט, דאָ אין פּאַריז, ברענט מען יידישע ספרים.

און אַלע מאָל, ווען עס איז אים שווער, טראַכט ער: וואָס וואָלט דער פאָטער געזאָגט? און אים דאַכט זיך אַז ער הערט דעם פאָטערס רויִקע שטים:

— מאיר, מאיר, די תורה וועלן זיי סיי־ווי נישט פאַרברענען! וואָס מער זיי

---

4) יודל מאַרק ״היסטאָרישע געשטאַלטן״, אַרויסגעגעבן פון דעם אַלטער ראָזענטאַל־פאָנד פאַר יידישער קינדער־ליטעראַטור, ביי דער געזעלשאַפט „קולטור און הילף א״ב אַרטור זיגעלבוים״, בוענאָס איירעס, 1957. קאַפּיטל: ר׳ מאיר פון ראָטענבורג — דער געפאַנגענער פון טורעם, זייטן 41—49.

ברענען — אַלץ מער דאַרפסטו זען זי צו פאַרשפּרייטן. זיי פאַרברענען — און דו צינד אָן וואָס מער ליכט פון דער תורה!

און מאיר איז אַוועק פון פּאַריז און געקומען צוריק צו זיין פאָטער ר׳ ברוך.

אינגיכן איז ר׳ מאיר געוואָרן זייער אַ באַרימטער רב. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט ראָטענבורג, און איצט האָבן זיך אַהין געצויגן תלמידים פון אַלע שטעט אויףביידע ברעגן פון טייך ריין, ווו עס זענען געווען אַ סך ייִדן. דעם נאָמען ר׳ מאיר פון ראָטענבורג האָבן געוווסט ייִדן אין די ווייטסטע לענדער.

און פון אומעטום איז מען געקומען צו ר׳ מאירן מיט שווערע שאלות. רבי מאיר פון ראָטענבורג איז געוואָרן אַזוי ווי אַ רב איבער רבנים.

איין מאָל זענען מיט שאלות געקומען ייִדן פון דער ווייטער שטאָט באַגדאַד. זיי האָבן דערציילט אַז איצט קיניגט דאָרטן זייער אַ קלוגער כאַליף, וואָס איז גוט צו ייִדן. אַ ייִדישער דאָקטער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן, און איצט איז אָט דער דאָקטער געוואָרן זייער נאָענט צו אים און דער כאַליף טוט אַלץ, וואָס דער ייִדישער דאָקטער ווייזט אים אָן צו טאָן. זיי האָבן אים אויך דערציילט, אַז ייִדן אין באַגדאַד זענען רייך און אַז זיי וואָלטן געקענט אויסהאַלטן אין כבוד ר׳ מאירן און אַלע זיינע תלמידים. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל קומען צו זיי.

האָט ר׳ מאיר געענטפערט:

— איך וויל טאַקע פאַרלאָזן דאָס לאַנד ווו מען שלאָגט אונדז און מען טראַכט אויס שלעכטס אויף אונדז. אָבער נישט קיין באַגדאַד וויל איך פאָרן, נאָר אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. און אויב מען וועט דאַרפן קומען מיט שאלות, זאָל מען פאָרן קיין ירושלים.

די ייִדן פון באַגדאַד האָבן צוגעגעבן:

— אויב דער רבי וויל נישט פאָרן קיין באַגדאַד, איז טאַקע דאָס גלייכסטע אַז ער זאָל קומען קיין ירושלים. דאָרטן וועט ער זיין אַ סך נעענטער צו אונדז. און ייִדן פון מיזרח און ייִדן פון מערב וועלן פאָרן קיין ירושלים, ווען זיי וועלן האָבן אַ שווערע שאלה.

ייִדן האָבן דעמאָלט נישט געטאָרט אַרויספאָרן פון לאַנד אָן דער דערלויבעניש פון דעם דייטשישן קיניג. און דער קיניג האָט די ייִדן נישט געלאָזט אַרויספאָרן, ווייל יעדער ייִד האָט אים דאָך געצאָלט שטייערן. און אַוודאי האָט דער קיניג נישט געוואָלט אַז אַזאַ באַרימטער רב ווי ר׳ מאיר פון ראָטענבורג זאָל פאַרלאָזן זיין לאַנד. יעמאָלט וועלן נאָך אים נאָכפאָרן אַ סך אַנדערע ייִדן, און דער קיניג וועט אָנווערן אַ סך געלט.

ר׳ מאיר האָט עס גוט פאַרשטאַנען. האָט ער באַשלאָסן אין געהיים אַוועקצופאָרן. ער איז געקומען קיין איטאַליע, אין אַ פּאָרט, פון וואַנעט ער האָט געקאָנט מיט אַ שיף פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרטן האָט ער געוואַרט אויף זיין מישפּחה. זי

איז שוין אויך געקומען צו אים. ער האָט נאָך געדאַרפט וואַרטן אויף זיינע תלמידים. ביסלעכווייז האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע שטעט און זענען געקומען צום רבין, כדי צו פאָרן אינאיינעם מיט אים קיין ארץ־ישראל.

מען האָט דאָס אַלץ געדאַרפט מאַכן אין געהיים. אָבער ר׳ מאיר איז געווען זייער באַרימט. זענען אַ סך יידן געקומען פון פאַרשיידענע שטעט אין איטאַליע זיך געזעגענען מיטן גרויסן יידישן פירער. מען האָט געזען אַז עפּעס צו פיל יידן פאָרן אַהין און צוריק. האָט מען דאָס איבערגעגעבן דעם דייטשישן קיניג. האָט ער אָנגעשטעלט מענטשן, אַז זיי זאָלן דערגיין, וואָס קומט דאָ פאָר ביי יידן. און זיי זענען דערגאַנגען: ר׳ מאיר פון ראָטענבורג קלייבט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דער קיניג רודאָלף האָט גענומען זיינע געטריי דינערס און אינאיינעם מיט זיי איז ער געקומען אין דעם איטאַליענישן פאָרט. ער איז באַפאַלן ר׳ מאירן און זיינע תלמידים, ווען זיי האָבן שוין געדאַרפט זיך זעצן אויף אַ שיף. ער האָט גענומען געפאַנגען נאָר ר׳ מאירן. ער האָט געוווסט אַז אָן דעם רבין וועלן אויך די תלמידים נישט אַוועקפאָרן.

און דער קיניג האָט אַוועקגעפירט ר׳ מאירן אין אַ שלאָס אין עלזאַס.

יידן האָבן גיך זיך דערוווסט ווו עס געפינט זיך ר׳ מאיר. מען האָט אים געבראַכט כשר עסן. מען האָט אים געבראַכט ספרים צו לערנען, פּאַפּיר און טינט צום שרייבן. פאַרשטייט זיך אַז דערביי האָט מען געדאַרפט אונטערקויפן די וועכטערס.

אינגיכן האָט מען אים אָנגעהויבן צו שיקן אויך שאלות, אַזוי ווי פריער. אויב מען האָט נישט געקענט אַליין קומען צו אים מיט דער שווערער שאלה, האָט מען זי אָנגעשריבן און איבערגעגעבן זי דורך אַ וועכטער. אויף דעם זעלבן אופן האָט ר׳ מאיר געשיקט זיין ענטפער.

אָבער יידן האָבן נישט געקענט זיין רויק. דער גרויסער יידישער פירער איז אַ געפאַנגענער! האָט מען געמאַכט פאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי אים צו באַפרייען.

דער קיניג רודאָלף האָט געפירט אַ סך מילחמות און האָט געדאַרפט געלט. זענען צו אים געקומען יידן און האָבן געזאָגט:

— די קרוין פון אונדזער קאָפּ, דער גרויסער רב ר׳ מאיר, איז אַליין אין אַ ווייטן שלאָס, אויף אַ הויכן טורעם. מיר זענען אָפּגעריסן פון אים און ער פון אונדז. זאָל דער קיניג אים באַפרייען און מיר וועלן דערפאַר געבן אַ שיינע מתנה.

דער קיניג האָט פאַרלאַנגט 20.000 זילבערנע מאַרק. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע סומע געלט יענע צייטן. דער קיניג האָט געמיינט אַז די יידן וועלן זיך דינגען. ער איז געווען זייער פאַרוווּנדערט, ווען זיי האָבן גלייך צוגעשטימט.

מען האָט צוגעלאָזט אַז עטלעכע יידן זאָלן קומען צו ר׳ מאירן און אים אָנזאָגן אַזאַ פריילעך נייס: ער וועט באַלד ווערן פריי! יידן קויפן אים אויס! מע קלייבט שוין דאָס געלט וואָס מע דאַרף באַצאָלן דעם קיניג — און ווי נאָר מען וועט האָבן

דאָס גאַנצע געלט, וועט ער קענען פאַרלאָזן זיין איינזאַמען טורעם און קומען צוריק אַהיים, צו דער ווייב און קינדער, צו די תלמידים און פריינד.

ר' מאיר האָט זיך זייער דערפרייט מיט די געסט. ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין ייִדן, נישט גערעדט מיט ייִדן! ער האָט בלויז געקענט שיקן בריוו. ער האָט שוין לאַנג געחלומט אַרויסצוקומען פון דעם ענגן טורעם. ער האָט גע־וואָלט זיין מיט זיינע קינדער וואָס ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט, מיט זיין ווייב וואָס האָט נאָך אים געבענקט, מיט זיינע תלמידים וואָס ער איז געווען צוגעבונדן צו זיי ווי צו זיינע אייגענע קינדער.

אָבער ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט און נאָך דעם האָט ער געזאָגט:

— ניין, מיינע פריינד, איך קען נישט איינגיין אויף דעם פּלאַן. איך קען נישט דערלאָזן אַז איבער מיר זאָלן ייִדן אַוועקגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן, אַז ייִדישע פרויען זאָלן אויסטאָן זייער צירונג, אַז אַלטע לייט זאָלן אַוועקשענקען דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אויף דער עלטער. איך בין נישט ווערט קיין 20.000 זילבערנע מאַרק. דאָס איז ייִדיש האָב און גוטס, איך קען נישט קויפן מיט דעם מיין פרייהייט. איך וועל בעסער בלייבן אין טורעם.

די ייִדן האָבן גענומען טענהן מיט ר' מאירן. זיי האָבן אים געזאָגט אַז ער איז פאַר זיי טייערער ווי צען מאָל אַזוי פיל געלט וואָס עס בעט דער קייסער. זיי האָבן מיט אים גערעדט, ווי וויכטיק עס איז פאַר זיי אים צו האָבן שטענדיק ביי זיך, צווישן ייִדן. ר' מאיר איז געבליבן ביים זייניקן:

— ייִדן קומט אָן גענוג שווער צו פאַרדינען אַ גראָשן. מיט בלוטיקע ייִדישע גראָשנס וויל איך זיך נישט קויפן די פרייהייט!

און ווען די געסט זיינע האָבן ווייטער געטענהט, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— אויב איר וועט מיך אויסקויפן, וועט דער קייסער זיך מאַכן אַ נײַ געשעפט. ער וועט כאַפּן ייִדישע פירערס און זיי פאַרשפאַרן אין אַ טורעם, כדי ייִדן זאָלן קו־מען צו אים מיט אויסקויף־געלט. און אויב ער וועט עס נישט טאָן, וועלן עס טאָן אַנדערע קייסערן. מע טאָר דאָס נישט דערלאָזן. מע דאַרף זיי נישט ווייזן אַ נייעם מיטל ווי אַזוי אַרויסצוקריגן געלט פון ייִדן.

ווען די געסט האָבן געזען אַז זיי קענען נישט אויספירן ביי ר' מאירן, האָבן זיי אים געזאָגט:

— איר זענט איינער און מיר זענען אַלע קעגן אייך. מיר וועלן סיי־ווי אייך אויסקויפן, ווייל מיר דאַרפן אייך.

האָט ר' מאיר אויף דעם געענטפערט:

— איר האַלט מיך פאַר אייער רב, און ווי אייער רב פאַרווער איך עס אייך צו טאָן. איך לייג אַרויף אויף דעם אַ חרם, אַ פאַרבאָט וואָס איר טאָרט נישט איבערטרעטן.

און וועלכער ייד האָט דאָס געקענט זיך דערוועגן צו גיין קעגן דעם חרם פון ר׳ מאיר פון ראָטענבורג?

איז ר׳ מאיר דאָס גאַנצע לעבן געבליבן אין טורעם. ער האָט מער קיין מאָל נישט געזען זיין ווייב און זיינע קינדער, זיינע פריינד און זיינע תלמידים. ער איז געזעסן און האָט געשריבן תורה, דערקלערונגען צו שווערע שטעלן אין גמרא; ער האָט געענטפערט אויף שאלות וואָס מען האָט אים צוגעשיקט. אָבער ער איז שטענדיק געווען איינער אַליין.

די בריוו זענען געווען דער איינציקער פאַדעם וואָס האָט פאַרבונדן ר׳ מאירן מיט דער יידישער וועלט, מיט די וואָס לערנען גמרא, וואָס פרעגן שאלות, וואָס וואַרטן אויף עצות. די בריוו האָבן אָנגעזאָגט טרויעריקע און פריילעכע נייסן: די ווייב איז געשטאָרבן, אייניקלעך זענען געבוירן געוואָרן, די תלמידים זענען געוואָרן גרויסע רבנים, נייע צרות קומען אויף יידן. און ר׳ מאיר איז געווען איינער אַליין. די האָר אויפן קאָפּ זענען גרוי געוואָרן. עס איז אויך גרוי געוואָרן די לאַנגע באָרד. און די כוחות ווערן שוואַכער, די הענט ווערן גיכער פאַרמאַטערט בײַם שרייבן. אָבער מיט די לעצטע כוחות, ביזן לעצטן אָטעם לערנט ר׳ מאיר תורה, ענטפערט אויף שאלות, ווייזט אָן ווי אַזוי יידן דאַרפן זיך פירן — און ער שרייבט און שרייבט.

ווען מען האָט מער קיין בריוו נישט באַקומען פון דעם איינזאַמען טורעם, האָט מען געוווּסט: ר׳ מאיר לעבט נישט מער. ער איז אויסגעגאַנגען איינער אַליין, אָן פריינד, אָן אייגענע אַרום זיך.

דער קיניג רודאָלף האָט שוין מער נישט געלעבט, אָבער זיינע קינדער האָבן אויך געוווּסט אַז ר׳ מאיר איז זייער אַ טייערער געפאַנגענער. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען דעם קערפּער נישט אַרויסגעגעבן, נאָר מען האָט אים באַלזאַמירט און געהאַלטן: זאָלן יידן איצט באַצאָלן אויסקויף־געלט, אויב זיי ווילן אַז זייער גרויסער פירער זאָל קומען צו קבר ישראל, זאָל באַגראָבן ווערן צווישן יידן, לויטן יידישן דין.

אָבער עס איז דאָך געווען דער אַלטער חרם — מע טאָר נישט אויסקויפן! איז דער קערפּער געלעגן אין טורעם.

עס זענען אַוועק גאַנצע דרייצן יאָר. איז געקומען אַ ייד און געזאָגט:

— אויב איך פאַרזינדיק זיך, נעם איך אויף זיך די שטראָף. ווען ר׳ מאיר האָט אַרויסגעגעבן דעם חרם, בין איך נאָך נישט געווען געבוירן. ווי האָט ער געקענט האָבן מיך אין זינען דערביי? איך גיב אַוועק מיין פאַרמעגן כדי ר׳ מאיר פון ראָטענבורג זאָל קומען צו קבר ישראל. איך בעט נאָר, אַז ווען איך וועל שטאַרבן, זאָל מען מיך מקבר זיין לעבן זיין קבר.

דאָס איז געווען נוסח אשכנז

און מען האָט דעם קערפּער פון ר׳ מאירן געבראַכט פון דעם איינזאַמען טורעם און אים מקבר געווען אין וואָרמס, ווו ער איז געבוירן געוואָרן.

**
*

די געשיכטע ווי דער מהר״ם פון ראָטענבורג האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַז די ייִדן זאָלן נישט איינצאָלן פאַר אים קיין אויסלייז־געלט האָט באַאיינפלוסט דעם דיכטער אַברהם ליעסין אָנצושרייבן אַ פּאָעמע אונטערן נאָמען מהר״ם מרוטנבערג. מיר ברענגען דאָ טאַקע די דאָזיקע פּאָעמע, אין וועלכער עס זענען אַריינגעפלאָכטן אַ ריי היסטאָרישע פּרטים פון יענער צייט, געזען מיט דעם פּאָעטיש־וויזיאָנערישן אויג פון דיכטער. מיר ברענגען דאָ דאָס דאָזיקע ליד:

דער פעלדז פון ענזיסהיים־טורעם איז האַרט,
נאָך האַרטער איז אָבער דער ווילן
פון הייליקן גאון, וואָס שמאַכט דאָ פאַרשפאַרט,
האַלב טויט אין אַ קאַמף אין אַ שטילן.
דער קייסער דער דייטשער אַליין האָט דעם גרייז
אַהער צו געפאַנגען גענומען,
פאַרלאַנגט פון די קהילות אַן אויסלייזונג־פרייז,
און האָט פון זיי גאָרניט באַקומען.
דער צאָרן פון רודאָלף פון האַבסבורג איז גרויס,
דאָך שוואַך איז די פויסט אין דעם אייזן
צו ברעכן דעם גרייז, וואָס דערלאָזט נישט דורכויס
דעם צורר אַ בײַשפּיל צו ווייזן.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

אַ הייל, שווער געוועלבט, ווי אַ הענגענדער טויט,
און ווענט ווי אַ קבר, טויב־שטומע;
אַן אויסבעט פון שטרוי, אַ פאַרזשאַווערטע קייט,
און שאָטנס געדיכטע און קרומע;
אַ פינטל פון טאָגליכט פון ערגעץ אַ שפּאַלט
טוט ווו ניט ווו אומגערן פאַלן,
און טיפער אין חושך אַ ווייסע געשטאַלט,
באַלויכטן פון אינערע שטראַלן.
אָ, ער, וואָס איז לאַנג ווי אַ מלאך פון גאָט,

מרדכי וו. בערנשטיין

אין ערפורכט פארהייליקט געוואָרן —
ער ליגט אין געפענגעניש, צו שאַנד און צו שפּאָט,
ער ליגט אַזוי יאָרן און יאָרן!

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרוועדט ער.

ער ליגט און זיין גייסט טוט אַ שוועב־אויף פאַרביי
די ווערטער, די ווענט, און די קייטן;
ער לאָזט אין די הויכן פון תלמוד זיך פריי
די אָדלערשע פליגלען צעשפּרייטן.
ער קוקט אין געהויבענעם עלנט זיך אום,
ווי קליין איז דער צורר און נאַריש,
און צווישן דעם שמוץ און דער טומאה אַרום
פאַרפאַסט ער דעם תוספות צו טהרות;
און אייביק אין נאַכט פון דעם קבר פון שטיין,
פאַרפאַסט ער דעם תוספות פון יומא,
וווּ פאַרבנרייך בלאַנקען אַדורך אַזוי שיין
די זוניקסטע טעג פון דער אומה.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרוועדט ער.

און כאַפּט אים די בענקשאַפט נאָך ציון אַרום
די גלות־השכינה יסורים,
פאַרפאַסט ער די קינות, וווּ עס הערט זיך דער ברום
פון וויינענדן נאַכטוואַלד אין שטורעם.
עס יאָמערט דער אומעט אָן ענד
אין געטלעכע גלוטן־געזאַנגען;
עס שלאָגט זיך אָפּ אָן די שטיין־קאַלטע ווענט
יאָר־טויזנטער פלאַמען־פאַרלאַנגען.
ווי וואָלט ער דאָס לאַנד פון זיין בענקשאַפט געגלוסט
צו זען ווען אַמאָל מיט די אויגן!
ווי וואָלט ער די שטיינער די וויסטע געקושט,
אויף פליגלען אַהינצו געפלויגן.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרוועדט ער.

דאָס איז געווען נוסח אשכנז

און ס'גליט אין זכרון אים אַלץ יענעס בילד:
אַט גנבעט ער זיך אויף די וועגן,
אַט זעט ער דעם ים שוין — ווי הימל־בלאָ מילד —
דעם ים פון די הייליקע ברעגן!
דאַן קומט אויף זיין שפּור דער משומד צוגיין,
דאַן קומען די גרויסע יסורים,
די אייביקע נאַכט פון דעם קבר פון שטיין
פון פינצטערן ענזיסהיים־טורעם,
דער קאַמער־קנעכט קריגט עס פון פרעהן די שטראָף
פאַר וועלן פון קנעכט־הויז אַרויסגיין!
ער וויס, אַז די שטראָף וועט זיך ציִען אָן סוף,
ער וועט אין דעם חושך שוין אויסגיין.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

ער וויס, אַז ער וועט שוין זיין טרוימלאַנד ניט זען,
דאָס לויכטנדע לאַנד פון די אָבות;
עס צאַנקט שוין גאָטס ליכט, עס פאַרלעשט זיך גאָטס ברען,
עס וואַרט שוין דער מלאך־המוות.
ער פילט, אַז ער שטאַרבט, און ניט זען וועט ער מער
שוין קיינמאָל אַ ליב ייִדיש פּנים;
זיין גוססן בליק וועלן פייניקן שווער,
אַלץ זיי נאַר, אַלץ זיי, די תליינים!
און בלייבן דאָ וועט ער, און קיינמאָל שוין אויך
צו קבר־ישראל ניִשט קומען,
און עס וועט ניט אַפילו אַ שטראַל פון דער הויך
פאַרבלאַנדזשען צום קערפּער צום שטומען.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

***

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט נאָר אויף ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם מהר"ם פון ראָטענבורג. שוין זיין טאָט, זיך מקריב זיין פאַרן כלל; נישט געבן אַ געלעגנהייט די פיינט צו אָנווענדן ענלעכע שאַנטאַזש־מיטלען אַרויסצובאַקומען דאָס ייִדישע האָב־

און־גוטס, האָט אים אַוועקגעשטעלט אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון די פֿאָלקסהעלדן, האָט אַרייַנגעבראַכט אַ נייעם מאָטיוו אין דער שוין רייכער עפּאָפּעע פֿון דעם אַשכנזישן דרך פֿון קידוש־השם. אָבער נישט נאָר מיט זיין טויט, אויך מיט זיין לערע פֿון לעבן האָט ער פֿאַרפֿעסטיקט דעם אַשכנז־בנין. מיט אים איז דער דאָזיקער בנין געוואָרן גאַנץ. וואָלט מען דאָ געקענט נוצן אַן אַרכיטעקטאָנישן טערמין וואָלטן מיר געזאָגט, אַז ער האָט געדעקט דעם דאַך פֿון אַשכנז־בנין. עס איז געווען דער יסוד; עס זענען געווען די ווענט; דער מהר״ם פֿון ראָטענבורג האָט דעם בנין דערפֿירט צו גאַנצקייט.

אין נאָענטן קאַפּיטל וועלן מיר וועגן דעם זיך טאַקע אָפּשטעלן.

אַשכנז אויף דער גרענעץ־תקופה

גייען מיר איצט אַריבער, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט די ביאָגראַפישע פּרטים פון מהר"ם פון ראָטענבורג, צו זיינע אויפטוען.

ווען מיר האָבן דערציילט וועגן רבי יהודה החסיד, האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז געווען דורך און דורך אַ מיסטיקער. זיינע מוסר־רייד, זיינע עטישע אָנזאָגן, האָט ער איינגעוויקלט אין שלייערן פון סודות און אויסטערלישע מעשיות. מיר האָבן אויבן באַוויזן, אַז די דאָזיקע יענע־וועלט געשיכטעס, וואָס מיט זיי איז פול דער „ספר חסידים", איז געווען אַ פּראָדוקט פון יענער צייט און האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער מאַסן־שטימונג פון יענעם דור, וואָס איז צוליב די אויפטרייסלונגען געשטאַנען ביים תהום פון יאוש. יענער דור וואָס האָט מיט זיינע אויגן געזען די אַכזריותדיקע גרוילן און איז געשטאַנען פאַר די געפאַרן, אַז די נסיונות זאָלן זיך איבערחזרן, האָט משמעות נישט געהאַט קיין אַנדער אופן ווי מען זאָל קענען באַוויירקן זייער געמיט. מען האָט, ווייזט אויס, נישט געקענט קומען צו זיי מיט קאַלטע רייד, וואָס זאָלן אַפּעלירן צום שכל, צום מוח. „טרוקענע" הלכה האָט זיך דאַן נישט אַריינגעפּאַסט. דאַן, אין 12טן יאָרהונדערט, איז געווען אַנגעמאָסטן דער וועג פון יהודה החסיד — מען האָט געדאַרפט רעדן צו די געפילן.

רבי יהודה החסיד האָט אָבער נישט באַזייטיקט לחלוטין דעם שכלדיקן, דעם ראַציאָנעלן אופן פון פאַרשטיין דעם ייִדישקייט־באַנעם. אַדרבא, אין זעלביקן 12טן יאָרהונדערט האָט אַשכנז, ווי מיר האָבן עס פריִער געבראַכט, פאַרמאָגט אַ גאָר גרויסע צאָל אויטאָריטעטן אויפן געביט פון הלכה און ראַציאָנעלן ייִדישקייט־לימוד. פאַקטיש איז אמת, אַז ביידע שטראָמען: סיי דער געפילפולער מיסטיציזם פון דער מוסר־לערע, סיי דער שכלדיקער ראַציאָנאַליזם פון דעם תלמוד־לערנער, זענען שטענדיק געגאַנגען האַנט ביי האַנט. אין געוויסע מאָמענטן האָט איין שטראָם שטור־מישער געשוועמט און מיטגעריסן די ייִדישע שיף און אין אַ צווייטער צייט האָט

דער אַנדערער שטראָם איבערגענומען די איניציאַטיוו. ביידע, סיי דער מיסטיציזם, סיי דער ראַציאָנאַליזם פון יידישן דרך האָבן זיך איינע די צווייטע כסדר דער־גאַנצט. ווען מיר קוקן זיך צו צום געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן פאָלק, זעען מיר ווי די דאָזיקע ביידע עלעמענטן — דער „אינסטינקט" און דער „שכל" — באַגלייטן דאָס פאָלק נאָכאַנאַנד, באַווירקן אים, הגם פון באַזונדערע זייטן. אין גרונט גענומען פאַרמאָגט יעדער פון די דאָזיקע עלעמענטן אַ געוויסן חלק פון דעם צווייטן. יעדער „שכלדיקער" ענין מוז געקרעפטיקט ווערן מיט אַ ביסל „הארץ", און יעדער „אינסטינקטיווער געפיל" דאַרף פאַרמאָגן אַ געוויסע דאָזע „מוח".

אין 13טן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד שוין אַזאַ, אַז עס איז שוין נישט געוועזן געגנוג די מוסר־רייד פון אַ „ספר חסידים" און די דאָזיקע אויסטערלישע געשיכטעס. דאָס לעבן האָט זיך צו ביסלעך סטאַביליזירט. טאָקע שווערע צייטן, טאָקע שווערע שטייער־לאַסטן און הפקרותדיקע באַציִונג מצד די „באַשיצערס". אָבער עס עקסיסטירט אַ מלוכה־מאַכט, וואָס האָט פעסטגעשטעלט געזעצן און רעגולאַציעס פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און באַזונדער פאַר די יידישע עדהס.

יידישע קהילות געפינען זיך שוין אין צענדליקער שטעט פון דייטשלאַנד פון קאָנסטאַנץ אין דרום ביז אַאַכען אין צפון. עס זענען שוין פאַראַן יידישע קהילות אין העסען, ווירטענבערג, בייערן מיט פעסטגעשטעלט יידישע סטאַטוטן. אַשכּנזישע קהילות, ריכטיקער דער אַשכנז־צענטער, דאַרף שוין געבן אָנווייזונגען די שכנות־דיקע לענדער. אָט איז דאָ אַ ליסטע פון 25 קהילות און שטעט אין דייטשלאַנד פון יאָר 1241, וווּ עס ווערט אָנגעוויזן די אַלגעמיינע צאָל מלוכהשע שטייערן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און באַזונדער וויפל עס דאַרף צאָלן די יידישע באַפעל־קערונג 1).

יידן אין דייטשלאַנד זענען אַ יורידישער איינס, וואָס דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין די אַלגעמיינע מלוכהשע ראַמען. עס איז טאָקע די ריכטיקע „מלוכה אין דער מלוכה".

וועגן די יידן אין דייטשלאַנד, סיי זייער עקאָנאָמישע סטרוקטור, סיי וועגן זייער אָרגאַניזאַציע, פאַרמאָגן מיר אַ וווּנדערלעכע אַרבעט, וואָס איז מאַקע אויפ־געבויט געוואָרן אויפן סמך פון די שאלות ותשובות פון דעם מהר"ם פון ראָטענבורג 2).

---

1) **Jacob Schwalm,** „Neuer Archiv der Gesellschaft für ältere deutsche geschichte", Band 23, 1898.

2) **Dr. H. J. Zimmels,** Beiträge zur Geschichte der Juden in Deutschland im 13. Jahrhunder insbesondere auf Grund der Gutachten des R. Meir Rothenburg. Wien, 1926.

די שאַלות און תשובות פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג גרייכן אין די טויזנ־טער. עס זענען פון זיי דערשינען פיר זאַמלונגען 3). דאָס זענען זיינע ענטפערס אויף די אים געשטעלטע פראַגעס סיי פון די אַשכנז־קהילות, סיי פון מחוץ די גרענעצן.

חוץ די דאָזיקע פיר בענד שאַלות און תשובות געפינען זיך זיינע פסקים, זיינע באַשלוסן, אין אַ ריי חיבורים פון זיינע תלמידים, וואָס מיר האָבן זייערע נעמען און ווערק שוין פריער דערמאָנט און גאָר באַזונדער אין דעם תשב״ץ, וואָס מיינט **תשובות שמשון ב״ר צדוק.**

דער דאָזיקער שמשון ב״ר צדוק פלעגט זיך אַריינקריגן אין דעם ענזיסהיים־טורעם ווו דער מהר״ם פון ראָטענבורג איז געווען אַרעסטירט, און אין משך פון יאָרן אים אַריינברענגען און אַרויסטראָגן די שאַלות און די תשובות. אין „תשב״ץ" ווערן געבראַכט ביי 590 מנהגים און אָנווייזונגען, וואָס דער דאָזיקער תלמיד האָט אין נאָמען פון זיין אַרעסטירטן רבין פאַרצייכנט.

די דאָזיקע ליטעראַרישע ירושה האָט עס געדינט פאַר אַ מקור פאַרן ראַבינער ד״ר זיממעלס, וועלכער האָט אויף אַ מייסטערדיקן אופן רעסטאַווירט דאָס בילד פון דעם אַשכנז־קיבוץ אין 13טן יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט, וואָס איז דער גרענעץ־ און גורל־יאָרהונדערט פון אַשכנז, ווען דער דאָזיקער נוסח האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קיין מיזרח־אייראָפּע, ווו עס זענען שוין געווען יידישע יישובים.

וועלן מיר טאַקע פון דער דאָזיקער שטודיע אַרויסנעמען ראשי פרקים, וואָס וועלן באַווייזן דעם איינגעפונדעוועטן סדר, וואָס דער מהר״ם פון ראָטענבורג האָט געגעבן דעם נוסח, וואָס האָט אָנגעהויבן דאָמינירן און זיך אויסווירקן מחוץ דער גערמאַנישער ערד.

נאָך אַ ביאָגראַפישער סקיצע וועגן דעם מהר״ם קומט אַ קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון יידן אין דייטשלאַנד אין דאָזיקן יאָרהונדערט. מיר האָבן דאָ אַ בילד פון דעם רעכטלעכן מצב פון יידישן קיבוץ און זיין יורידישן סטאַטוס לגבי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. מיר זעען דאָ די אויסנאַם־לאַגע, די שטייערן־שרויף, די רדיפות און מיר דערוויסן זיך אויך וועגן די יידן אין די שכנותדיקע לענדער. די דאָזיקע אַלע ידיעות האָט דער מחבר גענומען פון די שאַלות ותשובות. קומט דאָ בולט אַרויס וועגן די באַציונגען, וואָס דער יידישער קיבוץ, ריכטיקער זיין

3) ערשטע זאַמלונג אין יאָר שי״ז — 1557 אין קרימונאַ; די צווייטע אין פראַג אין יאָר שס״ח — 1608; די דריטע אין לעמבערג אין יאָר תר״ך — 1860; די פערטע אין בערלין אין יאָר 1891.

גייסטיקער מנהיג רבי מאיר בן ברוך, האָט געהאַט־מיט ווייטערדיקע קיבוצים אין מיזרח. דאָס איז אונגאַרן און די סלאַווישע לענדער: פּוילן, בעמען און רוסלאַנד.

אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל פון דער דאָזיקער שטודיע באַשעפטיקט זיך מיט דעם אינערלעכן לעבן פון די ייִדן. דאָ דערזעען מיר דעם מאָדעל פון דער ייִדישער אַליין־פאַרוואַלטונג, פון דער אויטאָנאָמער קהילה־אָרגאַניזאַציע, וואָס די פריִער־דיקע אַשכנז־גדולים האָבן געפּרווט רעאַליזירן. מיר זעען דאָ די פאַרווירקלעכונג פון די פּראָיעקטן פון רבינו גרשום מאור הגולה און פון רבינו תם. לייענט מען די באַזונדערע פּאַראַגראַפן פון דער דאָזיקער אינערלעכער איינאָרדענונג, קאָן מען טראַכטן, אַז דאָס רעדט זיך וועגן דער סטרוקטור און דער טעטיקייט פון די קהילות אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס זייער אָפּקלאַנג לאָזט זיך הערן אין די איצטיקע פרווון פון אויפבויען אין די תפוצות קהילה־אָרגאַניזאַציעס.

מיר האָבן דאָ אַפילו די נאָמענקלאַטור פון דער קהילה־אָרגאַניזאַציע און אירע פירער, די טובי העיר, די פרנסים.

אָט זענען די רעסאָרטן, וואָס די אַשכנז־קהילה האָט געהאַט אין דעם דאָזיקן 13טן יאָרהונדערט:

א) שולן; ב) די באָד (אין די שאלות ותשובות הייסט עס מרחץ); ג) חתונה־הויז; ד) האַנטווערקער־הויז; ה) שפּיטאָל; ו) בית־עולם.

דערוויסן מיר זיך פון די שאלות ותשובות וועגן דעם בוי פון די שולן, וועגן זייער אינערלעכן אויסזען, און דער מהר״ם האָט אָנגעזאָגט, אַז אין יעדער שול און אויך אין יעדן פּריוואַטן הויז זאָל מען לאָזן אַ געוויסן פּלאַץ נישט פאַרקאַלכט, כדי מען זאָל נישט פאַרגעסן דעם חורבן. משמעות, אַז שוין האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן די גאָר־נאָענטע פינצטערע גזירה־צייטן. די שול איז געווען נישט נאָר אַ מקום־תפילה. פון די תשובות קומט אויס, אַז דאָס איז געווען דאָס פאָלקס־הויז פון יעדן יישוב. נישט נאָר האָט מען דאָרטן געדאַוונט; דאָ פלעגט זיך דאָס פאָלק צונויפקלייבן צו באַהאַנדלען אַ ריי ענינים פון דער קהילה־פירונג; דאָ פלעגט מען אין פאַל פון האַנדל־סיכסוכים אָפּגעבן שבועות; דאָס פלעגט מען אויסרופן דעם חרם; ביי די שולן האָבן אויך עקסיסטירט די חברות פון קעגנזייטיקער הילף פאַר אָרעמע לייט און נויטבאַדערפטיקע.

אין מרחץ איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ מיקווה, אָבער אַ גאָר באַזונדערן אָנ־זען האָט געהאַט די שוויצבאָד.

דאָס חתונה־הויז, וואָס הייסט אויך אין אַנדערע פאַלן טאַנץ־הויז, האָט געדינט פאַר קהלשע און פּריוואַטע שמחות. פון די שאלות ותשובות דערוויסן מיר זיך וועגן קהלשע ייִדישע טאַנץ־הייזער אין קעלן, אויגסבורג און פראַנקפורט ביים מאַין.

וועגן דעם האַנטווערקער־הויז, וואָס ווערט דערמאָנט ביים מהר״ם איז קיין גענויערער מאַטעריאַל נישטאָ.

עס קומט אויך אויס, אַז יעדע גרעסערע קהילה האָט געדאַרפט אַ שפּיטאָל. פון שפּיטאָל האָבן גענאָסן סיי אָרטיקע, סיי פרעמדע יידן, פון ערטער וווּ אַזאַ איז נישט געווען.

גאָר אינטערעסאַנט איז אַ תשובה, וואָס דער מהר״ם האָט געגעבן איינעם וואָס האָט אים אָנגעפרעגט: אַזוי ווי ער וויל געבן אַ נדבה פאַר אַ ווילטעטיקן צוועק וויל ער וויסן, אויף וואָס וויכטיקער אויסצוגעבן, צי אויף אַ שול, צי אויף אַ שפּיטאָל. האָט אים דער מהר״ם געענטפערט, אַז הילף פאַר קראַנקע איז קודם.

וואָס שייך די בית־עולמס האָט יעדע קהילה געהאַט אַ מקום קבורה. אין טייל ערטער האָט עס געהייסן „בית־הקברות״, אין אַנדערע — „חצר מת״. די קלע־נערע קהילות פלעגן זייערע טויטע ברענגען אין די גרעסערע. אָרעמע לייט פלעגן פאַר דער קרקע נישט צאָלן, עס פלעגט פאַר זיי צאָלן די הילף־חברה. בכלל פלעגן די יורשים דאַרפן אויסטראָגן די קבורה־קאָסטן.

גאָר ברייט צום צום אויסדרוק אין די שאַלות ותשובות די טעטיקייט פון די הילף־חברות און דער אופן פון שאַפן די פאָנדן פאַר זיי.

זייער אינטערעסאַנט איז די פּראָבלעם שטייערן פאַר דער קהילה. דערמאָנט עס גאָר אין אונדזערע היינטצייטיקע באַמיונגען פון יושרדיקן פונאַנדערטייל פון די שטייערן פאַר דער קהילה, אָדער ווי מען רופט עס איצט פּראָגרעסיווער שטייער־סיסטעם.

ביי די קהילות איז געווען אַ בית־דין וועגן ענינים פון דיני ממונות. אין די שאַלות ותשובות ווערן אָנגעגעבן אַ סך אָנווייזונגען און כללים פאַרן דאָזיקן בית־דין. ווילט איר, רופט עס מיטן היינטיקן נאָמען בוררות־געריכט אָדער אַרביטראַזש.

די שאַלות ותשובות שטעלן אונדז צו אַ בילד פון דער באַשעפטיקונג פון די יידן אין יענער צייט און געווען איז עס האַנדל, קרעדיט, מלאכה.

געהאַנדלט האָבן די יידן סיי אין אַנגראָ, געהאַט גרויסע הורט־געשעפטן, סיי אין קליין־האַנדל. די הורטאָווניקעס האָבן געהאַט צו טאָן מיט די יאַרידן אין קעלן, וואָרמס און מאַינץ. די סחורות זענען געווען: מאַרדער־פעלן, וואָל, הערינג, תבואה, וויין. די קליינהענדלער, אָדער הויזירער (רופט זיי פעדלער אָדער קווענטעניקעס) האָבן פאַרקויפט: קליידער מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, גאָלד־ און זילבער־כלים, פעלצן, לעבנסמיטל — בעיקר פוטער און קעז. דעם האַנדל האָבן די יידן געפירט סיי אין לאַנד, פון איין דייטשישע שטאָט צו דער צווייטער און אויך קיין אויסלאַנד.

אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל איז געווען דער קרעדיט־געשעפט, ריכטיקער, דאָס באָרגן געלט אויף פּראָצענט. דאָ האָבן די שאַלות ותשובות אַ גאָר רייכן מאַטעריאַל סיי וועגן דער הויך פון פּראָצענט, סיי וועגן דעם אופן פון משכנות, וועגן צאָלן אין ראַטעס, פּראָצענט ביי יידן און ביי קריסטן.

וועגן האַנטוועררקער זענען די ידיעות קאַרגע. דאָס מיינט נישט, אַז זיי זענען געווען אַ גאָר נישטיקער טייל. עס הייסט, אַז צווישן דעם דאָזיקן עלעמענט איז משמעות געווען ווינציקער סיכסוכים צוליב וועלכע מען וואָלט זיך געוואָנדן צום מהר״ם וועגן אויסגלייכן. יעדנפאַלס ווינציקער ווי אין מיסחר און פראָצענט־פראַגן. חוץ גאָלדשמידן זענען ייִדישע האַנטווערקער געווען אין „ייִדישע״ פאַכן, ווו מען האָט געדאַרפט אָפּהיטן ייִדישקייט, ווי למשל, ביי שניידער (צוליב שעטנז), אויסאַרבעטן פעל פאַר יריעות וכדומה.

די שאלות ותשובות שטעלן אויך צו אַ גאָר קלאָר בילד וועגן דער וואַליוטע וואָס איז דאַן געווען אין גאַנג; וועגן די מאָסן און וואָגן, וואָס מען האָט גענוצט. פון אַ ריי ענטפערס האָבן מיר אויך אַ פאָרשטעלונג וועגן דער ייִדישער קליידונג אין יענער צייט, סיי פון מענער און סיי פון פרויען. אויך וועגן די צירונג, וואָס ייִדן האָבן דאַן געטראָגן דערציילן אונדז די דאָזיקע מקורים. אַגב שוין דאַן כאַפּן זיך אַריין אין די שאלות ותשובות אַ ריי ייִדיש־דייטשע גלאָסן. עס איז די צייט ווען ייִדיש־דייטש הייבט אָן צו ווערן די באַנוץ־שפּראַך פון די ייִדישע מאַסן.

אַ גאָר באַזונדער אָרט פאַרנעמט דאַן ביי ייִדן דער ענין פון דערציִונג, פון חינוך־אינסטיטוציעס און זייער סדר. לייענענדיק די פאַרשידענע תשובות קאָן מען האָבן אַן איינדרוק, אַז דאָס רעדט זיך נישט וועגן דעם 13טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד, נאָר אַז דאָס מיינט גאָר דער מהר״ם די פאַרהעלטענישן און פירונגען פון אונדזערע היימישע מיזרח־אייראָפּעיִשע שטעטלעך. אָט הערן מיר, אַז אַ קינד, גלייך ווי דאָס קאָן שוין רעדן, ווערט געטראָגן אין חדר אַריין, איינגעוויקלט אין אַ טלית... מיר האָבן דאָרטן פּראָבלעמען פון מלמדים. אויך די פראַגע פון תביעות פון די מלמדים און כללים פון זייער לוין ווערט רעגולירט. ווידער קומט אויס, אַז דאָס קנעלן איז גאָר נישט געווען קיין וואַזשע פּרנסה, ווייל די מלמדים האָבן געהאַט אַ זייטיקע פּרנסה אָדער מלאכה. אַ גאָר וויכטיקע ראָל האָט אין דער צוגרייטונג פון געלערנטע געשפּילט די העכערע שול, די ישיבה. ביים מהר״ם פון ראָטענבורג גופא איז געווען אַ ישיבה, אין וועלכער עס זענען געווען, ווי עס געפינט זיך אין איין תשובה, 24 צימערן פאַר די תלמידים. עס ווערט אויך דערמאָנט אַ בית־הכנסת פאַר בחורים.

ראַבינער זיממעלס האָט אין די ראַמען פון זיין שטודיע געפּרווט אָנצייכענען די קאָנטורן פון דעם געבוי פון ייִדישן לעבן אין דייטשלאַנד אין 13טן יאָרהונדערט. אין יענעם יאָרהונדערט, וואָס איז אין אַ געוויסן פּרט געווען אַ „רויִקע״ אָטעם־פּויזע צווישן די גזירות פון די קרייצצוגן און די נייע פּורעניותן, וואָס עס האָט געבראַכט פאַר די דייטשע ייִדן דער 14טער יאָרהונדערט. דאָס בילד וואָס עס באַקומט זיך פון דער דאָזיקער שטודיע דערמאָנט גאָר שטאַרק דעם געבוי, דעם אויסערלעכן און אינערלעכן, פון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער תקופה. פּאַקטיש

האָט זיך טאַקע אין דעם מהר״ם פון ראָטענבורגס צייט אויסגעפאָרעמט דער מאָדעל פון דער צוקונפטיקער מיליע פון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער עדה.

אַזוי אַרום איז דער מהר״ם פון ראָטענבורג געוואָרן דער לעצטער פון די גדולי־אַשכנז, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דעם דאָזיקן נוסח דערפירן צו שלימות, צו פּערפעקציע. און געטאָן איז עס געוואָרן אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען דער נוסח האָט טאַקע אָנגעהויבן זיך צעשפּרייטן איבער אַנדערע תפוצות, ריכטיקער פון דאַנען, פון דעם געבוירן־אָרט, איז ער אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַנדערע תפוצות, דורך די, וואָס האָבן די דאָזיקע ערטער פאַרלאָזן. נוסח־אַשכנז ווערט, צוזאַמען מיט די געיאָגטע און געפּלאָגטע דייטשישע ייִדן, מיטגענומען פון דער גערמאַנישער ערד און איבערגעפלאַנצט אין די סלאַווישע מדינות.

צוזאַמען מיט די ראַציאָנאַלע, מיט די שטרענג־אָנגעצייכנטע מנהגים, דינים, אָנזאָגן, כללים פאַר דעם ייִדן, דעם „בירגער״ פון דער „מלוכה אין דער מלוכה״, האָט מען פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג זיך אויך גענומען אַ מוסר־השכל פון דער גרויסער מצווה פון קידוש השם. צווישן די טויזנטער ענטפערס, פּראַגעס, וואָס מען האָט צו אים צוגעשיקט פון אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, ווו ייִדן האָבן זיך געפונען, האָבן זיך אויך געפונען אָנפראַגעס וועגן דעם ענין פון קידוש השם און אָנווייזונגען, וואָס עס האָט פאַרצייכנט זיין תלמיד שמשון בן צדוק, דער תשב״ץ, וועלכער פלעגט זיך אַריינבאַקומען צו אים אין דעם ענזיסהיימער טורעם. אין „תשב״ץ״ איז דאָ אַ גאַנצע אָפּטיילונג דיני קידוש־השם. אין איינער פון די אָנווייזונגען האָבן מיר פאַר זיך אַן ענטפער, וואָס דערמאָנט גאָר שטאַרק די מיסטישע רייד פון דעם ״ספר חסידים״.

דערציילט תשב״ץ: דער מהר״ם פון ראָטענבורג זאָגט:

ווען דער מענטש איז גרייט אין זיין דעה מקדש השם צו זיין און איז זיך מוסר נפש אויף קידוש־השם — איז אַלץ וואָס מען טוט צו אים, סיי סקילה, סיי שריפה, סיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט, צי גיין אויף דער תליה — טוט אים גאָר נישט נישט וויי... און וויסן זאָלסטו, אַז אַזוי איז דאָס. ווייל ס׳איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט אויסשרייען פון ווייטאָג, ווען ער רירט זיך אָן מיטן מינדסטן פינגער אין פייער, און אַפילו ווען ער וויל זיך איינהאַלטן פון שרייען, איז ער נישט ביכולת דאָס צו טאָן. און דאָ זעען מיר אַ סך מענטשן, וואָס גיבן זיך אַליין איבער פאַרברענט צו ווערן און געהרגעט צו ווערן אויף קידוש־השם יתברך און וואָס שרייען נישט, נישט וויי און נישט ווינד.

דער דאָזיקער ענטפער, אַז דער יעניקער, וואָס איז גרייט זיך צו מקריב זיין אויף קידוש־השם פילט נישט די יסורים, איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „מהר״ם פון ראָטענבורג״ פון ה. לייוויק. אָט איז אַ פראַגמענט פון דעם שמועס צווישן דעם תשב״ץ און זיין רבין פון דער תפיסה:

תשב״ץ:

... און איצט, רבי לעבן, אַ שאלה,
וואָס קומט פון אַלע קהילות דארצנו,
אַ שאלה גאָר אַ שווערע, גאָר אַ האַרבע:
אַ ייִד, וואָס גייט אויף קידוש־השם —
וואָס דאַרף ער און וואָס מעג ער טאָן,
אַז טויט־יסורים זאָלן אים נישט ווי־טאָן,
לחלוטין טאַקע גאָר נישט ווי־טאָן,
כדי ער זאָל נישט שרייען בפרהסיא? —
און נאָך אַ שאלה קומט אַריין אין דעם —
אַז אפשר טאָר ער גאָר אַזוינס נישט וועלן,
אַפילו אויף אַ העלפט דערפון נישט וועלן,
ווייל אויב ער זאָל לחלוטין גאָר נישט ליידן,
צי ווערט, חלילה, גאָר די גאַנצע מיצווה
נישט בטל ומבוטל?...

מהר״ם (פייערלעך):

אוי, אוי, שמשון לעבן, ביסט גערעכט,
די שאלה איז ביז גאָר אַ האַרבע.
און ייִדן, ווייל זיי פרעגן אַזאַ שאלה,
פאַרדינען שוין מיט דעם אַליין אַ ברכה,
ווייל אין דער שאלה גופא ליגט די תשובה
פאַר אַלע אויסדערוויילטע אין ישראל,
פאַר אַלע, אַלע, שמשון לעבן,
ווייל וועלכער ייִד איז נישט קיין אויסדערוויילטער? —
און איצטער, שמשון לעבן, צא ולמד:
צי קען גאָר ווען נישט איז געמאָלט זיין,
אַז עמיצנס אַ קידוש־השם
זאָל נישט אַריין אין ספר פון גאָטס חשבון? —
די טבע פון יסורים איז, חביבי שמשון,
אַז אַלע מאָל און שטענדיק טוען זיי ווי.
יסורים, וואָס זיי טוען גאָר נישט ווי,
לחלוטין גאָר נישט ווי —
אַזוינע זענען אין ערגעץ נישט בנמצא.

דאָס איז געווען נוסח אשכנז

ווייל דאָס איז דאָך ידוע, שמשון לעבן,
אַז ווען מען שטעכט אַן אָדער מיט אַ שפּיז,
צי ווען מען ברענט אים אויף אַ פייער,
צי ווען מען נעמט מיט צוואַנגען צ:ען ,
די אָדערן פון אים — וויל שטאַרק דער אבר שרייען,
און שרייען הייבט ער אָן צו וועלן
נאָך איידער ס׳פייער רירט אים אָן.
פון דעם איז דאָך געדרונגען, שמשון,
אַז גאָר די מינדסטע שרעק אַפילו,
די מינדסטע דאַכטונג פון אַ קלענסטער פיין,
וואָס שונאים פון ישראל זענען גורם,
איז אָן שום ספק אַ מדרגה פון קידוש־השם.
און איך האָב אויף דעם בקבלה פון מיין פאָטער זכרונו לברכה,
אַז שרייען איז דער ערשטער טראָט צו קדושה,
און נאָך דעם, נאָכן ערשטן וויי־געשריי,
קאָן יעדער ייד, מיט כוח פון כוונה,
דערגיין צו דער מדרגה פון ניצחון,
און ווען ער ווערט אַרומגעכאַפּט מיט אַ פלאַם,
זאָל ער זיין ערשטן וויי־געשריי מבטל זיין
און — גלייך אַריבער יעדן ווייטאָג —
דער עיקר איז מכוון זיין דורך שמע
און דורך אחד מיט אַלע רמ״ח איברים.

ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט (זייט64) האָבן מיר שוין געבראַכט אַ צווייטן תשובה פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג וועגן אַן אַנדער שאלה, וואָס האָט אויך אַ שייכות צום פּראָבלעם פון קידוש־השם.

דער מהר״ם פון ראָטענבורג איז אויך געווען אַ פייטן. חוץ זיינע חידושים, פּירושים און הלכה־פּסקים האָט ער פאַרפאַסט אַ ריי עלעגיעס, קלאָג־לידער אויף די גזירות פון זיין צייט. איינע פון זיינע עלעגיעס איז גאָר באַקאַנט. דאָס איז די קינה „שאלי שרופה באש״ (— ז., פרעג, דו פאַרברענטע אין פייער). די דאָזיקע עלעגיע האָט ער פאַרפאַסט נאָך דער פאַרברענונג פון תלמוד אין פאַריז, אין יאָר 1244, ביי וואָס ער איז געווען אַן עד־ראיה.

ביז היינט צו טאָג איז די דאָזיקע קינה „אַקטועל״. זייער אָפט ווערט זי נישט דווקא תשעה־באב, ווו זי איז אַריינגענומען אין די קינות, דערמאָנט. נישט זעלטן הערט מען די דאָזיקע פּראָטעסט־ און תרעומות־קינה רעציטירן ביי אָנדענק־

צוזאַמענקונפטן, ווען מען דריקט אויס צער און צאַרן קעגן אַנדערע פאַרברעכנו־גען פון גייסטיקע אוצרות.

גאָר באַזונדער איז די דאָזיקע קינה איינגעבאַקן אין האַרצן פון די געפּיי־ניקטע, ווייל דער צער און צאַרן וועגן די

...פאַרברענטע אין פייער

ווערט פאַרענדיקט מיט דער טרייסט:

עס וועט דיך נאָך טרייסטן דער שעפער פון אויבן
די שבטים אויפקלייבן, געפאַלענע — דערהויבן,
דו וועסט זיך פאַרצירן, אין זיידנס באַקליידן,
אַ פויק וועסטו נעמען און טאַנצן אין פריידן.

דער טאַנץ אין פריידן, די האָפענונג אויף גוטע, אויף בעסערע צייטן, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע קיום־עלעמענטן פון ייִדישן פאָלק; די האָפענונג אויף אַ וועלט אַ בעסערע, אַ גערעכטערע, וואָס באַגלייט, אין די פאַרשידנסטע נוסחאות אונדזער וועלט־פאָלק האָט דאָ, ביי קדוש מהר״ם פון ראָטענבורג, באַ־קומען דעם שטאַרקסטע אויסדרוק, וואָס איז געבליבן אויף דורות.

אַלץ צוזאַמען האָט זיך אויפגעלייגט צו דעם, וואָס דער מהר״ם פון ראָטענבורג איז אין אונדזער געשיכטע אַריין ווי דער יעניקער, וואָס האָט דעם נוסח־אַשכנז, וואָס איז אויפגעקומען אויף דער גערמאַנישער ערד, איבערגעליפערט ווייטער — פאַר די קומענדיקע תקופות און צו ווייטערע תפוצות.

צום סוף וועלן מיר באַמערקן, אַז דעם מהר״מס דירעקטע פאַרבינדונג מיט מיזרח־אייראָפּע בכלל און פוילן בפרט געפינען מיר טאַקע אין זיינע שאלות ותשובות. אַ גאָר אינטערעסאַנטע שטודיע איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וווּ עס ווערן ציטירט די יעניקע שטעלן וואָס האָבן אַ שייכות מיט פּוילישע ענינים אין די דאָזיקע שאלות (4).

---

4) ט. לעוויצקי און א. קופּפער — „העברעישע מקורים צו דער געשיכטע פון די סלאַווישע און אַנדערע פעלקער אין מיטל־ און מיזרח־אייראָפּע (10—12 יאָרהונדערט)״, אין בלעטער פאַר געשיכטע, באַנד 8, נומער 3—4, יולי־דעצעמבער 1955, וואַרשע, זייט 3—33.

רויט פון בלוט איז די שטאָט...

...פינצטער און ביטער איז מיר,
באַרימטע ראָטענבורג, דו קרבן,
פאַרשטערט איז יעדע פרייד
און פריילעכקייט איז אָפּגעשטאָרבן!
(פון משה בן אליעזר הכהנס קלאָג־ליד)

וועלן מיר זיך איצט אָפּשטעלן אויף אַ ווייל אין אונדזער שפּאַציר איבער דער אַשכנז־לאַנד־קאַרטע און אירע תקופות. מיר וועלן זיך „אָפּרוען" אין איינער פון די פּונקטן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער יידישער לאַנדשאַפט, מאַקע אין דער שטאָט פון דעם נאָר וואָס באַהאַנדלטן רבי מאיר בן ברוך, דעם מהר"ם פון ראָטענבורג.

אויסגעקליבן האָבן מיר ראָטענבורג נישט סתם צופעליק, נאָר ווייל דאָ שפּיגלט זיך טאַקע אָפּ, ווי אין אַ טראָפּן וואַסער דער ים, די גאַנצע תקופה אַשכנז — איר אויפקום, וווקס און געראַנגלען; אירע באַרג־אַרויפן און ירידות; אירע פריידן און ליידן. דאָ, אין ראָטענבורג, געפינט מען נאָך עד־היום „לעבעדיקע" עדות פון די רומרייכע טעג פון דער יחוסדיקער קהילה; דאָ זענען אויך פאַראַן די שפּורן פון די בלוטיקע יסורים־פּיינען פון דער דאָרטיקער עדה — די צייכנס וואָס דערציילן אויף אייביקע אייביקייטן פון דער גייט גזירות, עינויים און גירושים.

דעריבער האָט די דאָזיקע שטאָט אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור, אין אַן אַ שיעור קלאָג־לידער, באַקומען דעם סימבאָלישן נאָמען: „עיר האדומה מדם" — די שטאָט וואָס איז רויט פון בלוט.

— עיר הדמים — די בלוט־שטאָט.

אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן, ווען מען האָט געלערנט און געלייענט וועגן די ווייטע — אין צייט און שטח — אַשכנז־שטעט, האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז אפשר זענען עס נאָר לעגענדאַרע מקומות, אַז אפשר זענען דאָס פאַנטאַסטישע

ערטער. ערשט ווען איך האָב ביי מיינע וואָגל־יאָרן דורכגעשניטן די גערמאַנישע מקומות אין דער ברייט און אין דער לענג; ווען איך האָב מיך געלאָזט זוכן אונדזערע נישט־דערב־רעגטע „שייטן" אין די תקופות־לאַבירינטן פון אַשכנז, האָבן זיך די דאָזיקע אַלע „פאַנטאַזיע"־שטעט אַנטפּלעקט פאַר מיר אין זייער רעאַלקייט. איך האָב זיי דערזען אין זייער נאַקעטער און ברוטאַלער רעאַלקייט. אַנטי־ידישט און אָן ראָ־מאַנטיש־לעגענדאַרע שלייערן זענען געשטאַנען פאַר מיר די בראשית־קהילות פון אונדזער אַשכנז־יחוס: שפּייער, וואָרמס, מאַינץ. אַזוי האָב איך אויך געטראָפן די שטאָט ראָטענבורג ביי דער טאַובער, דער לעצטער וווין־אָרט פון דעם געפאַנגע־נעם מהר״ם.

אין משך פון אַ פּאָר יאָר איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן דעם דאָזיקן מקום. עס זענען געווען געוויסע ענינים פאַרבונדן מיט אויפזוכן דעם רויב פון די אור־אייניקלעך פון די קרייצצוגלער, די האַקנקרייצלער, וואָס זייערע שפּורן האָבן זיך געצויגן צום דאָזיקן אַלטערטימלעכן און פון אַרכיטעקטאָנישן שטאַנדפּונקט וווּנ־דערלעכן שטעטל. ראָטענבורג האָט זיך געגרויסט, אַז יוליוס שטרייכער, דער גיפ־טיקסטער פון דער נאַצישער בלוט־האָרדע איז איר ערן־בירגער...

עס איז אַ באַרימט שטעטל אין בייערן. אַרומגערינגלט מיט אַ ווונדערלעכער לאַנדשאַפט, ממש גן־עדן־פּייזאַזשן און פול מיט אַלטערטימלעכע מערקווירדיקייטן. אַ מיטלאַלטערלעכע שוץ־מויער רינגלט אַרום די שטאָט און אין דאָזיקן מויער זענען איינמאָנטירט אַ ריי מיט טורעמס און טויערן, וואָס יעדער טורעם און טויער האָט זיינע נעמען און „לעגענדעס", וואָס די טוריסטן־פירער דערציילן אייך אויף אַלע לשונות, וואָס איר וועט זיי נאָר בעטן. היסטאָרישע פּלעצער און געמאַרקן; מוזייען און קירכעס און צווישן די דאָזיקע מערקווירדיקייטן וועט מען אייך אויך פירן צו דער שמאָלער יודענגאַסע און צום פּלאַץ וואָס הייסט יודענקירכהאָף (בית־עולם, היינט אַ מאַרק). מען וועט אייך אויך וויזן די „יודישע שטיינער" — מצבות, וואָס זענען איינגעמויערט אין אַ ריי ווענט. אויב איר וועט נישט זיין פאַרמאַטערט און וועלן אַרויפקריכן צו דעם הויכן שלאָס־טורעם, ווו עס געפינט זיך דער לאַפּידאַריום מיט היסטאָרישע, אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וועט איר דאָרטן טרעפן אַ פּאָר צענדליק יידישע מצבות, וואָס שטאַמען פון צווישן די יאָרן 1274 און 1399. דער טוריסטן־פירער, וועט אייך אויפקלערן, אַז דאָס האָט מען די דאָזיקע שטיינער געפונען ביי בוי־אַרבעטן אויפן געוועזענעם „יודענקירכהאָף" און וועלנדיק די באַזוכער מאַכן די זאַך נאָך מער „פּיקאַנט" און אינטערעסאַנט וועט אייך איינער פון די פּיפּיקע „פירערס" אַפילו דערציילן, אַז דאָס זענען שטיקער פון „סאָלאָמאָנס טעמפּל" (פון שלמה המלכס בית־המקדש), וואָס די יידן האָבן מיט זיך מיטגענומען אין זייער פאַרטרייבונג...

באמת זענען טאַקע די שטיינער געלעגן נישט אָפּגעלייענטע ביז עס האָט זיך

געטראָפן אַ ייִדישער ראַבינער, וואָס האָט די שטאָט־באַלעבאַטים אויפגעקלערט, אַז דאָס זענען נישט קיין בית־המקדש־שטיינער פון ירושלים, נאָר באַווייזן פון ייִדישער אַלטער איינגעזעסנקייט אין ראָטענבורג און עדות פון דער רשעות, וואָס עס איז די דאָזיקע ייִדן געשען.

ווייל איינער פון די דאָזיקע שטיינער, וואָס מען האָט געפונען איז טאַקע אַ זכרון־מצבה נאָך די שחיטות, וואָס עס איז אין ראָטענבורג, אין דער שטאָט וואָס איז רויט פון בלוט, פאָרגעקומען.

יאָ, מען וועט אייך אויך באַווייזן דעם פּלאַץ פון דער הייליקער מאַריע־קאַפּעללע, דער קלויסטער, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון דער אַלטער ייִדישער סינאַגאָגע, נאָך דעם ווי מען האָט די ייִדן אַרויסגעטריבן פון ראָטענבורג.



דער „קאַפּעללע פּלאַץ". אויף דעם אָרט איז געשטאַנען די אַלטע ייִדישע סינאַגאָגע, וואָס איז בעתן גירוש פון די ראָטענבערג־ייִדן אין יאָר 1520 איבערגעבויט געוואָרן אויף דער קירכע פון דער הייליקער מאַריע. אויף אונדזער בילד זעען מיר טאַקע די דאָזיקע קירכע, וואָס איז פריער געווען די סינאַגאָגע.

וויפל מאָל עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ראָטענבורג איז דאָס שטעטל שטענדיק געווען פול מיט געסט — דייטשן און פרעמדע, מחוץ דייטשלאַנד. איין מאָל איז דאָרט אויך געווען אַ גרופּע ייִדישע מיליטער־טשאַפּליינס (אַרמיי־ראַביינער) פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־אַרמיי) און איך בין געווען זייער „פירער" אין ראָטענבורג, געגעבן אויפקלערונגען פון אונדזער ראָטענבורג...

ראָטענבורג לעבט פון די טוריסטן און שטעלט זיי צו כל־המינים פאַרווײַלונ־גען, „פאָלקס־פעסטן", ווו מען „שפּילט" היסטאָרישע בילדער פון דער שטאָט־פאַרגאַנגענהייט: מען „פירט מילחמות" ביי דער שוץ־מויער, מען „נעמט איין" טורעמס...: „ריטערס" אין שטאָלענע פּאַנצערס מיט פּיקעס און העלמען איבער די אויגן טראָגן זיך אויף „געפּאַנצערטע" פערד און... מען טרינקט.

שיכרות איז דער פינאַל, דער העכסטער פּונקט פון די דאָזיקע „פאָלקס־פעסטן". גלייך ווי איר קומט אין שטאָט אַריין באַקומט איר אַ צעטל פון „ביר־שטובעס", וויינהייזער, גאַסטהויפן און טרינקקעלערן. און יעדער פון זיי האָט זיך אַ „יחוסדיקן" נאָמען, וואָס האָט אַ „היסטאָרישע" באַדייטונג — דאָ האָט געשיכורט דער גראַף; דאָרטן האָט געהוליעט יענער פירשט; דאָ איז איינגעשטאַנען יענער קיניג; דאָ האָט מען געכאַפּט ביי אַן עבירה די פּרינצעסן... גייען זיי די געסט פון איין אָרט צום צווייטן און באַוווּנדערן...

— פון די „גאָלדענע לייבן" צו די „גאָלדענע טרויבן"; פון „גרינעם בוים" צו די „אָקסן"; פון „ווייסן טורעם" צום „שטערן־גאָרטן". דורכגייענדיק די צענדליקער זויף־ערטער וועט מען אָבער דעם גאַסט אָנזאָגן: — פאַרגעס נישט צו פאַרענדיקן דיין מאַרשרוט אין דער ווייַנשטובע „מייסטערטרונק" אויף דעם קאַפּעללען־פּלאַץ, דאָס מיינט טאַקע אויפן פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די ייִדישע סינאַגאָגע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַריען־קאַפּעללע...

דאָ אין „מייסטערטרונק" קומט פאַר אַ גרויסער פאַרוועט, ווער וועט מער קענען אויסזויפן... פון אַן אַלטן בעכער, וואָס נעמט אַריין אין זיך עטלעכע ליטער וויין, דאַרף דער טרינק־העלד באַווייזן וויפל ער קאָן אויסזויפן...

***

פאַר די דייטשן איז ראָטענבורג נישט נאָר אַ שיין שטעטל, וואָס ליגט אין אַ פּראַכט־טאָל פון דעם טאַובער־טייכבעקן. עס איז נישט נאָר אַ פיינער טוריסטן־פּלאַץ, ווו היימישע בייערן און אַנגעפּאַרענע דייטשן פון גאָר ווייט הוליען און ווו אויסלענדער ליידיקן זיך אויס פון זייערע דאָלאַרן, פונטן און פראַנקן. עס איז פאַר די דייטשן אויך אַ יחוסדיקער היסטאָרישער מקום. די געשיכטע פון ראָטענבורג איז דורכגעפלאָכטן מיט גראַפן, פירשטן, קיניגן און קייסאָרים, אָנהייבנדיק פון 11טן יאָרהונדערט. אויף צענדליקער הייזער, וואָס שטייען אונטער „היסטאָרישן שוץ", געפינט מען אָנדענק־טאָװלען, וואָס דערציילן וועגן יחוס פון דער דאָזיקער געבײַדע. און גאָר באַזונדער וויזט מען די רעזידענץ פון דעם גראַף פון ראָטענ־בורג, וואָס איז אַלט 900 יאָר.

אָבער אויך אונדזער ייִדישער יחוס פון דער דאָזיקער שטאָט איז גאָר נישט קיין קלענער. דאָס דאָזיקע בייערישע שטעטל, וואָס ליגט צווישן די גרויסע יחוס־

דיקע דייטשישע קהילות: ווירצבורג, נירנבערג, רעגנסבורג, האָט איר בראשית פון 12טן יאָרהונדערט. עס זענען פאַראַן אָנדייטן, אַז שוין אין יאָר 1180 איז אין ראָטענבורג געווען אַ יידישער יישוב, ווייל אין דאָזיקן יאָר האָט מען שוין אין ווירצבורג געהאַט פאַרצייכנט אַ ייִדן, וואָס שטאַמט פון דאָזיקן שטעטל.

אין 13טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין דאָרטן אַ גאָר פיינע קהילה. אין יאָר 1241 געפינען מיר ראָטענבורג צווישן די 25 קהילות אין דייטשלאַנד, וואָס צאָלן מלוכה־שטייער. (מיר האָבן פריער די דאָזיקע ליסטע שוין דערמאָנט). אויף דער דאָזיקער רשימה פיגורירט ראָטענבורג צוזאַמען מיט די יחוס־קהילות וואָרמס, שפייער, קאָנסטאַנץ, אולם און אַנדערע. שוין דער פאַקט, וואָס דער מהר״ם האָט די דאָזיקע קהילה אויסגעוויילט פאַר זיין וווין־אָרט באַווייזט איר חשיבות אין דאָזיקן יאָרהונדערט.

מיר האָבן זייער ווייניק ידיעות וועגן דער גרייס פון דער קהילה און איר טעטיקייט ביז דער מהר״ם איז פון דאָרטן, בערך אין יאָר 1286, אַוועק, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן בעת ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

פון דער דאָזיקער צייט זענען אונדז געבליבן נעמען פון גאַסן און פלעצער און שטיינערנע „עדות״, וועגן וועלכע עס וועט אויסקומען אַ ביסל שפּעטער צו דערציילן.

דערפאַר איז גאָר רייך מיט דאָקומענטן די צייט נאָך דעם ווי דער מהר״ם איז שוין דאָרטן נישט געווען. עס זענען בסך־הכל אַוועק 13 יאָר און דאָס יאָר 1298, אַ גורל־יאָר פון דייטשישן ייִדנטום, איז אויך דער מייל־שטיין אין דער געשיכטע פון ראָטענבורג. עס איז דער אַכזריותדיקער מהומה־יאָר אין דייטשלאַנד, וואָס איז אין די גזירות־געשיכטעס אַריין מיט דעם נאָמען רינדפליש־גזירות. אַ גזירה, וואָס האָט געבראַכט דעם בלוטיקן שניט פון חורבן פון 146 ייִדישע קהילות אין דייטשלאַנד און דעם אומקום פון העכער הונדערט טויזנט ייִדישע נפשות. צווישן די חרובע קהילות פאַרנעמט ראָטענבורג דעם ערשטן אָרט און די צאָל פון די קרבנות איז דאָרטן געווען 450 מאַן.

עס דערציילן וועגן דעם אַ ריי כראָניקעס און אַ גרויסע צאָל קינות, קלאָגלידער.

די דאָזיקע גזירה האָט געשפּילט אַ באַזונדערע ראָלע אין דעם ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג פון די ייִדן אין דייטשלאַנד. די אַנטלאָפענע און אַנטרונענע פון דער דאָזיקער גזירה האָבן דעם נוסח־אַשכנז צעטראָגן איבער דער וועלט (סיי קיין מיזרח, סיי קיין מערב־דרום פון אייראָפּע). וועלן מיר דאָ ווייטער ברענגען די באַשרייבונג פון דער דאָזיקער גזירה, לויט דער רעלאַציע פון „ספר הדמעות״ 1).

1) שמעון בערנפעלד „ספר הדמעות״, צווייטער באַנד, בערלין תרפ״ד, זז׳ ל״ד—ל״ט.

אין יאָר ב"ח פון אלף הששי (1298) איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך. אין שטעטל רעטינגען, אין דער פראַנקן־מדינה (ביירן) האָט מען באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן געשענדעט דעם „קרבן". דער ענין „קרבן" איז איינער פון די מיסטעריעס פון דער קריסטלעכער אמונה. די קריסטלעכע מסורה גיט איבער, אַז אויף דער לעצטער סעודה וואָס יעזוס האָט געהאַט מיט זיינע תלמידים, די אַפּאָסטאָלן, האָט ער געהייליקט דעם ברויט און וויין און נעמענדיק דעם בעכער האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: — נעמט און טרינקט — דאָס איז מיין בלוט. נאָכדעם האָט ער אָפּגעבראָכן שטיקלעך ברויט און געגעבן ברעקלעך צו די תלמידים און געזאָגט: — נעמט עסט, דאָס איז מיין לייב. די דאָזיקע „סעודה" איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע צערעמאָניעס פון קריסטנטום. די דאָזיקע סעודה ווערט עס גערעכנט פאַרן „קרבן", אָדער די הייליקע „האָסטיע" 2).

זונטיק דעם זיבעטן אייר, פון דאָזיקן יאָר (20סטער אַפּריל 1298) איז פּאָרגעקומען די שחיטה אין רעטינגען און פון דאָרטן האָט עס זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פראַנקען, ביירן און עסטרייך. איינער פון די אַדעליקע רינדפליש האָט אויפגעהעצט דעם המון אויף די יידן, רופנדיק צו מאָרדן, צו פאַרניכטן אַלעמען, אַז עס זאָל פון די יידן נישט איבערבלייבן קיין איבערבלייב אין דייטשלאַנד.

אין רעטינגען איז אָפּגעווישט געוואָרן די גאַנצע קהילה. עס זענען אין די כראָניקעס און מעמאָר־ביכער פאַרצייכנט אַ ריי שטעט מיט די נעמען פון די קרבנות. אין די הזכרה־רשימות לייענען מיר וועגן דערהרגעטע און פאַרברענטע. אָפט מאָל ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז גאַנצע מישפּחות האָבן זיך אַליין געשאָכטן אָדער פאַרברענט.

גאָר שרעקלעך איז געווען די הריגה אין ראָטענבורג, וואָס האָט דערפאַר באַקומען דעם נאָמען „עיר אדומה מדם אדם" (די שטאָט וואָס איז רויט פון מענטשלעך בלוט), דאָס אָרט וווּ עס איז געווען רב רבי מאיר בן ברוך. דאָרטן האָבן די רוצחים דריי מאָל באַפאַלן די יידן און כסדר פון זיי אויסגעמאָרדעט גרעסערע צאָלן ביז זיי האָבן פאַרטיליקט די גאַנצע קהילה.

די ערשטע הריגה איז געווען דעם 14טן תמוז (25סטן יוני); דאָס צווייטע מאָל איז די הריגה פאָרגעקומען ערב תשעה־באב (18טער יולי) און די לעצטע הריגה, וואָס האָט געבראַכט צום פולשטענדיקן חורבן פון דער קהילה, איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 10טן, 11טן און 12טן אב (פון 20סטן ביזן 22סטן יולי). דאָס מאָל האָט די הריגה זיך געצויגן דריי טעג נאָכאַנאַנד.

---

2) וועגן די „האָסטיע־שענדונגען" — זע די קאַפּיטלען „מיטלעלטערלעכע געשפּענסטדענקמעלער" און די „בלוטסקאַפּעללע אין לאַודאַ" אין מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות", זז' 154 און ווייטער.

אין דער קינה פון רבי משה בן אלעזר הכהן „מה קול הצאן" (איז דאָס אַ קול פון שאָף?) וואָס מיר ברענגען ווייטער פראַגמענטן פון איר, זענען דאָ פּרטים פון דעם דאָזיקן שוידערלעכן בילד, וואָס ברויזט אויף די נשמה ביז איר טיפעניש... אין דער דאָזיקער ראַטענבורגער הריגה האָבן זיך די יידן פון דער קהילה אויפגעפירט ווי זייערע פאָרגייער, די קדושים פון די קרייצצוגן פון די קהילות ביים ריין. זיי האָבן פריִער אומגעבראַכט זייערע זין און טעכטער און נאָכדעם זיך אַליין מקריב געווען. עס איז פאַראַן די פולע רשימה פון די אומגעקומענע קדושים אין דער דאָזיקער שטאָט 3). עס ווערט דאָרטן איבערגעגעבן פּרטים, אַז די יידן האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין אַ טורעם פון שוץ-מויער פון דער שטאָט. זיי זענען געווען באַוואָפנט און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. בסך־הכל זענען געווען 450 אומגעבראַכטע נפשות פון ראָטענבורג.

אין איין קינה, וואָס איר מחבר איז אומבאַקאַנט און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אבכה לקשה יום ובמר נפש איליל" (איך וועל וויינען אויפן שווערן טאָג און מיט נשמה-ביטערקייט טו איך יאָמערן) 4), ווערט אויך געבראַכט אַ סטראָפע געווידמעט ראָטענבורג, ווו ער זאָגט:

... און אויף דער פון בלוט רויטער שטאָט,
אוי ווי, אויף דער דאָזיקער בלוטיקער שטאָט, טו איך שרייען און ברומען;
ווי אַזוי זענען די גיבורים דאָרטן געפאַלן
מיט די כלי־מלחמה אומגעקומען 5).

אין אַ צווייטער קינה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אספדה ואיליל" (איך טו יאָמערן און קלאָגן) 6), וואָס באַווייִנט דעם חורבן פון דער רינדפלייש־גזירה געפינען מיר וועגן ראָטענבורג די ווערטער:

---

3) אין דעם שוין פריִער ציטירטן: Das Martyrologium

4) אָפּגעדרוקט אין מחזור שאָלוניקי פון יאָר שט"ו (1555). די קינה איז געבויט לויטן סדר פון אַלף־בית; דער מחבר איז אומבאַקאַנט. געוואָרן איבערגעדרוקט אין דעם פריִער דערמאָנטן צווייטן באַנד פון „ספר הדמעות" און אין „ספר גזירות אשכנז וספרד".

5) אין אָריגינאַל:

... „ועל העיר האדומה מדם רשע שמה
הוי, הוי, עיר הדמים, אזעקה ואהימה:
איך נפלו גבורים ויאבדו כלי מלחמה.

6) מחבר פון דער קינה איז ר' תמר בן מנחם. פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי פובליקאַציעס און אויך אין די דערמאָנטע „ספר הדמעות" און „ספר גזירות אשכנז וספרד".

מרדכי וו. בערנשטיין

אויף דער קהילה פון ר אָ ט ע נ ב ו ר ג
די הייליקע, דער פּראַכט פון צירונג;
צוזאַמען מיט זיי האָט מען מער ווי הונדערט קהילות
פאַרברענט און געמאָרדעט מיט בייזקייט 7).

אַ ווייטערדיקע קינה איז פון רב אַברהם הלוי, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ציון, מכון שבתך נהרס ונהרב״ (ציון, דיין וווינונג איז צעשטערט און חרוב), וווּ מיר האָבן וועגן ראָטענבורג די ווייטערדיקע שורות:

... „מיינע אויגן טוען רינען טרערן
ווי פון אַ קוואַל און פון ים
אויף די דריי פעסטונגען די צעשטערטע:
ווירצבורג, ראָטענבורג און נירנבערג...״ 8).

אַן אַלגעמיינע קינה וועגן דער רינדפלייש־שחיטה, וואָס איז געפונען געוואָרן אין דער מלוכהשער ביבליאָטעק אין פּאַרמאַ, (איטאַליע), ווי אַ כתב־יד, ווערט באַזונדערס אויפגעציטערט גערעדט וועגן די שרופי ראָטענבורג 9).

אַ גענויע שילדערונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ראָטענבורג איז די דאָזיקע גרויליקע טעג ברענגט די קינה פון משה בן אליעזר „מה קול הצאן הזה, אשר באזנינו?״, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט און ציטירט.

מיר ברענגען דאָ ווייטער פראַגמענטן פון דער דאָזיקער אויפטרייסלענדיקער עלעגיע אין דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ.

---

7) אין אָריגינאַל:

... „על קהלת רוטנבורק הקדושה, צפירת תפארה:
שרפו ורצחו עמהם יותר ממאה ישובים בגערה״.

8) פאַרעפנטלעכט אין „ספר הדמעות״ און „ספר גזירות אַשכנז וספרד״.
אין אָריגינאַל:

... „עיני הלא נוזלים דמעה כמעין
וים, עלי שלוש מבצרי נהרס מעוניך —
המה בקובי השם וירצבורק רוטנבורק ונורנבורק״.

9) פאַרעפנטלעכט אין „ספר גזירות אַשכנז וספרד״.
אין אָריגינאַל:

... „על שרופי רוטנבורק לבי שוער ואיפה
קש לשון וחשש להבה ירפה:״

דאָס איז געווען נוסח אשכנז

איז דאָ אַ קול פון שאָף, וואָס דערגרייכט צו מיין אויער?
ניין, דאָס איז יעקבס קול און זיין יאָמער פון טרויער,
מיט אַ האַרץ, אַ צעוויטיקט און מיט ביטער געוויין
קלאָגן מיר אַ קינה, וואָס קען רירן אַ שטיין.

— —

אָן מישפט זענען אומגעקומען מיינע גוטע און פרומע לייט,
און פאַרשניטן אונדזערע עופהלעך און קינדער פאַר דער צייט.
ערד! ערד! דו זאָלסט נישט אונדזער בלוט פאַרדעקן,
קיין אָרט, וווּ ס'זאָל זיך אונדזער געשריי פאַרשטעקן!

— —

פאַרזאַמלט זיך, יעקבס קינדער, הערט מיר אויס, איך וועל קלאָגן
און שרייען ווינד־און־ווײ, צעבראָכן און צעשלאָגן,
און אָן אויפהער וועל איך טאָג ווי נאַכט נישט שווייגן,
אויף חורבן־ר אָ ט ע נ ב ו ר ג וועט מיין געשריי אַלץ שטייגן.

— —

דריי מאָל זענען די רוצחים אונדז באַפאַלן אין שטראָף,
און בלוט האָט אָנגערירט בלוט, אָן אָנהייב אָן סוף,
ביז צום טויט מיר פאַרבלוטיקט מיטן דריי־קן שווערד
און פון ברעג ביז צו ברעג האָט דער שווערד מיר געגעסן, פאַרצערט.

דער עווערד פון מיינע בייזע שכנים, מיר פאַרטיליקט ביז צום גרונט.
ווײ אויף מיין גרויסן בראָך און מיין געפערלעכער וווּנד!
דאָס וואַסער האָט מיך פאַרפלייצט, דער ים מיט זיין ברומען,
דעם פערצנטן תמוז האָט ער זיך צו מיר גענומען
און פיר־און־פופציק נפשות זענען צוערשט געהרגעט געוואָרן,
און דעם צוועלפטן אָב איז די גאַנצע עדה אומגעקומען

— —

פינצטער און ביטער איז מיר באַרימטע ר אָ ט ע נ ב ו ר ג דו קרבן,
פאַרשטערט איז יעדע פרייד און פריילעכקייט איז אָפּגעשטאָרבן!
איר מענטשן, קוקט זיך צו צום וווּנדער, גרויס און אומגעהייער —
מיינע קינדער גייען טאַנצענדיק און זינגענדיק צום פייער!
אויף קידוש־השם פאַרן בורא און זיין נאָמען צו גרויסן,
געוואָרפן זיך שנעל אין די כוואַליעס פון פייער, וואָס ברויזן,
מאַמעס האָבן די קינדער צו זיך צוגעבונדן אין ליידן,

מרדכי וו. בערנשטיין

זיי וועלן געשלעפּט, קומען אום, נישט פונאַנדערצושיידן,
די כלות פון מיין פאָלק, צייטיק פאַר דער חופּה, האָבן געזונגען,
אַליין געצונדן דעם פייער און אַהין אַריינגעשפּרונגען..."

דאָס האָבן מיר געוווּסט פון אונדזער ראָטענבורג, דער געהייליקטער אין בלוט און פייער; דער געלייטערטער אין וווּנדערלעכער גבורה און קדושה. און דאָ אין מיטן דערינען די הוליאַנקעס אויף די פּלעצער; די זעלביקע פּלעצער, ווו מען האָט געברענט די צייטיקע צו חופּה כלות; אַ „פעסט־שפּיל" אויפן זעלביקן טורעם, ווו די ייִדישע גיבורים פון 13טן יאָרהונדערט האָבן זיך קעגנגעשטעלט און פאַרטיידיקט זייער כבוד, דעם כבוד פון פאָלק.

נאָך מער טראַגיש־סימבאָליש איז די דאָזיקע רינדפלייש־שחיטה, וואָס אין איר איז צווישן די טויזנטער פירער פון די קהילות אויך אומגעקומען איינער פון זיינע גרויסע תלמידים, וואָס האָט זיין נוסח און זיין לערער איבערגעליפערט פאַר ווייטערע דורות.

מיר מיינען דאָ זיין תלמיד רבי מרדכי בן הלל, איינער פון די גרעסטע הלכה־אויטאָריטעטן דער מחבר פון „ספר המרדכי", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט.

אין דער הזכרה־רשימה פון די: „הרוגי ושרופי נורנברק" פון אָב נ"ח (1298) ווערן צווישן די דעמאָלט אומגעקומענע אין דער נירנבערגער קהילה 628 קדושים צווישן אַנדערע אויך דערמאָנט:

... „הרב ר' מרדכי הלל ואשתו מרת זילדא וה' בניו..." 10).

דאָס הייסט, אַז רב מרדכי זון פון הלל, זיין פרוי זעלדע און פינף זין זייערע זענען אין דער דאָזיקער רשימה אַריינגענומען. אין דער קינה „אבכה לקשה יום", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט ווערט איין סטראָפע אָפּגעגעבן פאַר אַ באַזונדערן וויי־געשריי נאָכן טויט פון דאָזיקן גדול.

אַגב, אַ געוויסע צייט פאַר זיין מאַרטירער־טויט איז ער געווען דער מחבר פון אַן עלעגיע נאָך דעם קידוש־השם פון דעם גר אַברהם, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין אויגסבורג אין חודש כסלו פון יאָר כ"ה (1265) 11).

---

10) אין: Das Martyrologium העברעישער טייל: ז' 33; דייטשע טעקסט: ז' 173.

11) אין פריער דערמאָנטן: Das Martyrologium אויף ז' 22 ווערט אין דער קדושים־רשימה דערמאָנט: ... „רב אַברהם בן אַברהם אָבינו (אַלע גרים האָבן אַזאַ סימבאָלישן נאָמען) מאויספורק שמאס אלהי העמים, וקצץ ראשי צלמים, ובטח בחיי עולמים, ונתייסר ביסורין קשין, ונשרף על יחוד השם..."

לזכרון דעם קדוש איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ תענית־ציבור דעם 22סטן כיסלו. די קינה פון רב מרדכי בן הלל האָט דעם נאָמען „מה רב טובך" און האָט אין די ערשטע אותיות פון די סטראָפעס זיין נאָמען מרדכי בר הלל. איז געדרוקט אין ערשטן באַנד „ספר הדמעות" און אין „ספר גזירות אַשכנז וספרד".

אַזוי זענען מיר שוין געבליבן ביים סוף פון 13טן יאָרהונדערט אין איינער פון די גרעסערע, פאַרן נוסח־אַשכנז, גאָר באַלערנדיקע קהילות. וועלן מיר איבער־שפרינגען אַ קאַרגע זיבן יאָרהונדערטער און ווייטער דורכשפּאַצירן איבער דער דאָזיקער קהילה.



די „יודענגאַססע”, דער שמאַלער אַריינגאַנג צום געוועזענעם מיטל־אַלטערלעכן יידישן ווינקוואַרטאַל, דער געטאָ, פון ראָטענבורג. עד היום געפינט זיך נאָך דאָס בלעטל Judengasse אויפן ראָג פון גאַס.

ווי אויף גליענדיקע קוילן

(דורך דער געשענדעטער ראַטענבורגער קהילה)

... ניטאָ אַ שטיקל ערד מיט מענטשן באַזעצט
וואָס איז נישט געווען מיט בלוט באַנעצט,
וואָס איטלעכער בוים, וואָס איטלעכער שטיין,
האָט דאָרט נישט געהערט מיין ביטער געוויין...
(מיכל גאָרדאָן)

שפאַצירן מיר איבער די אוראַלטע גאַסן און די געדרייטע געסלעך פון ראָטענבורג. מיר, מיינט עס חוץ איך אויך מיין חבר און פריינד הלל קעמפּינסקי, וועלכער איז דאַן געוועזן אין דייטשלאַנד און איצט אַ מיטאַרבעטער פון דעם קורסקי־אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק. מיר דאַרפן דורכפירן אַ ריי אויפגאַבן אין ראָטענ־בורג — אָבער הייסן הייסט עס, אַז מיר זענען שטאָט־באַזו־כערס, טוריסטן. כאַפּן מיר דערווייל אַ בליק אויף די שיריים פון דעם יידישן נעכטן פון דער דאָזיקער רויטער, פון מענטשן־בלוט, שטאָט. קיין טוריסטן־פירער דאַרפן מיר נישט, מיר האָבן אַלע נייטיקע ידיעות.

מיט אַלע איבערבלייבענישן בין איך שוין באַקאַנט פון מיינע פריערדיקע באַ־זוכן און בין דאָ טאַקע ווי „אין דער היים".

דאַרף מען גיין מיט אַ סדר: אין שטאָט־מוזעום; אין דער סאַנט־יאַקאָב־קירכע, ווו עס איז אַגב פאַראַן אַ גאָר כאַראַקטעריסטיש בילד פון 1466, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ישו הנוצרים „באַשנײַדונג"; מען קען נישט אויסמיידן און מען מוז אַריין אין דעם מיטלעלטערלעכן ראָטהויז־בנין און טאַקע אַרויפקלעטערן אויפן טורעם, פון וואַנען מען איז מחויב צו באַוווּנדערן דעם גאַנצן טאַובער־טאָל; דאַרף מען זיך אויך אָפּשטעלן ביי די כל־המינים „טויערן" פון דעם שטאָטישן שוץ־מויער: ביים „קלינגענטאָר", ביים „בורגטאָר", ביים „גאַלגענטאָר", ביים „רעדערטאָר" וכדומה ערטער, וואָס זענען אַרומגעוועבט מיט אויסטערלישע גערמאַנישע געשיכטעס.

מאַכן מיר בקיצור די דאָזיקע באַזוכן און די אַנדערע מערקווירדיקייטן און מיר לאָזן זיך אויפן אונדזער וועג, אין אונדזער ווינקל — דאָס הייסט, צו יענע פּלעצער, וווּ עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די בלוטיקע קידוש־השם־עפּאָפּעעס פון די ראָטענבורגער יידן און וואָס זייערע סימנים זענען פאַרבליבן ביז דעם היינטיקן טאָג. שפּורן וואָס דערציילן וועגן:

— די שחיטות פון דער רינדפליייש־גזירה פון 1288;

— די שחיטה פון 1349, ביי די גזירות פון „שוואַרצן טויט״;

— דעם לעצטן גירוש פון 1520, ווען מען האָט ראָטענבורג געמאַכט „יודנריין״ אויף עטלעכע הונדערט יאָר.

זענען מיר טאַקע ביי דער יודענגאַסע. נישט ווייט, אַ פּאָר מינוט פון דעם שטאָט־מויער געפינט זיך דאָס דאָזיקע שמאָל געסל, וואָס אויפן ראָג שטייט דאָס גאַסן־בלעטל אין דייטש־גאָטישע אותיות: Judengasse אַזוי הייסט זי שוין אַ זיבן הונדערט יאָר. אויך בעת דער נאַצי־הערשאַפט, ווען דער אַרצי־העצער פון



די צוויי העצפּלאַקאַטן קעגן יידן, מיט וועלכע דער ראָטענבערגער שטאָטראַט האָט „באַצירט״ זייער יחוסדיקע שטאָט בעת דער נאַצי־צייט. איינער פון זיי (רעכטס) איז געהאַנגען ביים „שפּיטאַלטאָר״; דער צווייטער (לינקס) ביים „גאַלגענטאָר״

דער ברוינער באַנדע, יוליוס שטרײַכער איז געווען ערנבירגער פון ראַטענבורג. האָט מען דעם נאָמען נישט געענדערט און דאָס בלעטל נישט אַראָפּגענומען.

פּאַרקערט, די דאָזיקע „יודענגאַסע" האָט צוגעגעבן אַ געוויסן „חן" דער ברוי־נער שטאָט־פאַרוואַלטונג. מען האָט אַהער געפירט די טוריסטן און זיי געוויזן — קוקט זיך צו, ווי אַזוי מיר האָבן די ייִדן „אויסגעשאָפט"... דאָן האָבן די ראָטענבור־גער שטאָט־טאַטעס צוגעגרייט פאַר די באַזוכער אַ ריי „באַצירונגען" — מיט העס־לעכע שאַנד־טאַוולען, וואָס זענען געווען באַפּוצט מיט פּינצטערע אַנטי־ייִדישע קאַריקאַטורן. די דאָזיקע „קונסט" איז געהאָנגען אויף אַ ריי היסטאָרישע פלעצער פון ראָטענבורג. היינט זענען די דאָזיקע עקספּאָנאַטן באַזייטיקט. עס איז נאָר געלונ־גען צו באַקומען קאָפּיעס פון די דאָזיקע שמירערייען.

שמאָל איז דער אַריינגאַנג אין געסל. אויב איר שטייט אין מיטן גאַס קענט איר מיט ביידע הענט דערגרייכן די ווענט פון ביידע זייטן געסל. פון דאַנען האָט געפירט דער אַריינגאַנג צום מיטלעלטערלעכן ייִדן־קוואַרטאַל. דאָס געסל און אַנ־דערע גאַסן, וואָס נעמען זיך פון דאַנען זענען ברוקירט מיט גרויסע, פּשוטע שטיין־קוואַדראַטן. אפשר זענען עס די זעלביקע שטיינער, וואָס אויף זיי זענען געפירט געוואָרן די קדושים פון יאָרהונדערטער; ווער ווייס, אפשר טרעפן זיך טאָקע אונ־דזערע פוסטריט מיט די בלוטשפּורן פון די יעניקע וואָס האָבן מיט געוועד אין האַנט זיך לאַנגע טעג געווערט אין דעם גזירה־יאָר פון 1298.

איינס איז זיכער, דורך דעם וועג זענען געטריבן געוואָרן די יעניקע וואָס זענען יאָרהונדערטער שפּעטער געקומען און צוריק אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין ראָטענבורג — דורך דאַנען זענען קיין טערעזיענשטאָט און קיין „אָסטן" געפירט געוואָרן די רעשטלעך פון דער קהילה נאָך 1933.

קליין זענען די פענצטער פון די הייזער אין דער יודענגאַסע און אַרומיקע געסלעך; קליין און מיט אייזערנע קראַטן באַשלאָגן; שמאָל און נידעריק זענען די טירן. אויף די שטיינערנע ביישטידלעך זענען נאָך פאַראַן סימנים פון די מזוזות, וואָס האָבן זיך דאָרטן אַמאָל געפונען. דאָ איז געווען דער געטאָ פון אַמאָל.

פון שמאָלן געסל קומען מיר אויף אַ ברייטן פּלאַץ. אַלע — יונג און אַלט — רופן דעם דאָזיקן פּלאַץ „יודענקירכהאָף", דער ייִדישער בית־עולם. אָבער היינט איז עס נישט קיין בית־עולם; נישטאָ קיין קברים, נישטאָ קיין מצבות, עס איז אַ מאַרקפּלאַץ, שטייען טישלעך, ביידלעך מיט פאַרשיידענע סחורות און עסנוואַרג. נאָך די אַלטע שטאָט־פּלענער איז דער פאָלקס־נאָמען נישט קיין טעות — דאָ איז טאָקע געווען מיט יאָרהונדערטער צוריק דער ייִדישער בית־עולם.

אין יאָר 1914, ווען די שטאָט האָט אויפן דאָזיקן אָרט דורכגעפירט אַ ריי אורבאַניסטישע בויאַרבעטן האָט מען דאָ אויסגעגראָבן דריי און דרייסיק מצבות און אַ סך מענטשלעכע ביינער. די ביינער האָט מען מקבר געווען אויפן נייעם ייִדישן

בית־עולם און די שטיינער זענען געווען אין פאַרשיידענע ערטער. צווישן די געפֿונענע מצבות איז אויך געווען איינע, וואָס וואָלט אויף אונדזער היינטיקן לשון אָנגערופֿן געוואָרן אַ יזכור־דענקמאָל, ווייל דאָס איז געווען אַ מצבה נישט נאָך אַ נפֿטר נאָר אַ יזכור־קינה אויף די קדושים פֿון 1298.

רעכטס פֿון דעם „יודענקירכהאָף" געפֿינט זיך אַ ריזיקע געביידע, אַ פֿינף־שטאָקיקער געמויערטער בנין פֿון רויטן ציגל, — ביים פֿאָלק הייסט עס די „שראַונע", דער שייער. דאָ איז טאַקע אַ מאַגאַזין פֿאַר פֿאַרשיידענע סחורות און מאַטעריאַלן אָבער ראשית־כל תבואה.

מיר זענען אַריין אין הויף פֿון דער „שראַונע". עס האָבן אונדז דערוואַרט צוויי סיורפּריזן.



דער אַריינגאַנג אין דער „שראַונע". רעכטס און לינקס יידישע מצבות פֿון מיטלאַלטער

איינס — בייביידע זייטן פֿון דעם אַריינגאַנג אין דער „שראַונע" געפֿינען זיך איינגעמויערטע יידישע מצבות פֿון פֿאַר 600 יאָר צוריק. ווי קומען זיי אַהער? ווער האָט זיי איינגעמויערט? צוליב וועלכן ציל? צוליב „באַפּוצונג" אָדער ווי סימבאָלישע דעמאָנסטראַציע? שמייען מיר פֿאַר דער רעטעניש ביז עס קומט אַ ווייטערדיקער „סיורפּריז".

צוויי — אויפֿן זעלביקן הויף געפֿינט זיך אַן עפֿנטלעכער בית־הכסא. ער איז

פאַר די אַרבעטער וואָס אַרבעטן אין דער „שראַונע“ און פאַר די מאַרק־מענטשן, וואָס קומען אַהער אין די טויזנטער. אין די ווענט פון דעם דאָזיקן בית־הכסא זע־נען איינגעמויערט צוויי מצבות. איינע פאַר דעם בחור יהודה, דער זון פון משה, וועלכער איז געשטאָרבן מאָנטיק, פיר טעג אין אָדר פון דעם יאָר ס״ה (1325) און די צווייטע פאַר דער פרוי בת שבע, די טאָכטער פון אַברהם, וועלכע איז געשטאָרבן דינסטיק, דריי טעג פון טבת פון יאָר פ״ו (1326).

אויסגערעכנט פונקט אין דעם דאָזיקן פלאַץ האָבן געדאַרפט איינגעמויערט ווערן די דאָזיקע רעליקוויע־איבערבלייבענישן פון העכער זעקס הונדערט יאָר צוריק...

פאַרשעמט און באַליידיקט זענען מיר געשטאַנען פאַר די דאָזיקע שטומע עדות פון יאָרהונדערט; אויפגעצאָרנטע האָבן מיר פאַרלאָזט דעם דאָזיקן פלאַץ, ווו עס איז טאָג־טעגלעך פאַרגעקומען אַ פערמאַנענטע פראָפאַנאַציע, אַ שענדונג פון דעם זכרון נאָך אַ מאַרטירער־קהילה.

עס האָט אונדז שוין דער ווייטערדיקער גאַנג געווען אַ גיהנום־וועג; עס האָט אונדז פשוט געברענט די טריט, ווי מיר וואָלטן געגאַנגען אויף צעגליטע קוילן.

מיר האָבן פאַרלאָזט דעם „געטאָ“ און ווידער זענען מיר אויפן קאָפּעללען־



דער עפנטלעכער בית־הכסא, וווּ עס זיינען געווען איינגעמויערט די מצבות פון פאַר 600 יאָר צוריק. רעכטס אויבן זעט מען נאָך אַ טייל פון אַ מצבה. לינקס — אַ דריטע מצבה אין וואַנט.

פּלאַץ. ער איז באַלעבט דער דאָזיקער פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די ייִדישע סי־נאַגאָגע, וואָס איז אין יאָר 1520 איבערגעמאַכט געוואָרן אויף דער קאַפּעללע פון דער הייליקער מאַריע... ווער ווייס, אפשר האָט עס אַזוי אויסגעזען אין יענעם יאָר די סצענע פון „דעראָבערן" און פאַגראָמירן דער יודען־סינאַגאָגע. אויך איצט איז דער פּלאַץ פול מיט אַ צעזונגענער, שיכורער כאַלאַסטרע. אמת, איצט זענען מיר, די פּאָר ייִדן, זיכערער — מיר שטייען איצט אונטער דער שוץ פון דער אַמעריקאַנער „באַזאַצונג־אַרמיי"...

דאָ אויפן מאַרק, אין אַן אַנטיקוואַרישער בוכהאַנדלונג קריגן מיר אַ היסטאָרישע פּובליקאַציע, דאָס ליד פון פאַרטרייבן די ייִדן און דעראָבערן די סינאַגאָגע. הייסן הייסט די דאָזיקע סינאַגאָגע „ליטעראַרישע" אויסגאַבע:

Ein hüpsch lied von der vertreybung der Juden zu Rotenburg an der Tawber und von irere Synagog. In Herzogs Ernsts Melodey.

עס ווערט אַפילו אָנגעגעבן, אַז מען דאַרף עס זינגען מיט דער הערצאָג־ערנסט מעלאָדיע. אין יאָר 15520 איז דאָס ליד געדרוקט געוואָרן. עס איז אַ טיפּיש פּאָגראָם־בלעטל, וואָס באַזינגט דעם ניצחון איבער די אומגלויביקע ייִדן און רופט אַלע פרומע צו קומען און באַוווּנדערן די מאַריע־קירכע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון דער געוועזענער יודען־סינאַגאָגע...

אָט זענען מיר ביי דעם „שוואַרצן אָדלער". עס איז אַ היסטאָרישער שיכרות־לאָקאַל. אויף דער אויסערלעכער וואַנט פון דער דאָזיקער קנייפּע איז איינגעמויערט אַ טאָפּלטע מצבה פון אַ ברודער משה און אַ שוועסטער רעכלען, וואָס זענען געשטאָרבן אין משך פון איין וואָך פון חודש אלול פון יאָר קל"ט (1379).

עפּעס אַ מאָדנער צופאַל מיטן דאָזיקן יאָר און חודש. אין לאַפּידאַריום האָבן מיר געפונען אַ צווייטע טאָפּלטע מצבה פון אַ ברודער אברהם בן יהודה און זיין שוועסטער שרה. דער ברודער איז געשטאָרבן דעם ערשטן אלול פון קל"ט און די שוועסטער דעם דריטן אלול פון זעלביקן יאָר).

**
*

מיר האָבן דעם וויטן אַמאָל געפּרוווט אַריינפלעכטן אין דעם נאָענטן נעכטן, צו דער געשיכטע פון דער נייער ייִדישער קהילה ערב דעם נאַצי־חורבן. מיר האָבן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין שטאָטישן אַרכיוו; באַזוכט אַ דייטש, אַ „שטודיענראַט", וועלכער דערציילט ניסים ונפלאות וועגן זיינע גוטע ברידער די ייִדן און די הילף וואָס ער האָט זיי געגעבן...

און אָט שטעלן מיר זיך אָפּ אויף די וויטערדיקע עטאַפּן פון דער ייִדישער געשיכטע פון ראָטענבורג. אין יאָר 1870, פונקט 350 יאָר נאָך דעם ווי די ייִדן

זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער דאָזיקער שטאָט. באַזעצן זיך ווידער ייִדן אין דעם דאָזיקן מקום. דאָס זענען צוויי ייִדן פון דעם שטעטל נידערשטיין — הײמאַן און שטראַוס. מיט פינף יאָר שפּעטער פאַרמאָגט שוין ראָטענבורג אַכט מישפּחות און עס ווערט געגרינדעט אַ קהילה.

Ein hüpsch lied von der vertreybung der Juden zů Roten- burg an der Thawber/vnnd von irer Synagog. In Hertzog Ernsts Melodey.

דאָס שער־בלאַט צום העץ־ליד צו פאַרטרייבן די ייִדן פון ראָטענבורג אין יאָר 1520

אין יאָר 1885, צום 10טן יאָרטאָג פון דער ניי־געשאַפענער קהילה, קויפן אָפּ די ייִדן אַ מויער, ווו זיי אָרדענען איין זייער געמיינדע־הויז און סינאַגאָגע. עס איז אַ היסטאָרישע, יחוסדיקע געביידע. אויפן הויף איז פאַראַן אַ טאָוול, וואָס דערציילט, אַז „אין יאָר 1474 האָט דאָ אין משך פון אַ וואָך צייט געווינט דער הערצאָג און שפּעטער אויך דער קייסער מאַקסימילאַן”... וואָס אַלץ די געשיכטע קאָן מאַכן!

אין יאָר 1925 האָט ראָטענבורג געפייערט אַ טאָפּלטן יובל — עס איז געוואָרן 50 יאָר זינט עס איז אויפסניי אײַפגעבויט געוואָרן די קהילה און לכבוד דעם לערער משה האָפמאַן, וועלכער האָט די דאָזיקע קהילה געהאָלפן שאַפן — 50 יאָר איז ער געשטאַנען אויף זיין הייליקן פּאָסטן.

מיש איך די פּראָטאָקאָלן און פּראָגראַם פון די דאָזיקע יובל־פייערונגען אין ראָטענבורג מיט 35 יאָר צוריק און פאַרצייכן דאַטעס און נעמען און עס לאָזן זיך מאַכן פאַרגלייכן...1).

די פייערונגען זענען פאָרגעקומען דעם 31סטן אָקטאָבער 1925. געקומען זע־נען גאָר אַ סך געהויבענע געסט, בראש מיטן דיסטריקט־ראַבינער ד״ר האַנאָווער פון ווירצבורג. גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דאָס קאַפּיטל תהילים, מיט וועלכן דער דאָזיקער ראַבינער האָט אָנגעהויבן זיין באַגריסונג־פּרעדיקט. עס איז דאָס קאַפּיטל קי״ח — די פּסוקים 17—21, ווו עס זאָגט זיך:

„...איך וויל נישט שטאַרבן נאָר לעבן,
און דערציילן די מעשים פון יה.
שטראָפן האָט ער מיך געשטראָפט יה,
אָבער צום טויט האָט ער מיך נישט געגעבן.
עפנט מיר די טויערן פון גערעכטיקייט,
איך וועל אַריינגיין אין זיי, איך וועל דאַנקען יה. 2).

דער דאָזיקער „לא אמות כי אחיה” — איך וועל נישט שטאַרבן נאָר לעבן, איז דאָך געוואָרן אַ לייט־מאָטיוו נאָך אַלע גזירות און שחיטות.

אין דעם זעלביקן אָונט, ווען עס איז אין דער סינאַגאָגע געוועזן די רעלי־גיעזע פייערלעכקייט, איז אויך פאָרגעקומען אַ וועלטלעכער יום־טוב לכבוד דעם

1) אין „Bayerische Israelitische gemeindezeitung” מינכען, נומער 10 פון 6טן נאָוועמבער 1925.

2) אין אָריגינאַל: לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה
יסר יסרני יה ולמות לא נתנני;
פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה יה.

דאָפּלטן יום־טוב. דערוויסן מיר זיך, אַז דאָרטן איז באַגריסט געוואָרן די גרייז־גרויע אלמנה היימאַן, די פרוי פון ערשטן ייִדן, וואָס האָט באַנייט די קהילה אין ראַטענבורג, נאָך דעם ווי זי איז נאָכן גירוש געוועזן 350 יאָר „ייִדנריין"; עס זענען איבערגעלייענט געוואָרן באַגריסונגען:

פון דעם קאַטוילישן שטאָט־פּירער אַלבערט;
פון דעם עוואַנגעלישן פּאַסטאָר פון סאַנט־יאַקוב־קירכע פּאַבריי;
פון דעם פּאָרשטייער פון די בייערישע ייִדישע קהילות ד"ר נוימייער.
פון זיין באַגריסונג איז כדאי אַרויסצונעמען אַ פּאָר זאַצן. ער זאָגט:

„...די געשיכטע פון די ייִדן אין ראַטענבורג איז אַ געטריי שפּיגל־בילד פון דער געשיכטע פון די דייטשישע ייִדן בכלל; פּונקט ווי אין ראַטענבורג, איז לאַנגע יאָרהונדערטער די ייִדישע געשיכטע פון דייטשלאַנד, אַ געשיכטע פון פּיין, אַזוי איז עס געווען אומעטום..."

דער דאָזיקער ד"ר נוימייער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט מיט יאָרן שפּעטער האַלטן זיין לעצטע רעדע אין דער מינכענער סינאַגאָגע, ווען די נאַציס האָבן שוין אונטערגעלייגט דינאַמיט זי אויפצורייסן.

דאָס איז דער זעלביקער ד"ר נוימייער, וועלכער איז אַנטלאָפן ווי אַ פּליט קיין אַרגענטינע און געקומען צו קבורה אויפן בית־עולם פון דער ייִדיש־דייטשישער קאָלאָניע „אביגדור", אין ענטרע ריאָס.3)

גייען מיר ווייטער, מישן שפּעטערדיקע געשיכטע־בלעטער פון ראַטענבורג און מיר זעען:

1933, אין גורל־יאָר פון די דייטשע ייִדן, האָט ראַטענבורג געהאַט 60 ייִדישע נפשות; אַ געבעטהויז; אַ בית־עולם; פּאַריינען, געזעלשאַפטן; אַ לערער.

זענען מיר אין 1950 געגאַנגען אויף די אַדרעסן; געקלאַפּט אין די טירן פון דעם פּאָרזיצער פון דער קהילה טעאָדאָר מאַן, אויף דער אַדאַם־הובער שטראַסע; געקומען צו דער טיר פון דעם צווייטן פּאָרזיצער, צו זיגמונד ליסבערגער, אויף דעם קאַפּעללענפּלאַץ; געזוכט דעם קאַסירער יוסף ווימפּענהיימער אויף דער אונטערערע שמידער גאַסע; זיך נאָכגעפרעגט אויפן לערער זיגמונד מאַרקס, אויף דער הערענגאַסע.

אומעטום האָט מען אויף אונדז געקוקט ווי אויף געקומענע פון יענער וועלט. אומעטום האָט מען אונדז געגעבן דעם זעלבן ענטפער: — יאָ, געוועזן דאָ אַזעלכע, אָבער לאַנג צוריק. דער „לאַנג" מיינט אין דער צייט פון דער נאַצישער „נאַכט

3) זע מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות", דאָס קאַפּיטל: „איך וויל נישט זען דעם דאָזיקן שאַנד־פלעק".

פון לאַנגן מעסער"... ווו זענען זיי? — מיר ווייסן נישט, זיי זענען אַוועק...
וואָלטן זיי געווען, וואָלטן זיי זיכער געפייערט דעם 75סטן יובל פון זייער באַנייטער קהילה... זענען זיי ערגעץ־ווו "אַוועק" — אויף די וועגן פון טערעזיענשטאַט און "אָסטען", פון וואַנען מען איז נישט געקומען צוריק.

מיר זענען אַוועק פון אונדזער שפּאַציר אין דעם ווייטן עבר און נאָענטן נעכטן פון דער קהילה פון ראַטענבורג, פון דער קהילה, וואָס איז געווען דער שפּיגל פון אַ סך מאַרטירער־קהילות.

שטייען מיר אויף דער ראַמפּע פון דעם הויכן טורעם פון שוץ־מויער פון דער שטאָט. עס איז דער לעצטער דרום־טורעם, ווו מיט העכער 600 יאָר צוריק האָבן ייִדישע גבורים מיט געווער אין האַנט געקעמפט קעגן אָנפאַלערס; געראַנגלט זיך און געפאַלן אין דעם אומגלייכן קאַמף.

אונטן, אין טאָל, אַרום דעם טאַובער־טייך, גייט נאָך אָן דער "פאָלקס־פעסט"; עס דערגרייכן צו אונדז קולות, עס איז דער געפילדער פון דעם שיכורן בייערישן המון; עס האַקט אין די אויערן דער ווירוואַר פון דער "פאָלקס־מוזיק". אין מוח ביי אונדז האָט אָבער דער טומל דערמאָנט אַן אַנדער גערודער, אַנדערע קלאַנגען

די 2 מצבות פון 1325 און 1326, וואָס זיינען געווען איינגעמויערט אין דער וואַנט פון בית־הכסא און געפינען זיך איצט שוין אין לאַפּידאַריום דער שטיין־מוזעום פון דער שטאָט.

זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים. מיר הערן גאָר דייטלעך די עלעגיע פון משה בן אליעזר הכהן:

... איז דאָס אַ קול פון שאָף,
וואָס דערגרייכט צו מיינע אויערן?
ניין, דאָס איז יעקבס קול
אין זיין יאָמער און טרויערן.

מיר פאַרלאָזן ראָטענבורג מיט דער שטימונג פון דעם דאָזיקן יאָמער־ליד. עס איז אַוועק אַ בריוו צו די געהעריקע אַמטן, ווו עס איז פאַרלאַנגט געוואָרן,

די טאָפּלטע מצבה אין דער וואַנט דער ווינשטובע „שוואַרצער אַדלער" פאַר דעם ברודער און שוועסטער משה און רעכלין, געשטאָרבענע אין איין וואָך פון אלול קל"ט (1379).

אַז מען זאָל סוף־כּל־סוף מאַכן אַן ענדע מיט דער פּערמאַנענטער פּראָפּאַגאַציע פון דעם מאַרטירערישן זכר פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

אין אַ בריוו פון 21סטן דעצעמבער 1950, האָט דער בירגערמייסטער פון ראָטענבורג געמאָלדן, אַז די מצבות זענען פון עפּנטלעכן בית־הכסא אַרויסגענומען געוואָרן; אַז זיי האָבן באַקומען, ווי ער שרייבט: אַ היסטאָרישן תיקון אין דעם שטאָטישן לאַפּידאַריום וואָס געפינט זיך שוין אין דעם אַלטן שלאָס.

אַ צווייטע טאָפּל־מצבה פאַר ברודער־שוועסטער אברהם און שרה, געשטאָרבענע אין דער זעלבער וואָך פון חודש אלול 1379. אין ראָטנבורגער לאַפּידאַריום.

אַשכנז צעשפּרייט איבער דער וועלט

קומען מיר צוריק צו יענעם אָרט און צו יענער צייט, ווען מיר האָבן איבערגעריסן אונדזער אשכנז־עקספּעדיציע; מיר זענען אין דעם 14טן יאָרהונדערט, צוריק ביי די טייכן פון ריין, מאַין און דונאַי.

דער מבול פון גזירות, שחיטות, בלבולים און לאָקאַלע גירושים יאָגט יחידים און גאַנצע גרופּן פון איין דייטשישער פּראָווינץ אין דער צווייטער און טרייבט זיי ווייטער אויסער דער גרעניץ פון דייטשלאַנד. די דייטשישע הערשערס האָבן טאַקע געוואָלט מיט כוח האַמעווען דעם עמיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון רבי מאיר בן ברוך פון ראָטענבורג. דאָס איז זיי נישט געלונגען — מאַסנווייז האָבן ייִדן פאַרלאָזט זייערע איינגעזעסענע ערטער אין דייטשלאַנד.

די גרויליקע פּיינען און אַכזריותן פון יאָר 1298, די רינדפליייש־גזירה, האָט וויסט געמאַכט, ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, ביז 140 קהילות, אָבער דאָס איז געווען ווי אַ קינדערשפּיל קעגן אַ צווייטן אַקט פון רציחה, וואָס איז פאַרלאָפן אין דייטשלאַנד אין מיטן פון 14טן יאָרהונדערט.

קיין דייטשלאַנד דערקייקלט זיך די שנאה־כוואַליע, וואָס איז אויפגעבלאָזן געוואָרן דורך דעם ווילדן בילבול, אַז ייִדן פאַרסמען די ברינעמער; אַז זיי זענען שולדיק אין דער מגיפה, וואָס האָט דאַן באַקומען דעם נאָמען „דער שוואַרצער טויט", און האָט אין איראָפּע צוגענומען אַ פּאָר צענדליק מיליאָן קרבנות. דאָ איז דער פּסיכאָז פון דער ייִדן־שנאה דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פינצטערע כוחות האָבן באַשולדיקט די ייִדן, אַז זיי האָבן פאַרפּעסטעט מיט גיפט די טייכן ריין און דונאַי מיט אַלע זייערע צופלוסן און אָפּפלוסן.

אומעטום זענען פאָרגעקומען אויפגעהעצטע היסטערישע מאַניפעסטאַציעס, באַגלייט מיט עקזאַלטאַציע פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אין דער שפּיץ פון דער פּראָ־צעסיע זענען געטראָגן געוואָרן הייליקע קירכע־בילדער און דער המון האָט גע־

רויבט יידיש האָב־און־גוטס און אין אַ גרויסער צאָל קהילות דורכגעפירט אַ מער־דערישע פאַרטיליקונג.

די רציחות זענען געווען אַזוי גרויס און גרויליק, אַז די פירער פון דער קאַטוילישער קירכע און די הויכע מלוכהשע וועלטלעכע הערשער האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אָפּלייקענונגען קעגן די אַנטי־יידישע בילבולים. אָבער עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן. די בעסטיע האָט באַקומען שליטה איבער דעם המון.

ווידער אַמאָל זענען די אַלטע יחוסדיקע אשכנז־קהילות געוואָרן דער העסלע־כער שויפּלאַץ פון ווילדע רציחות פון איין זייט און וווּנדערלעכע אַקטן פון קידוש־השם פון דער צווייטער זייט. דאָס מאָל האָבן מיר שוין אויך די דערשיינונג פון זעלבשוץ, פון שטעלן זיך מיט געווער קעגן די אָנפאַלער.

דער אָנהייב פון דעם נייעם רויב־און מאָרד־צוג אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע אין די דריי יחוס־קהילות פון שו״ם. אין יאַנואַר 1349 איז דורכגעפירט געוואָרן די פאַרטיליקונג פון דער קהילה אין שפּייער. אין וואָרמס האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו פאַרברענען אַלע יידן. די יידן האָבן אָבער אַליין אונטערגעצונדן זייער וווין־קוואַרטאַל און אומגעקומען אין די פלאַמען. געשען איז עס דעם ערשטן מערץ 1349. אין מאַינץ האָבן זיך די יידן קעגנגעשטעלט מיט געווער דעם צעיושעטן המון און טאַקע דערהרגעט ביז 200 מאַן. די כוחות פון די אויפגעהעצטע זענען אָבער געווען פילפאַך שטאַרקער און עס זענען אומ־געקומען זעקס טויזנט יידן (דעם 24סטן אויגוסט 1349). אין זעלביקן טאָג קומט אום די אוראַלטע קהילה פון קעלן. מיט בראַנד ווערן אָפּגעווישט די קהילות פון ערפורט, אָפּענהיים און פראַנקפורט ביים מאַין; די שחיטה־כוואַליע דערגייט קיין בייערן, וווּ עס זענען חרוב געוואָרן אַכציק קהילות; זי דערקייקילט קיין צפון־דייטשלאַנד. דאָ ווערט אין קעניגסבערג פאַרברענט די גאַנצע יידישע עדה; זי מיידט נישט אויס שלעזיע און עסטרייך.

צוזאַמען זענען דאַן אין דער דאָזיקער שגעון־צייט אומגעקומען העכער 300 קהילות. נישט אַלע זענען אומגעקומען דירעקט פון די רוצחים. גאָר גרויסע טיילן האָבן אויפגעלעבט די קידוש־השם־טראַדיציעס פון דער צייט פון די קרייצצוגן. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַלן פון די הענט פון די רויבער און מערדער, נאָר אַליין אומגעקומען, צוזאַמען מיט זייערע הויזגעזינדן.

דער יידישער קיבוץ פון אשכנז וואָס איז שוין ביז דאַן גענוג געלייטערט געוואָרן אין פּיינען און יסורים, איז ווידעראַמאָל געשטעלט געוואָרן פאַר גאָר שווערע נסיונות און נאָכאַמאָל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, די בלוט־ און פייער־פּרוּוון.

עס זענען דאַן אומגעקומען די קהילות צוזאַמען מיט זייערע גייסטיקע פירערס.

אין אַלטן הזכרת־נשמות פּנקס פון דער קהילה אין מעץ ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די פאַרוויסטעטע קהילות, דערביי זענען אויסגערעכנט די פירער פון די דאָזיקע קהילות.

„רשימה פון די שטעט און מדינות, וואָס זענען חרוב געוואָרן אין די יאָרן פון שוואַרצן טויט:

ש פ יי ע ר — און בראש הרב ר׳ אליקים;

וו י ר מ יי ז א (וואָרמס) — און אין דער שפּיץ פון די הרוגים הרב ר׳ שמואל בן אשר הלוי;

מ אַ ג ע נ צ אַ (מאַינץ) — און בראש הרב ר׳ מאיר בן אורי;

אָ פּ ע נ ה יי ם — און בראש הרב ר׳ יוסף ישראל;

ק אָ ב ל ע נ ץ און ק ו ל ו נ י אַ (קעלן) און צווישן זיי הרב ר׳ יוסף, הרב ר׳ שלמה, הרב ר׳ יואל און הרב ר׳ משה הכהן;

ר אָ ט ע נ ב ו ר ג, ו י ר צ ב ו ר ג נ י ר נ ב ע ר ג, ש ט ר אַ ס־ ב ו ר ג — און בראש הרב ר׳ יעקב;

ב אַ ז ע ל — און בראש הרב ר׳ שלמה;

ע ר פ ו ר ט — און בראש הרב ר׳ אלכסנדרי הכהן;

מ ו ל ה ו י ז ן — און בראש הרב ר׳ אליעזר;

נ ו ר ט ה ו י ז ן — און צווישן זיי הרב ר׳ יעקב בר מאיר און זיין זון הרב ר׳ מאיר. 1)

אין זיין „וועלטגעשיכטע פון ידישן פאָלק" פאַרענדיקט פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו דאָס קאַפּיטל וועגן „שוואַרצן טויט" מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן סוף־פּסוק, פון וועלכן מיר ברענגען דאָ ווייטער פראַגמענטן, וואָס האָבן אַ גאַר וויכטיקע שייכות צו אונדזער טעמע — אשכנז און ספרד. מיר לייענען דאָרטן:

...„די שרעקלעכע גזירה פון «שוואַרצן טויט» האָט פאַרדאָרבן די נשמה, געטויט דעם געוויסן פון די פעלקער. די פיזישע פּעסט האָט אומגעבראַכט מענטשן, די גייסטיקע פּעסט האָט אומגעבראַכט די מענטשלעכקייט. דאָס ידנטום איז געווען די איינציקע גרופּע, וואָס איז געווען פריי פון אָט דער גייסטיקער מגיפה און דער מיט איר פאַרבונדענער פאַרווילדונג. אַ טיפער תהום האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן יענע, וואָס האָבן מיט צייכן פון קרייץ געשאָכטן, געברענט, געטרונקען ידן און דערנאָך אויף זייערע טויטע קערפּערס געטיילט דעם אָנגעראַבעוועטן זאַקרויב פון די טויזנטער פאַרפייניקטע קדושים, וואָס זענען מיט פּסוקים תהילים אויף די ליפּן

---

1) פּנקס אזכרת הנשמות הישן לקהילה מיץ; געבראַכט ביי זאַלפעלדן אין „מאַרטיראָ־לאָגיום" און דערגאַנצט פון ר׳ אלקום כרמולי. ציטירט לויט „ספר הדמעות", באַנד 2, זייטן ק״ק״א.

געגאַנגען צום טויט, אָפט געבראַכט זיך פאַר אַ «קרבן עולה». הונדערטער ווייז זיך געוואָרפן אין פייער, איינגעהילט אין טליתים און תכריכים; מוטערס האָבן מיטגענומען מיט זיך זייערע קינדער אין דעם פייער פון די שייטערהויפנס, בכדי צו ראַטעווען זיי פון איבערגוואַלדיקן שמד. די צאָל פון די געשמדטע אַפילו נאָר לפנים וועגן, בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן, איז געווען אַ קליינע, און אין דעם איז געווען דער חילוק פון די דייטשישע יידן ביז די שפּאַנישע, וואָס האָבן אין יאָר 1391 נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון לפנימדיקן שמד...

...גרויס איז געווען די גייסטיקע קראַפט פון דער אומה, וואָס איז געווען בכוח איבערצולעבן אַזאַ מאָמענט, ווען עס האָבן זיך פאַראייניקט די סטיכיע מיט מענטשן וואָס זענען אויך אַזוי בייז און בלינד ווי זי, בכדי אָפּצומעקן די אומה פונעם פנים פון דער ערד. זי איז נישט אומגעקומען אויך אין די פלאַמען פון די נייע שייטערהויפנס, אַט די סאַלאַמאַנדרע צווישן די אומות, וואָס איר סימבאָל איז דער סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט". 2).

גאָר רייך איז די עלעגיע־ירושה פון דער דאָזיקער פינצטערער גזירה פון „שוואַרצן טויט"; די קלאָג־לידער זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די קינות און סליחות, וואָס ווערן עד־היום אין דער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער וועלט אָפּגעהיט.

פון דער יענער צייט איז אויך געבליבן דער אויסדרוק „שוואַרץ־שבת". פון אַ פאַרצייכענונג אין אַ מעמאָר־בוך קומט אויס, אַז אין אַ ריי קהילות איז די שחיטה פאָרגעקומען אין דעם שבת, וואָס איז צווישן שבעה־עשר בתמוז און תשעה־באב, טאַקע דער שבת פאַר תשעה־באב, וועלכער ווערט אָנגערופן, נאָך דער דאָזיקער פאַרצייכענונג, „שבת שחור" 3).

נאָך דער דאָזיקער בלוטיקער מהומה איז געקומען אין דייטשלאַנד צו אַ געוויסער באַרויִקונג; טייל קהילות זענען געקומען צו זיך; האָבן אַפילו געשמט מיט זייערע גדולים, גרויסע טיילן האָבן פאַרלאָזט דייטשלאַנד; צעטראָגן איבער דער וועלט דעם נוסח אַשכנז; צוזאַמען מיט די מאַסן פליטים איז אויך מיטגעגאַנגען אַ גרעסערע צאָל אָנגעזעענע מנהיגים.

דער פליטים־שטראָם איז געגאַנגען סיי קיין דרום־איטאַליע, סיי קיין מיזרח; בעמען און בעיקר פוילן. טרעפלעך זאָגט ד"ר שמעון בערנפעלד אין זיין אַריינפיר צום קאַפּיטל „המגפה השחורה" פון זיין „ספר הדמעות":

..."אין דער צייט פון דער שוואַרצער מגיפה איז די כנסת־ישראל פון דייטשלאַנד געשלאָגן געוואָרן מיט שווערע קלעפּ; אייביקע קלעפּ, וואָס פון זיי האָט זי זיך שוין מער נישט אויסגעהיילט. די קהילות האָבן זיך פאַרקלענערט און זענען

2) **שמעון דובנאָוו** — וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, **באַנד 5, ב. איירעס 1952, זייט 167**

3) **אין מעמאָר־בוך פון** דויטץ (**פאַרשטאָט פון קעלן); פאַרעפנטלעכט אין** Martyrologium

פאַראַרעמט געוואָרן. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטע עמיגראַציע אין די מדינות פון פוילן. די כנסת־ישראל האָט זיך אַרויסגעצויגן פון איר דירה פון דייטשלאַנד, וווּ זי איז געזעסן מער ווי 1.300 יאָר און האָט זיך באַזעצט אין פוילן..." 4).

הייבן טאַקע אָן די גדולי־אַשכנז צו שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע, אַפילו אויב זייער וואָגל־וועג האָט זיי געפירט אין ערטער, וווּ עס זענען שוין געזעסן ספרדישע קהילות.

פון די אַשכנז־פירער, וואָס זענען אַוועק אין די דאָזיקע מהומות איז טאַקע געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים פון דעם מהר"ם פון ראָטענבורג, רבי אשר בן יחיאל, וואָס איז באַקאַנט ווי דער רא"ש, לויט די ראשי־תיבות פון זיין נאָמען.

געווען איז עס נאָך די מהומות פון די רינדפליש־גזירה (1298). דער רא"ש האָט געפירט די קהילה אין קעלן. ער ווערט דאַן דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון די חרובע קהילות.

חוץ זיין גרויסער לומדות איז ער געווען פון גאָר גרויסן אַשכנזישן יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן אין אַ גלייכער משפּחה־ליניע, צו רבינו גרשום מאור־הגולה, דעם גרינדער פון אַשכנז.

נאָך דעם ווי עס איז שטיל געוואָרן נאָך דער רינדפליש־גזירה איז אונטער זיין אָנפירונג אין וואָרמס פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון די שארית־השחיטה־קהילות, וווּ עס זענען באַטראַכט געוואָרן די תקנות אויפצוריכטן דאָס ייִדישע לעבן אויפסניי, צווישן אַנדערע איז באַטראַכט געוואָרן וועגן די נחלות, דאָס פאַרמעגן פון די קדושים.

דער עקאָנאָמישער מצב איז געווען אַ שווערער. דער פּאָליטישער דרוק אַ גאָר שטרענגער און דער שטייערן־לאַסט אַן אומדערטרעגלעכער. דער רא"ש האָט מורא געהאַט, אַז די מאַכט זאָל אים, פונקט ווי עס איז געשען מיט זיין רבין, דעם מהר"ם פון ראָטענבורג, נעמען ווי אַ משכון פאַר די התחייבותן פון דעם פאַראַרעמטן און רויִנירטן ייִדישן קיבוץ. ער שיקט אַרויס זיין פערטן זון, רבי יהודה, קיין אויסלאַנד אויסצוגעפינען אַ מקום־מנוחה, אַ רויִק און שטיל אָרט זיך צו באַזעצן.

אין יאָר ס"ג (1303) אַנטלויפט ער צוזאַמען מיט זיין צאָלרייכער משפּחה פון דייטשלאַנד. ער קומט תחילת קיין סאַוואָיע, אָבער דאָ פילט ער זיך נישט זיכער, ווייל דער הערשער פון דער פּראָווינץ, דער הערצאָג, איז אַן אונטערטאַן פון דעם קייסער אין דייטשלאַנד און עס איז דאָ די געפאַר, אַז ער זאָל אויסגעליפערט ווערן קיין דייטשלאַנד. ער גייט אַוועק קיין פּראָוואַנס, אין דרום־פראַנקרייך, און פון

---

4) שמעון ברנפלד — „ספר הדמעות", בערלין תרפ"ד — 1924, באַנד 2, זייט צ"ז.

דאָרטן קומט ער אָן קיין שפּאַניע. ער קומט ראשית קיין באַרצעלאָנאַ, ווו עס האָט זיך געפונען די דעמאָלטיקע גייסטיקע אויטאָריטעט פון ספרדישן יידנטום דער רשב״א (רבי שלמה בן אדרת), מיט וועמען ער איז נאָך געשטאַנען אין פאַרבינדונג פון דייטשלאַנד.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון רשב״א און דער ווענדונג פון די פירער פון דער יידישער קהילה פון טאָלעדאָ, די הויפּטשטאָט פון קאַסטיליע, ווערט דער ראָ״ש רב הכולל אין טאָלעדאָ, ווו ער פירט אויך אָן מיט אַ גרויסער ישיבה.

דער אַשכנזישער וואָגלער ווערט דער וואָרטזאָגער און פירער פון ספרדישן יידנטום. זיכער קומען פאָר וויכוחים. עס שאַפן זיך צדדים וואָס ברענגען אַפילו צו חרמים, אָבער ער איז די אויטאָריטעט. אין דער רבנישער ליטעראַטור איז זיין ווערק „פּסקי הרא״ש״ פון די באַזישע מקורות פאַר הלכה. דאָס ווערק ווערט שפּעטער, ביים דרוקן דעם תלמוד, אַריינגענומען צווישן די באַגלייט־מפרשים פון דעם תלמוד בבלי.

דער ראָ״ש און זיינע זין (געהאַט האָט ער צען זין) האָבן טאַקע אין דער ספרדי־שער ספערע זייער פיל אויפגעטאָן אַריינצופירן אַ ריי אַשכנזישע פירונגען און דרכים פון לערנען. אַרויסגעשטופּט אין אַ געוויסער מאָס די אָנגענומענע ביי די ספרדים פריערדיקע מקורים.

באַזונדער באַרימט איז געוואָרן דעם ראָ״שס זון רבי יעקב בן אשר, וואָס איז באַקאַנט ווי דער „בעל הטורים״, דער מחבר פון די פיר „טורים״ 5). דער דאָזיקער הלכה־קאָדעקס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער רבנישער וועלט און איז געוואָרן דער יסוד פון „שולחן־ערוך״, וואָס גילט ווי דער געזעץ־בוך פון דער רבנישער יידישקייט.

דער דאָזיקער הלכה־קאָדעקס האָט טאַקע אַרויסגעשטויסן דעם רמב״מס „משנה־תורה״, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי די ספרדים. אויפן „שולחן־ערוך״ האָבן אַשכנזישע גדולים (דייטש־פּוילישע פּוסקים) אָנגעשריבן אַ ריי פּירושים.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די פיר „טורים״ זענען אַריינגענומען די יעניקע דינים און פירונגען, וואָס האָבן אַ שייכות נאָר צום יידישן לעבן אין גלות. עס זענען נישטאָ די יעניקע דינים, וואָס אין די תפוצות זענען זיי געווען פון אַ טע־

---

5) די פיר טורים זענען:

א) אורח חיים — דינים פון רעליגיעזן ריטואַל און צערעמאָניאַל: תפילה, שבת, יום־טובים און תעניתים;

ב) יורה־דעה — דינים וועגן שפּייז: שחיטה, כשר און טריף, פליישיקס־מילכיקס און היימישע פירונגען;

ג) אבן עזר — דינים פון משפחה ענינים: חתונה, כתובות, גט;

ד) חושן משפט — דינים פון ציווילן און קרימינעלן רעכט.

אַרעטישן כאַראַקטער. עס פעלן דאָרטן די דינים פון מלוכה, פון מתנות־כהונה, פון בית־המקדש און קרבנות; ווי בכלל דינים וואָס האָבן אַ שייכות נאָר צו ארץ־ישראל.

**
*

אַ גאָר היפּשער פּליטים־שטראָם איז פון אַשכנז געגאַנגען קיין איטאַליע, ווו זיי האָבן זיך שוין אָנגעטראָפן מיט אָרטיקע יידן, גערופן איטאַליאַני און ספרדישע קיבוצים. אויך דאָ רוקן זיך די אַשכנזים אַרויס מיט זייער אַקטיוויטעט און באַ־ווירקן מיט זייער נוסח.

פון די פאַראַנענע מאַטעריאַלן איז טאַקע צו זען, אַז דער פּליטים־שטראָם האָט זיך געצויגן קיין איטאַליע פון סוף 13טן יאָרהונדערט, נאָך דער רינדפליייש־גזירה און זיך כסדר געשטאַרקט אין 14טן יאָרהונדערט און שפּעטער, נאָך דער מהומה פון דעם „שוואַרצן טויט".

וועגן די אַשכנזישע קהילות אין איטאַליע, זייער געשיכטע, ראָלע, ווירקונג און זייער שפּעטערדיקער מעמד, זענען דערשינען אַ ריי שטודיעס, פון זיי גאָר וויכטיקע פון יונגן פאָרשער און היסטאָריקער משה־אַביגדור שולוואַס 6).

עס קומט אויס, אַז נישט געקוקט, וואָס די אַשכנזים זענען געווען פּליטים און שוין געטראָפן אין לאַנד גרופן יידן איינגעזעסענע פון פריִער האָבן זיי באַ־וויזן צו פאַרנעמען פאָדערשטע פּאָזיציעס סיי אין דער פירונג, סיי אין דער באַוויר־קונג פון די דאָרטיקע קהילות. זיי ברענגען אַריין אַשכנזישע מינהגים און אויך זייערע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען.

מיר געפינען, למשל, אין דער סביבה פון דעם באַקאַנטן העברעישן פּאָעט עמנואל בן שלמה הרומי (געבוירן 1286, געשטאָרבן 1328) אַ ריכטער מיטן נאָמען יעקב האשכנזי.

פון גאָר גרויסן אָנזען איז געווען די אַשכנזישע ישיבה אין פּאַדואַ, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון באַרימטן אַשכנזישן הלכה־אויטאָריטעט רבי יהודה מינץ 7). אגב אין זיינע חיבורים ווייזט ער אָן, אַז די אַשכנזים זענען געקומען איטאַליע פאַרן יאָר ק"ל, וואָס מיינט אַרום יאָר 1360, טאַקע נאָך דער גזירה פון „שוואַרצן טויט". מיר ווייסן אויך, אַז די אַשכנזים זענען געקומען סיי פון עלזאַס, סיי פון די דייטשישע געגנטן ביים ריין און מאַין, פון שפּייער, ערפורט, נירנבערג, היידלבערג און אַנ־דערע ערטער.

---

6) ד"ר משה־אביגדור שולוואַס — „דאָס אַשכנזישע יידנטום אין איטאַליע"; אין באַנד 34 פון די ייוואָ־בלעטער, ניו־יאָרק 1950, זייטן 157—181.

משה־אביגדור שולוואס — „חיי היהודים באיטליה בתקופת הריניסאַנס", ניו־יאָרק, תש"ו.

7) דער פאַמיליע־נאָמען מינץ שטאַמט פון דער שטאָט מאַינץ.

די אַשכּנזים האָבן באַווירקט דאָס אָרטיקע ייִדישע לעבן, ווי אויך משפּיע געווען אויף ווייטערדיקע תּקופות און ווייט אַריבער די איטאַליענישע גרענעצן. לאָמיר דאָ דערמאָנען נאָר איין נאָמען — אליה בחור, אָדער אליה אַשכּנזי. ער איז געקומען קיין איטאַליע ווי אַ פּליט פון אַשכּנז. דאָ האָט ער אַנטוויקלט זיין גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט ווי אַ העברעישער גראַמאַטיקער, אָבער אויך פון דאַנען הייבט זיך אָן די ייִדיש־וועלטלעכע ליטעראַטור, מיט זיינע ראָמאַנען „בבא־בוך", „פּאַריס און וויענע" און אַנדערע.

לײדער איז די אַשכּנזישע השפּעה אין איטאַליע איבערגעריסן געוואָרן. עס וועט טאַקע זיין כּדאַי דאָ צו ברענגען, וואָס עס ברענגט וועגן דעם ד"ר מ. א. שול־וואַס אין זיין אויספיר וועגן די אַשכּנזישע קהילות אין איטאַליע. ער זאָגט:

... „ווי אַ רעזולטאַט פון אַפּרייסן זיך פון דעם הויפּט־שטאַם פון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום איז געקומען דער איבערגאַנג צו רעדן בלויז איטאַליעניש (זיכער אויך נישט אויף איין מאָל, נאָר ביסלעכווייז) דאָס פאַרלאָזן די הברה אשכּנזית אין העברעיש און זיכער אויך דאָס פאַרלירן און פאַרגעסן אַ ריי מנהגים און פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס מוזן ערשט גרונטיק אויס־געפאָרשט ווערן.

היינט צו טאָג זענען אין איטאַליע געבליבן בלויז אַ צוויי צענדליק קהילות, אין וועלכע מען דאַוונט נוסח אַשכּנז. אָבער דער איינפלוס פון דער אַשכּנזישער איינוואַנדערונג קיין איטאַליע, איז, היסטאָריש גענומען, פון גרעסטן באַדייט. דער אַשכּנזישער עלעמענט האָט דערפילט זיין היסטאָרישע מיסיע, ראַטעווענדיק דאָס איטאַליענישע ייִדנטום פון דער סכּנה פון אונטערגאַנג מיט הונדערטער יאָרן צוריק און געבנדיק אים דעם כאַראַקטער פון אַן עטניש צונויפגעשמאָלצענעם ייִדישן קיבוץ. און אין זיין עטנישער צונויפגעגאָסנקייט ליגט אפשר דער סוד פון דעם גרויסן קולטורעלן און סאָציאַלן אויפטו פון דעם היסטאָרישן איטאַליענישן ייִדנטום.

***

וועלן מיר אויך דערמאָנען אַ פּאָר פון די גולי אַשכּנז, די אַנטלאָפענע גדולים פון די דײַטשישע שחיטות, וועלכע זענען אַוועק קיין מיזרח און זענען געוואָרן די בריק־לייגער פון נוסח אַשכּנז קיין מיזרח־אייראָפּע.

איינער פון זיי איז רבי מאיר בן ברוך הלוי, דער געוועזענער רב פון פולדאַ, וועלכער איז אַנטלאָפן נאָך די שרעק־יאָרן פון דעם „שוואַרצן טויט" קיין ווין, וווּ די לאַגע איז געווען אַ לייכטערע.

דער דאָזיקער רב איז בכלל געווען אַ שטענדיקע נע־ונדניק. זיין פאָטער, רבי ברוך, איז בשעת די גזירות אומגעקומען ווי אַ קדוש. אין די יונגע יאָרן איז ער גע־וועזן רב אין ערפורט; שפּעטער אין פראַנקפורט, ביים מאַין; נאָך דעם זיך באַזעצט

אין נירנבערג און צוריקגעקומען קיין פראַנקפורט. דאָ איז ער צוליב אַ מסירה אַרעסטירט געוואָרן און איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. אין יאָר 1392 ווערט ער אויפן באַפעל פון מלך װענצעל באַפרייט. ער קומט קיין פולדאַ און פון דאַנען אַנטלויפט ער קיין ווין.

אין זיין גלות גרינדעט ער ישיבות אין ווין, אין נוישטאַט ביי ווין און אין קרעמזע. די דאָזיקע ישיבות האָבן אַרויסגעגעבן אַ פלעיאַדע פון גדולים, וואָס האָבן וויטער צעשפּרייט דעם נוסח אַשכנז ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. פון דער דאָזיקער גרופּע וועלן מיר דערמאָנען אַ פּאָר רבי מאיר בן ברוכס תלמידים:

ר׳ יעקב בן משה סג״ל, מולין, באַקאַנט ווי דער מהרי״ל; רבי משה מינץ; רבי יעקב וויל און דער הלכה־אויטאָריטעט פון יענעם דור ר׳ ישראל בן פּתחיה אי־סערלין, דער מחבר פון „תרומת הדשן״.

אין די שאלות־ותשובות פון די דאָזיקע פּוסקים, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער גרעסערער צעשפּרייטונג, האָבן מיר שוין די ערשטע פּראָזע, זאַצן און אַפילו גאַנצע תשובות אין יידיש.

זלמן רובאַשאָוו, היינט מיניסטער שזר (שאַזאַר), האָט בשעתו דורכגעפירט אַ שטודיע אין די רבנישע שאלות ותשובות, ווו עס זענען פאַראַן גאָר וויכטיקע מקורות צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. די דאָזיקע אַרבעט האָט ער דורכגע־פירט אין אויפטראַג פון פּראָפעסאָר דובנאָוו. ביי דער אַרבעט האָט ער זיך אָנגע־טראָפן אויף די יידישע שטעלן אין די שאלות און תשובות און האָט וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ גאָר וואָגיקע און באַלערנדיקע אַרבעט 8). ווייזט זיך אַרויס, אַז פון דער קאָלעקציע שאלות און תשובות, וואָס ער האָט באַאַרבעט (23 אין צאָל) זענען די ערשטע פינף טאָקע פון די תלמידים פון דעם פריער דערמאָנטן אַשכנז־פּליט רבי מאיר בן ברוך. דאָס זענען: פון דעם מהרי״ל; פון דעם מהר״י וויל 9); פון ר׳ ישראל איסרלין; פון ר׳ ישראל בן חיים ברין (אַ חבר פון מהר״י וויל און איסרלין) און פון משה מינץ, באַקאַנט ווי דער מהר״ם מינץ. דער לעצטער איז געווען רב אין מאַינץ (פון דאַנען דער פאַמיליע־נאָמען מינץ), פראַנקפורט ביים מאַין, אולם, לאַנדאַו, ווירצבורג, באַמבערג און לסוף אין פּויזן דאָס הייסט שוין אין פּוילן.

נאָך די דאָזיקע אַשכנזישע, אַפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד, פּוסקים קומען אין שורס שטודיע די ווערק פון די עכט־פּוילישע פּוסקים ווי דער רמ״א פון קראָקע;

---

8) זלמן רובאַשאָוו — „יידישע גביות־עדות אין די שאלות ותשובות״ (פון אָנהייב 15טן ביזן סוף 17טן יאָרהונדערט), אין היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד 1, וואַרשע 1929, עמודים 117—195.

9) וועגן מהר״י וויל זע דאָס קאַפּיטל דער „יודענטאַר״ אין ווילדער־שטאָט, אין מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות״, זייטן 79—85.

דער מהרש״ל פון לובלין; דער „שארית יוסף״, דעם רמ״אס אַ שוואָגער פון קראָקע; דער מהר״ם פון לובלין און אַנדערע.

מיר האָבן דאָ אַ בולטע אילוסטראַציע פון דער דירעקטער יחוס־קייט פון דער אַשכנז־עקספּאַנסיע.

ווען מיר דעם דאָזיקן קאַפּיטל, ווו עס ווערט אָנגעצייכנט דער בלוטיקער ליידנס־וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער נוסח אַשכנז פון דער גערמאַנישער ערד אין דער יידישער וועלט אַריין, פאַרענדיקן מיט נאָך איין נאָמען, וואָס האָט אויף אַ גאָר באַזונדערן אופן פּאַראייביקט אין אונדזער געשיכטע יענע וואַנדער־תקופות. מיר מיינען דאָ דעם רבי יום־טוב בן שלמה ליפּמאַן, מילהויזן, דער מחבר פון באַרימטן אַפּאָלאָגעטישן „ספר הנצחון״.

דער רבי יום־טוב ליפּמאַן איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון שטעטל מילהויזן אין עלזאַס. ער האָט נאָך דעם געוווינט אין אַ ריי דייטשישע שטעט, צווישן אַנדערע, אין לינדאַו און זיך באַטייליקט אין אַ רבנים־צוזאַמענפאָר אין ערפורט; לסוף איז ער, געטריבן פון די דעמאָלטיקע שחיטות, געקומען קיין פּראָג, ווו ער איז געווען דיין.

מיט פּראָג איז טאַקע פאַרבונדן זיין מאַרטירער־עפּאָפּעע, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט דעם „ספר הנצחון״.

אין יענער צייט, ווען פון איין זייט האָט דער המון דורכגעפירט די רויב־ און מאָרד־אָנפאַלן אויף די יידן, האָט פון דער צווייטער זייט די קריסטלעכע קירכע־עליטע געפּרוווט צו פאַרשטאַרקן די אידעיש־פּרינציפּיעלע באַזע פון קריסטנטום. עס איז זיי געגאַנגען צו פאַרפעסטיקן די אמונה פון די „ניי־באַקערטע״, די דורך צוואַנג, לפנים געשמדטע, און אויך געווינען נייע גלויביקע פאַר דער קריסטלעכער קירכע. צו דעם צוועק פלעגן אַרויסגערופן ווערן עפנטלעכע דיספּוטן צווישן די פאָר־שטייער פון ביידע אמונות — דער יידישער און קריסטלעכער — ווו עס האָט גע־דאַרפט באַוויזן ווערן די ריכטיקייט פון דעם, אַז יעזוס איז טאַקע דער אָנגעזאָגטער משיח פון די נביאים. באַלאָדן מיט אַ ריי פּסוקים פון תנ״ך פלעגן די קריסטלעכע טעאָלאָגן פּרוּוון צעטומלען די אַזוי אויך אָנגעשראָקענע פירער פון די יידישע קהילות, וואָס האָבן טאַקע אין תנ״ך נישט געהאַט קיין גאָר טיפע ידיעות און אַוודאי נישט געקענט דעם „ברית חדשה״ — די עוואַנגעליע.

ר׳ יום־טוב ליפּמאַן איז, ווי עס איז צו זען, געווען אַ גאָר גרויסער תנ״ך־קענער און אויך גוט באַהאַוונט אין דעם נייעם טעסטאַמענט. זיין „ספר הנצחון״ איז טאַקע אַ מין האַנטבוך פאַר די דאָזיקע טעאָלאָגישע דיספּוטן. אין דאָזיקן ספר, וואָס האָט 354 פּאַראַגראַפן, ווערט צעשטערט דער גאַנצער יסוד פון דער קריסט־לעכער מיסיאָנערישער געביידע; עס ווערן אָפּגעפרעגט אַלע טענות און ראיות געבויט אויפן תנ״ך; עס ווערן אויך אָפּגעוואָרפן אַלע בילבולים און מסירות, לרוב

פאַרשפּרייטע דורך בייזוויליקע משומדים, אַז די ייִדן טוען לעסטערן, אין זייערע תפילות, דאָס קריסטנטום בכלל און דעם געקרייציקטן בפרט.

אין די לעצטע נייַן קאַפּיטלען פון „ספר הנצחון" דערציילט טאַקע דער מחבר ווי אַזוי ער איז געקומען צום שרייבן דעם ספר. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין יאָר 1399 איז ער, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ייִדן, מיטגלידער פון דער קהילה אין פּראָג, אַרעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון אַ מסירה פון אַ משומד פּעטער (פריִער פּסח). ביים געריכט האָט ר׳ יום־טוב ליפּמאַן געהאַלטן אַ פאַרטיידיקונג־רעדע, וואָס דאָס איז געווען דער יסוד פון זיין „ספר הנצחון". נישט געקוקט וואָס ער האָט צעשטערט אַלע טענות פון די אַנקלאַגערס איז נאָר ער געבליבן לעבן. 77 מאַן פון דער קהילה זענען כ׳ אלול פון יאָר 1400 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און אויך צו מאַרגנס זענען נאָך דריי פירער פון דער קהילה פאַרברענט געוואָרן עפנטלעך אויפן שייטערהויפן.

דער „ספר הנצחון" איז נאָך דעם געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע האַנט־ביכער פאַרן ייִדישן צד, וואָס איז כסדר געמאַטערט געוואָרן מיט די „דיספּוטן" מצד די בייזוויליקע משומדים און זייערע קריסטלעכע, בעיקר יעזויִטישע פּראָ־טעקטאָרן. דער מין „רעליגיעזע וויכוחים", וואָס האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער אין מיזרח־אייראָפּע, האָט די ייִדישע קיבוצים געבראַכט נייע פּיינען און גורם געווען אָן אַ שיעור קרבנות. דער ייִדישער צד האָט אָבער געפונען אין „ספר הנצחון" אָן אָנשפּאַר צו פאַרטיידיקן זיך.

**
*

אַזוי איז דער נוסח אשכנז אַריינגעדרונגען, דורך פאַרשידענע וועגן און קאַ־נאַלן אין אַלע ווייטערע שטחים און קיבוצים. די הויפּט־אַכסניה האָט אָבער דער דאָזיקער נוסח געפונען אין פּוילן, וואָס איז געוואָרן דער פּאַקטישער יורש פון דאָזיקן נוסח און אים ווייטער ממשיך געווען, און שפּעטער עס ווידער, אין די ווייטערדיקע וואַנדלונגען פון די תקופות, צעטראָגן איבער דער וועלט.

פוילן די הויפּט־אַכסניה פון נוסח אַשכּנז

אזוי זענען מיר, אין אונדזער גאַנג מיט אַשכּנז, אָנגעקומען צו די טויערן פון מיזרח־אייראָפּע. די ערשטע סטאַנציע איז דאָ געווען פּוילן, די ערשטע און טאַקע די וויכטיקסטע.

עס דערציילט אַן אַלטע לעגענדע בזה הלשון:

ווען די ייִדן, געפּלאָגטע און געיאָגטע פון די גזירות און שחיטות אין מערב, האָבן געוואָלגט אין דער וועלט אַריין, זענען זיי אין מערב דערגאַנגען צו אַ רויִק און שטיל אָרט און זיך אָוועקגעזעצט אָפּרוען. דאָס האָבן זיי דערהערט אַ בת־קול, וואָס האָט אויסגערופן: פּה לין! (אין העברעיִש געמיינט — דאָ זאָלסטו נעכטיקן!) און די ייִדן האָבן זיך טאַקע דאָ באַזעצט. און פון דאַן אָן הייסט דאָס אָרט פּוילן.

פאַראַן אויך אַ צווייטער נוסח פון דער לעגענדע, וואָס זאָגט, אַז דער בת־קול האָט אויסגערופן פּה לין יה! (דאָ נעכטיקט גאָט!) און דאָס אָרט האָט באַקומען דעם נאָמען פּאָלאָניאַ...

איז נישט וויכטיק צי די געלאָפענע און געטריבענע ייִדן האָבן טאַקע געהערט אַ בת־קול פון הימל און צי ער האָט געהאַט אַזאַ, אָדער אַנדער, נוסח. איינס איז זיכער, אַז דאָ, אין פּוילן, האָבן זיי דאַן געפונען אַ מקום־מקלט, אַן אַזיל אין זייער געיאָגטן און געפּלאָגטן געלויף פון די גזירות און שחיטות אין דייטשלאַנד.

עס זענען טאַקע פאַראַן ידיעות וועגן ייִדן יחידים אָדער קלענערע גרופּעס, אין די מיזרח־לענדער פון אייראָפּע אין נאָך פריִיערדיקע צייטן. אויך מיינען טייל היסטאָריקערס, אַז די ערשטע ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע זענען גאָר געקומען נישט פון מערב, אַז זיי האָבן אויך אַ שייכות מיט דער אונטערגעגאַנגענער כוזרישער מלוכה. עס איז אָבער אַן אומבאַשטרייטבאַרער היסטאָרישער פאַקט, אַז אַ ייִדישער מאַסנהאַפטער קיבוץ, מיט צאָלרייכע קאָנצענטרירטע קהילות איז אין פּוילן געשאַפן געוואָרן נאָך די גזירות־כוואַליעס אין דייטשלאַנד און טאַקע פון די דאָזיקע פּליטים.

מיר זעען טאַקע דעם כסדרדיקן וווּקס פון די ייִדישע פּונקטן אין לאַנד נאָך

יעדער פאַרפאָלגונג־אַקציע אין דייטשלאַנד. אַזוי איז עס נאָך די קרייצצוגן, שפּע־טער נאָך דער רינדפלייש־גזירה און „שוואַרצן טויט" און אַזוי כסדר.

נאָך יעדן אַזאַ פּורעניות־אויסברוך אין דייטשלאַנד קומט אַ פרישער שטראָם היימלאָזע, וואָס גלידערן זיך איין אין דעם פּוילישן באָדן, ווו זיי בויען אויס די כנסת־ישראל אין פּוילן.

ווען מיר זאָגן דאָ פּוילן, מיינען מיר נישט דאָס פּוילן פון אונדזער דור, אין די אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן צווישן די יאָרן 1918—1939. דאָ רעדט זיך וועגן דאָס אַלטע, דאָס היסטאָרישע פּוילן, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע טעריטאָריע פון די שפּעטערדיקע ישובים פון מיזרח־אייראָפּע. דאָס היסטאָרישע פּוילן פון ארבע ארצות; ווו עס זענען געוועזן איינגעשלאָסן וואָלין און פּאָדאָליע, ליטע און רייסן; וואָס האָט זיך געצויגן פון די פּויזנער און פּאָמערנער וואָיעוואָדשאַפטן אין מערב ביז קיִעוו און דעם דניעפּער אין מיזרח; און פון צפון ביז דרום פאַרנומען דעם ריזיקן שטח, ווי דאָס הייסט אין פּוילישן אויסדרוק: "Od morza do morza" (פון ים ביז ים) — פון באַלטישן ים אין צפון ביז דעם שוואַרצן ים אין דרום.

דער דאָזיקער גאַנצער שטח איז געוועזן באַזעצט מיט ייִדן אין הונדערטער און הונדערטער, שפּעטער אין טויזנטער פּונקטן. זאָל דאָ דינען ווי אַ ביישפּיל די לאַנד־קאַרטע פון דעם וועד ארבע ארצות, די פּונקטן וואָס עס האָט אַרומגענומען דער ייִדישער פּאַרלאַמענט פון די פיר פּוילישע לענדער, אין דער צייט פון זיין עקסיס־טענץ אין די יאָרן 1580—1764.

דערציילן אונדז אַ ריי דאָקומענטן, וואָס זענען טאַקע מייל־שטיינער פון דער ייִדישער באַהעפטונג מיט דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן באָדן, וואָס ווייזן דעם מקור פון וואַנען די דאָזיקע איינוואַנדערער זענען געקומען, ווען זיי זענען געקומען און אילוסטרירן ווי אַזוי דער אַשכנז נוסח וואָס איז אויפגעקומען אין דער גערמאַנישער ספערע, האָט באַווירקט און באַהערשט דאָס לעבן פון די ייִדן אין זייערע נייע וווין־ערטער, אין דער סלאַווישער אַרומרינגלונג.

דאָס דערציילן פריִער פאַר אַלץ די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע הערשער, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די ייִדן אין פּוילן. די דאַטעס פון די דאָזיקע דאָקומענטן פאַלן זיך צונויף מיט דער צייט נאָך די גרויסע וואַנדערונגען פון מערב קיין מיזרח.

אַזוי איז די פּריווילעגיע פון פירשט באָלעסלאַוו דעם פרומען, באַקאַנט ווי דער קאַלישער סטאַטוט, אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1264.

דער דאָזיקער סטאַטוט איז ווידער באַשטעטיקט געוואָרן אין יאָר 1334 דורך קאַזימיר דעם גרויסן.

אין אַ ריי פון די פּאַראַגראַפן פון דאָזיקן סטאַטוט זעען מיר אָפּקלאַנגען פון יענער מהומה־צייט; פּאַראַגראַפן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרהיטן, אַז עס זאָל די

נייע איינוווינער נישט טרעפן דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין די ערטער, פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן. סך־הכל האָט דער סטאַטוט 36 פּאַראַגראַפן. פון זיי זענען גאָר כאַראַקטעריסטיש די ווייטערדיקע:

§ 9. אויב אַ קריסט וועט פאַרוואונדן אַ ייִד אויף אַ וואָסער נישט איז אופן, דאַרף דער באַשולדיקטער אונדז און אונדזער וואָיעוואָדע באַצאָלן — לויט דעם ווי ער קאָן געווינען אונדזער גענאָד — די שטראָף, וועלכע דאַרף אַריינגעטראָגן ווערן אין אונדזער אוצר. און דעם פאַרוואונדעטן זאָל ער צופרידנשטעלן פאַר היילן די וואונדן און פאַר די הוצאות, ווי עס פאַרלאַנגען און פאָדערן די געזעצן פון אונדזער לאַנד.

§ 10. אויב אַ קריסט וועט דערהרגענען אַ ייִד, זאָל ער באַשטראָפט ווערן לויט אַ גערעכטן מישפּט, און אַלע האָוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע זאַכן פון באַשולדיקטן וועלן איבערגיין אין אונדזער רשות.

§ 14. מיר ווילן, אַז אויב אַ קריסט וועט זייער (דעם ייִדישן) בית־עולם חרוב מאַכן, אָדער באַפאַלן, אויף וועלכן נישט איז אופן, זאָל ער לויטן מינהג פון אונדזער לאַנד און לויט אונדזערע געזעצן שטרענג באַשטראָפט ווערן און אַלע זיינע חפצים, ווי זיי זאָלן נישט הייסן, דאַרפן צוגענומען ווערן פאַר אונדזער אוצר.

§ 15. מיר ווילן, אַז אויב עמעצער וועט עזותדיק וואַרפן שטיינער אויף ייִדישע שולן, זאָל ער באַצאָלן צוויי שטיינער פעפער אונדזער וואָיעוואָדע.

§ 26. מיר ווילן, אַז אויב עמעצער (אַ מאַן אָדער אַ פרוי) וועט אַוועקרויבן אַ ייִדיש קינד, זאָל ער באַשטראָפט ווערן ווי אַ גנב.

§ 35. מיר ווילן, אַז אויב אַ ייִד ווערט געטריבן דורך אַ גרויסער נויט צו שרייען ביינאַכט צוליב אַ געוואַלטאַט און די קריסטלעכע שכנים וועלן זיך נישט באַמיִען קומען אים צו הילף און וועלן נישט קומען אויף זיין געשריי, וועט יעדער קריסטלעכער שכן דאַרפן באַצאָלן דעם שופט צו דרייסיק שילינג 1).

פון די דאָזיקע אויסצוגן זעט מען בפירוש, אַז די באַקומענע פּריווילעגיע האָט געדאַרפט זיין אַ געוויסע גאַראַנטיע פאַר די צערודערטע ייִדישע פּליטים, וואָס זענען געלאָפן פון די גזירה־ערטער און געקומען זוכן שוץ אין פּוילן.

1) ציטירט לויט: „געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן און מיזרח־אייראָפּע", העפט 1 ב. באַארבעט דורך ד"ר עמנואל ריגעלבלום און ד"ר רפאל מאַהלער, וואַרשע 1930.

נישט אומזיסט געפינט מען טאַקע זייער פיל לויב־ווערטער פון די גדולים פון יענער צייט פאַר דעם רעכטלעכן מצב פון די ייִדן אין פּוילן. אַזוי שרייבט דער רמ״א פון קראָקע אין איינער פון זיינע תשובות:

...„עס איז בעסער אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט רויִקייט אין די דאָזיקע (פּוילישע) מדינות, וואָס זייער פיינטשאַפט איז נישט אַזוי שטאַרק צו אונדז ווי אין דער דייטשישער מדינה״ 2).

ווען מיר נאָך דערמאָנען די פּריווילעגיע פון ליטווישן פירשט וויטאָלד, וואָס ער האָט געגעבן די ייִדן אין בריסק דליטא אין יאָר 1388 3). די זעלביקע איז נאָך דעם, אין יאָר 1389, באַשטעטיקט געוואָרן פאַר די גראָדנער ייִדן.

אין דער דאָזיקער פּריווילעגיע זאָגט זיך:

„אינעם נאָמען פון האַר, אָמן! מיר, אַלעקסאַנדער אָדער וויטאָלד פון גאָטס גנאָד, פירשט פון ליטע און יורש פון גראָדנע, בריסק, דראָהיטשין, לויצק, לודמיר און פון אַנדערע מדינות זענען מודיע: זיי, די גראָדנער ייִדן טראָגן נישט קיין שום התחייבותן און צאָלן נישט קיין שום שטייערן לטובת אונדזער אוצר, נישט פון די איצטיקע און נישט פון די שפּעטער איינגעקויפטע פּלעצער פון דעם דאָזיקן בית־עולם, ווי אויך פון די פּלעצער פון דער ייִדישער שול״ 4).

ווייטער דערלויבט די פּריווילעגיע די ייִדן צו ציִען נוצן פון הייזער, צו האָבן שענקען, אויסאַרבעטן משקאות, פירן מסחרים אויף מערק און געוועלבער, איינקויפן בהמות, האָבן רעכט צו געניסן פון אַקער־ערד און פון לאָנקעס. עס איז זיי דערלויבט צו טאָן כלערליי מלאכות.

דער ייִדישער ייִשוב אין פּוילן וואַקסט אין צאָל, צעשפּרייט זיך אין אַלע גרעסערע צאָל פּונקטן. דער דאָזיקער נייער צענטער פורעמט זיך אויס ביי נייע באַדינגונגען, וואָס זענען נישט ענלעך צו די, וואָס עס האָבן געהאַט די ייִדן אין דייטשלאַנד. דער דאָזיקער קיבוץ ווערט אין צאָל דער גרעסטער צענטער, וואָס אַ קיבוץ האָט אַ מאָל געהאַט אין די תפוצות. עס שאַפט זיך די נייטיקייט און מעגלעכקייט פון דער אַשכנזישער פאָרעם פון אַליין־פאַרוואַלטונג. עס קומען אויף אָרטיקע קהילות; געגנט־פאַרבאַנדן און נאָך דעם דער פאַרבאַנד פון אַלע ייִדישע קהילות, דער וועד־אַרצות, אָדער ווי מען האָט אים, נישט מיט אומרעכט, גערופן דער ייִדישער סיים (פּאַרלאַמענט).

---

2) אין די שאלות־ותשובות פון רמ״א סימן צ״ה. אין אָריגינאַל: „עדיף טפי פת חרבה ושלוה בה במדינות אלו אשר אין שנאתן גוברת עלינו כמו במדינת אשכנז״.

3) דער דאָקומענט 1 פון: Mathias Bersohn — Dyplomatarjusz dotyczacy Zydów w dawnej Polsce (188 - 1782) Warszawa 1910.

4) בערשאדסקי — „דאָקומענטי אי רעגעסטי״ (רוסיש) באַנד 1 נומער 2.

וועלן מיר וועגן דאָזיקן ייִדישן אויטאָנאָמיזם דערציילן אין נאָענטן קאַפּיטל. מיר ווילן ווייזן, ווי אַזוי די מיזרח־אייראָפּעיִשע עדהס זענען דאַן נאָכגעגאַנגען אין די פוסטריט פון זייערע אַשכנז־ברידער פון 500 יאָר צוריק.

אָבער שוין איצט ווילן מיר אָנווייזן אויף דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט, אַז אין אויפבויען אין פוילן די דאָזיקע ייִדישע „מלוכה אין דער מלוכה" האָבן זיך באַטייליקט די פאַרטריבענע פון דייטשלאַנד און זייערע קינדער.

אָט האָבן מיר פאַר זיך דעם פּנקס פון דעם ייִדישן פּאַרלאַמענט אין פוילן, וואָס וועגן אים רעדן מיר ברייטער אין נאָענטן קאַפּיטל. די דאָקומענטן, וואָס דערציילן פון די באַטייליקטע אין די סעסיעס פון דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט ווייזן טאַקע וועגן דעם יִחוס פון די דאָזיקע דעפּוטאַטן.

אָט האָבן מיר אַ צעטל פון דעלעגאַטן צו די וועד־סעסיעס, וואָס זייערע נעמען זענען באַגלייט מיט דעם צוגאָב אַשכנזי. דאָס זענען:

אליהו בן דוד אשכנזי (פון לובלין);
אליעזר בן אליהו אַשכנזי (פּויזן און קראָקע);
אַלכסנדר בן משה הכהן אַשכנזי (לעמבערג);
אשר בהר"י אַשכנזי (פּשעמישל);
יעקב בן אַהרן־ראובן אַשכנזי (לובלין);
יעקב־משה בן אברהם אַשכנזי (גלאָגאַו);
יצחק־זעליק בן אברהם־יואל אַשכנזי (קראָקע);
יקותיאל בן אליקום אַשכנזי (וואָלין);
משה בן ישכר אַשכנזי (פּשעמישל);
משה בן לוי הכהן אַשכנזי (פּויזן);
נפתלי־הירץ בן ישראל אַשכנזי (קאָוועל, טיקטין, לעמבערג);
פּנחס־זעליג בן נפתלי הירץ אַשכנזי (שעברעשין).

קלאָר, מיר האָבן דאָ דעם באַווייז, אַז די דאָזיקע קצינים און אלופים; די רוזנים און שליחים צו די סעסיעס פון דעם ייִדישן פּאַרלאַמענט זענען פון אַשכנזישן אָפּשטאַם.

ס'זעלביקע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן אַנדערע דעלעגאַטן, וואָס זייערע פאַמיליע־נעמען (ריכטיקער באַצייכענונגען, ווייל פעסטע פאַמיליע־נעמען זענען נאָך דאַן נישט געווען) באַווייזן זייער אַשכנזישן יִחוס. דאָס זענען: די 20 שפּיראָס (פון שטעטל שפּייער); די 19 לאַנדאַוס (פון שטעטל מיטן זעלביקן נאָמען); די 17 היילפּערינס (פון שטעטל היילבראָן); די 12 קאַצענעלנבויגנס (פון שטעטל מיטן זעלביקן נאָמען); די 7 אויערבאַכס; די 7 גינזבורגס; די 5 באַכראַכס, די 4 איטינגערס. אַלץ באַצייכענונגען פון דייטשישע שטעטלעך.

דאָס זעלביקע איז אויך מיט די דעלעגירטע פון וועד מדינת ליטע און אויך די פון וועד רייסן.

אַזוי האָבן די אור־אור אייניקלעך פון די, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון אַשכנז דורך די תקנות פון די קהילות פון שו״ם, נאָכגעטאָן זייערע אור־אור־זיידעס אין מיזרח־אייראָפּע.

אַזוי איז טאַקע פוילן געוואָרן די הויפּט־אַכסניה פון דעם נוסח אַשכנז. וואָלט אין יענע יאָרן געווען דער היינטיקער מינהג פון פּראַוווען יובילעומס, וואָלטן די וואָס האָבן פאַרלייגט דעם ייִדישן פּאַרלאַמענט אין פוילן געקענט דעמאָלט, אין יאָר 1580 בערך, ווען ער האָט זיך קאָנסטיטויִרט, פייערן דעם 600סטן אניווערסאַר זינט עס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַשכנז דורך רבינו גרשם מאור הגולה, אָדער דעם 500סטן אַניווערסאַר זינט די ערשטע קהילה־צוזאַמענפאָרן, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט דער רבינו תם.

ווייזט אויס, אַז עס איז דעמאָלט נישט געווען אַזאַ מינהג, אָדער עס איז זיי אויך נישט געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן צו פּראַווען שמחות.

די ייִדישע פּאַרלאַמענטן אין מיזרח־אייראָפּע

(פון די תקנות ש״ם בי די וועדים פון פּוילן, ליטע, רייסן און מעהרן)

אַ שווערער וועג איז געווען דער גאַנג קיין מיזרח, ממש פול מיט נסיונות. מיר האָבן וועגן דעם פריִער געשריבן. אַרויסגעריסן פון אַ גערמאַנישער סביבה דאַרפן די פאַרטריבענע בויען זייערע נייע היימען אין אַ סלאַווישער אַרומרינגלונג.

די איינוואַנדערער האָבן אָבער מיט זייער אָרעמען מאַטעריעלן באַגאַזש מיטגעבראַכט אַ רייכן גייסטיקן פאַרמעג — די ירושה פון די אַשכנז־יאָרהונדערטער. מיטגענומען מיט זיך אַ גרויסן סכום פון לעבנס־שטייגער און דערפאַרונג, און זיי האָבן געוואָלט דאָס דאָזיקע איבערפלאַנצן אין זייער נייעם מקום־מנוחה.

גאָר בולט קומט צום אויסדרוק דער ווילן פון איינהאַלטן די אייגענע פאָלקס־געשלאָסנקייט, ווי די קאָנטינויִטעט פון פאָלקס־קיום; אין אויפבויען דאָ, אין די נייע היימען, זייער ייִדישע אויטאָנאָמיע, אויפהאַלטן די ייִדישע אַליין־פאַרוואַלטונג.

פונקט ווי זייערע אור־אור־עלטערן מיט יאָרהונדערטער צוריק, ווען יענע זענען געקומען צו די ברעגעס פון ריין, האָבן די איצטיקע וואָגלערס געטראָפן אַ גאָר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאַנאָראַמע. אַ גאָר אַנדערן לעבנס־שטייגער און יורידישע אַדמיניסטראַציע. אין די דאָזיקע פאַרענדערטע באַדינגונגען האָבן זיי געפרווט ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון המשך און קיום, וואָס האָט זיך איבערגעריסן אויף די גערמאַנישע געלענדן.

***

מיר וועלן דאָ נישט שילדערן די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַטמאָספער און אויך נישט אַנאַליזירן די אינערלעכע סטרוקטור פון די אויפגעקומענע

ייִדישע קיבוצים. עס איז אַ קאַפּיטל פֿון אַ באַזונדערער טעמע, וואָס גייט אַרויס מחוץ די ראַמען פֿון דער איצטיקער אַרבעט. וואָס מיר ווילן יאָ דאָ אָנווייזן איז, אַז די אַשכנזי־טראַדיציע קומט גאָר בולט צום אויסדרוק אין דער אָרגאַניזאַציע־ראַם, וואָס די נייע מיזרח־אייראָפּעיִשע קהילות האָבן אָנגעהויבן בוליען און זיך באַמיט אויפֿצוהאַלטן אין משך פֿון יאָרהונדערטער.

מיר מיינען דאָ די פֿאַרשידענע וועדים, אָדער ווי מען איז עס אויך געווינט אָנצורופֿן די ייִדישע פּאַרלאַמענטן. דאָס זענען:

דער וועד אַרבע ארצות פֿון פּוילן;
דער וועד מדינת ליטע;
דער וועד מדינת רייסן;
גליל וואָלין;
דער גרויס־פּוילישער וועד;
דער וועד מדינת מערן.

אָן ספֿק וועלן מיר זיך דאָ נישט קענען ברייט פֿאַרנעמען מיט זייערע באַזונדערע געשיכטעס, זייער אויפֿקומען, עקסיסטענץ, אויפֿטוען, ראָלע און אונטערגאַנג. יעדער פֿון די דאָזיקע וועדים האָט שוין זיין געשיכטע און פֿאַרמאָגט אַ גאָר רייכע פֿאָרשונג־ליטעראַטור. מיר וועלן נאָר אָנקניפּן צו די יעניקע מאָמענטן, וואָס באַווייזן די גאָר נאָענטע שייכות פֿון די אַשכנזישע קהילות־פֿאַרבאַנדן, די סעסיעס פֿון די קהילות שו״ם, וועגן וועלכע מיר האָבן דערציילט אין פֿריערדיקע קאַפּיטלען מיט די דאָזיקע ייִדישע פּאַרלאַמענטן. מיר וועלן, בכן, גאָר קורץ טאַקע ראשי־פּרקימדיק, זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּט־עטאַפּן פֿון די דאָזיקע אינסטיטוציעס פֿון דער ייִדשער אויטאָנאָמיע.

דער וועד אַרבע ארצות

דער דאָזיקער וועד האָט אַרומגענומען די פֿיר הויפּט־געגנטן, פֿון וועלכע עס איז צונויפֿגעשטעלט געווען די דעמאָלטיקע פּוילישע מדינה: גרויס־ און קליין־פּוילן, רויט־רייסן, ליטע. פֿון דער טעטיקייט פֿון דעם דאָזיקן וועד האָבן מיר נישט קיין שום כוללדיקן דאָקומענט. עס האָט זיך נישט אויפֿגעהיט נישט קיין פּנקס פֿון די תקנות אָדער אַ פּראָטאָקאָל־בוך. די תקנות און באַשלוסן פֿון דעם דאָזיקן וועד און די ענינים, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף זיינע סעסיעס זענען צעזייט און צעשפּרייט אין הונדערטער (ייִדישע און נישט־ייִדישע) מקורים.

ערשט פּראָפֿ׳ ישראל היילפּערין, איינער פֿון אונדזערע שעפֿערישע ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿן, אַ מומחה אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע, האָט

קאָנסטרויִרט אַ ווערק, וואָס דאַרף פאַרטרעטן דעם כמעט סטענאָגראַפישן פּראָטאָ־קאָל־בוך פון דעם וועד אַרבע אַרצות 1).

אין דאָזיקן ווערק זענען צונויפגעקליבן אַלץ וואָס עס איז ערגעץ־ווו דערמאָנט וועגן דעם וועד, זיינע באַשלוסן, אָנווייזנדיקע אויף סעסיעס, קאָרעספּאָנדענץ וכדומה. פון רבנישע שאלות ותשובות און סתם ספרים (אפילו הסכמות וועגן ספרים), פון פאַרשיידענע פּנקסים פון די באַזונדערע קהילות, פון מלוכהשע אַרכיוון, פּריווי־לעגיעס, דעקרעטן און שטייער־רשימות — פון אומעטום איז צונויפגעזאַמלט גע־וואָרן דער שייכותדיקער מאַטעריאַל און עס איז געשאַפן געוואָרן דער דאָזיקער פּנקס.

האָבן מיר פאַר אונדז אַ כמעט קלאָר בילד פון דער יידישע „מלוכה אין מלוכה" פון דער מדינת פּוילן. אומגעפער אין יאָר 1580 איז אויפגעקומען דער דאָזיקער יידישער פּאַרלאַמענט. זיינע סעסיעס פלעגט ער אָפּהאַלטן אין די יריד־שטעט לובלין און יאַראָסלאַוו. פריִער איין מאָל אין יאָר. אין לובלין איז די סעסיע פאָרגעקומען אין חודש פעברואַר אין דער צייט פון „גראָמניץ"־יאַריד (אויפן נאָמען פון דעם קריסטלעכן יום־טוב פון דער „גראָמניצער" הייליקער מאַריע) און שפּעטער צוויי מאָל אין יאָר, אויך אין יאַראָסלאַוו, אין סעפּטעמבער.

צו די דאָזיקע צונויפקומען פלעגן דעלעגירט ווערן די גייסטיקע פירער — די רבנים און די קהל־אָנפירערס, די פרנסים פון באַזונדערע קהילות.

דער דאָזיקער יידישער פּאַרלאַמענט האָט עקסיסטירט פון בערך 1580 ביז אומגעפער 1760, דאָס מיינט אַרום אַ 200 יאָר.

ווען מען באַקענט זיך מיט די 1100 (תת"ש) פּאַראַגראַפן, וואָס ד"ר היילפּערין האָט אויפגעקליבן אין זיין געשאַפענעם פּנקס ווערט קלאָר דער פּאַרנעם פון דער דאָזיקער יידישער אויטאָנאָמישער מלוכה.

העכער ניינציק פּראָצענט פון די ענינים, וואָס די 1100 פּאַראַגראַפן נעמען אַרום, באַציִען זיך צו פּראָבלעמען פון אָדם לחברו — צווישן מענטש און מענטש, ווי אין די תקנות שו"ם.

מיר האָבן דאָרטן באַשטימונגען און תקנות:

אָרגאַניזאַציאָנעלע, וואָס האָבן אַ שייכות צום וועד, וועגן דער סטרוקטור און אַדמיניסטראַציע פון קהל; רעכטן און פליכטן פון די אָנגעהעריקע צום קהל און די פירער; וועגן די קהל־באַאַמטע; כלי־קודש, שליחים וכדומה;

---

1) פּנקס וועד אַרבע ארצות, לקוטי תקנות כתבים ורשומות, סרורים ומבוארים בידי ישראל היילפּערין, בתוספת מלון, מפתחות, תצלומים ומפה של בית ישראל דדלד ארצות. ירושלים תש"ה. — אַרויסגעגעבן פון מוסד־ביאַליק ביי דער יידישער אַגענץ. 635 זייטן העברעישער טעקסט (אין דעם זייער פיל דאָקומענטן אין יידיש) און 88 זייטן פרעמד־שפּראַ־כיקע דאָקומענטן (לאַטיין, פּויליש, דייטש), חוץ אַן אַריינפיר פון 24 זייטן.

שטייערן און אָפּצאָלן פאַר די קהילות און פאַר דער מלוכה;

מסחר (אינלענדישער און אויסלענדישער), קאָנקורענץ, הלוואות און פּראָצענטן; משכנות, חזקה, אַרענדע, ירושות;

אַלמנות, עגונות, יתומים, אָרעמע לייט;

קעגן לוקסוס און אויסברענגעריי אין קליידונג און סעודות;

באַציִונג מיט דער אויסערלעכער וועלט — סיי פון יחידים, סיי פון קהל־אינסטיטוציעס;

רעגולירונג אַרויסצוגעבן ספרים און הסכמות אויף זיי;

פּראָבלעמען פון אָרגאַניזאַציע פון חינוך אא״וו.

אויך די אַזוי גערופענע „הימלישע״ ענינים, וואָס מיר געפינען אין די דאָזיקע פּאַראַגראַפן זענען געקניפּט און געבונדן מיטן ערדישן לעבנס־שטייגער. רעדט זיך וועגן אתרוגים מיינט עס וועגן דעם אופן פון אָרגאַניזירן דעם האַנדל מיט זיי און די ריכטיקע פּאַרטיילונג צווישן די קהילות; שמירת־שבת און כשרות האָט בעיקר צו טאָן מיט די ייִדן אויף די ישובים, וואָס האַלטן פּריצישע פּאַקטן.

אַ טייל פּאַראַגראַפן פאַרנעמען זיך מיט דער שבתי־צבי־באַוועגונג, ריכטיקער, נישט דירעקט מיט דער באַוועגונג, נאָר מיט דער שאַרפער מחלוקת צווישן רב יעקב עמדן און רב יהונתן אייבעשיץ, אַ מחלוקת, וואָס האָט געהאַט גאָר ערדישע מאָמענטן.

מיינען מיר בשום אופן נישט צו זאָגן, אַז דאָס ייִדישע לעבן איז אין יענער צייט אין פּוילן געווען „וועלטלעך״, אַז אמונה און דאָס אָפּהיטן די תורה און אירע מצוות האָט נישט פאַרנומען אַ געהעריקן אָרט אין דער ייִדישער היים און אין דער עפנטלעכקייט. פאַרקערט, דער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער לעבנס־שטייגער האָט דעמאָלט שטאַרק דאָמינירט אין ייִדישן פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן.

דאָס באַלערנדיקסטע איז אָבער דאָס, וואָס די אָרגאַניזאַציע פון די קהילות האָט זיך פריִער פאַר אַלץ פאַרנומען מיט די טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדערפענישן פון זייערע עדהס; האָט רעגולירט דיווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע אינטערעסן און געווען דער אַרביטער, דער פּוסק אין די אויפגעקומענע סיכסוכים; געשטאַנען אויף דער וואַך פון די שוואַכערע און באַוואָלטע יחידים און גרופּן; אָרגאַניזירט די אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף, איינגעשטעלט נאָרמעס פאַר די צדקה־חברות; געזאָרגט פאַר דער ריינקייט און עטיק פון לעבנס־שטייגער; אָפּגעהיט דעם ציבור קעגן די אויסערלעכע אָנגריפן, בלבולים און עקסצעסן און אויך געקעמפט קעגן אינערלעכע דיווערסיעס און צעשטערונגען.

דאָס מיינט נאָך נישט, אַז עס זענען נישט געווען קיין יחידים, וואָס האָבן געוואָלט אויספירן די דאָזיקע אינסטיטוציעס, כדי זיי אויסצונוצן פאַר זייערע



3 תקנות אויף דעם „וועד ארבע ארצות" אין יאַראָסלאַוו אין יאָר תל"א (1671), סימנים רת"ז—רצ"ט. די ערשטע אין יידיש קעגן פעלשער און אויפקויפערס פון גניבות; די צווייטע קעגן געבן רעקאָמענדאַציע־שריפטן צו פאַרדעכטיקע „שילער" און „פּריצים"; די דריטע קעגן געהיימע אָפּמאַכן אין מסחר און אַנדערע ענינים.

אייגענע פערזענלעכע אינטערעסן. זיכער זענען געווען תקיפישע עלעמענטן, וואָס האָבן געזוכט צו הערשעווען איבער דעם דלת־העם. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן וועד, ווי אויך פון די אַנדערע, ווייזן פון געווען פּרווון מצד די גביריש־אָליגאַרכישע עלעמענטן, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן זייער מאַכט אין די אינסטיטוציעס פון דער יידישער אַליין־פאַרוואַלטונג. די געשיכטע ווייסט אויך, אַז טאַקע דאַרטן,ווו די דאָזיקע תקיפים־גבירים איז געלונגען צו פאַרפעסטיקן זייער מאַכט, איז דער אַנזען, די ראָלע און די ווירקונג פון די אינסטיטוציעס, געמינערט געוואָרן, אין טייל פאַלן געבראַכט צו זייער צעשטערונג.



יידישער כרוז (אויפרוף), וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער סעסיע פון „וועד ארבע אַרצות" אין יאָר תל"א (1671) אויפן יאַריד אין יאַראָסלאַוו קעגן די תקיפים בעלי־מחלוקות; קעגן קאָנקורענטן און פּרייז אונטערשלאָגערס אין פּרנסה און אַנדערס. (ערשטע זייט פון כרוז)

עס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער ערשטער פּאַראַגראַף, וואָס מיר האָבן פון דעם וועד ארבע ארצות, האָט טאַקע צו טאָן מיט דער גאָר שאַרפער וואָרענונג קעגן די געלטגייציקע יחידים, וואָס ווילן רייך ווערן אויפן חשבון פון די אַרענדעס. עס איז כדאַי זיך צו באַקענען מיטן אינהאַלט פון דער דאָזיקער תקנה. אין פנקס



צווייטע זייט פון דעם יידישן כרוז פון 1671

ביי הײלפּערינען איז זי פאַרצייכנט ווי דער ערשטער פּאַראַגראַף (סימן א׳). איבערגעזעצט אין יידיש, אויסנלאָזנדיק די מליצהשע איבערלאָדונג, ווערט דאָרטן אָט וואָס געזאָגט:

„א. זאָלן עס אַלע וויסן, אַלע אונדזערע הייליקע ברידער, וואָס עס האָבן באַשטימט די אלופים, די מנהיגים פון די אַרבע ארצות, וועלכע האָבן געזען דעם מעמד און דעם מצב פון די לענדער אין דער איצטיקער צייט, וואָס דאַרף געשטאַרקט ווערן, בפרט וועגן די יעניקע מענטשן, וואָס זענען גייציק נאָכן געלט און ווילן רייך ווערן דורך די גרויסע און שטאַרקע אַרענדעס, וואָס דאָס קאָן קומען צו אַ גאָר גרויסער סכנה פאַר דעם רבים, חס־ושלום. זיי האָבן דעריבער ווי איין מענטש, איינשטימיק באַשלאָסן: קיינער וואָס רופט זיך מיטן נאָמען ייד האָט נישט קיין רעכט צו דינגען דאָס טשאַפּאָווע (הכנסה פון בראָנפן־ און ביר־שטייער) סיי אין גרויס־פּוילן, סיי אין קליין־פּוילן און מאַזאָוויע, הן פון דעם מלך, הן פון וועלכן נישט איז הערשער דורך קיין שום קאָמבינאַציע נישט. אויך זאָלן זיי נישט דינגען קיין שום אַרענדע פון מינצעריי אָדער פון זאַלץ אין דער דערמאָנטער מדינה אויך נישט קיין שום אַרענדע פון גרענעץ־צאָל, סיי אין דעם צאָלאַמט פון ק ר אָ ק ע אָדער פּ ו י ז ן, און וואָס עס געהער צו זיי. דאָס אויבן דערמאָנטע דאַרף קיין שום ייד נישט דינגען אין קיין שום פאַל און דאַרפן זיך מיט די דאָזיקע ענינים נישט פאַרנעמען. ווער עס וועט דאָס טאָן וועט ליגן אין חרם איןביידע וועלטן, וועט אָפּגעטיילט ווערן פון אַלע יידישע הייליקייטן. זיין ברויט איז פּת־כותי, זיין וויין איז יין־נסך, זיין שחיטה איז טריף ווי עס וואָלט געשאָכטן אַ פרעמדער, זיינע קינדער וועלן גערעכנט ווערן ווי ממזרים, נאָכן טויט וועט ער באַגראָבן ווערן מיט קבורת־חמור. קיין שום רב וועט אים נישט געבן קיין קידושין, נישט אים, נישט זיינע זין און נישט זיינע טעכטער, קיין שום מענטש וועט זיך מיט אים נישט מתחתן זיין; ער זאָל זיין פאַרשאָלטן מיט אַלע קללות, וואָס עס האָט אלישע הנביא פאַראָלטן זיין דינער גחזי — די אַלע קללות וועלן פאַלן אויף זיין קאָפּ ביז וואַנען ער וועט נישט אַראָפּגיין פון דעם שלעכטן וועג און וועט זיך צוהערן צו די רייד פון די לערער״.

ד״ר הײלפּערין האָט די דאָזיקע תקנה אָפּגעשריבן פון דעם פּנקס פון די קהל־תקנות אין קראָקע פון יאָר שנ״ה (1595), זיי שטאַמען אָבער פון יאָר שמ״א (1581). דער שרייבער פון קהל אין קראָקע האָט פאַר דער דאָזיקער תקנה צוגעגעבן די ווערטער:

„וזאת התקנה שעשו ד׳ הארצות ביחד בק״ק לובלין יום ג׳ ט״ו כסלו שלו״ה לפ״ק. (און דאָס איז די תקנה, וואָס עס האָבן אָנגענומען צוזאַמען די פיר לענדער אין דער הייליקער קהילה לובלין, 3 טעג אין חודש כסלו, פון יאָר שלו״ה, וואָס מיינט שמ״א — 1581).

אינטערעסאַנט איז אויך דער צוגאָב, וואָס דער קראָקעווער קהל האָט מוסיף

געווען צו דער דאָזיקער תקנה. דער צוגאָב איז אין דער דעמאָלטיקער קהל־שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געפּלעכט פון יידיש מיט לשון־קודשדיקן צומיש.

„עד כאן איז דיא תקנה של ד' ארצות, דיא דיא גימכט האָבן אונ' היא הוט מן אויך מקלל גיוועזין מיט ז' ספרי תורה. דאָ זיין מיר התקנה של ד' ארצות מחזיק ומוסיף על העינשים הנל וועלכער, חס־ושלום דבר אחר מכל הנ"ל עובר דער מוז געבן קנס: מאה זקוקים לשר, חמשים זקוקים לשופט, חמשים זקוקים לצדקה". (עס הייסט, אַז דער קראָקעווער קהל האָט די דאָזיקע תקנה מיט נאָך מער האַרב־קייט באַשלאָסן. מען האָט די יעניקע וואָס וועלן עובר זיין פאַרשאָלטן ביי זיבן ספר־תורהס און דערצו נאָך באַשטימט אַ געלט־שטראָף הונדערט זקוקים (מאַרק) פאַר דעם שר, 50 זקוקים פאַרן ריכטער און 50 זקוקים פאַר צדקה־זאַכן).

וועלן מיר דאָ, אַגב אורחא צוגעבן, אַז צווישן די פּאַראַגראַפן פון פּנקס ועד ארבע ארצות געפינען זיך צענדליקער תקנות און כרוזים (אויפרופן) אין יידיש. אויך האָט דער וועד אַרבע אַרצות צווישן אַנדערע הסכמות אויף ספרים אַרויסגעגעבן דעם הסכם אָפּצודרוקן דעם תנ"ך אין יידיש אין יאָר תל"א (1671). עס איז דאָן אויפן סמך פון דער דאָזיקער הסכמה דערשינען דער תנ"ך אין אַמסטערדאַם אין יאָר תל"ט (1679) מיט דער יידישער איבערזעצונג פון יקותיאל בליץ.

דער וועד מדינת ליטע

אין יאָר 1623 (שפ"ג) האָבן זיך פון דעם אַלגעמיין־פּוילישן וועד אַרבע ארצות אָפּגעטיילט די ליטווישע קהילות. אַ ריי סיבות האָבן געפירט צו דער דאָזיקער אָפּ־שיידונג. געווען זענען עס סיי אויסערלעכע גורמים, אַרויסגערופן מצד דער מלוכה־שער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט פאַר דעם ליטווישן געביט איינגעשטעלט אַן אַנ־דער יורידישן שטייער־סטאַטוס; סיי אינערלעכע — די פאַקטאָרן פון די אַנדערע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען אין ליטע ווי אין דעם פּוי־לישן מוטערלאַנד. די יידישע קהילות האָבן איינגעזען, אַז זיי דאַרפן, ביי דער דאָזיקער לאַגע שאַפן אַן אייגענע „ליטווישע יידישע מדינה".

אין אויגוסט 1623 איז טאַקע אין בריסק־דליטא, אויף אַ צוזאַמענטרעף פון די דריי וויכטיקע ליטווישע קרייז־קהילות (גלילים): בריסק, גראָדנע און פּינסק, גע־שאַפן געוואָרן דער דאָזיקער סעפּאַראַטער ליטוויש־יידישער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט געהייסן: „וועד הקהילות הראשיות דמדינת ליטא". שפּעטער זענען צו די דאָזיקע דריי קרייזן צוגעקומען נאָך צוויי גלילים: ווילנע (אין יאָר 1651) און סלוצק (אין יאָר 1691).

איב פון דעם „וועד אַרבע אַרצות" איז אונדז, ווי פריער שוין דערמאָנט, נישט

איבערגעליפערט געוואָרן אַ פולער דאָקומענט פון זיין טעטיקייט, איז פון דעם דאָזיקן ליטווישן וועד פאַראַן אַ פּרטימדיקער פּנקס, ממש אַ כמעט סטענאָגראַפישער פּראָטאָקאָל־בוך. אַדרבא, דער דאָזיקער פּנקס האָט זיך אויפגעהיט אין דריי קאָפּיעס: אַ גראָדנער, אַ בריסקער און אַ ווילנער.

אין דעם דאָזיקן פּנקס געפינען זיך אַלע תקנות און פּסקים (און פאַרבייוועגס פאַרשיידענע געשעענישן) וואָס מיט זיי האָבן זיך באַשעפטיקט די 33 סעסיעס, וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן דער ליטווישער וועד אין משך פון זיין עקסיסטענץ — פון יאָר 1623 (שפ״ג) ביז 1761 (תקכ״א).

דער דאָזיקער פּנקס איז דערשינען צוויי מאָל: צום ערשטן מאָל ווי אַ ביילאַגע צום ייִדיש־רוסישן זאַמלבוך, וואָס איז דערשינען פעריאָדיש אין פעטערבורג „יעוו־רייסקאַיאַ סטאַרינאַ" אין יאָר 1909. עס איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן דער העב־רעיִשער טעקסט מיט אַ רוסישער איבערזעצונג פון ד״ר י. טובים מיט אַן אַריינ־פיר און הערות פון פּראָפּ' שמעון דובנאָוו. צום צווייטן מאָל איז דער פּנקס אַרויס אין בערלין, אין יאָר 1925, מיט אַן אַריינפיר, באַמערקונגען און נייע צוגאָבעס פון פּראָפּ' שמעון דובנאָוו 2).

די סעסיעס זענען פאָרגעקומען אין בריסק־ד'ליטאָ, פּרוזשענע, סעלץ, מיס־טעצקי, זאַבלודעווע, כאָמסק, קריניק, אָלקעניק, אַמדור, מיר און סלוצק (די לעצטע סעסיע פון 1761). בסך־הכל זענען אויף די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן אָנגענומען גע־וואָרן (לויט דער צווייטער אויסגאַבע פון פּנקס אין יאָר 1925) 941 תקנות און פּסקים. ווען מען באַקענט זיך גענויער מיט די דאָזיקע באַשלוסן און מען פּרוווט זיי אַנאַליזירן זעט מען ווידער אַ ווייטערדיקן המשך פון די אַשכנזישע קהילות פון שו״ם און פון דעם פּוילישן פיר־לענדער־פּאַרלאַמענט, פון וואַנען דער ליטווישער האָט זיך אויסגעטיילט.

אין משך פון די בערך 150 יאָר פון דער עקסיסטענץ פון דעם ליטוויש־ייִדישן פּאַרלאַמענט האָט ער זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיט די יענע ענינים פון די קהילות און זייערע מיטגלידער, וואָס האָבן פריִער פאַר אַלץ געהאַט אַ שייכות צום ערדישן לעבן, פּראָבלעמען פון בין אָדם לחברו.

העכער 90 פּראָצענט פון אַלע באַשלוסן האָבן טאַקע אַ שייכות צו די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון דעם יחיד און דעם קהל. מיר האָבן דאָרטן:

מלוכהשע און קהלשע שטייערן; באַציִונגען צווישן קהל און יחיד און פראַגן פון יורידיש־אַדמיניסטראַטיווע פאַרהעלטענישן צווישן באַזונדערע קהילות צווישן

---

2) פּנקס המדינה או פּנקס ועד הקהילות הראשיות במדינת ליטא, **קובץ תקנות ופסקים משנת שפ״ג עד שנת תקכ״א... ערוך בצרוף מבוא והערות ע״י** שמעון דובנוב, „**עינות**" **ברלין תרפ״ה — 1925.**

זיך און פון אַ ריי קהילות צום וועד; ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע ענינים: — מסחר, אַרענדע, חזקה, קאָנקורענץ, הלוואות, באַנקראָטן, פּראָצענטער, דעפּאָזיטן; מישפּחה־אָנגעלעגנהייטן: — אַלמנות, יתומים, עגונות, שידוכים, נדן, גטן, ירושות אאַז״וו; תקנות קעגן פּריצות און אויסגעלאַסנקייט אין מישפּחה־לעבן, אין דער היים און אין דער עפנטלעכקייט. קעגן שיכרות און האַזאַרד־שפּילן.

עס איז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד אויסגעפאַלן דער קאָזאַקן־בונט פון כמעל־ניצקין, וואָס אויף ייִדן האָט זיך עס אויסגעווירקט אין אַ בלוטיקער כוואַליע פון שחיטות און רויבערייען, וואָס איז אַריין אין אונדזער געשיכטע ווי די גזירת ת״ח ות״ט (1648—1649). די דאָזיקע טראַגישע געשעענישן באַקומען זייער אָפּקלאַנג אין די תקנות. סיי אַ פאַרשטאַרקטער אָנזאָג אָפּצוהיטן מיט מער שטרענגקייט די תקנות פון פריִער קעגן איבערגעטריבענעם לוקסוס און אויסברענגעריי; באַשיידנ־קייט אין קליידונג און סעודות, קעגן צופיל־אויפרייסנדיקע צירונג און צו גרויסע מאָלצייטן ביי שימחות. אַ טייל תקנות זענען וועגן הילף פאַר די קרבנות פון די גזירות; ווי אַזוי פאַראייביקן די קדושים און אַ פאַרבאָט פון מוזיק אין משך פון אַ יאָר און אַנדערע טרויער־פאַראָרדענונגען לזכרון די גזירות.

זיכער איז דער דאָזיקער וועד, פריִער פאַר אַלץ זיין געזעלשאַפטלעכע סטרוק־טור, געווען ווייט פון קענען פאַררעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע פון אידעאַלע דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונגען. די הערשאַפט פון דעם וועד און פון די באַזונדערע גלילים און אָרטיקע קהילות, וואָס האָבן צו זיי געהערט, איז געווען אַ טיפּיש אָליגאַרכישע. די דעמאָלטיקע „עליטע״ פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, די „מיזרח־וואַנט״, די „פּני״ און די כלי־קודש זענען געווען די דעה־זאָגערס. דאָס איז קלאָר. אַגב אַזוי איז עס דאַך דעמאָלט אויך געווען אויף דער נישט־ייִדישער גאַס. די מלוכה־מאַכט אין פּוילן־ליטע איז דאַן געלעגן אין די הענט פון דעם קיניג און זיין נאָענטע סוויטע דאָס פּריצנטום — די שליאַכטע, וואָס איז געווען גאָר שטאַרק באַאיינפלוסט פון דעם קאַטוילישן קלער.

אָבער ביי דעם אַלעמען ווילן מיר אַרויסברענגען דעם פאַקט, אַז דער וועד מדינת ליטא איז געווען, ווי מיר זעען עס, אַ ווייטערדיקער עטאַפּ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע, פון ייִדישער אַליינפאַרוואַלטונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ווירט־שאַפטלעך־עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַל־שטייגערישע און גייסטיקע אינטערעסן פון די טאָג־טעגלעכע נויטן און באַדערפעניש, וואָס עס האָט אין יענער צייט געהאַט די ייִדישע פאָלק־מאַסע. מיר האָבן דאָ אַ ווייטערדיקן באַווייז, ווי די דאָזיקע איינריכ־טונגען האָבן געצויגן זייער יניקה פון יענעם סדר, וואָס עס האָט געשאַפן דער אַשכנזישער נוסח.

מרדכי וו. בערנשטיין

דער וועד מדינת רייסן

אין יאָר 1764 זענען דורך דעם פּוילישן סיים, צווישן אַנדערע „רעפאָרמען", אויך ליקווידירט געוואָרן ביידע „יידישע מדינות" — דער וועד אַרבע ארצות און דער וועד מדינת ליטע. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָבן אַ טייל „פּראָווינצן" פון די דאָזיקע יידישע מדינות, געוויסע גלילים, געפּרוווט פאָרזעצן זייער עקסיס־טענץ, וואָס זיי האָבן שוין פריער פּראַקטיקירט. צווישן די דאָזיקע זענען עס גע־וועזן די גלילים פון רייסן, וואָלין, גרויס־פּוילן (פּויזנער געגנט) און קליין־פּוילן (גאַליציע).

די דערמאָנטע „מדינת רייסן" איז געוועזן אַ פּראָווינץ (אַ גליל) פון דעם ליט־וויש־יידישן פּאַרלאַמענט, ווו זי האָט געהאַט איר אָנערקענטע אויטאָנאָמיע. מיר ווייסן פון בערך דרייסיק סעסיעס, וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן דער דאָזיקער יידישער סוב־פּאַרלאַמענט פון רייסן אין דער צייט פון צווישן 1669 און 1777 (תכ"ט — תקל"ז), אַלזאָ אין משך פון העכער 100 יאָר.

פון דעם דאָזיקן וועד מדינת רייסן (אָדער אין וועד מדינת רוסיא, ווי עס ווערט אין טייל דאָקומענטן אָנגערופן) זענען נישט איבערגעבליבן קיין דירעקטע פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן. דער היסטאָריקער ישעיה טרונק האָט אויפן סמך פון צעזייט און צעשפּרייטע אין פאַרשיידענע פּובליקאַציעס דאָקומענטן און אויסניצנ־דיק אַ ריי פאַרשרייבונגען אין נישט־פאַרעפנטלעכטע פּנקסים פון די ווייסרוסישע קהילות, כתב־ידן וכדומה, רעקאָנסטרויִרט די סטרוקטור פון דעם דאָזיקן וועד[3].

פון דער דאָזיקער סטודיע זעען מיר די אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעוויקלט די הערשונג פון דעם דאָזיקן וועד, ווי אויך די פונקציע, וואָס ער האָט אויסגעפירט. אויך דאָ, ווי אין דעם וועד פון די פיר לענ־דער און וועד פון ליטע, האָט מען זיך פריער פאַר אַלץ פאַרנומען מיט די עקאָנאָ־מיש־ווירטשאַפטלעכע ענינים פון די קהילות און זייערע מיטגלידער. עס שטעלט פעסט ישעיה טרונק:

„וואָס שייך דעם טעטיקייט־פעלד פון וועד מדינת רוסיא דערציילן אונדז די אויפגעהיטע ווייסרוסישע פּנקסים וועגן זיינע תקנות און פּסקים, וואָס זענען נוגע געוועזן בעיקר דער רעגולירונג פון די באַציִונגען צווישן די הויפּט־קהילות און זייערע סביבות, צווישן די גרויסע אַרענדאַרן און די רייכעדיקע קהילות, די קאָמ־פּעטענץ־סיכסוכים צווישן זעלבשטענדיקע קהילות, צווישן קהילות און יחידים און אַזוי ווייטער".

---

3) ישעיה טרונק — „דער וועד מדינת רוסיא" (רייסן); ייוואָ־בלעטער, באַנד 40, ניו־יאָרק 1956, זייטן 63—85.

אַרומגענומען האָט די דאָזיקע ווייסרוסישע מדינה אַ גאַר ברייטן שטח. אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט האָבן צו איר געהערט די יידישע קהילות פון די צוויי וואָיעוואָדשאַפטן מאָהילעוו, מסטיסלאַוו און אַ טייל פון וויטעבסקער. עס האָבן זיך דאָרטן געפונען די קהילות: מאָהילעוו, וויטעבסק, שקלאָוו, אַלט־ביכאָוו, אַמטשיסלאַוו, האָרקי, טשאַוס, דובראָוונע, טאָלאָטשין, ביעליניטש, אָסטראָוונע, פּעטראָוויץ, ליאָזנאָ און אַנדערע.

אין דער דאָזיקער מדינה איז אויסגעקומען דעם וועד צו רעגולירן גאַר שאַרפע סיכסוכים מיט די בעלי־גופישע אַרענדאַטאָרן, וואָס האָבן גאַר חוצפּהדיק אַרויס־געוויזן זייער תקיפות. פון די דאָזיקע פּאַרריסענע און געלט־גייציקע יחידים, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די שטייער־אויפמאָנונג האָבן אָן רחמנות געדריקט דעם דלות־העם. עס וועט זיין כדאַי צו ציטירן אַ פאַרשרייבונג אין דעם וויטעבסקער פּנקס־הקהל, דאַטירט י״ט כסלו תע״ב (1711).

„שוין אַ פּאָר יאָר ווי אויף אונדז האָבן זיך אויסגעגאָסן גרויסע פּורעניות, אַ סך האָבן מיר זיך אָנגעליטן פון די פּוילישע און רוסישע חיילות (בעת דעם שוועדיש־רוסישן קריג) און ווי אַ צולאָג האָט דער וואָיעוואָדע אַרויפגעלייגט אויף אונדז פאַרשיידענע אָפּצאָלן. מען האָט געמוזט אַרויפלייגן מעשר אויף אַלע איינוווינער, נאָר דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. די נויט איז זייער גרויס און איין צרה יאָגט די אַנדערע, ווי עס שטייט געשריבן: אין פרימאָרגן וועסט זאָגן: הלוואַי ווערט אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: הלוואַי ווערט פרימאָרגן!... עס איז נישט געבליבן אַנדערש ווי איינצופירן די קאָראָבקע, וואָס איז אַזאַ שווערע לאַסט, וואָס איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין קיין שום קהילה פון אונדזער מדינה...״

(ציטירט פון דער דערמאָנטער אַרבעט פון ישעיה טרונק).

פון איין זייט שרעקלעכע נויט און פון דער צווייטער זייט די שווערע לאַסט פון די שטייערן.

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט האָבן זיך פון דעם וועד ארבע ארצות אויפגעהיט מאַטעריאַלן ביזן יאָר 1760. פון וועד מדינת ליטע האָבן מיר דעם לעצטן פּראָטאָקאָל פון 1761. נאָך דעם איז געקומען דער סיים־באַשלוס פון 1764 וועגן פונאַנדערלאָזן די וועדים. אָבער פון דעם וועד מדינת רייסן ווייסן מיר, אַז ער האָט נאָך עקסיסטירט ביזן יאָר 1777, ווען עס איז פאָרגעקומען אין מאָהילעוו אַ סעסיע פון דעם דאָזיקן וועד.

געשען איז עס שוין נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1772. דער טייל פון פּוילן, וואָס אויף אים האָט געפירט זיין טעטיקייט דער רייסישער וועד איז אַריבער צו רוסלאַנד, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאָסקווער הערשאַפט.

גליל וואָלין

אין דעם וועד ארבע ארצות האָט דער גליל וואָלין פאַרנומען אַ גאָר חשובן אָרט. אין דעם „פנקס וועד ארבע ארצות" זעען מיר די באַזונדערע חשיבות פון דעם דאָזיקן סוב־פאַרלאַמענט. שוין גאָר אין די ערשטע פּאַראַגראַפן (נומער ט׳ פון יאָר שמ"ח, 1588) ווערט וואָלין דערמאָנט ווי איינע פון די פינף גלילים „בחמשה הארצות האלו פוילין־גדול, פוילין־קטן, רוסיא, ליטא, וואָלין".

מיר געפינען גאָר אָפט ווי דער גליל וואָלין שטעלט זיך קעגן אַ ריי באַשלוסן פון דעם וועד הארצות.

ביים אונטערשרייבן געוויסע דאָקומענטן ווערן זיי, די שליחים פון וואָלין באַזונדער אויסגעטיילט. אין אַ דאָקומענט, אַ הסכמה אויף אַ ספר אין יאָר 1689, גייען די אונטערשריפטן:

„כה דברי מאורות הגרולים הרבנים מורי־צדק דדלד ארצות ודראשי קהילות גליל וולין".

תחילת זענען אין דעם גליל וואָלין געווען פיר הויפּט־קהילות: לודמיר, לוצק, אָסטרע און קרעמעניץ. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך צוויי קהילות — קאָוועל און דובנע. לסוף זענען עס שוין געווען זיבן — עס איז צוגעקומען אָליק.

עס איז כמעט נישט געווען קיין סעסיע פון דעם וועד ארבע ארצות, וווּ עס זאָלן זיך נישט געפינען שליחים פון דעם וואָלינער גליל. כמעט אויף אַלע פסקים, תקנות, הסכמות אָדער כרוזים געפינען מיר די אונטערשריפטן פון די דעלעגירטע פון וואָלין. אָפטער זענען זיי אונטערגעשריבן ווי די שליחים פון זייערע קהילות. עס טרעפט אָבער אויך, אַז ביי דער אונטערשריפט זאָגט זיך: „מבורר ממדינת וואָלין" (אויסגעוויילטער פון דער מדינה וואָלין).

חוץ די באַטייליקונג אין דעם וועד הארצות האָט דער דאָזיקער גליל אויך געהאַט אייגענע סעסיעס פון זיין סוב־פאַרלאַמענט. פון דעם פריער־דערמאָנטן „פנקס וועד ארבע ארצות" ווייסן מיר פון פאַרגעקומענע סעסיעס פון „וועד מדינת וואָלין" אין: ווישניאָוועץ — אין יאָר 1640; קאָזין — אין יאָר 1720; אָסטרע — אין יאָר 1745; ראַכמאַנאָוו — אין יאָר 1745 און 1746; קאָרעץ — אין יאָר 1758.

פון אַ צווייטן מקור, אַ כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין אָקספאָרדער אוניווערסי־טעט, זעט מען, אַז אין דעם וואָלינער גליל איז שוין פאַרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף אין יאָר 1602 (שס"ב) 4). אַגב פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז אַ תקנה ווי

---

4) כתב־יד אָקספאָרד 398. פאַרעפנטלעכט אין אַרטיקל פון ח. ה. בן־ששון: „תקנות איסורי שבת של פוליו ומשמעותן הכללית והחברתית" אין „ציון", באַנד כ"א, העפט ג־ד. ירושלים, תשט"ז — 1956.

אָפּצוהיטן שבת אין די יישובים, ביי דער אַרענדע פּון פּאַרשיידענע פּריצישע הייף און די דאָרטיקע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען און האַנדלס־פּונקטן, דערוויסן מיר זיך זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע פּרטים וועגן דעם עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן מצב פּון די יידישע יישובניקעס און אַרענדאַטאָרן אין יענער צייט.

זיכער האָט דער דאָזיקער גליל עקסיסטירט ביז עס האָט זיך געהאַלטן דער אַלגעמיינער וועד פּון פּוילן. דאָס מיינט, אַז אויך די דאָזיקע אויטאָנאָמע יידישע מדינה האָט זיך געהאַלטן אַ פּאָר הונדערט יאָר. מיט איר טעטיקייט האָט זי זיך נישט אויסגעטיילט פּון די אַנדערע, שוועסטער־מדינות פּון פּוילן.

דער גרויס־פּוילישער וועד

פּאַראַלעל מיט די וועדים פּון די גלילים אויף מיזרח פּון פּוילן (רייסן און וואָלין) האָט זיך אויך אויסגעטיילט אַ געגנט־וועד אין גרויס־פּוילן, וואָס ווערט אין אונדזער היסטאָרישער ליטעראַטור אָנגערופן פּוילן גדול. דער דאָזיקער קרייז האָט אַרומגענומען די וואָיעוואָדשאַפטן פּון פּויזן, גנעזן, קאַליש, שעראַדז, לענטשיץ, בריסק־קויאַווער און וולאָצלאַוועק. אין דעם דאָזיקן קרייז גופא איז נאָך געווען אויסגעטיילט אַן אינעווייניקסטער געביט דער „גליל עליון״, וואָס האָט אַרומגענומען די אומגעגנט פּון קאַליש.

פּון אַן אַרבעט וועגן דעם דאָזיקן גרויס־פּוילישן יידישן סוב־פּאַרלאַמענט [5] דערוויסן מיר זיך די געשיכטע פּון דעם דאָזיקן וועד. עס ווייזט זיך אַרויס אַז שוין אין יאָר 1592 (בערך צוועלף יאָר נאָך דער גרינדונג פּון דעם צענטראַלן פּויליש־יידישן פּאַרלאַמענט, דעם „וועד ארבע ארצות״) איז שוין געווען דער דאָזיקער געגנט־וועד. דער דאָזיקער וועד איז טאַקע געווען איינער פּון די פיר לענדער־פּאַרלאַמענטן, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט דעם צענטראַלן פּוילישן וועד. ער האָט אָבער אויך געהאַט זיין אייגענע, אויטאָנאָמע אַדמיניסטראַציע. אין די פּאַרעפּנט־לעכטע דאָרטן דאָקומענטן טרעפן מיר אַזעלכע אַמטן ווי: אב־בית־דין במדינת פּוזנא; מנהיגי המדינה; פּרנסי המדינה; נאמן המדינה; סופר המדינה; שמאי המדינה; שליח המדינה. דאָס מיינט אַז די דאָזיקע מדינה האָט געהאַט אייגענע בתי־דינים, מנהיגים, פּאַרטרויאונגס־מענער, שרייבערס, שאַצערס און קוריערן. זייערע אסיפות האָמן זיי גערופן „אסיפת הקודש״ ביים „שולחן הטהור״, פּון וואַנען זיי פּלעגן שיקן דעלעגאַטן צום „שולחן ארצות״ (געמיינט דעם וועד ארבע ארצות). זיי האָבן אויך געהאַט אַן אייגענעם בודזשעט.

5) Die Landessynode der grosspolnischen Judenschatt von Rabbiner Dr. **Louis Lewin.** Frankfurt a. M. 1926.



זייט פון „ספר הזכרונות" דער פנקס הקהל פון פויזן ווו עס געפינען זיך דער רוב תקנות פון דעם גרויס־פוילישן וועד.

פונקט ווי דער וועד־ארבע־ארצות פלעגט זיינע סעסיעס אָפּהאַלטן אין יאַריד־שטעט בעת די יערלעכע יאַרידים אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען דער גרויס־פּוילישער וועד — זיינע באַראַטונגען פלעגן פאָרקומען בעת די יאַרידים אין פּויזן, טאָרן, גנעזין, לענטשיץ, שעמפּין, מאָשין, קורניק, קראָטאָשין.

אין דער דערמאָנטער אַרבעט זענען צונויפגעזאַמלט 105 דאָקומענטן, צווישן זיי אַ שפּאָר ביסל אין יידיש־דייטש, ווו עס ווערט דערציילט וועגן די באַשלוסן פון די פאַרגעקומענע סעסיעס פון דעם דאָזיקן אויטאָנאָמען גרויס־פּוילישן וועד. דער ערשטער דאָקומענט איז פון יאָר שנ״ב (1792).

פונקט ווי אין די צענטראַלע וועדים אַזוי האָט מען זיך אויך דאָ, אויף די סעסיעס פון דעם גרויס־פּוילישן געגנט־וועד, פאַרנומען מיט די ענינים פון בין־אָדם־לחברו. דאָ, ווי דאָרטן, זענען עס פּראָבלעמען פון אָרגאַניזאַציע און אַדמיניסט־ראַציע פון דער קהל־אינסטיטוציע; קאָמפּעטענצן פון דער אינסטיטוציע און אירע מנהיגים; סיכסוכים צווישן באַזונדערע קהילות; מסחר, חזקה, ירושות, קאָנקורענץ, הלוואות, אַרענדע, משכנות, געריכטן און אַנדערע פּרטים, וואָס האָט צו טאָן מיט יידישע עקאָנאָמישע עקסיסטענצן; ענינים פון צדקה און חינוך; תקנות קעגן אויס־ברענגעריי און לוקסוס ביי קליידונג און סעודות.

דער דאָזיקער וועד איז אָפיציעל בטל געוואָרן אין יאָר 1764, אין הסכם מיטן באַשלוס פון פּוילישן סיים. פון די פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן אין דער דערמאָנ־טער אַרבעט איז אָבער צו זען, אַז דער דאָזיקער וועד האָט זיך נאָך באַמיט לענגער צו עקסיסטירן. עס האָבן זיך נאָך אַלץ (אפילו נאָך 1764) געטראָפן די קהל־פאַר־שטייערס און אָנגענומען באַשלוסן, וואָס איז פון די קהילות אויסגעפירט געוואָרן.

**
*

חוץ די דערמאָנטע געגנט־וועדים, אָדער יידישע סוב־פּאַרלאַמענטן, איז נאָך אויך געווען אַ וועד פון קראָקע־צויזמיר און אַנדערע קלענערע קרייז־וועדים, וואָס האָבן אַפילו צווישן זיך געפירט וויכוחים און מחלוקות וועגן זייער הערשאַפט און אַפּוטרופּסות איבער אַ ריי געגעבענע ראַיאָנען.

אַזוי איז געווען אַ קרייז פון „תשע קהילות״, ניין קהילות פון דעם גליל כעלם, וואָס האָט אַרומגענומען אַ טייל פון דער זאַמאָיסקער אָרדינאַציע מיט דער קהילה זאַמאָשטש בראש; דער דאָזיקער גליל, וואָס האָט אויך געהייסן גליל כעלם, האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ יידישן אַדמיניסטראַטיוון איינס.

עס זיינען אויך געווען עטלעכע קרייזן פון „קיינעמס ערד״, געביטן אַרום וועלכע גרעסערע קהילות פלעגן פירן אַ קאַמף פאַר דער הערשאַפט איבער זיי. אין דער דעמאָלטיקער קהל־טערמינאָלאָגיע האָט עס געהייסן, אַז דער דאָזיקער קרייז איז אַ „שטח־מריבה״ — אַ קריגס־געביט. אַזוי איז באַקאַנט דער „שטח־מריבה״

צווישן די קהילות טיקטין און גראָדנע, וואָס האָבן זיך אין משך פון צענדליקער יאָרן אַרומגעקריגט צו וועמען עס געהערט דער שטח מיט די קהילות זאַבלודעווע, וואַשילקאָווע, האָראָדאָק, כאָראָשטש. אַ צווייטער „שטח־מריבה" איז געווען צווישן וואָלינער גליל מיטן פינסקער גליל. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער „מדינהשער" אַפּוטרופּסות איבער דעם געגנט, ווו עס האָבן זיך געפונען די קהילות: אָוורוטש, אושאָמיר, אָלעווסק, בראַהין, טשערנאָביל, כאָיניק און נאַראָדיטש, וואָס לויט זייער מלוכהשער אַדמיניסטראַציע האָבן זיי געהערט צו קיעוו.

**
*

אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי די וועדים זענען, אויפן סמך פון די באַשלוסן פון פּוילישן סיים אין יאָר 1764, ליקווידירט געוואָרן, טרעפן מיר פּרוון פון אָרגאַני־זירן צענטראַלע און אָרטיקע יידישע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. אַזוי איז באַקאַנט דער פּרוו פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם וואַרשעווער פירשטנטום, אין די יאָרן 1807—1815 צוריק אויפשטעלן די צענטראַלע און לאָקאַ־לע פּראָווינץ־וועדים און באַנייען די יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. איינער פון די יונגע יידישע היסטאָריקערס, אַבֿרהם אייזנבאַך, האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויפן סמך פון דעמאָלט ניי־באַקאַנט־געוואָרענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן פאַר־עפנטלעכט אַ זייער באַלערנדיקע אַרבעט וועגן דעם. מיר זעען ווי אַזוי די יידן פון פּוילן האָבן ביי די געענדערטע פּאָליטיש־סאָציאַלע פאַרהעלטענישן געפּרוווט אויפ־צובויען זייער „מלוכה אין דער מלוכה" און דערביי טאַקע אָנגעבונדן, סיי דעם אָרגאַ־ניזאַציאָנעלן בוי, סיי דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און איר קאָמפּעטענץ צו די טראַדיציעס פון די אויפגעלייזטע דורכן סיים וועדים 6).

ווי אַ צוגאָב צו זיין אַרבעט ווערן דאָרטן אויך געבראַכט אַ ריי כאַראַקטעריס־טישע דאָקומענטן, אַ סעריע פּראָטאָקאָלן פון פאַרגעקומענע פאַרבאַראַטונגען אין אַ ריי שטעט אין יאָר 1808 7).

פון די דאָזיקע דאָקומענטן זעען מיר, אַז די צוגרייטונגען האָבן געמוזט גע־מאַכט ווערן האַלב־געהיים, אָן דעם וויסן פון דער אָפיציעלער מאַכט. ווען די מאַכט האָט זיך דערוווּסט וועגן די דאָזיקע צוגרייטונגען האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ גאַר שאַרפע אויספאָרשונג און האָט דעם פּראָיעקטירטן פּלאַן צעשטערט. מיר דערוויסן

6) מגר׳ א. אייזנבאַך — די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען פון די יידן אין וואַר־שעווער פירשטענטום (1807—1815); אין „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 2, וואַרשע 1938, זייטן 33—88.

7) דצ"וו — מגר׳ א. אייזנבאַך — מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די דעפּאַרטאַ־מענטן וועדים און געפּלאַנטע צענטראַלע וועדים אין וואַרשעווער פירשטנטום. זייטן 127—149.

זיך, אַז אין די דאָזיקע צוגרייטונגען האָבן זיך באַטייליקט די ווייטערדיקע קרייז־קהילות: וואַרשע, פויזן, בידגאָשטש, פּלאָצק, קאַליש, לאָמזשע, קראָקע, ראַדאָם, לובלין, שעדלעץ.

די תקנות מדינת מעהרין

ביז איצט האָבן מיר דערמאָנט די יעניקע וועדים, וואָס האָבן עקסיסטירט אין מיזרח־אייראָפּע, אויף דעם געביט פון דער אַלט־פּוילישער מלוכה אין שפּעטער אין די אַנדערע אויפגעקומענע אַדמיניסטראַטיוו־פּאָליטישע מדינות אויפן דאָזיקן שטח.

ווען מיר זיך אַריבערטראָגן צו אַ צווייטע תפוצה, בשכנות פון פּוילן, וואָס האָט די געמיינזאַמקייט אין דעם, וואָס אויך זי ציט איר ייחוס — סיי דעם גענעאַלאָגישן, סיי גייסטיקן — פון דער אַשכנז־תקופה, מיר מיינען דאָ מדינת מעהרין.

מעהרין און בעהמען פאַרנעמען זייער חשובן אָרט אין דער געשיכטע פון מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום: די קהילות פּראָג, ניקלשבורג, פּרעשבורג זענען פון די וויכטיקסטע שטיצפּונקטן און לייכט־טורעמס אין דעם גייסטיקן אויפשטייג פון דער מיזרח־אייראָפּעישער תקופה אין אונדזער געשיכטע. מיר ווען אָבער נישט באַטראַכטן די אַלגעמיינע געשיכטע פון די דאָזיקע קיבוצים, מיר נעמען פון דאָרטן נאָר אַרויס דעם פראַגמענט וועדים און תקנות, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו אונדזערע פּויליש־ליטווישע „יידישע פּאַרלאַמענטן" מיט זייערע באַשלוסן.

די מעהרישע וועדים און זייערע תקנות האָבן אַ געשיכטע פון בערך הונדערט יאָר — פון יאָר ת"י (1650) ביז יאָר תק"ח (1748). די מאַטעריאַלן פון דער דאָזיקער יידישער אויטאָנאָמיע איז מעהרין נעמען מיר פון דער שטודיע, וואָס דער פּרויִער שוין דערמאָנטער ביים „פּנקס וועד ארבע ארצות", פּראָפ' ישראל היילפּערין האָט פּאַרעפנטלעכט אין אַ ספּעציעלער אַרבעט 8).

אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען געבראַכט די תקנות פון דריי און צוואַנציק סעסיעס פון דעם מעהרישן „יידישן פּאַרלאַמענט", וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין משך פון די קרוב 100 יאָר אין די ווייטערדיקע קהילות: גאַי, האָלעשוי, קאָניץ, דרעזניץ, אויסטערליץ, ברווידע, קרעמזיר, געדינג, לונדענבורג, בודשפּיץ און רויסטיץ.

אויף דער ערשטער סעסיע זענען אָנגענומען געוואָרן 311 תקנות (די באַרימטע שי"א תקנות־ניקלשבורג, ווייל זיי זענען געחתמעט געוואָרן אין ניקלשבורג). אויף די

---

8) תקנות מדינת מעהרין (ת"י—תק"ח) ישראל היילפּערין ירושלים, חברה מקיצי נדרמים תשי"ב, 304 זייטן. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער נישט־יידישער טיטל פון דער דאָזיקער וויכטיקער זאַמלונג.

Constitutiones Congressus Generalis Judaeorum Moraviensium (1650 - 1748).

ווייניטערדיקע סעסיעס איז די צאָל פון די באַשלוסן דערגאַנגען ביז תרט״ו (615). אַ טייל זענען טאַקע נייע און אַ טייל זענען מאָדיפיקאַציעס און ענדערונגען פון ערשטע גרונט־תקנות.

אַ גרויסער טייל פון די תקנות זענען אין דעם כאַראַקטעריסטישן רבניש־קהלשן לשון, וואָס איז אַ געמיש פון יידיש־דייטש מיט לשון־קודש־אויסדרוקן. ווי אַ ביי־שפיל וועלן מיר טאַקע ברענגען אַ פּאָר מוסטערן פון דעם מין. (מיר גיבן אין דעם ווערטלעכן טעקסט מיט דעם אויסלייג פון מקור. מיר דערגאַנצן נאָר די ווערטער וואָס האָבן ראשי־תיבות אָדער זענען אָפּגעקירצט).



זייט פון דעם ניקלערבורגער פּנקס (מעהרין) וואָס האָט ש״ס תקנות. דער פּנקס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון מונקאַטשער רבין אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל.

(תקנה) י״ד. כל בעל־הבית איז מחוייב זיין קינד צו לאָזין לערנין בבית הספר לעל הפחות שיהיה בן י״ג שנים און׳ זאָל זיך מטפל מיט אים זיין, און׳ זאָל צאָלין פון אים שכר לימוד כפי מסת ידו. ובאם זיין יכולת ניט לאָזן זיין צו צאָלן אזו זאָל ער איין הילף זוכין מקהל או מן גבאים דצדקה, אָדער זאָל אים שיקן לקהילה גדולה דוז איין ישיבה דרינין איז. זאָל ער זיך מגלגל מיט אים זיין עד י״ג שנים וויא ער קאָן, כדי דז בבית הספר זאָל בלייבין. אפילו איזה נער דער ניט מסוגל ווער צום לערנין, טאָר מען אים פאָרט ניט אָוועקנעמין מבית הספר, דוז ער אים וואָלט ברויכין למשא ומתן אָדר אים געבן אויף איין שירת אָדר למלאכה עד לאחר י״ג שנים. אך ורק זאָל אים לאָזין לערנין בבית הספר סדר התפילות וחומש וקריאת התורה והפטורה, שרייבן און לייאנין וכיוצא בזה, אליז לערנין צו לאָזין וואז לדת יהודית גיהערט.

(תקנה) ט״ו. ויתומים שאין להם אָב או אם, זיינען גבאי צדקה גם כן דרויף מחוייב משגיח צו זיין דז קיין יתום ניט זאָל מופרש מבית הספר ווערין עד לאחר י״ג שנים והקהל איז מחוייב איין סיוע צו טאָן לשכר של אותו יתום, אם הוא בן עני, כי המה אביהם של יתומים, אָדר צו שיקן לקרוביו, רק שלא בטל מבית הספר עד לאחר י״ג שנים, כי תלמוד־תורה כנגד כולם.

די דאָזיקע צוויי תקנות רעדן וועגן דער פליכט פון קהל פאַר דער דערציִונג, פאַר דער זאָרג פון קינדער, סיי פון עלטערן, סיי יתומים זאָלן לערנען ביז דאָס דרייצנטע יאָר. אַפילו אָפּגעשטאַנענע זאָל מען זיי פאַר דרייצן יאָר נישט אַרויס־נעמען צו לערנען אַ מלאכה אָדער אַנדערע אַרבעטן.

די ווייטערדיקע תקנה וואָס מיר ברענגען האָט צו טאָן מיט דער זאָרג, אַז די קהל־פירער זאָלן זיין שפּאָרזאַם בעת זייערע סעסיעס, ווען זיי פאָרן אין שליחותן פון קהל אויף די וועדים.

(תקנה) נ״ח. מחמת הוצאה מרובה דיא דאָ אויף גיט על הוועד, הסכמנו דז המזונות של האלופים וקצינים ראשי מדינה והאלופים מבוררים זאָלן קצובים זיין לכל אחד ואחד עשרה צלמים (קרייצער) לכל אחד לכל סעודה בבוקר ובערב ולא יותר, וחצי מידה יין בבוקר בחול ובערב מודה יין לכל סעודה ולא יותר כלל...

ווי מיר זעען האָבן די דאָזיקע מעהרישע תקנות, ווי בכלל דער גאַנצער וועד, אַ גאַר בולטע ענלעכקייט צו אונדזערע פוילישע-ליטוויש-רייסישע וועדים און זייערע תקנות. דער עיקר איז אָבער אידענטיש דער כאַראַקטער און דער אינהאַלט פון די דאָזיקע תקנות צו די פריִערדיקע. די גרעסטע מערהייט פון די מעהרישע תקנות האָבן צו טאָן מיט די זעלביקע ערדישע ענינים ווי אין אונדזערע וועדים. כמעט אַלץ דרייט זיך וועגן די פּראָבלעמען פון בין אָדם לחברו, די זאָרג צו רעגולירן, איינשטעלן אָרדענונג, לייכטער מאַכן די באַציִונגען צווישן די יחידים אין די קהילות

און צווישן די קהילות גופא. די זאָרג פון די צעזייטע און צעשפּרייטע קליינע עדהס אין דער „מדינה" מאַכן אַ געשלאָסענע, אַ פעסטע גאַנצקייט.

**
*

אין דעם לעצטן יאָרהונדערט ביז דער ערשטער וועלט־מילחמה און נאָך דעם, צווישן ביידע וועלט־מילחמות זעען מיר אין מיזרח־אייראָפּע אַ נייעם מין פון יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַניזאַציעס. אין אַ טייל ערטער יידישע אויטאָנאָמיעס און כמעט אומעטום (חוץ דאָרטן, ווו עס איז דורך דער מאַכט־ווילקיר צעשטערט געוואָרן די אַלגעמיינע פרייהייט און במילא די רעכט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן) יידישע קהילות, וואָס זענען, ווו מער און ווו ווייניקער, די אָרגאַנען פון יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

אונדזער ציל איז נישט זיך אָפּצושטעלן אויף דער געשיכטע פון די דאָזיקע קהילה־אינסטיטוציעס. וואָס עס דאַרף דאָ פעסטגעשטעלט ווערן איז, אַז די דאָזיקע יידישע אויטאָנאָמיעס און קהילות ציען זייער ייחוס פון דער אַלט־אַשכנזישער טראַדיציע, פון די קהילות ש"ם, דורך די פאַרשיידענע וועדים פון פוילן, ליטע, רייסן, מעהרין.

זעען מיר ווי די דאָזיקע ירושה פון יענע צייטן האָט ביי גאָר אַנדערע קולטור־היסטאָרישע סיטואַציעס און גאָר געענדערטע פּאָליטישע קאָנסולטאַציעס און אַוודאי גאָר אַנדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די לענדער און די יידישע פאָלקס־מאַסן, געשפּילט די זעלביקע ראָלע — די ראָלע פון דעם צעמענט וואָס האָט צונויפגעקלעפּט די באַזונדערע טיילן פון דעם צעזייט און צעשפּרייטן וועלטפאָלק. נישט נאָר איז די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם דאָ געוועזן כמעט די זעלביקע. אויך דער אינהאַלט פון דער טעטיקייט פון די דאָזיקע קהילות אין לעצטן יאָרהונדערט איז דאָך געוועזן אויסגעפילט מיט די ענינים פון בין אדם לחבירו.

און נאָך אונדזער חורבן בית־שלישי, נאָך דער היטלער־תקופה, ווען מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָט דירעקט געירשנט דעם נוסח־אַשכנז איז פון דער סוואַסטיקאַ פאַרשניטן געוואָרן הייבט אָן דער דאָזיקער נוסח ווידער צו שפּילן די הויפּטראָלע אין דעם קאַמף פאַר דעם יידישן המשך און קיום — די קהילות אין די נייע היימען, אין די אַמעריקעס, אויסטראַליע, אַפריקע, טיילווייז אויך אייראָפּע, באַווייזן טאַקע, אַז די אַשכנז־ירושה איז נישט פאַרטאַכלעוועט געוואָרן.

נאָך בולט קומט עס צום אויסדרוק ביים פעסטשטעלן, אַז די פּרוּוון פון בויען די נייע קהילה־אינסטיטוציעס אין די נייע ישובים מעבר־לים, ווערן געמאַכט פון די אַשכנזישע טיילן פון די ישובים.

אָבער נישט נאָר אויפן געביט פון דער אָרגאַניזאַציע־פאָרעם, נישט נאָר דורך

די באַמיִונגען אויפצובויען אַ ייִדישע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע־ראַם האָט זיך די אַשכנז־ירושה אַרויסגעוויזן שטאַרק און אומדערשיטערט. מיר זעען עס אויך אין אַנדערע דערשיינונגען פון אונדזער לעבן — פריִער פאַר אַלץ אין אונדזער צע־צווייגטן אינסטיטוציאָנאַליזם, אין דער שפע פון ייִדישע חברות, ייִדישע אינסטיטו־ציעס, אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאַנדן מיט זייער פיל־געשטאַלטיקייט און מיט זייער אימפּאָנירנדיקער צאָל און אויפטוען.

וועגן דעם דאָזיקן געביט, ייִדישע אינסטיטוציעס, איז טאַקע כדאַי זיך אָפּצו־שטעלן אין אונדזערע ווייטערדיקע אַשכנז־באַטראַכטונגען.

ייִדישע חברות אין דייטשלאַנד

די ייִדישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, די „מלוכה אין דער מלוכה“, וואָס האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף דער אויספורעמונג פון ייִדישן לעבן אין דער גאַנצער אַשכנז־תקופה, האָט זיך גאָר באַזונדער אויסגעדריקט מיט דער גרויסער און פאַרשיידנאַרטיקער צאָל פון חברות, וואָס די דאָזיקע „מלוכה“ האָט פאַרמאָגט.

ווען מיר הייבן זיך אָן צו באַקענען מיטן גאָר ווייטן עבר און נאָענטן נעכטן פון דעם לעצטן אַשכנז־יאָרטויזנט ווערן מיר ממש פאַרכאַפּט פון דער שפע פון די כל־המינים חברות, פאַראיינען און געזעלשאַפטן, וואָס האָבן עקסיסטירט אין אַלע ייִדישע קיבוצים. דאָס זענען געווען חברות, וואָס האָבן געזאָרגט פאַרן יחיד פון דעם קרייז, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער חברה און אויך אַזעלכע וואָס זייער ווירקונג און הילף האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן כלל. געווען זענען עס חברות, וואָס זענען נישט געשאַפן געוואָרן דורך באַפעלן פון אויבן, פאַרקערט, זיי זענען אויפגעקומען דורך דער איניציאַטיוו פון פאָלקס־גרופן, וואָס לרוב זענען זיי נישט געווען בכוח זיך אַרויפצוכאַפּן צו דער „פני“ פון „מיזרח־וואַנט“. די מערהייט פון זיי זענען אויפגעקומען דורך דער איניציאַטיוו פון פּשוטן המון־עם, פאָלקס־ייִדן, פון די עמך־שיכטן פון דער עדה.

צוזאַמען מיט דער קהילה־אָרגאַניזאַציע, ווי דער אויטאָנאָמער אָנפיר־אָרגאַן פון די אָרטיקע יישובים און די אינסטיטוציע פון וועד־הקהילות, ווו עס זענען געווען צענטראַליזירט די אָרטיקע ייִדישע אַליין־פאַרוואַלטונגען, האָבן די פאַרשיידענע טיפן פון די חברות באַשאַפן די פולע ראַם פון דער ייִדישער נאַציע. דאָ האָט זיך אויסגעדריקט די פולע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פון די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק.

אין דער פאָרשונג פון דער ווונדערלעכער עפּאָכע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז געווען דאָמינירנדיק אין דעם נוסח־אַשכנז פאַרנעמען טאַקע די דאָזיקע

חברות אַ גאָר באַזונדער אָרט. ליידער ליגט נאָך די פאָרשונג פון דעם דאָזיקן געביט אין די ווינדעלעך. יידישע וויסנשאַפטלער האָבן זיך ערשט קוים צוגערירט צו דעם 1).

ערב דעם היטלער־חורבן איז אויפגעקליבן געוואָרן אַ גאָר גרויסער מקורים־מאַטעריאַל, אין דער פאָרעם פון פנקסים און תקנות פון די דאָזיקע יידישע חברות, ווו עס האָט זיך געפונען אַ שלל מיט מאַטעריאַלן צו זייער געשיכטע און טעטיקייט אין משך פון יאָרהונדערטער. דאָס האָט געטאָן דער ייִוואָ אין ווילנע (עס וועט נאָך אויסקומען שפּעטער גענויער וועגן דעם צו דערציילן); דאָס האָבן געטאָן אַ ריי יידישע אינסטיטוטן אין ראַטנפאַרבאַנד 2); דאָס האָבן אויך געטאָן אַ ריי יחידים און אַנשטאַלטן אין די נייע היימען מעבר־לים. ליידער זענען די ריזיקע ייִוואָ־אוצרות פאַרטיליקט געוואָרן צוזאַמען מיט די לעבעדיקע יידן פון ווילנע און אומעטום, וווהין די נאַצישע בעסטיע איז געקומען. די יידישע אוצרות פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געטיילט דעם זעלביקן גורל ווי דאָס גאַנצע סאָוועטישע יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. די זאַמלונגען מעבר־לים ליגן דערווייל „איינגעפרוירן“.

ווען מיר דאָ טאַקע ווייטער אָנווייזן, נאָר ראשי־פּרקימדיק, אויף דעם דאָזיקן חברות־רעגנבויגן, וואָס באַלייבט מיט גאָר אַ באַזונדער שיין אונדזער אַשכנז־תקופה, פון אירע אָנהייבן אויף די גערמאַנישע פליינען און איר שקיעה אין דער סלאַווישער ספערע. מיר גלייבן, אַז עס וועלן קומען צייטן, ווען דער דאָזיקער פענאָמען וועט אַלזייטיק באַאַרבעט, שטודירט און באַלויכטן ווערן. אַז עס וועט אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר אונדזער היינטיקן דור דער ריזיקער וואַלד פון יידישע חברות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן; מיט בילדונג און דערציִונג;

---

1) פון די וויכטיקסטע אַרבעטן אויף דעם געביט זענען פון: ד״ר סאַלאָ באַראָן:
The Jewish Community, Philadelphia 1942.
פון ד״ר יצחק א. לעווי־טאַץ: The Jewish Community in Russia, 1772 - 1844, Columbia University Press 1943.
פראַגמענט פון זיין דאָזיקן בוך איז אויך אָפגעדרוקט אין באַנד 4 פון „העבר“, תמוז תשט״ז, תל־אביב.
און פון ד״ר י. מ. מאַרקוס: Communal Sick - Care in the German Ghetto. Hebrew Union College, Cincinnatti 1947.

2) אין דער אַרבעט פון פּראָפעסאָר י. סאָסיס — „יידישע באַלמעלאָכעס און זייערע אַרבעטער אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע“ (אין 18טן יאָרהונדערט), וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „צייטשריפט“, באַנד 4, מינסק 1930, ווערן ציטירט אַ ריי פנקסים, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון יידישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אויך אין אוקראַינע האָבן זיך אין די יידישע פאָנדן פון דער מלוכהשער אַקאַדעמיע געפונען פנקסים פון אַ סך קהילות.

מיט אַלע אָפּצווייגן פון קעגנזייטיקער הילף — וואָס האָט זיך מיטן יִדישן מענטש פאַרנומען ממש פון דעם געבוירן ווערן ביז זיין לעצטן טאָג פון לעבן.

בלעטערנדיק די פּאָליאַנטן פון די פאַרשיידנסטע דאָקומענטן — אַרכיוואַליען אָדער פּובליקאַציעס — ווערן מיר אַרומגענומען מיט אַ ווונדערלעכן געפיל. נישט נאָר ווערן מיר ממש איבערראַשט פון דער פילפאַרביקייט און אַלזייטיקייט פון דער געזעלשאַפטן־נעץ, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די מיטברידער אין זייערע נויטן; נישט נאָר פאַר זייער הומאַניטאַרן פאָלקס־כאַראַקטער; פון דעם לרוב־דעמאָקראַטישן בוי פון די דאָזיקע חברות. מיר ווערן פאַרחידושט ביים פעסטשטעלן, אַז גאָר אָפט, טאַקע אין דער ווייט־גרעסטער מערהייט, זענען אונדזערע יִדישע פאַראיינען און אַנשטאַלטן פון קעגנזייטיקער הילף געווען די איינציקע אין דעם געגעבענעם יִשוב. גאָר אָפט איז געשען, אַז מיט יאָרהונדערטער, אָדער יאָרצענדליקער, איידער עס זענען אויפגעקומען די שטאָטישע שפּיטעלער אָדער אַמבולאַטאָריעס; שטאָטישע אַזיל־הייזער פאַר אַלטע און יתומים — האָט שוין די יִדישע „מלוכה“, אָן מלוכהשער רעכט און אָן שטאָטישער הילף, געהאַט אין די שטעט און שטעטלעך אַזעלכע אינסטיטוציעס. דאָס זענען געווען דער „הקדש“ און „הכנסת־אורחים“; די „חברה־לינה“ אָדער „ביקור־חולים“; „מושב־זקנימס און בית־יתומימס“. איידער די מלוכה און די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן געטראַכט וועגן לערן־ און דערציִונג־אַנשטאַלטן האָט שוין יעדער יִדישער קיבוץ געהאַט זיין חינוך־אינסטיטוציע מיט תקנות, וואָס זענען געווען אַלט יאָרהונדערטער 3).

עס איז טאַקע כמעט נישט געווען קיין איין יִדישער יִשוב, ווי קליין און אָרעם ער זאָל נישט האָבן געווען, וווּ עס זאָלן שוין מיט יאָרהונדערטער צוריק נישט האָבן געווען חברות, וואָס די היינטיקע, מאָדערנע, סאָציאַלע מלוכה זוכט נאָך אַלץ וועגן ווי אַזוי דאָס צו רעאַליזירן.

**
*

ווען מיר דאָ, ווי פריִער דערמאָנט, ברענגען נאָר פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן חברות־אַספּעקט. אָנהייבן וועלן מיר טאַקע פון דייטשלאַנד, דאָס געבורט־לאַנד פון אַשכנז.

מיר האָבן פאַר אונדז אַ זייער פּרעציזן (ווי עס קענען עס נאָר מאַכן דייטשישע יִדן) באַריכט וועגן די יִדן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1933, דאָס הייסט, אין דעם

3) פאַר דער געשיכטע פון יידישן חינוך ביי יידן; זייערע אינסטיטוציעס; רעגולאַמינען און אַפילו פּעדאַגאָגישע מעטאָדן האָט צוגעשטעלט אַ ריזיקן מקורים־מאַטעריאַל דער פּראָפעסאָר שמחה אָסף אין זיינע פיר בענד: „מקורות לתולדות החנוך בישראל“, אַרויסגעגעבן אין תל־אביב, ישראל.

לעצטן יאָר ערב דעם היטלער־אויפמאַרש. דער באַריכט איז נישט געמאַכט געוואָרן שפּעטער, וואָס מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָרטן זענען געוויסע פראַגמענטן צוגעפּוצט. דער באַריכט איז געמאַכט געוואָרן אין דאָזיקן יאָר; עס איז איינער פון די יערלעכע אַלמאַנאַכן, וואָס די צענטראַלע פון די ייִדישע צדקה־חברות אין דייטשלאַנד פלעגט אַרויסגעבן 4). פון דער דאָזיקער גרויסער, פּרטימדיקער און אַלץ אַרומנעמענדיקער פּובליקאַציע וועגן די ייִדן אין דייטשלאַנד איז פאַראַן זייער פיל צו לערנען. מיר וועלן פון דאָרטן אַרויסנעמען נאָר יענע פראַגמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער טעמע. עס דערציילן די ציפערן, אַז אין יאָר 1933 האָבן די דייטשישע ייִדישע געמיינדעס פאַרמאָגט:

— 1350 געזעלשאַפטן און חברות פון פאַרשיידנאַרטיקער קעגנזייטיקער הילף;

— 670 פאַרשיידענע פרויען־פאַראייניקונגען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צדקה־טעטיקייטן;

— 450 חברה־קדישאס, וואָס דער רוב פון זיי האָט חוץ די פליכט פון חסד־של־אמת נאָכן טויט זיך אויך פאַרנומען מיט הילף פאַר לעבעדיקע;

— 98 שפּיטעלער און הייל־אַנשטאַלטן;

— 66 יתומים־הייזער און אַנשטאַלטן פאַר קינדער און יוגנט־שוץ;

— 58 מושב־זקנימס און אַנשטאַלטן פאַר אַלטע־פאַרזאָרגונג.

בסך הכל דריי טויזנט חברות פון קעגנזייטיקער הילף. אין דעם גייען נישט אַריין די טויזנטער ממש פאַראיינען פון קולטור־ און בילדונג; פון דערציִונג (אָנהייבנדיק מיט פאָלקסשולן און פאַרענדיקנדיק מיט ייִדישע הויכשולן); טעאַטער־פאַראיינען; ביבליאָטעקן; כאָרן; ספּאָרט־פאַרבאַנדן און יוגנט־קאָרפּאָראַציעס; רעליגיעזע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַראייניקונגען.

און די דאָזיקע טויזנטער אינסטיטוציעס זענען נישט אַזעלכע וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער לעצטער צייט. טייל פון זיי האָבן שוין הינטער זיך געהאַט אַ לאַנגע געשיכטע פון יאָרהונדערטער. אָט זענען אַ פּאָר ביישפּילן פון פּובליקאַציעס לכבוד יובילעאומס פון אַ ריי אינסטיטוציעס און פאַראיינען:

אין שטעטל לאַנדסבערג אויף דער וואַרטע, אין דער געגנט פון פראַנקפורט ביי דער אָדער אין אין יאָר 1868 אַרויס אַ באַריכט צום 200 יאָריקן גרינדונג־טאָג פון דעם צדקה־פאַראיין „חברה קדישא של גמילות־חסדים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תכ"א — 1668. דאָס הייסט, אַז וואָלט דער דאָזיקער ייִשוב נישט חרוב געוואָרן בימי־היטלער (אין יאָר 1933 זענען דאָרטן געווען בערך 600 ייִדן)

4) Führer durch die Jüdische Gemeindeverwaltung und Wohlfartspflege in Deutschland 1932-33. Berlin.

וואָלט די דאָרטיקע עדה זיך געגרייט צו פייערן דעם יובל פון 300 יאָר עקסיסטענץ פון דער דאָזיקער חברה.

רעדן מיר וועגן לאַנדסבערג, וואָס האָט בסך־הכל געהאַט 600 ייִדן אין דעם גורל־יאָר פאַרן חורבן, ווילן מיר צוגעבן, אַז דער דאָזיקער גאָרנישט גרויסער ייִשוב, האָט חוץ דער דאָזיקער חברה נאָך געהאַט:

אַ סינאַגאָגע אויף דער יודענשטראַסע; אַ בית־עולם און אַ שולע (פאַר איין און דרייסיק קינדער) אויך אַ ביבליאָטעק.

אַ פּריוואַטע גמילות־חסד־קאַסע פאַר אָרעמעלייט, געגרינדעט אין יאָר 1795, מיט זיבעציק מיטגלידער;

אַ בירגער־רעטונג־אינסטיטוציע, געגרינדעט אין יאָר 1813, מיט פערציק מיטגלידער;

אַ אַ פאַראיין „הכנסת כלה‟, געגרינדעט אין יאָר 1858, מיט ניין און פופציק מיטגלידער;

אַ פרויען־פאַראיין צו הילף פאַר קראַנקע, געגרינדעט אין יאָר 1892, מיט פיר און אַכציק מיטגלידער;

אַ „ביקור־חולים‟־פאַראיין, געגרינדעט אין יאָר 1863, מיט 80 מיטגלידער;

אַ ייִדישן וואַנדער־אונטערשטיצונג־פאַראיין, געגרינדעט אין יאָר 1914;

אַ מושב־זקנים, מיט פופציק ערטער.

לאָמיר נאָך אַ מאָל דערמאָנען, אַז דאָס שטעטל האָט געהאַט נישט מער ווי זעקס הונדערט ייִדישע נפשות, שוין מיט זקנים און קינדער.

אין קעניגסבערג, מיזרח־פּרייסן, איז אין יאָר 1904 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פעסטשריפט, אַ יובל־אויסגאַבע צום 200סטן גרינדונג־יאָר פון דער חברה פאַר „קראַנקן־פלעגע און חברה־קדישא‟. וואָלט די קהילה נישט פאַרשניטן געוואָרן, וואָלט מען שוין געפייערט דעם יובל פון צוויי הונדערט און פופציק יאָר פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

אין ברעסלאַו, די צענטראַלע קהילה פון נידערשלעזיע, איז אין יאָר 1826 דער־שינען אַ פאַמפלעט מיטן נאָמען „קול תורה וקול זמרה‟, צום הונדערטסטן גרינדונגס־יאָר פון דעם ייִדישן פאַראיין פאַר קראַנקן־פלעגע; אין יאָר 1926 איז געפייערט געוואָרן די דאַטע פון צוויי הונדערט יאָר עקסיסטענץ פון דאָזיקן פאַראיין; דאַן איז דערשינען אַ גאָר גרינטלעכע שטודיע וועגן דער דאָזיקער אינסטיטוציע 5).

אין האַנאָווער איז אין יאָר 1912 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ יובל־שריפט, „גע־דענקבלעטער‟ צום 150סטן גרינדונג־יאָר פון דער „חברה־קדישא של ביקור־חולים

5) Dr. Louis Lewin, Rabbiner. Geschichte der Israelitischen Kranken-Verflegungs - Anstaet zu Breslau 1726-1729.

וגמילות חסדים״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1762. וואָלט דאָרטן היינט געוועזן אַ קהילה ווי אין די פריערדיקע צייטן, וואָלט זיכער אין יאָר 1962 אָפּגע־צייכנט געוואָרן די דאַטע פון צוויי הונדערט יאָר פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

אין מינכען איז אין יאָר 1906 דערשינען אַ פּובליקאַציע פון ה. עהרענטרוי צום יאָרטאָג פון הונדערט יאָר עקסיסטענץ פון דעם פאַראיין „חברה־קדישא — קראַנקן־פלעגע״. אין יאָר 1956 האָט מען דערמאָנט די דאַטע פון הונדערט און פופ־ציק יאָר, אָבער גערעדט האָט מען מער וועגן חורבן ווי וועגן יובל.

אין ברעטצענהיים (אַ שטעטל אַרום מאַינץ) איז אין יאָר 1910 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ יובל־שריפט לכבוד דעם 100סטן גרינדונג־יאָר פון דער דאָרטיקער „צדקה־חברה״. היינטיקס יאָר וואָלט מען דאָרטן, ווען עס וואָלטן געבליבן די יידן פון שטעטל, געפייערט הונדערט און פופציק יאָר פון דער גרינדונג פון פאַראיין. און ווייסט איר וויפל יידן עס זענען געוועזן אין דאָזיקן שטעטל? — נישט מער ווי ניין און דרייסיק נפשות!

ווילן מיר פאַרענדיקן דאָס פאַרצושטעלן די יובל־פּובליקאַציעס מיט האַמבורג. אין יאָר 1912 האָט די דאָרטיקע „חברה קדישא דקברנים״ געפייערט הונדערט יאָר זינט איר עקסיסטענץ. פאַקטיש, דערציילן די דאָקומענטן, האָט די דאָזיקע חברה שוין עקסיסטירט פון יאָר 1670, אָבער זי איז זיך אין משך פון דער צייט צעפאַלן און אין יאָר 1812 איז זי צוריק אויפגעבויט געוואָרן און אין 1912 געפייערט איר 100סטן אַניווערסאַר. אָבער אָט ליגט פאַר מיר אַ מערקווירדיקער דאָקומענט, אַ „יובל־אויסגאַבע״ צום 125סטן אַניווערסאַר, שוין בימי היטלער, אין יאָר 1937. עס איז איינער פון די אויסטערלישסטע צייט־דאָקומענטן, וועגן וועלכן מען דאַרף באַזונדער אינפאָרמירן.

שוין פיר יאָר צייט בושעוועט די סוואַסטיקע־חיה אין דייטשלאַנד, פון 1933 ביז 1937... און „חברה קדישא דקברנים״ פייערט אַ שימחה פון הונדערט פינף און צוואַנציק יאָר עקסיסטענץ. עס איז שוין נישט קיין דיקע לוקסוסדיקע „פעסט־שריפט״, עס איז אַ העקטאָגראַפירט פאַמפלעטל פון פיר זייטלעך. איבער די דריי־טשישע שורות וועגן דער פייערונג שטייט טאַקע מיט יידישע אותיות: קול ששון ושמחה. אינעווייניק זענען אָפּגעדרוקט דריי לידער. די לידער זענען אין דייטש, אָבער ביי יעדעס ליד איז צוגעגעבן די מעלאָדיע, מיט וועלכע מען דאַרף עס זינגען: דאָס ערשטע ליד מיט דער מעלאָדיע פון „אָגיל ואָשמח״; די צווייטע מיט דער מע־לאָדיע פון „אדון עולם״, צוגעגעבן אין קלאַמערן: אַלטער האַמבורגער ניגון; דאָס דריטע ליד דאַרף מען זינגען מיט דער מעלאָדיע פון „שיר המעלות״...

***

דאָ זענען דערמאָנט געוואָרן נאָר יענע פּובליקאַציעס, וואָס מיר האָבן זיי געהאַט אונטער דער האַנט. שוין די דאָזיקע געציילטע באַווייזן ווי טיף איינגעפּונדעוועט עס זענען געווען די ייִדישע חברות פון קעגנזייטיקער הילף, ממש הונדערטער יאָרן. אָבער מיר ווילן זיך מיט דעם צעטל דערמאָנטע חברות נישט באַנוגענען. די דאָזיקע פאַרצווייגטע נעץ פון דעם ייִדישן „מיניסטעריום" פון סאָציאַלע הילף, וואָס האָט פאַרנומען איינעם פון די וויכטיקסטע ערטער אין די ייִדישע „מלוכות" פון דער „אַשכנזי-אימפּעריע" דאַרף דאָ ברייטער אַרויסגעהויבן ווערן.

גייען מיר טאַקע ווייטער נאָך אַלץ אין דייטשלאַנד. אַט ווילן מיר דאָ ווייטער אויסרעכענען אַ רשימה מיט ייִדישע קהילות אין דייטשלאַנד, ווו זייערע חברות האָבן געציילטע הונדערטער יאָרן. עס איז אַ סעלעקטירטע רשימה, עס ווערן געבראַכט נאָר כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן. דאָס איז אַלץ וועגן דעם צושטאַנד פון יאָר 1933, אויפן סמך פון דער דערמאָנטער פּובליקאַציע:

אַלטאָנאַ — „ביקור חולים", געגרינדעט אין יאָר 1701 — צוואָנציק מיטגלידער; „חברה קדישא קברנים", געגרינדעט אין יאָר 1711 — צוויי און דרייסיק מיטגלידער;

באַד-קרויצנאַך — „חברה קדישא הילף-פאַריין", געגרינדעט אין יאָר 1760. זואָלט דאָרטן געווען די אַלטע קהילה, וואָלט געווען די געלעגנהייט אָפּצוצייכענען דעם אַניווערסאַר פון צוויי הונדערט יאָר פון דער חברה;

בוטענהויזן — „חברה עניים", געגרינדעט אין יאָר 1839, — פערציק מיטגלידער. אין דער גאַנצער קהילה האָבן געלעבט נישט מער ווי צוויי און ניינציק נפשות, מיט אַלע און קינדער.

בערלין — „הכנסת כלה", געגרינדעט אין יאָר 1617; „מגיני רעים", געגרינדעט אין יאָר 1804 — טויזנט פיר הונדערט און צוואָנציק מיטגלידער;

ברעסלאַו — „אהבת רעים", געגרינדעט אין יאָר 1811 — דריי הונדערט פינף און פערציק מיטגלידער;

גונצענהויזן — „חברה גמילות חסדים", געגרינדעט אין יאָר 1740, זיבן און דרייסיק מיטגלידער; „פרויען-פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1750, מיט זיבן און פופציק מיטגלידער;

גוקסהאַגען — „חברת בחורים", געגרינדעט אין יאָר 1840, מיט פופצן מיטגלידער. לאָמיר דעם דאָזיקן שטעטל ווידמען נאָך אַ פּאָר שורות: — דאָרטן זענען בכלל געווען הונדערט און ניינציק ייִדישע נפשות. חוץ די דערמאָנטע „חברת

בחורים״ זענען נאָך דאָרטן געווען „חברה ברית שלום״ מיט פערצן מיטגלידער; „חברה נשים״, מיט פופצן מיטגלידער; „חברה קדישא״, מיט דרייצן מיטגלידער; זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַ לערער אין זייער פאַלקסשולע, וווּ עס האָבן זיך געלערנט זיבן און צוואַנציק קינדער; עס איז דאָרטן געווען אַן „אגודת ישראל״ מיט אַ יוגנט־גרופּע. עס האָט נישט געפעלט קיין סינאַגאָגע; אַ בית־עולם און אַ מיקווה. אַלץ פאַר די הונדערט און ניינציק נפשות!!!

גײַלינגען — „חברה קדישא״, געגרינדעט אין 1676, מיט פיר און פופציק מיטגלידער;

געלנהויזן — „חברה קדישא קברנים״, געגרינדעט אין יאָר 1711, מיט פופצן מיטגלידער;

דאַרמשטאָט — „חברה גמילות חסדים״, געגרינדעט אין יאָר 1710, מיט פיר און פופציק מיטגלידער;

דיסלדאָרף — „חברה גמילות חסדים ואמירת תהילים״, געגרינדעט אין יאָר 1795, מיט זעקס הונדערט און פופציק מיטגלידער;

דעסאַו — „חברה קדישא״, געגרינדעט אין יאָר 1686, מיט זעקס און פערציק מיטגלידער;

דרעזדען — „ביקור חולים״, געגרינדעט אין יאָר 1749, מיט פופציק מיטגלידער;

האַלבערשטאָט — „ביקור חולים״, געגרינדעט אין יאָר 1737, מיט הונדערט און פופציק מיטגלידער; „הכנסת כלה״ געגרינדעט אין יאָר 1766, מיט זיבעציק מיטגלידער;

האַמבורג — „צרכי קבורה״, געגרינדעט אין יאָר 1718; „הכנסת כלה״, געגרינדעט אין יאָר 1750, מיט זעכציק מיטגלידער; „פאַראיין שבת־עסן פאַר אורחים״, געגרינדעט אין יאָר 1848;

מאַינץ — „הכנסת כלה״, געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1724, מיט צוויי הונדערט פינף און זיבעציק מיטגלידער;

מאַנהיים — „ביקור חולים״, געגרינדעט אין יאָר 1674; „פרויען־פאַראיין״, געגרינדעט אין יאָר 1777, מיט פינף הונדערט מיטגלידער;

עמדען — „בחורי חמד״ (פאַראיין פאַר נויטבאַדערפטיקע אויף פסח), געגרינדעט אין יאָר 1800, מיט ניין מיטגלידער; „הכנסת כלה״, געגרינדעט אין יאָר 1811,

מיט פערציק מיטגלידער; „אשת חיל", געגרינדעט אין יאָר 1848, מיט הונדערט מיטגלידער; „מלביש ערומים", געגרינדעט אין יאָר 1800, מיט ניינצן מיטגלידער; „דרך צדקה", געגרינדעט אין יאָר 1860, מיט אַכציק מיטגלידער; „הכנסת אורחים", געגרינדעט אין יאָר 1946, מיט איין און ניינציק מיטגלידער; „פרויען־פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1843, מיט הונדערט און אַכציק מיטגלידער; „עזרת יתומים"; לסוף וועלן מיר נאָך צוגעבן די עלטסטע געזעלשאַפט „חברה קדישא און קראַנקן־פלעגע" געגרינדעט אין יאָר 1661 מיט צוויי הונדערט מיטגלידער. און דאָס אַלץ אין אַ שטעטל מיט זיבן הונדערט יידישע נפשות. כדי דאָס בילד זאָל זיין גאַנץ, דאַרף מען אויך איבערגעבן, אַז דאָרטן איז געווען אַ מושב־זקנים פאַר צוועלף מאַן; אַ בית־יתומים פאַר צוואַנציק קינדער; אַ יידישע פאָלקסשולע מיט איין און זעכציק קינדער און אַ צווייטע שולע פאַר רעליגיעזער אונטעררעכט, פאַר יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער אַלגעמיינער שולע, מיט אַכציק קינדער. אין דאָזיקן שטעטל מיט די דערמאָנטע העכער אַ צענדליק אינסטיטוציעס האָבן נאָך עקסיסטירט אַ „צענטראַל פאַראיין"; אַ געזעלשאַפט „בגדי שרד"; אַ „אגודת ישראל"; אַ „תלמוד־תורה־פאַראיין"; אַ „רייכסבונד יידישער פראָנט־סאָלדאַטן"; אַ „יוגענטבונד"; אַ „ציוניסטישע אָרטסגרופּע". נאָך אַ מאָל — אַלץ פאַר זיבן הונדערט יידישע נפשות.

פראַנקפורט ביים אָדער — „פרויען־פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1810, מיט הונדערט און פופציק מיטגלידער;

קאַרלסרוהע — „חברה דבר טוב" — געגרינדעט אין יאָר 1764, מיט אַכט און פערציק מיטגלידער;

קעלן — „חברה סמיכת דלים", געגרינדעט אין יאָר 1849, מיט טויזנט צוויי הונדערט זעכציק מיטגלידער.

בסך־הכל האָבן מיר דאָ פאַרגעשטעלט די עלטערע חברות אין צוואַנציק שטעט פון די פאַרשיידענע טיילן און לענדער פון דייטשלאַנד. די נעמען, די יאָרן פון זייער גרינדונג, די צאָל פון זייער מיטגלידערשאַפט — דאָס אַלץ ווייזט וועגן דעם נוסח, די זאָרגן פאַר דעם מיטברודער; דאָס שטיין מיט די פיס אויף דעם ערד — דער פאַראָל פון ואהבת לרעך, האָב ליב און העלף דיין פריינט, דיין נאָענטן, איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער דאָזיקער טעטיקייט.

***

געוועזן צווישן די דאָזיקע טויזנטער אינסטיטוציעס אַזעלכע וואָס האָבן געשמט איבער דער גרויסער יידישער וועלט; וואָס זענען פאַר דער אָרטיקער, אַפילו נישט־

יידישער באַפעלקערונג, געוועזן אַ מוסטער; לאָמיר ווידער איבערחזרן, אַז אַ טייל פון זיי זענען געשאַפן געוואָרן נאָך איידער עס זענען געוועזן ענלעכע אַנשטאַלטן אין דער שטאַט בכלל. אָט זענען זיי:

מיר נעמען נאָר אַזעלכע וואָס זענען עלטער פון הונדערט יאָר:

שפּיטאָלער — אין ברעסלאַו (געגרינדעט אין יאָר 1726); מאַנהיים (געגרינדעט אין יאָר 1832);

בית־יתומימס — פיורט ביי נירנבערג (געגרינדעט אין יאָר 1763); האַמבורג (אין יאָר 1766); עסלינגען (אין יאָר 1831); בערלין (אין יאָר 1832);

מושב זקנימס — פראַנקפורט ביים מאַין (אין יאָר 1738); אַלטאָנאַ (אין יאָר 1763); פיורט ביי נירנבערג (אין יאָר 1770); וואָרמס (אין יאָר 1800); בערלין (אין יאָר 1829); מאַנהיים (אין יאָר 1832).

* * *

פון גאָר גרויס אינטערעס און באַדייטונג איז אויך די נאָמענקלאַטור פון די חברות. נישט נאָר פאָרשערס און וויסנשאַפטלערס וועלן אין די נעמען פון די גע͏זעל־שאַפטן געפינען זייער וויכטיקע אָנדייטונגען. מיר האָבן פאַר זיך דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס וואָרצלען אין גאָר פריִע צייטן; אין זייערע נעמען זענען פאַראַן די שפּורן פון לאַנגער טראַדיציע. די ווייטערדיקע רשימה איז נאָכן אַלף־בית־סדר. מיר שטרייכן אונטער, אַז דער רוב פון די נעמען חזרן זיך איבער אין אַ סך דייטשישע קהילות, טייל ממש אין הונדערטער.

אַזוי זעט עס אויס דער קאַלאַדייסקאָפּ פון די נעמען פון די חברות אין דייטש־לאַנד, אין דעם יאָר ווען היטלער איז געוואָרן דער מושל איבערן לאַנד:

„אגודת אחים״; „אהבת אחים״; „אהבת אמת״, „אהבת חיים״; „אהבת חסד״; „אהבת ישראל״; „אהבת שלום״; „אוהבי אמת״; „אוהל יעקב״; „אורח חיים״; „אחדות״; „אחדות ישראל״, „אחווה״; „אחי עזר״; „אַנשי חסד״, „אסיפה״; „אשת חיל״.

„בגדי שרד״; „בחורי חמד״; „ביקור חולים״; „בנין בית־הכנסת״; „ברודער־שאַפט — ח״י אנשים״; „ברית אחים״; „ברית שלום״.

„גומל טוב״; „גמילת חסד״; „גמילת חסדים״; „גמילת חסדים ואמירת תהילים״; „גמילת חסדים ומשען אבלים״.

„דבר טוב״; „דבר מיצווה״; „דורשי טוב״; „דרך צדקה״.

„הכנסת אורחים״; „הכנסת כלה״.

„חברה בחורים״; „חברה דלים״; „חברה השכמה״; „חברה מזונות״; „חברה

עניים״; „חברה קברנים״; „חברה תהילים״; „ח״י אנשים״; „חנוכה פאַראיין״ (צו געבן יידישע קינדער חנוכה־געלט).

„ידידי אילמים״.

„לינת הצדק״; „לינת הצדק ומנחם אבלים״.

„מבקשי טוב״; „מגיני רעים״; „מחזיקי הדת״; „מלביש ערומים״; „מעות חיטים״; „מעריב בזמנו״; „משענת חולים״; „מתן בסתר״.

„נוה מנוחה״ — (אַ מושב־זקנים).

„סומך נופלים״; „סמיכת דלים״.

„עדת ישורון״; „עדת ישראל״; „עושה טובות״; „עזרה״; „עזרה בצרה״; „עזרת אחים״; „עזרת דלים״; „עזרת זקנים״; „עזרת ישראל״; „עזרת כפופים״; „עזרת נשים״; „עץ חיים״.

„צדקה״; „צרכי הציבור״; „צרכי קבורה״.

„רודף צדקה״; „רודף שלום״.

„שוחרי טוב״; שומר לבוקר ומשען אבלים״; „שומר מיצווה״; „שומרי שבת״.

„תהילים־פאַראיין״; „תורת אמת״; „תלמוד תורה״; „תומכי נצרכים״; „תומכי עניים״; „תומכי תמימים״; „תכריכים־קאַסע״; „תרומת הקודש״.

די דאָזיקע נעמען רעדן פאַר זיך. הילף, שטיצע, ברידערלעכע עצה און דער־מוטיקונג אין נויט. זיכער זענען דאָ פאַראַן פאַראיינען וועגן הימלשע ענינים, גאָט־זאַכן. דער רוב מנין און בנין איז אָבער געווען פאַר די טאָג־טעגלעכע, ערדישע נויטן.

וועגן איין איינציקע חברה וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן גאַר באַזונדער. דאָס איז די חברה „עץ־חיים״. פון אָנהייב, ווען די דאָזיקע חברה איז אויפגעצייכנט גע־וואָרן אין אונדזער רעגיסטער, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס האָבן מיר צו טאָן מיט אַ חברה פון לערנען תורה, ווייל מיר זענען דאָך געוווינט צום אויסדרוק „עץ־חיים״, די הענטלעך פון דער תורה; דער נאָמען איז דאָך דאָ געבויט אויף דעם פסוק כי „עץ־חיים היא למחזיקי בה״ (משלי ג׳, פסוק י״ח). אָבער ביים גענויעם קלאַסיפיצירן די חברות האָב איך גאַר געזען, אַז די דאָזיקע חברה „עץ־חיים״ האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער תורה, נאָר צו זייער פּראָזאַישן ענין — צו העלפן מיט האָלץ די אָרעמעלייט אין ווינטער.

אַזוי איז עס מיט דער חברה „עץ־חיים״ אין דעם שטעטל איכענהויזן, וואָס ליגט אין שוואַבענלאַנד, ביי אולם; אַזוי איז אויך מיט דער חברה „עץ חיים״ וואָס איז דאָ אין האַלבערשטאַט, וואָס געפינט זיך אין זאַקסן.ביידע זענען זיי פאַראיינען פאַר העלפן די אָרעמעלייט מיט האָלץ.

פאַר אונדזערע ווייטערדיקע באַהאַנדלונגען דאַרפן מיר נאָך צוגעבן, אַז עס

האָבן נאָך עקסיסטירט פאַראיינען, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו העלפן באַ־זאָרגן מיט באַהייצונג די אָרעמעלייט אין:

באַמבערג — „האָלץ־פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1854, מיט הונדערט זעקס און צוואַנציק מיטגלידער.

מאַיינץ — „איזראַעליטישער הייצונגס־אונטערשטיצונגס־פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1857;

מאַנהיים — „איזראַעליטישע אָרמען־קאַסע צור אַנשאַפונג פאָן ברענמאַטעריאַל", וואָס האָט פאַרמאָגט פיר הונדערט מיטגלידער;

פריידבערג — „איזראַעליטישער האָלץ־פאַראיין", געגרינדעט אין יאָר 1775, זעקס און פערציק מיטגלידער;

קאַרלסרוהע — „איזראַעליטישער ברען־מאַטעריאַל אונטערשטיצונגפאַראיין", מיט צוויי הונדערט צוויי און פופציק מיטגלידער.

מיר האָבן דאָ געבראַכט נאָר פינף שטעט מיט ענלעכע „עץ־חיים"־חברות, אונטער פאַרשיידענע נעמען, אָבער מיטן זעלביקן ציל.

פאַרוואָס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער האָלץ־חברה?

וועגן דער דאָזיקער הילף־פאָרעם, האָלץ פאַר אָרעמע, האָט לעצטנס אויפמערק־זאַם געמאַכט איינער פון אונדזערע אומדערמידלעכע פאַרשערס־ביבליאָגראַפן און קולטור־היסטאָריקערס, ד"ר יצחק ריבקינד. אין זיין לעקסיקאָלאָגישע שטודיע „יידישע געלט" 6), באַמערקט ער ביי דער פּאָזיציע „האָלץ־געלט":

„דער טייל פון יידישער צדקה איז נאָך ווייניק באַלויכטן, נישט געוויי באַ־אַרבעט..."

וויל איך אויף דעם אופן טאַקע צוטראָגן אַ געוויסן צושטייער צו דעם דאָזיקן גאָר אינטערעסאַנטן הילף־געביט. ווייטער ברענג איך טאַקע אַ ריי פּרטים פון דער האָלץ־הילף, הגם זיי וואָלטן געדאַרפט געהערן צו אַ צווייטן קאַפּיטל.

אָט געפינען מיר צווישן די אומבאַוווּסטע יידישע קהילה־דאָקומענטן פונעם פּינקס פון קהילת אה"ו (די קהילה־דריילינג אַלטאָנאַ, האַמבורג, וואַנדזבעק), וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט פּראָפעסאָר ש. אסף 7), אַ זייער אינטערעסאַנטן פּרט צו דער דאָזיקער האָלץ־באַזאָרגונג פאַר אָרעמעלייט. צווישן די יידישע אויפרופן (כרוזים), וואָס די דערמאָנטע קהילה האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר תפ"ו (1726) איז פאַראַן איי־נער (כרוז פ"ז), וואָס פאַרנעמט זיך טאַקע מיטן דאָזיקן ענין. מיר וועלן פון דעם

---

6) „יידישע געלט" אין לעבנסשטייגער, קולטור־געשיכטע און פאָלקלאָר, לעקסיקאָ־לאָגישע שטודיע פון יצחק ריבקינד, ניו־יאָרק, האקדמיה האמיריקנית למדעי היהדות, תש"ד.

7) „ייוואָ־בלעטער", באַנד 33, ניו־יאָרק 1949, זייטן 113—123.

דאָזיקן דאָקומענט ברענגען אַ פראַגמענט אין אונדזער היינטיקן יידיש, איבערלאָזנ־דיק אַ ריי אויסדרוקן, וואָס כאַראַקטעריזירן יענע צייט. זאָגט זיך אין דעם אויפרוף:

... „הערט צו כל הקהל הקודש, דאָ איז מען מודיע בשם האלופים... (אַזוי ווי עס זענען געקומען פאַרשיידענע יחידי־סגולה פון אונדזער קהילה און האָבן דער־ציילט, אַז) עס גיבט בקהילתנו בעלי־בתים עניים ואביונים מחוסר עצים (ממש בייטאָג צעפרעסט זיי דער ווינטער און ביינאַכט די קעלט) און האָבן קיין פייערונג צו הייצן..."

און אַזוי ווי ווינטער, שרייבן די מנהיגים, וועט „פייערונג" קאָסטן טאָפּלט, דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צו איינקויפן עס זומערצייט. כדי דאָס צו רעאַלי־זירן ווערט אויסגערופן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ חברה און דעריבער, רופט דער כרוז, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן „ווערט זיך איין שרייבן בהחברה הנ"ל"...

אַ ווייטערדיקער אויפרוף, שוין אין מיטן ווינטער, רעדט וועגן דער חברה וואָס האָט זיך געשאַפן איינצוקויפן טאָרף פאַר אָרעמעלייט. מען בעט די יעניקע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן זיי זאָלן מקיים זיין זייער צוזאָג און אויך, אַז פרישע זאָלן צוהעלפן אין דער דאָזיקער גרויסער מיצווה.

דער דאָזיקער ענין פון האָלץ־שטיצע האָט זיך פון דייטשלאַנד איבערגעטראָגן קיין מיזרח־אייראָפּע. אָט ווייזן מיר פון אַ פאַראיין „עץ־חיים" אין דער קהילה אייזנ־שטאָט, אין אונגאַרן, איינע פון די חשובע קהילות פון בורגלאַנד. דאָרטן פלעגט מען די אַקציע דורכפירן חנוכה־צייט 8).

עס דערציילט אויך דער „פנקס ביטען":

... „אויסער דער פסח־אַקציע האָבן מיר געגרינדעט אַ „בית־לחם", וועלכער האָט אין משך פון דריי חדשים געטיילט ברויט צו זייער ביליקע פרייזן; מיר האָבן אויך דורכגעפירט אַ האָלץ־אַקציע..." (באַריכט צום אַמעריקאַנער קאָמיטעט אין יאָר 1939) 9).

אין אַ באַריכט פון שטעטל בעלכאַטאָוו וועגן דער הילפס־ טעטיקייט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מילחמה איז פאַראַן אַ ספּעציעלע פּאָזיציע „האָלץ אויף ווינטער 1916־1917". מיר דערוויסן זיך, אַז מען האָט פאַרטיילט אַכט און צוואַנציק קלאַפטער האָלץ פאַר 2.344.80 מאַרק 10).

---

8) ד"ר רפאל פטאי־אייזנשטאַט, אין באַנד 1 „ערים ואמהות בישראל", ירושלים, תש"ו, זייט 71.

9) מ. ביטענסקי — אַמעריקאַנער שטיצע — אין „פנקס ביטען", בוענאָס־איירעס 1954, זייט 154.

10) „בעלכאַטאָוו" — יזכור בוך, בוענאָס־איירעס 1951, זייט 204.

אין קיעוו האָט עקסיסטירט אַזאַ זאַך ווי „מעות עצים". אין אַ באַריכט פון דער קיעווער קהילה פאַר די יאָרן 1906—1916 ווערט צווישן אַנדערע געזאָגט:

„די הכנסה פון דער «קאָראָבקע» האָט געדעקט כמעט דעם גאַנצן בודזשעט פון דער קיעווער קהילה. מ'פלעגט קלייבן געלט נאָר אויף מעות־חיטים און אויף האָלץ — ווינטער".

אין ווייטערדיקן באַריכט ווערן אָנגעגעבן די סומות פון אויסגעגעבענע אויף מעות־עצים:

אין יאָר	1904/05	11.992.13	רובל
אין יאָר	1905/06	13.050.55	"
אין יאָר	1907/08	13.261.90	"
אין יאָר	1908/09	13.905.47	"
אין יאָר	1913/12	15.160.84	" 11).

אין לאָמזשע האָט עקסיסטירט אַ חברה „קרבן עצים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1869 און דער ציל איז געווען שאַפן האָלץ פאַר אָרעמעלייט 12).

אויך אין וואַרשע איז מיט העכער 100 יאָר צוריק געווען אין דעם קהל־בודזשעט אַ פּאָזיציע כדי צו שטיצן מיט האָלץ די נויט־באַדערפטיקע. צוויי דאָקומענטן דערציילן וועגן דעם.

אין אַ מודעה פון 27סטן דעצעמבער 1852, אַרויסגעגעבן פון דעם „דאָזור בוזשניטשי" (קהילה) ווערט געזאָגט צווישן אַנדערע, אַז די „אַפּוטרופּסים המחוזיים" זאָלן זאָרגן וועג דעם, אַז די אָרעמע יידן זאָלן „קענען לקבל עצים ומלבושים במשך ימי החורף", אַז זיי זאָלן באַקומען האָלץ און מלבושים אין ווינטער־צייט.

אין אַ צוזאַמענשטעל פון הוצאות פון דעם דערמאָנטן „דאָזור בוזשניטשי" פון נאָוועמבער 1855 געפינען זיך די ווייטערדיקע פּאָזיציעס:

1. על קמח דפסחא (אויף פּסח); 2. עצים על החורף (האָלץ אויף ווינטער); 3. מלביש ערומים; 4. מעוז לדל במזון (הילף פאַר אָרעמע לייט אין שפּייז); 5. אויף מעדיצין... און אַנדערע אונטערשטיצונגען. 13).

אין פּויזן איז אין יאָר 1857, צווישן די 26 פאַרשידענע חברות, וואָס האָבן דאָן

---

11) ג. גורעוויטש — „די קיעווער קהילה אין די יאָרן 1906—1916" אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", בערלין 1928, זייטן 104—105.

12) „הצפירה", טבת תר"מ — 1869.

13) ד"ר ב. וויינריב -- „דאָקומענטן וועגן יידן אין פּוילן אין די 40ער און 50ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט", אין היסטאָרישע שריפטן, צווייטער באַנד, ווילנע 1937.

עקסיסטירט אין דער קהילה, אויך געווען אַ „פאַריין פאַר האַלץ־פאַרטיילונג פאַר אָרעמע" 14).

אַזוי האָט די דאָזיקע הילף־אַקציע פון האָלץ אַרומגענומען אַ ריזיקן שטח, אונדזער גאַנצע אַשכּנז־אימפּעריע. פון האַמבורג ביז איכּענהויזן; פון קאַרלסרוהע ביז מאַינץ — עס מיינט גאַנץ דייטשלאַנד אין דער לענג און ברייט. פון דייטשלאַנד איז עס געקומען קיין אונגאַרן, מיטן זעלביקן נאָמען „עץ־חיים"; און אַט האָבן מיר עס אין ווייסרוסלאַנד (ביטען); אין פּוילן (וואַרשע, פּויזן); אין אוקראַינע (קיעוו).

***

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן די חברות אין דייטשלאַנד אין די לעצטע יאָרהונדערטער. די דאָזיקע גרויסע שפע פון די כּל־המינים חברות וואָרצלט אָבער אין דער בראשית־תּקופה פון אַשכּנז. שוין פון די ערשטע צייטן ווען די ייִדן האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן ביי דעם ריין און זיינע צופלוס־טייכן, טרעפן מיר די עקסיסטענץ פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף.

ווען מיר האָבן גערעדט וועגן רבי מאיר בן ברוך, דעם מהר"ם פון ראָטענבורג, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אַז אין זיינע שאלות־ותשובות געפינען מיר זייער פיל פראַגן, פּראָבלעמען פערבונדן מיט די דאָזיקע חברות. סיי חברות פאַר לימוד און דערציִונג; סיי חברות פון הילף און אונטערשטיצונג. געווען זענען עס אינסטיטוציעס אָנגעפירטע פון דער קהילה, אָדער פון גרופּן.

פון די גאָר ערשטע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער הילף טרעפן מיר אין דייטשלאַנד דעם „הקדש".

אין 11טן יאָרהונדערט ווערט אין דער אַלטער קהילה קעלן גערעדט וועגן אַזאַ מין בנין, אַ „הקדש" לעניים ולחולים, פאַר אָרעמעלייט און קראַנקע. זיכער איז דאָרטן עס שוין געמיינט אַ קהלשע אַזיל־אינסטיטוציע.

אין רעגענסבורג ווערט דער „הקדש" דערמאָנט אין יאָר 1210.

אין מינכען ווערט דער „הקדש" דערמאָנט אין יאָר 1381.

דער דאָזיקער אויסדרוק וואָס שטאַמט פון וואָרט קדוש, געהייליקט, איז געוואָרן אַ סינאָנים פאַר די הונדערטער און הונדערטער קהלשע בנינים, פריִער פאַר אַלץ פאַר די הכנסת־אורחים־הייזער און שפּיטעלער. אַזוי, למשל, איז דער אינספּעקטאָר פון ייִדישן שפּיטאָל אין ברעסלאַו, אין די דאָקומענטן פון די יאָרן 1794—1800 פאַרצייכנט ווי דער הקדש־מאַן 15).

---

14) **Dr. A. Heppner** und **J. Herzberg.** — „Aus Vergangen-und Gegenwart der Juden ... in den Posener Lauden. Krotaschin-Bromberg, 1909.

15) **Dr. Louis Lewin,** Rabbiner. Geschichte der Israelitischen Krauken-Verflegungs - Austaet zu Breslau 1726-1926. Bresalu 1926.

דער דאָזיקער נאָמען „הקדש״ איז געווען איינגעבירגערט ביז דער לעצטער צייט. ביי די יידישע דאָקטוירים פון וואַרשע, אויך ביי אַ טייל ייִדן איז ביזן סאַמע חורבן נאָך אַלץ דער יידישער שפּיטאָל געווען דער „הקדש״. ביז דער לעצטער וועלט־מילחמה האָט די שפּיטאַלנע גאַס אין ווילנע, וווּ ס׳איז געווען דער יידישער שפּיטאָל, דורך די ייִדן גערופן געוואָרן די הקדש־גאַס.

דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס לרוב פלעגט די דאָזיקע אינסטיטוציע גע־שאַפן ווערן פון מנדבים (בעיקר קינדערלאָזע) וואָס פלעגן אָפּשרייבן זייערע הייזער פאַר „הכנסת־אורחים״ אָדער שפּיטאָלן. נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז דער דאָזי־קער „הקדש״ פלעגט נישט האָבן קיין געהעריקע אויפזיכט און עס פלעגט דאָרטן זיין גאָר ווייט פון אָרדענונג און ריינקייט און אַז צו די גאָר אַנגענעמע ערטער האָט עס נישט געהערט. האָט טאַקע דאָס פאָלק אַרום דער דאָזיקער אינסטיטוציע באַשאַפן אַ ריי ווערטלעך:

— עס איז אַזאַ אָרדענונג ווי אין הקדש;

— אַן אָרעמאַן האָט קעסט אין די הייזער און אַ דירה אין הקדש;

— אַ ליאַרעם ווי אין אַ הקדש;

— בעסער פריִער שטאַרבן אין דער היים, אָדער שפּעטער אין הקדש;

אמת, פון דער צווייטער זייט האָט דאָס פאָלק געהאַט אויך דאָס ווערטל: דאָס הקדש איז נישט געמאַכט פון הינדס וועגן 16).

פון זעלביקן מקור, און צוליב די גלייכע מאָטיוון, שטאַמט אויך דאָס ווערטל אַ „מושב״, וואָס איז גאָר פאַרשפּרייט בעיקר צווישן פּוילישע ייִדן, וואָס מיינט אַן אומאָרדענונג. געמיינט האָט מען עס דעם מצב אין די מושב־זקנים...

אָבער דאָס זענען שוין באַמערקונגען וואָס האָבן צו אונדזער טעמע אַן אומ־דירעקטע שייכות.

***

אין זייער וואָגל־וועג פון דייטשלאַנד קיין מיזרח־אייראָפּע האָבן די ייִדן, צו־זאַמען מיט זייער גאַנצן שטייגער און נוסח, אויך מיטגעפירט די דאָזיקע חברות. דאָ, אין מיזרח־אייראָפּע, האָט זיך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־נעץ ערשט צעוואַקסן אין אַ קאָלאָסאַלער שפּע. וועגן דעם באַהאַנדלען מיר טאַקע אין דעם נאָענטן קאַפּיטל.

16) איגנאַץ בערנשטיין, „יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן״, וואַרשע 1908.

...און אין מיזרח־אייראָפּע

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל אַ בליק געטאָן אין דער שפּע מין חברות אין דייטשלאַנד. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די חברות אין מיזרח־אייראָפּע שטאַמען פון דעם זעלביקן מקור — פון דעם אַשכנז־מקור. סיי אין דעם שלל פון די חברות, סיי אין זייערע נעמען, סיי אין דעם אופן פון זייער טעטיקייט זענען זיי שטאַרק ענלעך. דאָ איז נישט דער פּלאַץ צו פאַרגלייכן די סטאַטוטן און תקנות פון די דאָזיקע חברות. אגב זענען אַזעלכע פּרוּוון שוין געמאַכט געוואָרן און זיי ווייזן די קרובהשאַפט נישט נאָר אין די צילן און אויפגאַבן פון די חברות, נאָר אויך אין דעם בוי און אין דער אַנפירער־סטרוקטור; די ענלעכקייט פון „אַפּאַראַט" און אויך די זעלביקע וואַל־סיסטעמען.

אויך אין מיזרח־אייראָפּע האָבן די יידישע יישובים פון רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, געהאַט אַ ברייטע נעץ פון חברות פון פאַרשידענעם כאַראַקטער: רעליגיעזע, דערציערישע, קעגנזייטיקע הילף, פאַר ספּעציעלע נויטן וכדומה.

נישט געווען כמעט קיין שום שטאָט און שטעטל אָן אַ „הקדש" אָדער „הכנסת אורחים"; אומעטום האָט איר געפונען חברות צום לערנען — ווו אַ „חברה ש"ס", ווו אַ „חברה משניות", ווו אַ „חברה עין־יעקב"; ווו גאָר „חברה תהילים".

גרעסערע שטעט האָבן געהאַט שפּיטאָלן, מושב־זקנימס, בית־יתומימס. קלע־נערע — „לינת הצדק" און „ביקור חולים" און נאָך און נאָך.

ליידער איז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעך־אינסטיטוציאָנעלע לעבן אין מיזרח־אייראָפּע נישט געווען אַזוי פּרעציז און גוט אָרגאַניזירט, אַז מיר זאָלן קענען, ווי ביי די דייטשישע יידן אָנווייזן כך וכך אינסטיטוציעס זענען געווען און טאַקע איינטיילן די באַזונדערע טיפּן און גרופּן. ווילן מיר ווייטער ברענגען נאָר אַ פּאָר ביישפּילן פון שטעט און שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע. עס וועלן נאָר זיין פראַגמענטן, ווייט, גאָר ווייט פון גאַנצקייט.

אָט ווייסן מיר פון אַ דאָקומענט פון יאָר 1555 וועגן אַ יידישן שפּיטאָל אין לובלין. עס איז אַ דעקרעט פון דעם קיניג זיגמונד אויגוסט געשריבן אין לאַטייך. דער אינהאַלט איז אַזאַ:

דער דאָזיקער קיניג באַשטעטיקט די מתנה פאַר די לובלינער יידן פון דריי פּלעצער, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן דורך דעם וואָיעוואָדע מעטשינסקי. איין פּלאַץ אויסצובויען קהלשע יאַטקעס, דער פּלאַץ ליגט ביים הויז פון יידן יעלען, וואָס ציט זיך פון דעם וועג צו דער קרעניצע ביז צו דעם טייך טשעכאָמקע; דער צווייטער פּלאַץ איז אַ טייל פון באַרג און אינדזל אויף אַ בית־עלמין און דער דריטער פּלאַץ, נעבן הויז פון יידן, יצחק, פון וועג צו דער קרעניצע, אַרויס ביז דעם שלאָס־באַרג אויף אַ שפּיטאָל 1).

נישט לאַנג פריער פון דער דאַטע 1555 זענען יידן געקומען אין דער דאָזיקער שטאָט. אָבער שוין פון די ערשטע אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט איז געווען אַ שפּיטאָל.

אין די תקנות פון וועד ארבע ארצות זענען די ענינים פון צדקה גאָר שטאַרק פאַרטראָטן. עס איז געווען אַ ספּעציעלער אַמט אַ גבאי־צדקה, וואָס האָט געדאַרפט אָפּהיטן דעם דאָזיקן ענין. עס זענען אויך געווען ספּעציעלע אַפּוטרופּסים פאַר יתומים — גערופן אבי־יתומים. דער דאָזיקער אַמט איז געווען אין אַ ריי קהילות, ווי עס איז צו זען פון די תקנות און פנקסים פון קהילות (קראָקע, זאַבלודאָווע).

מיר ווייסן אויך, אַז אין יענער צייט איז געווען אַ גאָזעלשאַפטלעכע פונקציע פון ביקור־חולים. דער פּנקס פון וועד ארבע ארצות ברענגט אַ כרוז פון יאָר תמ"ד (1684) קעגן די וואָס האָבן געבראָכן די תקנות פון קהל און באַגאַנגען אומ־ווירדיקייטן, וואָרנט צווישן אַנדערע שטראָפן, אַז מען וועט צו זיי נישט גיין מבקר חולה זיין 2).

גאָר אָפט קומט אויס צו באַהאַנדלען אויפן דאָזיקן וועד ענינים פון דער חברה „גומלי חסד של אמת" — דאָס הייסט חברה קדישא, וואָס איז געווען אַ באַזונדערע אינסטיטוציע. אַזוי טרעט אַרויס אַ תקנה פון וועד אין יאָר תמ"ג (1683) קעגן מבזה זיין דעם כבוד המת; קעגן דעם פאָדערן צו גרויסע געלטער פאַר אַ קרקע או"ו" 3).

אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, וו מיר רעדן וועגן פנקסים פון די כל־המינים חברות וועלן מיר טאַקע זען ווי אַלט און ווי צעצווייגט טעריטאָריאַל דער דאָזיקער אינסטיטוציאָנאַליזם איז געווען.

---

1) Mathias Bersohn. — Dyplomataryusz dotyczacy Zydów w dawnej Polsce, na zródlach archiwalnych osnuty. (1388-1782). Warszawa 1910. N. 64.

2) פנקס ועד אַרבע ארצות, סימן תט"ז, זייט 196.

3) דאָרטן, סימן ת"ז, זייט 185.

אין דער פריער דערמאָנטער אַרבעט פון ד״ר א. י. לעוויטאַץ וועגן די חברות אין רוסלאַנד 1772—1844 זעט מען טאַקע דעם שלל פון די דאָזיקע חברות. לאָמיר נאָך זיינע רעלאַציעס דאָ דערמאָנען.

אין מינסק, וואָס האָט אין יאָר 1765 געהאַט 1322 נפשות זענען געווען די חברות: „גומלי חסדים לחיים ולמתים״; „שבעה קרואים״; „חברה תלמוד תורה״; „חברה תנ״ך״; „משמורים״ (אָפּהיטן קראַנקע); „נר תמיד ובדק הבית״; „צדקה גדולה״; „ביקור חולים״; „גמילת חסדים״ (הלוואות); „פדיון שבויים״; „מלבוש ערומים״; „הכנסת כלה״; „זובחי צדק״; „חייטים״; „קירזשנער״; „שמוקלער״; „גלעזער און קעמלמאַכערס״; „גאָלדשמידן״; „פעלטשערס״; „קלעזמער״ א״אַ. דאָ האָבן מיר סיי חברות לשם־שמים, סיי הילף־געזעלשאַפטן און שוין אויך פאַך־פאַרבאַנדן, בעל־מלאכה־צעכן.

אין דובנאָ, וואָס האָט אין די יאָרן 1765—1788 געהאַט קאַרגע 2.000 נפשות האָט דאָן פאַרמאָגט 13 חברות: „חברה קדישא גומלי חסדים של אמת״; „חברה קדישא תלמוד תורה״; „חברה משניות״; „שומרים לבוקר״; „נר תמיד״; „נר תפילה״; „חברה קדישא סנדקאות״; „ביקור חולים״; „הלוואות חן״; „פרנסת עניים״; „הכנסת אורחים״; „זובחי צדק״; „חברה חייטים והקירזנער״.

נאָך דעם פּנקס פון שטעטל זאַבלודאָווע ביי ביאַליסטאָק זענען דאָרטן אין יאָר 1766 געווען אַכט חברות: „גמילות חסדים של אמת״, „תלמוד תורה״, „שומרים לבוקר״, „תהילים״, „שבעה קרואים״, „זובחי צדק״, „קירזשנער״, „חייטים״. דאַן זענען אין זאַבלודאָווע געווען 831 נפשות 4).

אין אַזאַ שטעטעלע ווי ראַדאָשקעוויטש ביי מינסק, וואָס האָט געהאַט בסך־הכל 87 מישפּחות זענען געווען פיר חברות: „חברה קדישא״, „חבורת הקודש חברה ש״ס ומשניות״ (פון יאָר 1765), „חבורת הקודש חברת משמור העומדים בבית ה׳ בלילות״ (1786), „חברה פועלי צדק״ (1708) 5).

פון פּוילן, פון וואַרשע, דערציילט אונדז אַ שילדערונג פון דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ביים אויפקום פון דעם ייִדישן קיבוץ בזה הלשון:

...„אין אַט די (אָפּגעשלאָסענע) געסלעך האָבן זיך די ייִדן געפילט, טראָץ אַלע רדיפות, ווי טאַקע ביי זיך אין דער היים. אין די הויקעס, וואָס זענען אַרומגעצוימט מיט הויכע הילצערנע פּאַרקאַנעס, האָבן זיי געגרינדעט פאַרשידענע חברות ווי: „חברה תהילים״, „חברה משניות״, און אויך „חברה ש״ס״, „שומרים לבוקר״,

---

4) דער זאַבלודאָווער פּנקס געפינט זיך אין ירושלימער אוניווערסיטעט, קאַטאַלאָג־נומער העבראַיקאַ 103 4^{0}.

5) ישראל היילפּרין — „חבורות לתורה ולמצוות והתנועה החסידות בהתפשטותה״. אין „ציון״, באַנד כ״ב, העפט ד, ירושלים תשי״ז — 1957.

„הכנסת כלה״, „הכנסת אורחים״, „ביקור חולים״, „מעוז לדל״, „גמילת חסד״, און ועל כולם „חברה קדישא״. 6)

וועגן די חברות אין זאַמאָשטש אין יאָר 1878, ווייסן מיר, אַז עס זענען דאָרטן געווען: „חברה קדישא״, „חברה תלמוד תורה״, „חברה תיקון ספרים״, „חברה ש״ס״, „חברה סנדק״ (אָרעמע פרויען געווינערנס זאָלן האָבן אַלץ וואָס מען דאַרף), „חברה תהילים״, „חברה נושאי מיטה״, „חברה ביקור חולים״, „חברה לינת הצדק״, שפּיטאָל. 7)

אַט זענען ידיעות וועגן חברות אין מינסק פון יאָר 1887. אין יענעם יאָר זענען דאָרטן געווען די ווייטערדיקע חברות: „שומרים לבוקר״, „חברה תהילים״, „פדיון שבוים״, „חברה משניות״, „מעבר יבק״, „חברה נושא סבל״, „חברה אוהבי חסד״, „חברה פועלי צדק״, „חברה תומכי תורה״, „הכנסת אורחים״, „ביקור חולים״, „חונן דלים״, (געגרינדעט אין יאָר 1817), „חברה הפועלים״ (געגרינדעט אין יאָר 1858), אַ שפּיטאָל פאַר 70 קראַנקע (געגרינדעט אין יאָר 1829). 8)

און וועגן די חברות אין ביאַליסטאָק, אין יאָר 1886, ווייסן מיר, אַז דאָרטן זענען געווען: אַ שפּיטאָל (געגרינדעט אין יאָר 1840), אַ מושב זקנים „בית אוסף זקנים״, „יד חרוצים״ (געשאַפן אין 1870), 2 גמילות־חסדים חברות, „סומך נופלים״ (געשאַפן אין 1878 דורך פרויען), „מאכל כשר״ (ספּעציעלער קאָמיטעט צו באַזאָרגן מיט כשר עסן די יידישע זעלנער, וואָס דינען אין די מיליטער־טיילן, וואָס שטייען אין ביאַליסטאָק), „לינת הצדק״, „הכנסת אורחים״ (מיט אַ ספּעציעל הויז), „מכיני שבת״ (פאַר אָרעמע לייט פון דער פרעמד), „בית מקלט לזקנים״, „חברה מזהירי שבת״, אַ „הקדש״, א „חברה מורים״ און אַ „חברה מלמדים״. לסוף אָבער אַ קוריאָז — אין ביאַליסטאָק איז דאַן נישט געווען קיין „חברה קדישא״. 9)

רעדנדיק וועגן ביאַליסטאָק דערמאָנען מיר זיך, אַז דער יידישער שפּיטאָל האָט שוין דאָרטן עקסיסטירט אין יאָר 1795. דאָרטן איז אויך געווען אַ „ביקור חולים״ געגרינדעט אין יאָר 1827. די חברה „יד חרוצים״ האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּגעבן אָרעמע קינדער צו בעלי־מלאכות אויסצולערנען זיי אַ פאַך; געווען אַ „חברה יולדות״, וואָס האָט אונטערגעשטיצט און באַזאָרגט מיט מעדיצינישע מיטלען אַלע אָרעמע געווינערנס; אין יאָר 1893 האָט זיך געשאַפן אַ חברה „משמרת חולים״;

6) ע. נ. פרענק — „די מלחמה קעגן דער «הפקרות» אין אַמאָליקן וואַרשע״. אין אַלמאַנאַך צום 10 יאָריקן יובילעאום פון „מאָמענט״, וואַרשע 1921.

7) דוד שיפּמאַן — משא זאמושץ, אין „המליץ״ 1878.

8) באַריכט פון שמואל לייב ציטראָן, אין „כנסת־ישראל״, תרמ״ז — 1887.

9) דאָרטן, באַריכט פון חיים־יעקב קרעמער.

עס איז אויך געווען אַ פֿאָלקס־קיך „תמחוי", געגרינדעט אין יאָר 1900; עס איז אויך געווען אַן „עזרת יתומים" און אַ „בית היתומות". 10)

די דאָזיקע צופֿעליקע ידיעות, צונויפֿגעקליבענע פֿון פֿאַרשידענע מקורים באַווייזן ווי אַזוי דער ענין חברות האָט זיך אַנגענומען אין אונדזערע מזרח־אייראָ־פּעישע קהילות. די ידיעות וועגן דעם דאָזיקן גאָר אינטערעסאַנטן געביט ווערן כסדר דערגאַנצט דורך די יזכור־ביכער, די פּנקסים וואָס די פֿאַרשידענע קהילות גיבן איצט אַרויס נאָכן חורבן־היטלער.

נישט אַלע אַרויסגעבערס פֿון די פּנקסים פֿאַרשטייען די גרויסע וויכטיקייט פֿון אויספֿאָרשן דעם דאָזיקן וויכטיקן ווינקל פֿון יידישער טעטיקייט און אַקטיוויטעט. דאָ ווילן מיר ברענגען נאָר צען ביישפּילן פֿון יזכור־פּנקסים פֿון קהילות אין פֿאַר־שידענע געגנטן פֿון מזרח־אייראָפּע.

אייזנשטאַט (אונגאַרן, בורגלאַנד):

עס זענען דאָרט געווען די חברות: „בקור חולים", „נחום אבלים", „מלביש ערומים", „חינוך נערים", „חברה בחורים", „הכנסת כלה", „עץ חיים" (האָלץ פֿאַר אָרעמעלייט), „חברה נשים" (וואָס האָט אויך געהייסן „חברה תרנגולת", ווייל זיי האָבן געזאָרגט, אַז יעדע געווינערין זאָל האָבן אַ הון), „נר שבת", „חברה שיעור", „חברה סנדקאות" (וואָס האָט געזאָרגט אַז אָרעמעלייט זאָלן האָבן צום ברית אַ פֿיינע סעודה), „חברה ארץ־ישראל" און „שוחרי טוב" (זייער אויפֿגאַבע איז געווען צו שאַפֿן הילף פֿאַר יידישע סאָלדאַטן, וואָס קומען פֿון מיליטער־דינסט). 11).

בריסק דליטא:

געווען איז דאָרטן אַ „הקדש" (דער ערשטער שפּיטאָל פֿאַר יידישע אָרעמע־לייט, געגרינדעט אין יאָר 1838); „ביקור חולים" (געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1865, בעת דער כאָליערע־עפּידעמיע); „מושב זקנים" (געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1876); „הכנסת אורחים" (געגרינדעט אין 1906 מיט אַן אייגענעם בנין); „אגודת הנשים" (פֿרויען פֿאַריין, וואָס האָט באַזאָרגט אָרעמע קינפּעטאָרינס מיט מילך און פֿלעגע בכלל); „בית יתומים" (געשאַפֿן פֿון זעלביקן פֿרויען־פֿאַריין); חוץ אַ ריי חברות ביי די בתי מדרשים, גמילות חסדים א"א. 12)

גלינע (גאַליציע):

דאָס שטעטל האָט פֿאַרמאָגט: אַ „הקדש", „בקור חולים" (געגרינדעט מיט 130 יאָר צוריק); „תומכי עניים" (געגרינדעט אין יאָר 1986); „חברה פּועלי צדק

10) א. ש. הירשבעוגו — פּנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, ניו־יאָרק 1949.

11) באַנד 1 „ערים ואמהות בישראל", ירושלים תש"ו.

12) בריסק־דליטא. באַנד 2 פֿון „אנציקלופּדיה של גלויות", ירושלים־תל־אביב 1954.

חייטים״ (געגרינדעט אין 1802); „אגודת חרוצים״, „חברה משניות״, „לינת לילה״ און „חברה קדישא״. 13)

דראָהיטשין (פּאָלעסיע):

געוועזן אין שטעטל חברות: „גמילות חסדים״, „ביקור חולים״, „חברה לינה״, „הכנסת אורחים״; באַזונדערע חברות פון: ש״ס, משניות, עין־יעקב, מדרש, חיי־אדם, חומש, תהילים. 14)

זשעטל:

דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט די חברות: „עזרת חולים״, „לינת הצדק״, „ביקור חולים״, „גמילת חסדים״, „חברה תהילים״ (אַזש דריי), „חברה משניות״, „חברה עין־יעקב״, „חברה חיי־אדם״, „חברה ש״ס״ (צוויי חברות), „הכנסת אורחים״, „הכנסת כלה״, „יתומים קאָמיטעט״. 15)

זשעליכאָוו:

אין דעם שטעטל זענען געוועזן חברות: „עזרת חולים״, „חברה תהילים״, „ביקור חולים״, „חברה קדישא״, „תלמוד תורה״, „הכנסת כלה״, „תומכי עניים״, „הכנסת אורחים״, „חברה חייטים״ (וואָס זאָל האָבן געגרינדעט געוואָרן פון רבי לוי־יצחק באַרדיטשעווער); „נר תמיד״, „חברה זעלנער״. 16)

לאָמזשע:

די דאָזיקע שטאָט האָט געהאַט אַ שלל מיט חברות און די וויכטיקסטע און עלטסטע זענען געוועזן: שפּיטאָל, „הכנסת אורחים״, „חברה תורה״ (פון גרויסן בית־המדרש), „חברה בדק הבית״, „חברה תהילים״ (פון „עמד״), „חברה ש״ס מגן אברהם״ (פון „פני״), „חברה קדישא״ (געגרינדעט אין יאָר תקצ״ג — 1833), „הכנסת אורחים״ (מיט אַן אייגענער געביידע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1855), „חברה גמילות חסדים״ (געגרינדעט אין יאָר 1883), „מושב זקנים״ (געגרינדעט אין יאָר 1895), „חברה קרבן עצים״, „ביליקע קיך״ (געשאַפן אין 1894), „מחזיקי

---

13) מגילת גלינע (גליניאַנאַ), צונויפגעקליבן און באַאַרבעט פון חנוך ה. האַלפּערן, ניו־יאָרק 1950.

14) דראָהיטשין — 400 יאָר יידיש לעבן. רעדאַקטירט הרב דוב ב. וואַרשאַווסקי שיקאַגאָ 1958.

15) פנקס זשעטל. רעדאַקטאָר ברוך קאַפּלינסקי; „חברה בדק הבית״ — 1957.

16) משה באָרוכאָוויטש אין יזכור־בוך פון דער זשעליכאָווער יידישער קהילה — שיקאַגאָ 1953.

עניים״, „מסילת ישרים״, „חברה שניידערס״, „מזהירי שבת״, „חובת הלבבות״, „פועלי צדק״.17)

פרושענע:

דאָס שטעטל האָט געהאַט די חברות: „מושב זקנים״, „הכנסת אורחים״, „לינת הצדק״, „גמילות חסדים״, אַ גמילות חסדים ביים בית המדרש „תפארת חסד״ און אַ גמילות חסדים ביים בית המדרש „עין יעקב״; און גמילות חסדים „תורה וחסד״; „חברה מלביש ערומים״ (געווען אַפילו אַ בית־המדרש אויפן זעלביקן נאָמען.18)

מלאַווע:

אין דער דאָזיקער קהילה זענען געווען די ווייטערדיקע חברות: „הכנסת אורחים״, „ביקור חולים״, „עזרת חולים״, „לינת הצדק״, „הכנסת כלה״, „חברה קדישא״, „בית לחם״.19)

ראַטנע:

דאָס שטעטל האָט געהאַט די חברות: „חברה ש״ס, „חברה תהילים״, „חברה קדישא״, „חונן דל״, „תיקון סופרים״.20)

***

מיר האָבן דאָ געבראַכט אויסצוגן נאָר פון צען פּנקסים פון צען שטעטלעך אין אַלע ווינקעלעך פון מזרח־אייראָפּע. מיר האָבן דאָ די „שבע קהילות״ פון אונגאַרן; דאָ זענען פאַרטראָטן פּאָלעסיע און וואָלין; ווייסרוסלאַנד און קאָנגרעס פּוילן; נישט אַדורכגעלאָזן גאַליציע. אין די סך הונדערטער וואָלטן מיר געקענט ציִען די דאָזיקע ביישפּילן.

דאָס ווייזט ווי איינגעוואָרצלט עס איז געווען אין מזרח־אייראָפּע די חברות־סיסטעם פון אשכנז. מיר האָבן דאָ אָבער נאָך אַ נייע דערשיינונג: די אַנטוויקלונג פון די אַלטע חברות אין די מאָדערנע פאַראיינען און געזעלשאַפטן. אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל באַהאַנדלען מיר די דאָזיקע פראַגע.

---

17) לאַמזשע, איר אויפקום און אונטערגאַנג. רעדאַקטאָר ה. סאַבאַטקאַ, ניו־יאָרק — 1957.
18) פּנקס פּרושענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ — בוענאָס איירעס 1958.
19) פּנקס מלאַווע — ניו יאָרק 1950.
20) יזכור־בוך ראַטנע — רעדאַקטאָרן: יעקב באָטאָשאַנסקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, בוענאָס איירעס, 1954.

בעל־מלאכהשע און פועלים־חברות

צווישן די סך טויזנטער חברות, וואָס האָבן עקסיסטירט און געווירקט אין די ייִדישע קיבוצים פון מיזרח־אייראָפּע, האָבן פאַרנומען אַ גאָר באַזונדער אָרט די חברות פון בעלי־מלאכות און פועלים — די באַזונדערע פאַראייניקונגען פון פאַרשידענע בראַנזשעס און פאַכן. שוין ביים אויסרעכענען אין פריִערדיקן קאַפּיטל, די כל המינים חברות האָבן מיר דאָ און דאָרטן דערמאָנט אַ חברה „פּועלי־צדק" אָדער א חברה „חייטים" — וואָס דאָס האָט געמיינט אַ פאַראייניקונג פון אַרבעטנדיקע. די דאָזיקע דערשיינונג — דאָס אָפּטיילן זיך פון דעם דלת־העם, פון „עמך" און שאַפן באַזונדערע חברות איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשטאַלטונג פון דעם ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע. עס איז טאַקע אַ גאָר אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פון די ערשטע פאָרמען פון „קלאַסן קאַמף", וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז קאַבצאַנסק האָט נישט געוואָלט אַפילו דאַוונען אונטער איין דאַך מיט די נגידים, די „פּני" פון שטעטל.

ווי געזאָגט איז עס אַ גאָר וויכטיקער קאַפּיטל און די ייִדישע פאָרשונג האָט זיך שוין צו דעם, אמת נאָר אויפן שפּיץ מעסער, צוגערירט. עס זענען באַקאַנט און אַפילו פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי תקנות פון „עמך" קעגן „פּני"; וועגן אַ ריי פון מחלוקותן צווישן די נידעריקערע, ריכטיקער, אָרעמערע, שיכטן פון דער ייִדישער עדה קעגן די תקיפים פון קהל. דאָס וואָס מיר ווילן דאָ איצט אָנווייזן איז — ווי גרויס, ממש קאָלאָסאַל און צעצווייגט עס איז געווען די דאָזיקע דערשיינונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ל ע ייִדישע קיבוצים פון מיזרח־אייראָפּע. מיר וועלן דאָ אַ שפּאַציר טאָן איבער די חברות און פאַריינען פון די יגיע־כפּיימניקעס, די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס.

פאַרשידן זענען טאַקע געווען די סיבות פאַרוואָס די בעל־מלאכהשע עלעמענטן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן קהל. זיי האָבן זיך נישט געשטעלט מחוץ

למחנה נאָר אויפגעבויט אין די ראַמען פון דער עדה אייגענע אינסטיטוציעס. נישט זעלטן איז עס טאַקע געקומען צוליב דעם וואָס דער פּראָסטער המון איז באַליידיקט געוואָרן פון דער „מיזרח־וואַנט״; מען האָט זיי באַעוולט אין עליות־צוטיילונגען, אין כיבודים ביי דער תורה אָדער אַנדערע מיצוות־חיובים. האָבן זיי אויפגעבויט איי־גענע דאַוון־פּלעצער. אַנדערע חברות זענען געשאַפן געוואָרן צוליב עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע סיבות: אויסמיידן קאָנקורענץ אין די פאַכן; שיצן זיך קעגן פרעמ־דע עלעמענטן, וואָס פלעגן משיג־גבול זיין די אייגענע; אָדער פאַרטיידיקן זיך קעגן שיקאַנעס און גזירות מצד די קריסטלעכע האַנטווערקער־פאַריינען, די צעכן.

קלאָר, אַז דער ערשטער עמבריאָן פון די באַזונדערע האַנטווערקערישע, אַר־בעטער־פאַריייניקונגען איז געשאַפן געוואָרן אין די בתי־מדרשים און קלויזן. דאָ איז פאָרגעקומען דער ערשטער קאַמף און צוזאַמענשטויס, פון דאַנען האָט זיך אָנגע־הויבן די „קלאַסן־צעטיילונג״.

מיר זעען טאַקע אין די נעמען פון אַ סך יידישע שולן, בתי מדרשים, קלויזן אָדער מנינים דעם אָפּקלאַנג פון די דאָזיקע קאַמפן און דעם פאַקט פון דער שיכטן־צעטיילונג פון יישובים. גאָר אָפט, טאַקע אָמערסטן, האָבן די באַזונדערע בעל־מלאכהשע בתי־מדרשים געטראָגן דעם נאָמען „חייטים״, אָבער אין דעם גרעסטן רוב האָבן אין די דאָזיקע באַזונדערע שולן געדאַוונט נישט דווקא שניידערס. געוועזן זענען דאָרטן סיי שוסטערס, סיי סטאָלערס, סיי קצבים, סיי באַלעגאָלעס, יעדנפאַלס נישט דווקא חייטים. און אַזאַ „חייטים״־קלויז האָט געהאַט כמעט יעדע קהילה אין מיזרח־אייראָפּע.

אין גרעסערע קהילות האָבן מיר מער ווי איין באַזונדערן בעל־מלאכהשן בית־מדרש, זיי זענען אין גרעסערע צאָלן, טאַקע געטיילט נאָך דעם בראַנזשע־שליסל. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר געציילטעביישפּילן:

נעמט למשל באַרדיטשעוו. אין אַ צוזאַמענשטעל פון 82 שולן, קלויזן און חסידים־שטיבלעך פון דער דאָזיקער אוקראַינישער שטאָט זענען פאַראַן אַזעלכע: קבצישע, חייטים, טאַנדעטניקעס, געגנדזלערס, ברוקירערס, וואַסער־פירערס און באַ־זונדער וואַסערטרעגערס (אויך דאָס דאָזיקע פאַך האָט געהאַט מער יחסנדיקע די וואָס האָבן דאָס וואַסער געפירט), האָלצהעקערס, טרעגערס, ליים־פירערס, קלעז־מערס, פיש־הענדלערס, שינדערס (דאָרטן הייסן זיי אין לשון פון פאָלק מפשיטים), דראָזשקאַזשעס, טאַבאַק־שניידערס, סטאָלערס, בעקערס, מוליערס, שמוקלערס, בריוו פונאַנדערטרעגערס (געהייסן אויפן אָרטיקן לשון ראַזנאָשטשיקעס), הכלל ביז צוויי צענדליק באַזונדערע בראַנזשע קלויזן 1).

---

1) משולם רודזון — „בתי הכנסיות בברדיטשיב״ אין ילקוט ווהלין, צווייטער באַנד, העפטן: י״ב־י״ג, ניסן תשי״א, תל־אביב.

אין ביאַליסטאָק, למשל, האָבן עקסיסטירט בתי־מדרשים מיט אַזעלכע נעמען: שוסטערשער, בעקערישער, קצבישער, איזוואָשטשיקעס („מעגלי־צדק"). פון די נעמען איז קלאָר ווער עס זענען געווען די מתפללים פון די דאָזיקע שולן. עס זענען אָבער אויך געווען שולן, וואָס הגם זייערע נעמען האָבן נישט דערציילט וועגן דעם, זענען די דאַוונערס און די בויערס געווען פון פשוטן פאָלק, בעלי־מלאכות, אָדער אַזעלכע וועלכע האָבן מורד געווען אין קהל.

אָט, למשל, איז דאָ אַ בית־מדרש (ריכטיקער געווען) וואָס הייסט „בית־מדרש אורח חיים", אָבער פּאָפּולער געווען מיטן נאָמען „שקאָצקער בית־מדרש". פאַר וואָס עפּעס „שקאָצקער"? — „ווייל זיינע מיטגלידער האָבן געהאַט די העזה זיך אַנטקעגן שטעלן ביי אַסיפת הקהל די פּני און תקיפים..."

געווען דער בית־מדרש „חיי אָדם", וואָס האָט אויך געהאַט אַ „בית שני". דער דאָזיקער בית מדרש איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1857 פון אַ צענדליק בעלי־מלאכות. דער „בית שני" פון דעם דאָזיקן בית־מדרש, דערציילט דער באַשרייבער: „האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק, ווייל ער איז געווען אַ געוויסע צייט אָפּגעגעבן פאַר אַ וועבער־מינין; האָבן זיי אים געמאַכט פאַר דעם אַלגעמיינעם וועבער־צענטער פאַר ייִדן און קריסטן. פון אים זענען אַרויס אַלע פאַראָרדענונגען וועגן שטרייקן און דאָרטן זענען געווען אַלע באַראַטונגען, ביז די פּאָליציי האָט אים פאַרמאַכט".

אָט איז „סענדערס בית־מדרש". ער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרמ"ה (1885). גערופן האָט מען אים „סענדערס" אויפן נאָמען פון דער גאַס — סענדערס גאַס. ער איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ חברה בעלי־מלאכות, וואָס האָט פריער געהאַט אַ מנין אויף סוראַזער גאַס.

דער „בית־מדרש תורת־חסד" איז אויפגעמויערט געוואָרן פון אַ חברה „פּועלי צדק". די חברה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרנ"ז (1897). געהערט האָבן צו איר אַרבעטער, פּועלים, בעלי־מלאכות און אַפילו ייִנגלעך.

דער „אָפּיצערסקער בית־מדרש" איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ חברה מוליאַרעס. דער נאָמען „אָפּיצערסקער" שטאַמט פון נאָמען פון געסל.

אין „חברה תהילים בית־מדרש" האָבן געדאַוונט פאַרשיידענע בעלי־מלאכות, פּאַקערס און פורמאַנעס.

אין „ליבע־רחלס בית־מדרש" זענען די דאַוונערס דאָס רוב געווען פון די אָרעמע שיכטן: באַלעגאָלעס, אָרעמע לייט וואָס זענען געגאַנגען איבער די הייזער, קאָראַבעלניקעס און קאַטערינשטשיקעס. די דאָזיקע האָבן אַפילו געהאַט אַ חברה,

וואָס האָט זיך גערופן מיט לשון־קודשדיקן נאָמען „כת רינה״, וואָס באַדייט די חברה זינגערס! 2).

אין קרעמעניץ — וואָלין זענען פון די אַכצן שולן און קלויזן געווען צוויי שניידערשע, אַ טרעגערישע און אַ קצבישע.3).

אין ווילנע, למשל, זענען צווישן אַנדערע געווען אַזעלכע בתי־מדרשים: מאַ־ליאַרעס, גלעזערס, קירזשנערס, בלעכערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, רימערס, קצבים, טאַנדעטניקעס, קוימענקערערס, „פועלי צדק״ און אַנדערע 4).

אין קישינעוו זענען געווען אַזעלכע בתי־מדרשים: שוסטערשער, בעקערישער, גלעזערס, גאָלדשמידן, פריקאָזטשיקעס (אַנגעשטעלטע), קצבים, שליאַפּקעמאַכערס, היטלמאַכערס, שמידן, צוויי „חייטימס״ (אַ קליינער און אַ גרויסער) און אַ בית־מדרש מיטן נאָמען „צו להכעיס״ 5).

אין גראָדנע זענען געווען בתי־מדרשים פון: „פועלי צדק״, חייטים, גלעזערס, בעלי־עגלות, זובחי צדק (קצבים). אַנדערע מיט נעמען נישט פון מלאכות זענען געווען בעלי־מלאכהשע ווי: „דער „קליינער חיי־אָדם״ און דער „גרויסער חיי־אָדם״, אויף יורדזיקע און אַנדערע 6).

אין זשיטאָמיר זענען געווען צווישן די דאָרטיקע שולן און קלויזן אויך פון: שינדערס, טאָקאַרעס, טאַנדעטניקעס, מולאַרעס, פריקאָזטשיקעס, חייטים, בעלי־עגלות, סטאָלאַרעס, קאַמאַשנמאַכערס (זאַגאָטאָווטשיקעס), שוסטערס, וואַסערטרע־גערס, בעקערס, פּאַפּיראָסניקעס 7).

די לעצטע דריי ביישפּילן האָבן מיר געבראַכט פון דעם באַריכט, וואָס עס פלעגט פאַרעפנטלעכן די געזעלשאַפט צו אונטערשטיצן יידישע ערד־אַרבעטער אין סיריע און ארץ־ישראל, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דער „אָדעסער קאָמיטעט״, וואָס איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר קאָנקרע־טער קאָלאָניזאַציע אין ישראל. דער דאָזיקער קאָמיטעט פלעגט דורך זיינע אָנהענ־גער, אין גאַנץ רוסלאַנד, אַרויסשטעלן ערב יום־כיפור קערות אין די פאַרשיידענע קלויזן, בתי־מדשים, שטיבלעך, מנינים וכדומה, ווו מען פלעגט זאַמלען נדבות

---

2) אברהם שמואל הערשבערג — פּנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1949, קאַ־פּיטל 12 — ביאַליסטאָקער רעליגיעזע אַנשטאַלטן, שולן, בתי־מדרשים, מניינים.

3) פנקס קרעמעניץ — תל־אביב תשי״ד.

4) חייקל לונסקי — „מהגיטו הווילנאי״ ווילנה 1921.

5) חשבון הנדבות בערים שונות... לקנין אדמה בארץ ישראל, אָדעס 1911.

6) דאָרטן.

7) דאָרטן.

פאַרן דאַזיקן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט פלעגט שפּעטער דעם רעזולטאַט פון דער זאַמלונג, די נעמען פון די שטעט און יחידים, פאַרעפנטלעכן אין אַ ספּעציעלן באַריכט. אַט טאַקע פון דאַזיקן באַריכט האָבן מיר גענומען די וויטערדיקע, גאָר אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק, וועגן די בעל־מלאכהשע דאַוון־ערטער 8).

מען דאַרף זיך באַוואָרענען, אַז די סטאַטיסטיק איז נישט גאָר קיין פּינקטלעכע, ווייל נישט אַלע שטעט האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאַזיקער אַקציע (אין אונדזער באַריכט, וואָס מיר האָבן באַאַרבעט, פיגורירן בסך־הכל אַ 700 שטעט). ווידער פון די דאַזיקע שטעט, וואָס פיגורירן שוין יאָ אין באַריכט, קאָן זיין, אַז נישט פון אַלע בתי־מדרשים זענען פאַראַן באַטייליקטע אין דער אַקציע. לסוף, טייל בתי־מדרשים און קלויזן, טאַקע בעל־מלאכהשע, זענען אָנגערופן מיט אַנדערע נעמען. אָבער שוין די ציפערן און פאַקטן, וואָס מיר ברענגען ווייטער, איז פון גאָר וויכטיקן אינטערעס.

ווי געזאָגט, ברענגט דער באַריכט ידיעות פון בערך 700 שטעט. צווישן די פאַרעפנטלעכטע דאָרטן נעמען פון בתי־מדרשים געפינען זיך למשל אַזעלכע:

שניידערשע, לרוב הייסן זיי „חייטים" און צוויי טראָגן אפילו דעם נאָמען „טאַנדעטניקעס" — 41;

קצבישע, פון צייט צו צייט הייסן זיי אויך „זובחי־צדק", אָדער גאָר פאַרקירצט ז"צ — 24.

שוסטערישע — 24.

בעל־מלאכהשע, אָן דעם צוגאָב פון דער בראַנזשע. טייל הייסן פשוט בעל־מלאכהשע, טייל האָבן דעם נאָמען „פּועלי צדק", אַ פּאָר אויך „יד חרוצים" — 32;

בוי־און מעטאַל־פאַכן: סטאָלאַרעס און טשעסלערס — 12; שמידן — 7; מולאַרעס — 4 גלעזערס — 3; טאַקערס — 2; בלעכערס — 1.

טראַנספּאָרט־אַרבעטער: בעלי־עגלות און דראָזשקאַזשעס (אָפּט איזוואָזטשיקעס) — 14; וואַסערטרעגערס — 5; משא־טרעגערס — 3; וועגעלעך־פירערס — 1;

פאַרשיידענע באַקליידונג־פאַכן: קירזשנער־היטלמאַכערס — 8; קאַמאַשנמאַכערס — 4; פאַרבערס (פון טוך) — 4;

אין דער באַשפּייזונג־אינדוסטריע: בעקערס — 3; מילנערס — 2; שינדערס — 2; פישערס — 1.

גאָלדשמידן — 3; גאַרבערס און קלעזמערס צו 2;

האָלצהעקערס, שוועבעלע־מאַכערס, איינבינדערס, קאַראַבעלניקעס, ברוקירערס, קוימענקערערס, שמוקלערס, בערשטערס, פּאַפּיראָסניקעס האָבן געהאַט צו 1 שול.

8) דער פולער נאָמען פון דער פּובליקאַציע איז: „חשבון הנדבות בערים שונות בערב יום־הכיפורים תרע"א לטובת חברת תמיכת בני ישראל עובדי אדמה ובעלי מלאכה בסוריא ובארץ הקדושה לקנין אדמה בארץ ישראל".

צוזאַמען זענען דאָ פאַרמראָטן בערך 30 פאַרשיידענע פאַכן און בראַנזשעס, וואָס האָבן געהאַט, באַזונדערע, אייגענע, ביי 230 שולן, קלויזן און בתי־מדרשים.

ווי געזאָגט, איז די ציפער ווייט צו זיין נאָענט פון גאַנצקייט. דאָס זענען נאָר צופעליקע ידיעות. זיי ווייזן אָבער ווי ברייט עס איז געווען די דאָזיקע דערשיינונג — אָפּגעזונדערטע, אייגענע, בעל־מלאכהשע אינסטיטוציעס.

ביז איצט איז דאָ גערעדט געוואָרן וועגן שול־חברות; חברות צו לערנען און דאַווענען (און זיכער זענען ביי די דאָזיקע שולן געווען אויך אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף, ווי גמילת־חסדים־קאַסעס). גאָר גרויס איז אָבער אויך די צאָל פון חברות טאַקע ווי פאַך־אָרגאַניזאַציעס. דאָ האָבן מיר אַ גאָר היפּשן מאַטעריאַל, הגם אויך נישט קיין פולן. דאָ האָבן מיר שוין אַרבעטן, וואָס יידישע פאָרשערס האָבן אָנגעהויבן צו פּובליקירן. דאָס זענען די אַרבעטן פון ד״ר מ. ווישניצער 9), ש. ראָמ־באַך 10), פּראָפ׳ י. סאָסיס 11), ד״ר משה קרעמער 12), וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט אַלגעמיינע שטודיעס וועגן דעם, חוץ אַ ריי מאָנאָגראַפיעס וועגן פאַך־אָרגאַניזאַציעס אין איינצלנע שטעט 13).

דער דאָזיקער געביט איז אַזוי רייך מיט פאַקטן, דאַטן און מאַטעריאַלן, אַז עס וואָלט נישט גענוג געווען איין באַנד פאַר דעם און מיר קענען זיך ברייטער נישט אָפּשטעלן אין אונדזער איצטיקן קאַפּיטל. וועלן מיר נאָר אָנגעבן אַ ריי ידיעות, וואָס

---

9) ד״ר מ. ווישניצער — „יידישע בעל־מלאכות אין פוילן, ליטע, בערלין 1922.
ד״ר מ. ווישניצער — „די סטרוקטור פון יידישע צעכן אין פוילן, ליטע און ווייס־רוסלאַנד אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט. אין „צייטשריפט”, מינסק 1928. באַנד 2־3.

10) ש. ראָמבאַך — „די יידישע בעלמעלאָכעס אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט” אין „צייטשריפט”, מינסק 1928, באַנד 1.

11) פּראָפ׳ י. סאָסיס — „יידישע באַלמעלאָכעס און זייערע אַרבעטער אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע אין 18טן יאָרהונדערט” אין „צייטשריפט”, מינסק 1930, באַנד 4.

12) ד״ר משה קרעמער האָט זיין אַרבעט אין דריי טיילן:
א. „לחקר המלאכה והחברות בעלי־מלאכה אצל יהודי פולין (במאות הט״ו־הי״ח) אין „ציון”, ירושלים, 1937.
ב. „דער אָנטייל פון יידישע בעל־מלאכות אין די קריסטלעכע צעכן אין אַמאָליקן פוילן”, אין „בלעטער פאַר געשיכטע”, באַנד 2, וואַרשע 1938.
ג. „יידישע בעלי־מלאכות און צעכן אין אַמאָליקן פוילן, 16טן — 18טן יאָרהונדערט” אין „ייוואָ־בלעטער”, באַנד 40, ניו־יאָרק 1956.
די לעצטע אַרבעט איז אָפּגעפונען געוואָרן אין די רעשטלעך פון אָפּגעראַטעוועטן ייוואָ־אַרכיוו פון ווילנע. דער מחבר איז אומגעקומען ווי אַ קדוש.

13) ד״ר פיליפּ פרידמאַן וועגן לאָדזש; אַדוו׳ פּנחס קאָן וועגן ווילנע; בעלאַ מאַנדעל־בערג, וועגן לובלין; ד״ר ישראל היילפּערן וועגן ליבעוונע, ביאַליסטאָק, טיקטין, טשאָרטקאָוו; פּערלאַ קראַמער וועגן בילגאָריי א״א.

וועלן אילוסטרירן דעם פֿאַרנעם פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע־נעץ פֿון פֿאַך־חברות ביי יידן.

טאַקע אויפֿן סמך פֿון די דערמאָנטע מקורים און אַנדערע פּובליקאַציעס, וואָס וועגן זיי וועט אונדז אויסקומען צו דערמאָנען שפּעטער, ווייסן מיר, אַז אין די וויי־טערדיקע שטעט האָבן עקסיסטירט יידישע פֿאַך־אָרגאַניזאַציעס, חברות אָדער צעכן.

איוועניץ, ביאַליסטאָק, בילגאָריי, בערדיטשעוו, בראָד, בעלאַ־צערקאָוו, גראָדנע, דובנאָ, דראָהאָביטש, האָמעל, וועלערניק, ווילנע, וווּיסלאַוויץ, ווילוין, זשיטאָמיר, זאַבלודאָווע, טיקטין, טשאַרטקאָוו, טישאָווצע, יאַראָסלאַוו, ליסע, לעמבערג, ליבעוונע, לובלין, לויצק, מעזריטש, מינסק, מאַלין, מיקאָלאַיעוו, נאַוואַרעדאָק, סידלקאָוו, סאָ־קאָלאָוו, סוויסלאָטש, סטאַשעוו, סלאָנים, סקידל, פּאַוולאָטש, פּלאָצק, פּויזן, פּשע־מישל, פּולטוסק, קיידאַן, קורניק, קוטנע, קראָקע, קאָבילין, שקלאָוו.

מיר האָבן דאָ קרוב פּופּציק שטעט, ווו עס זענען שוין אין 16טן 17טן און 18טן יאָרהונדערט געווען חברות אָדער צעכן פֿון יידישע בעלי־מלאכות. פֿאַרשטייט זיך, אַז בעלי־מלאכות זענען געווען אין פֿיל מער שטעט. עס איז נישט געווען כמעט קיין יישוב וווּ יידן האָבן געוווינט, אַז זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט מלאכה.

פּנקסים - די עדות פון דער תקופה

מיר האָבן זיך אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אָפּגעשטעלט אויף דער וווּנדערלעכער דערשיינונג אין דער מיזרח־אייראָ־פּעיִשער תקופה — די שפע פון חברות. דערביי האָבן מיר באַוויזן, אַז אויך אין דעם דאָזיקן פּרט ציט זיך אַ גלייכע גענעאַלאָגישע ליניע צו אַשכנז. די דאָזיקע פּרשה — ייִדישע חברות — איז נאָך אַלץ אין אונדזער וויסנשאַפט, אין דער ייִדישער קולטור־היסטאָרישער פאָרשונג, אַ בתולה־באָדן און וואַרט אויף אַ תיקון. וויפל מען האָט וועגן דעם נישט פאַרעפנטלעכט זענען עס נאָך אַלץ ראשי־פּרקים, ממש אויפן שפּיץ גאָפּל. עס ליגן נאָך אוצרות פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וואָס באַווייזט בולט די דינאַמישע פאָלקס־שעפערישקייט פון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער תקופה; גאָר באַזונ־דער ווערט דאָ באַוויזן די בויערישע ראָלע פון דעם פּשוטן המון־עם ביים אויפבויען די „מלוכה אין דער מלוכה", וואָס האָט אין דער דאָזיקער צייט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין דער ייִדישער תפוצות־געשיכטע.

די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פאַרשידנאַרטיקן חברות־רעגנבויגן; דער אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער בוי און מיטגלידער־סטרוקטור; ווער האָט עס געקענט ווערן אַ מיט־גליד און ווי אַזוי ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער חברה; די רעכטן און פליכטן פון די מיטגלידער; די סיסטעם פון אויסוויילן די אָנפיר־אָרגאַנען פון דער חברה און די באַזונדערע אַמטן פון די אָנפירערס; די תקנות וואָס רעגולירן די באַציִונגען פון די אָנפירערס און די פּשוטע מיטגלידער; די פאַרשידענע אָפּצאָלונגען און בכלל די פינאַנץ־פּאָליטיק פון די חברות; לסוף וועלכע קרייזן און שיכטן און צו וועלכע חברות זיי האָבן געהערט. — דאָס זענען דאָך גאָר וויכטיקע פּרטים, וואָס אַנטפּלעקן דעם פּנים פון דור, פון דער תקופה און אירע בויער.

דאָס אָרט און די ראָלע פון די דאָזיקע חברות אין קהל בכלל; די באַציִונגען מיט דער קהילה און די קאָמפּעטענצן פון די באַזונדערע חברות — דאָס זענען דאָך

ווידער גאָר וויכטיקע פּרטים צו דער געשיכטע ווי אַזוי עס איז אויסגעפורעמט גע־וואָרן אונדזער אויטאָנאָמיע אין מיזרח־אייראָפּע. דאָס זענען נישט נאָר „היסטאָרישע" פּראָבלעמען — ענלעכע פראַגן שטעלן זיך אויך פאַר די קהילות און קיבוצים פון אונדזערע היינטיקע טעג.

די מקורים פאַר די דאָזיקע שטודיעס זענען אויף אַ ווונדערלעכן אויפן צוגע־גרייט געוואָרן. ווידער האָבן מיר דאָ אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג, וואָס איז ביי אונדז אַנדערש ווי ביי די אומות העולם. מיר האָבן נישט קיין מלוכהשע אָדער אַנדערע אָפיציעלע אַרכיוון. אונדזערע אינערלעכע ענינים האָבן זיך נישט אָפּגעשפּיגלט אין די אַלגעמיינע אַרכיוון. אָבער גראָד דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע וועלט־פאָלק, דאָס פאָלק מיטן „וואַנדערשטאָק אין האַנט", האָט זיך באַמיט צו פאַרשרייבן ביי זיך און איבערלאָזן פאַר אַלע אייביקייטן די דאָקומענטן פון די דאָזיקע חברות. דער שר פון דער אומה האָט אונטערגעזאָגט די פּשוטע און אָפט מאָל גאָר נישט געלערנטע אַנפירערס פון די חברות זיי זאָלן פאַרשרייבן אַלע זייערע מעשׂים. מיר האָבן דאָ אין זיינען די שפע פון פּנקסים, מיט וואָס עס איז רייך די אַשכנז־תקופה.

דאָס פאַראייביקן לדורות די געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט מיטן פאָלק, פאַר־שרייבן, אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן עס נישט פאַרגעסן, איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט באַגלייט אונדזער גאַנצע טויזנט־יעריקע אַשכנז־תקופה. פון די כראָניקערס, וועלכע האָבן פאַרצייכנט די ערשטע גזירות ביי די טייכן פון ריינוס, פון די קונט־רסים פון די עדי־ראיה פון די קרייצצוגן — ביז די טאָגביכער פון די געטאָס, לאַ־גערן, בונקערס און וועלדער פון אונדזער לעצטער חורבן־צייט, ציט זיך בפירוש אַ גלייכער פאָדעם.

אויך איז די פאָרעם פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען די זעלביקע. דאָן, מיט טויזנט יאָר צוריק, זענען עס, פּונקט ווי היינט, געווען גביות־עדותן, טאָג־כראָני־קעס, עלעגיעס און מצבות.

אין איצטיקן קאַפּיטל שטעלן מיר זיך אָפּ אויף איין טייל פון די פאַרשריי־בונגען, אויף די פּנקסים. אויך אין דעם פאַל האָבן מיר די עלטסטע דאָקומענטן פון דעם מין אין דעם מוטער־לאַנד פון אַשכנז — אין דייטשלאַנד. מיר מיינען די מעמאָר־ביכער און די פּנקסים פון חברות און קהילות 1).

פון דאָרטן, פון דייטשלאַנד, איז דער איינפיר פון פּנקסים אַריבער צו אונדז. עס איז נישט געווען קיין דיק, נישטאָ אין ערגעץ קיין אָנזאָג צו די חברות, אַז זיי דאַרפן מאַכן פּנקסים. אָבער עס איז כמעט נישט געווען קיין חברה, וואָס האָט נישט געהאַט איר ספר הזכרונות. און ווען מען באַטראַכט די באַזונדערע פּנקסים זעט מען

1) וועגן דעם געניוער אין מיין בוך „נישט דערבערענטע שייטן", די קאַפּיטלען: „פאַר־שוווּנדענע פּנקסים" און „די מעמאָר־ביכער פון קאָבלענץ".

ויפל פיטעט, וויפל אויפמערקזאַמקייט מען האָט געשאָנקען דעם פּנקס. מען האָט אויסגעזוכט פעיקע סופרים זיי זאָלן וואָס שענער אויסמאָלן און באַצירן דעם שער־בלאַט פון פּנקס; די תקנות זאָלן פיין אַריינגעשריבן ווערן און טאַקע מיט געקינצלטע אותיות און באַפּוצונגען.

אין די דאָזיקע פּנקסים זענען פאַרפּיקסירט געוואָרן לדורות די געשיכטע פון די חברות; זייער גרינדונג און טעטיקייט. מיר האָבן דאָ דעם אופן ווי באַזונדערע גרופּן האָבן זייערע חברות געפירט; דאָ זענען פאַראייביקט זייערע שטרייטן און פּראָבלעמען; זייער פרייד און לייד; זייערע מינהגים און לעבנס־סדר; דאָ זענען אַריינ־געפלאָכטן געשעענישן אין דער חברה גופא און פאַרפאַלן צווישן דער חברה מיט אַנדערע אָדער גאָר מיט קהל; מיר געפינען דאָ ידיעות וועגן שכנותדיקע ישובים; אויך האָבן מיר דאָרטן אינפאָרמאַציעס וועגן די אַלגעמיינע געשעענישן אין לאַנד און ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ידישער סביבה.

אַ גאַר לאַנגע צייט האָט מען נישט געלייגט קיין גרויסע אַכט אויף די דאָזיקע אַלטע, פון לאַנגע צייטן פאַרגעלבטע, און פון נאַכלעסיקייט צעקנייטשטע און צע־דרויבלטע פּנקס־בלעטער. דאַרף מען היינט, אין דעם יאָר, ווען מיר צייכענען אָפּ דעם 100סטן געבוירן־טאָג פון דעם קדוש פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, דערמאָנען, אַז דאָס איז ער געוועזן פון די ערשטע, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיקן וויכטיקן, אוממיטלבאַרן מקור צו דערלערנען די אינעווייניקסטע גע־שיכטע פון די ידישע פאָלקס־מאַסן.

לײדער זענען אַ סך פון די דאָזיקע פּנקסים פאַרניכטעט געוואָרן. ביי די „נאָר־מאַלע" שריפות און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס אין די שטעט און שטעטלעך אין אַלע צייטן און באַזונדער אין דעם וויסטן היטלער־חורבן האָט דער רוב פון די עקסיס־טירנדיקע פּנקסים געטיילט דעם גורל פון די עדהס, וועמענס געשיכטע זיי האָבן אויפגעהיט אויף זייערע פּאָליאַנטן.

פון דעסטוועגן זענען פאָרט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן הונדערטער פּנקסים. זיי געפינען זיך אין ידישע היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און אַקאַ־דעמיעס. זייער אינטערעסאַנט, אָפט מאָל גאָר סענסאַציאָנעל־שפּאַנענדיק, זענען די ממש אויסטערלישע געשיכטעס ווי אַזוי די דאָזיקע וווּנדערלעכע צייט־דאָקומענטן האָבן דורכגעמאַכט זייער וואָגל־וועג צום ירושלימער אוניווערסיטעט אָדער צום ייִוואָ און אַנדערע ביבליאָטעקן אין ניו־יאָרק. די דאָזיקע סך הונדערטער וואָגיקע און ווערטיקע, אָפט מאָל די איינציקע, מקורים צו דער געשיכטע פון אונדזער אַשכנזי־תקופה וואַרטן טאַקע אויף אַ תיקון.

ווייטער וויל איך, הגם נישט קאָמפּלעט, אילוסטרירן די פּנקסים־שפע פון מיזרח־אייראָפּע, אויפן סמך פון די צעזייטע און צעשפּרייטע אין פאַרשידענע ערטער און צייט פּובליקאַציעס וועגן פּנקסים־קאָלעקציעס. איך זאָג קאָלעקציעס, ווייל וואָלט

מען געוואָלט ברענגען אַלץ וועגן דעם וואָס עס איז געשריבן געוואָרן וועגן איינצל־נע פּנקסים, וואָלט מען אויף דעם געדאַרפט האָבן נישט איין גרויסן, פילזייטיקן באַנד.

זאָלן די דאָזיקע ציפערן און פאַקטן ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל באַווייזן די שעפערישע דינאַמישקייט פון דעם המון־עם, דעם ברייטן פאָלקס־עולם פון די שטעט און שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע, די יורשים און הויפּט־טרעגער פון דעם נוסח אַשכנז.

**
*

מיר האָבן פריִער דערמאָנט וועגן דעם רוף פון פּראָפ׳ ש. דובנאָוו וועגן זאַמ־לען היסטאָרישע מקורים און פריִער פאַר אַלץ פּנקסים. אין אַ באַשרייבונג וועגן דעם אַרכיוו פון שמעון דובנאָוו רעכנט אויס א. טשעריקאָווער דעם מאַטעריאַל, וואָס עס געפינט זיך אין דאָזיקן אַרכיוו, וואָס איז טאַקע אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ דאַנק דער דאָזיקער ווענדונג 2). מיר נעמען אַרויס נאָר די פּאָזיציע פּנקסים און מיר דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַרכיוו זענען פאַראַן (ממש פאַראַן, ווייל דער אַרכיוו־מאַ־טעריאַל געפינט זיך איצט אין ייִוואָ־אַרכיוו אין ניו־יאָרק) פּנקסים פון: מסטיס־לאַווער קהל (1702—1823); פון נײַ־מסטיסלאַוו (סלאָבאָדקע 1760—1795); פּעטראָ־וויץ (1726—1809); פּינטשעוו (1632—1740); אַלט־ביכאָוו (1686—1869); קיידאַן (בעל־מלאכהשער פּנקס, 1806—1819) טיטקין; בירזש (צוויי פּנקסים, 1762—1832), פאַרשידענע קאָפּיעס און אויסצוגן פון פּנקסים אין זאַבלודאָווע, לובלין און אַנדערע.

פון זעלביקן מקור דערוויסן מיר זיך אויך, אַז אין דער היסטאָריש־עטנאָגראַפי־שער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג (היינט לענינגראַד) אין יאָר 1908, אַגב ביי דער מיט־איניציאַטיוו פון ש. דובנאָוו, האָבן זיך אין יאָר 1923 געפונען 43 פּנקסים און 70 קאָפּיעס און אויסצוגן פון אַנדערע פּנקסים.

אין דער שוין פריִער דערמאָנטער אַרבעט פון פּראָפ׳ י. היילפּערין „פּנקס ועד ארבע ארצות", וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון זייער אַ סך מקורים, זענען צווישן אַנדערע אויך אויסגענוצט געוואָרן די פּנקסים פון פאַרשידענע קהילות, ווי ווײַטער:

אַפּט (אָפּאַטאָוו), דובנאָ, וויניצע, זשולקיעוו (זאָלקווא), זאַבלודאָווע, טוריסק (טריסק), טיקטין, טשאַרטקאָוו, לוווו (לעמבערג), לאַנצהוט, מעזריטש, פּויזנע, פּינ־טשעוו, פּרעמיסלע, קעמפּנע, קראָקע, ריישע, שקוד, דאָס אַלץ זענען געווען קהל־פּנקסים. חוץ דעם האָט ער אויך אויסגענוצט די „חברה־קדישא" - פּנקסים פון בראָד, יאַראָסלאַוו, לובלין, צויזמיר און קראָקע.

2) א. טשעריקאָווער — „דער אַרכיוו פון שמעון דובנאָוו" — אין היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ, 2טער באַנד, ווילנע 1937.

אויך אין דער אַרבעט פון יצחק א. לויטאַץ „החברות היהודיות ברוסיה", וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, ווערן אויסגערעכנט אַ ריי פּנקסים. דער מחבר באַמערקט, אַז זיין אַרבעט האָט ער געשריבן אויפן יסוד פון דרייסיק כתב־ידן פון פּנקסים, וואָס עס זענען געווען פאַר דער צווייטער וועלט־מילחמה אין ווילנער יִוואָ און ירושלימער אוניווערסיטעט. צווישן אַנדערע ווערן ציטירט די פּנקסים פון: מינסק, הרובישאָוו, יורבורג, קאָוונע, נאַרוואָליע, ניי־זשאַגער, מיטאַווע, ברעסט־טאָוויץ און אַנדערע.

***

ווייסן מיר אויך פון אַ קאָלעקציע פּנקסים, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם אַרכיוו פון דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי. פון דער באַשרייבונג פון די דאָזיקע פּנקסים, וואָס עס גיט א. י. גאָלדשמידט ווייסן מיר דאָס ווייטערדיקע: 3)

געוועזן זענען דאָן אין דאָזיקן אַרכיוו 25 פּנקסים פאַרטיילט אין באַזונדערע גרופּעס:

פּנקסים פון קהילות: 1) פּנקס דחברה־קדישא „בדק הבית" דקהילה קדושה ווילנע (1750—1834); 2) פּנקס דבית־המדרש הישן דקהילה קדושה ווילנע (1758—1875); 3) פּנקס דקהילה קדושה שאַקי (ליטע 1776—1848); 4) פּנקס דקהילה קדושה ווערשנא (פּויזנער געגנט, 1823—1869); 5) פּנקס דחברה קדישא גמילות חסד של אמת דקהילה קדושה מושניק (ביי ווילנע, 1734—1826); 6) פּנקס דקהילה קדושה קריוואָליאַן (ליטע, 1810—1906); 7) פּנקס „צדקה גדולה" דקהילה קדושה ווילנע (1869—1931).

פּנקסים פון פּריוואַטע בית־המדרש־חברות; 8) פּנקס דחברה קדישא „משניות ומקרא" דבית־המדרש של ר׳ אריה בר׳ אליעזר (לייב לייזערס אין ווילנע, 1776־1782); 9) פּנקס דחברה קדישא „אור תורה" (לייב לייזערס בית־המדרש, 1798—1916); 10) פּנקס דחברה קדישא „משניות" בבית־המדרש על שם הגאון בווילנא (1812—1851); 11) פּנקס חברה קדישא „משמורים, מקרא, מדרש" דבית־המדרש הגאון החסיד (1875—1877); 12) פּנקס דחברה קדישא „שומרים לבוקר" מסלאָנים (1802—1898); 13) פּנקס דחברה קדישא „לומדי משניות" בקהילה קדושה ראַקאָוו (1809—1897); 14) פּנקס דחברה „שולחן ערוך" במערעטש (ליטע, 1873—1898); 15) פּנקס חברה „משניות ועין־יעקב" בקלויז דבורה־אסתר (ווילנע 1887—1923).

פּנקסים פון גמילת־חסדים־קאַסעס: 16) פּנקס דחברה קדישא „דרכי יושר"...

---

3) א. י. גאָלדשמידט — „די פּנקסים פון דעם הע"ג־אַרכיוו", אין: „פון נאָענטן עבר", נומער 1, ווילנע 1937.

עַל ידי מוכרי גאַלאַנטעריי (ווילנע, 1849—1922); 17) פנקס דחברה „מלביש ערו־מים" (ווילנע, 1869—1900); 18) פנקס דק"ק „סומך נופלים" (ווילנע, 1871—1906); 19) פנקס אַנשי ישורון העוסקים בבתי המרכולת נקובי בשם „חוסן ישועות" (ווילנע, 1873); 20) פנקס דחברה קדישא גמילות חסדים של שלאָסאַרעס (ווילנע 1879); 21) פנקס דחברה קדישא קרעמער המכונה „אוהבי חסד" (ווילנע 1880—1903); 22) פנקס עזרת נשים מגמילת חסדים של אמת (ווילנע 1890—1915); 23) פנקס גמילת חסד הגדול בחצר רב לייב לייזערס (ווילנע 1890—1903); 24) פנקס של גמילת חסדים בעד הקיבוץ „לומדי תורה" (ווילנע 1916—1917); 25) פנקס גמילת חסד של החברה העוסקים במלאכת הדפוס (ווילנע, 1911—1913, דער פנקס איז אין יידיש).

***

אין דער אַרבעט פון פּראָפ׳ י. סאָסיס, אין דער מינסקער „צייטשריפט", וואָס מיר האָבן דערמאָנט שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווערן ציטירט די ווייטערדיקע פנקסים:

לוצקער „חברה חייטים", 1721—1880;
„חברה חייטים וקירזשנער" פון סודילקאָוו (וואָלין), 1750—1809;
„חברה סנדלרים וגאַרבערס" פון מיקאָלאַיעוו (פּאָדאָליע), 1810;
„חבורת החייטים פועל צדק" דק"ק פּאָוואָלאָטש (קיעווער גובערניע) 1808;
„חברה של רצענים וירמולניקעס", פּאָוואָלאָטש, 1773—1887;
„חבורה חייטים" פון מאָלין (קיעווער גובערניע), 1838.

אין דעם זעלביקן באַנד „צייטשריפט" ווערט אין אַ צווייטער אַרבעט באַשריבן דער פנקס פון דעם קהל אין שטעטל האָרקי (אָרשער קרייז, ווייסרוסלאַנד) און עס ווערט פון אים אַפילו געבראַכט עטלעכע רעפּראָדוקציעס 4).

***

אין אַן אַרבעט וועגן אַ יידיש קהל אין 18טן יאָרהונדערט, האָט דער אומ־דערמידלעכער קולטור־היסטאָריקער און ביבליאָגראַף ד"ר בערנהאַרד וואַכשטיין, פאַרעפנטלעכט דעם פנקס פון דער קהילה רונקל (דייטשלאַנד) מיט הערות צו די געבראַכטע פונקטן און תקנות. אין די הערות דערמאָנט ער אַ צאָל פנקסים פון קהילות און חברות פון די ווייטערדיקע שטעט:

אייזנשטאָט, אָפנבאַך, אַשאַפנבורג, זשאָלקווע, מאַנטואַ, מעץ, סמירנע, פראַנק־

4) ה. אַלעקסאַנדראָוו — „דזשערזשאָווצעס און קאָהאָל", אין צייטשריפט, באַנד 4, מינסק 1930.

פורט, פראג, פירט, קוטנפלאן, קראקע, ראטענבורג, ווי אויך פון לענדער: העסן, ליטע, עלזאס, קאסטיליע 5).

**
*

אין א שטודיע וועגן דער געשיכטע פון האנטווערק ביי ליטווישע יידן, דער־מאנט ד״ר רבקה נאטיק די וויכטיקע פנקסים, סטאטוטן און פראטאקאלן פון יידישע בעל־מלאכהשע חברות אין:

פרעמישל (דער שניידער־צעך האט געטראגן דעם נאמען „מלביש ערומים״), לויצק, ליסע, קראקע, בארדיטשעוו, פויזן, לעמבערג, וועלעדניק, קיידאן 6).

**
*

פון א פובליקאציע וועגן כתב־ידן אין ירושלימער אוניווערסיטעט זעען מיר, אז דארטן האבן זיך אין יאר 1934 געפונען 25 פנקסים. אט זענען די נעמען פון די שטעט און חברות פון די דאזיקע פנקסים:

באקאטשעוויטש — פנקס פון חברה קדישא, פון די יארן תק״י—ת״ר (1750—1840).

בענדער — פון חברה קדישא, תקנ״ג (1793);

דובאסאר — כערסאנער גובערניע — חברה קדישא, לעצטע דאטע תקצ״ב (1832);

הענאו — א קהילה אין דייטשלאנד — פון דער חברה קדישא, פון יאר תע״ח (1718);

ווילאמפאל — קהילה־פנקס פון יאר תק״מ ביז תר״מ (1780—1880);

וולאדון — קאפיע פון קהילה־פנקס, פון די יארן תקכ״א—תק״ע (1761-1810);

ווענגראוו — קהילה־פנקס, פון די יארן תקמ״ב—תקס״ד (1782—1804);

זאבלודאווע — קהילה־פנקס פון די יארן ת״ו—תקע״ו (1646—1816);

כאראשץ — חברה קדישא, פון די יארן תס״ב—תר״ל (1702—1870);

לובאמלע — פנקס „חברה חייטים״, עס רעדט זיך אויך אין דאזיקן פנקס וועגן קצבים, מנקרים, שמוקלער, פוטער־קירזשנער און גאלדשמידן, פון די יארן ת״פ—תרפ״ז (1720—1927);

מינסק — חברה „תלמוד תורה״, פון די יארן תקס״ו—תרכ״א (1806—1861);

סלאנים — חברה קדישא, פון די יארן תקי״ט—תרל״א (1759—1861);

קוידאנאוו — „חברה תנ״ך״, דער ערשטער פנקס פון דער דאזיקער חברה

---

5) ד״ר ב. וואכשטיין — „א יידיש קהל אין 18טן יארהונדערט (רונקל), אין ייווא־בלעטער באנד 6, ווילנע 1934.

6) ד״ר ר. נאטיק — „צו דער געשיכטע פון האנטווערק ביי ליטווישע יידן״, אין ייווא־בלעטער, באנד 9, ווילנע 1936.

איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר תקפ״ד (1824) און אָנשטאָט אים איז געשריבן געוואָרן אָט דער פּנקס, וואָס איז דערפירט געוואָרן ביזן יאָר ת״ר (1840);

קאַמאַרנאַ — חברה „שבעה קרואים״ און חברה „נר תמיד״, פון די יאָרן תצ״ו—תקמ״ה (1736—1785);

חוץ די דערמאָנטע געפינט זיך אויך אין דעם זעלביקן אָרט אַ קאָפּיע פון דעם דובנער פּנקס, וואָס איז נישט אַריין אין דער פּובליקאַציע, מחמת ער איז איבערגעשריבן מיט אַ שרייב־מאַשין 7).

***

אין אַן אַרבעט וועגן פּנקסים אין קויאַווע דערציילט שמואל ווינטער פּרטים וועגן די וויטערדיקע ניין פּנקסים:

פון דער „חברה תהילים״ אין איזשביץ, אָנגעהויבן פירן אין יאָר תקפ״א (1821) ביז תרפ״ז (1926);

פון דער „חברה תהילים״ (אָדער חייטין) אין לובראַנץ, פון יאָר תר״ג (1843) ביז דעם יאָר תרס״ט (1909);

פון דער „חברה תהילים״ אין בריסק־קויאַווסק, פון די יאָרן תר״י (1850) ביז דאָס יאָר תער״ב (1912);

פון דער „חברה מקרא״ אין לובראַנץ, געפירט פון יאָר תקב״ץ (1832) ביז תרס״ד (1904);

פון דער „חברה מקרא״ אין בריסק־קויאַווסק, געפירט פון יאָר תרכ״ב (1862) ביז דאָס יאָר תרנ״ה (1893);

פון דער „חברה חיי אָדם״ אין איזביץ־קויאַווסק, געפירט פון תרכ״ב (1867) ביז דאָס יאָר תרס״ה (1905);

פון דער „חברה קדישא״ אין בריסק־קויאַווסק, געפירט פון דאָס יאָר תר״ח ביז תרצ״א (1848—1931);

פון דער חברה „הכנסת כלה״, וולאָצלאַוועק;

פון דער חברה „משמורת״, וולאָצלאַוועק 8).

---

7) רשימת כתבי־היד העבריים הנמצאים בבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים. מאת ישׂשכר יואל, ירושלים תרצ״ד.

דעם קאַטאַלאָג גופא איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען. די ידיעות זענען אַרויסגענומען פון דער רעצענזיע וועגן דאָזיקן קאַטאַלאָג, וואָס עס האָט אָנגעשריבן מרדכי קאָסאָווער אין ייוואָ־בלעטער, באַנד 10, ווילנע 1936. פון די 25 פּנקסים האָט טאַקע דער רעצענזענט דערמאָנט נאָר די אויבנגעבראַכטע, וואָס ער האָט גערעכנט ווי די וויכטיקסטע.

8) שמואל ווינטער — „פּנקסים פון חברות״ (וועגן 9 חברהשע פּנקסים אין קויאַווע), אין ייוואָ־בלעטער, באַנד 13, ווילנע 1938.

**
*

אין רעגיאָנעלן זאַמלבוך, וועגן לאָדזש און אומגעגנט, געפינען מיר פּאָרש־אַר־בעטן באַזירט אויף פּנקסים פון חברות ווי אויך אויסצוגן און באַאַרבעטונגען פון פּנקסים. דאָס זענען די אַרבעטן:

די „חברה קדישא" אין פּעטריקאָוו, פון משה פיינקינד;

די חברה „עושי חסד" אין לוטאָמירסק, פון יוסף זעלקאָוויטש;

צוויי אַלטע חברות אין לאָדזש: „חברה תהילים ונר תמיד" און „חברה תנ״ך", פון פּ. ז. גליקסמאַן 9).

**
*

צווישן די צאָלרייכע פּובליקאַציעס און שטודיעס פון דעם באַקאַנטן פּאָרשער בערנהאַרד וואַכשטיין, וועלכן מיר האָבן שוין אגב פריִער דערמאָנט, געפינען זיך חוץ דער שטודיע וועגן דער קהילה רונקל, וואָס מיר האָבן שוין אויך פּאַרנאָטירט, פּאָרש־אַרבעטן וועגן פּנקסים און תקנות, וואָס האָבן אַ שייכות צו קהילות, אָדער חברות אין: ווין, טוטשאַפּ, פּראָג און די שבע־קהילות — די זיבן קהילות פון בור־גנלאַנד: אייזנשטאַט, מאַטערסדאָרף, קאָבערסדאָרף, לאָקענבאַך, דויטש קרויץ (יִדן רופן די דאָזיקע קהילה ציילעם), פרויענקירכען און קיטצע 10).

**
*

אין אַ זאַמלונג פון מקורים צו דער געשיכטע פון יִדישע קהילות אין פּוילן האָט דער היסטאָריקער און פּאָרשער ד״ר וויינריב פאַרעפנטלעכט פּנקסים און תקנות פון די קהילות אין פּויזן (400 תקנות און באַשלוסן); קראָקע ((22 דאָקומענטן) און וולאָדעווע (36 דאָקומענטן), וואָס האָבן אַ שייכות צום 17טן און 19טן יאָרהונדערט 11).

**
*

אין דער אַרבעט וועגן דער וועד מדינת רוסיא (רייסן) פון היסטאָריקער ישעיה טרונק ווערן אויסגענוצט די פּנקסים פון אַמשטשיסלאַוו, האָרקי, וויטעבסק און פּעט־ראָוויץ 12).

---

9) לאָדזשער וויסנשאַפטלעכע שריפטן, אַרויסגעגעבן פון וויסנשאַפטלעכן קרייז ביי דער געזעלשאַפט „פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין לאָדזש", באַנד 1, לאָדזש 1938.

10) פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן — „בערנהאַרד (דוב בער) וואַכשטיין" (1868—1935), אָפּשאַצונג פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, אין וואַכשטיין־בוך, ביבליאָטעק פון ייוואָ, ווילנע 1939.

11) דב וויינריב — „תעודות לתולדות הקהלות היהודיות בפולין", אַרויסגעגעבן דורך „האקדמיה האמריקאית למדעי היהדות", ניו־יאָרק 1950.

12) ישעיה טרונק — „דער וועד מדינת רוסיא" (רייסן), אין ייוואָ־בלעטער, באַנד 40, ניו־יאָרק 1956.

אין דער פריִער שוין דערמאָנטער שטודיע וועגן יידישע בעלי־מלאכות פון משה קרעמער ווערן דערמאָנט די פּנקסים פון בעלי־מלאכה חברות: לאָדזש, בראָד, בילגאָריי, לובלין, פּלאָצק, לובאָמל, ביאַליסטאָק, טיטקין, טשאָרטקאָוו, קיידאַן, קור־ניק, פּרעמיסלע, קוטנע, לויצק, פּויזן, יאַראָסלאַוו, ליטע, קראָקע, טישעוויצע, סאָקאָלאָוו, מעזריטש, מינסק, דראָהאָביטש, דובנע, (די נעמען פון די שטעט זענען געבראַכט לויטן סדר ווי זיי ווערן דערמאָנט אין דער שטודיע) 13).

**
*

אין אַן אַרבעט פון אברהם לאַכאָווער וועגן חברה קדישאס אין מאָלדעווע אין 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווערן אויסגערעכנט די ווייטערדיקע פּנקסים פון „חברה קדישאס":

באָקוי — דאַטירט פון תקל"ד (1774);

וויזשניץ — פון יאָר תקכ"ח (1768);

טעלענעשט — פון יאָר תקנ"ד (1794);

טעדגו־פרומאָס — אַ שטעטל פון יאַסער קרייז;

פּיאַטרא־נעאַמץ — אין די מאָלדעווער קאַרפּאַטן, פון יאָר תקל"א (1771);

ראָמאַן — פון יאָר תק"ן (1790) 14).

**
*

ביז איצט האָבן מיר דאָ געבראַכט פאַרשידענע פּנקסים־גרופּעס, וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אין פאַרשידענע שטודיעס. מיר ווילן דאָס קאַפּיטל פאַרענדיקן מיט אַ רשימה פון פּנקסים, וואָס עס האָט פּובליקירט דער יִיוואָ אין ווילנע.

אין יאָר 1937 האָט די היסטאָרישע סעקציע פון יִיוואָ זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַררעגיסטרירן די פאַראַנענע פּנקסים אין די פאַרשידענע קהילות. עס איז דאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אַנקעטע צו די קהילות, רבנים און די קאָרעספּאָנדענטן פון יִיוואָ אין גאַנץ פּוילן. אונטער דער אַנקעטע זענען געווען געחתמעט פּראָפ' שמעון דובנאָוו, פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן, ד"ר יצחק שיפּער, ד"ר רפאל מאַהלער, ד"ר עמנואל רינגעלבלום. אויף דער דאָזיקער אַנקעטע האָבן זיך אָפּגערופן העכער 200 שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און אויך אַ ריי פּונקטן מחוץ פּוילן, ווי דאַנציק, ירושלים (די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק) און רומעניע.

---

13) משה קרעמער — „יידישע בעלי־מלאכות און צעכן אין אַמאָליקן פּוילן, 16טן—18טן יאָרהונדערט", דאָרטן.

14) אברהם לאַכאָווער — „חברה קדישאס אין מאָלדאַווע אין 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט", ייוואָ־בלעטער, באַנד 39, ניו־יאָרק 1955. אין אַ הערה גיט אָן דער מחבר, אַז ער האָט צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון 44 פּנקסים פון חברות אין מאָלדעווע.

אין סך־הכל האָט מען צונויפגעקליבן ידיעות פון 293 פעסטגעשטעלטע פנקסים, דער כאַראַקטער פון די חברות, וואָס האָבן געפירט די פנקסים און זייערע דאַטעס. מיר ברענגען דאָ ווייטער די רשימה פון די פנקסים, לויט דעם סדר, ווי אַזוי דער יי״וואָ האָט עס בשעתו פאַרעפנטלעכט אין אַ ביולעטין, וואָס איז היינט אַ יקר המציאות 15).

פנקסים פון חברה קדישאס

17טער יאָרהונדערט: קאַלושין (די עלטסטע דאַטע פון פנקס 1628), גראָדנע (1630), פינטשעוו (1648), סטאַניסלאַוו (1692), זאַמאָשטש (1695).

ערשטע העלפט פון 18טן יאָרהונדערט: בעליצע (1712), טריסק (1720), לוביוונע (1720), סטאָלין (1723), סטויפץ (1725), קאָוועל (1732), פעטריקעוו־טריב׳ (2 פנקסים 1736 און 1744), בילגאָריי (1745), סידרע (1749), ווילנע (1748), אָסטראָווצע (1742), דובנע (1746), לונע (1749), מוש (1750).

צווייטע העלפט פון 18טן יאָרהונדערט: טיסמעניץ (1760), סלאָנים (1760), פויזן (1760?), פיוסק (1768?), מעזריטש (1767 און צוויי בלעטער פון 1704), ווילין (1773), זאַראָמב־קאָשטשעלני (1757), גריבעוו (1771), וואָלפ (1771), רייוויץ (1779), קלאָ־דעווע (1778), לונע־וואָלע (1775), וולאָצלאַוועק (1783), ווישנעוויץ (1788), קראָס־ניטשין (1780) מיקוליניץ (18טן יאָרהונדערט).

ערשטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט: ראָפּשיץ (1800), בראָדניץ (1805), קוטנע (1808, אַ פּאָר בלעטער פון 1755), ביאַלע (1802), לינטעפּ (1811), סאָניק (1812), קאַמינקע (1815), פולטוסק (1815), פעטריקעוו־טריב׳ (1825), זשאַלודעק (1825), מאַטשעוויץ (1826), נאַווארעדאָק (1828), דראָהיטשין (1830), סאַרנאַק (1832), אָשמענע (1835), פינסק (1836), קלאָדעווע (1838), זשאַרנעוו (1840), האָשטש (1840?), טאַרטשין (1844), פולעוו (1846), פעטריקעוו־טריב׳ (1848), אָסטרין (1848), בריסק־קוי׳ (1848), לוטאָמירסק (1849), קוידאַנאָוו (1826).

צווייטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט: שאַרקוישטשינע (1854), ווילוין (1859), בעלז (1861), קלאָדעווע (1865), מיסלאָוויץ (1871), ווילוין (2פינקסים 1873, 1874), פיינטשנע (1878), כאָזשעוו (1874), יאַלאָווקע (1878), אָסטרע (1882), לונע (1887), גראַבעוו (1881), טשאַרטקעוו (1893), יאַשינאָווקע (1896), מלאַווע (1898).

פון 1900 ביז 1914: סווענציאַן (1902), אָסטרין (1903), ניישטאָט (1906), פעטריקעוו (1909),סקאַלמיעזש (1912).

אָן פינקטלעכע (בערכדיקע) דאַטעס: ווענגראָווע פון 18טן יאָרהונדערט, קריניק

---

15) ידיעות פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע מאַרץ־אַפּריל 1939, נומער 3־4 (83־84)

(2 פּנקסים פון סוף 18טן יאָרהונדערט), דאַנציק (תחילת 19טן יאָרהונדערט), יאַ־גוסטאָווע (2 פּנקסים אָנהייב 19טן יאָרהונדערט), שרענצק (סוף 18טן יאָרהונדערט).

פּנקסים מיט אומבאַקאַנטע דאַטעס: נאַוואַרעדאָק, קאָסטאָפּאָל, בראָק, פּרעמיסלע (2 פּנקסים), יאַרעסלעוו (2 פּנקסים), טורקאָ, סוויעזש, אַנטאָפּאָל, אָסטרע.

פּנקסים פון קהילות

17טער יאָרהונדערט: אַפּט (1601), פּינטשעוו (1647), ווידיסלעוו (1699), בעזשאַן (1699).

18טן יאָרהונדערט: דראָביטש (1734), טשאָרטקעוו (1738), שאַרקי (1776), מעזריטש (1774), אָלקעניק (1781), בירזש (2 פּנקסים 1782, 1792 ?), קינצק (1793), בעליצע (1794).

19טער יאָרהונדערט: אַנטאָפּאָל (1804), קריוולאַן (1810), רימענעוו (1810?), סלאָנים (1818), ווֹרעשנע (1823), דאַנציק (1830), טשעשין (1823), פּיינטשנע (1845), קשאַנעוו (3 פּנקסים, דער עלטסטער פון 1863), גאָלין (1852).

מסופּקדיקע: מושניק (1734), דאָבזשין (17טן — 18טן יאָרהונדערט), ברעס־טעטשקע (אָדער דובענקי) — מיטן יאָר 1792.

פּנקסים פון פּראָפעסיאָנעלע חברות

18טער יאָרהונדערט: חברה חייטים: סטאַשעוו (1721), פּועלי־צדק, טשאָרטקעוו (1721), טשאָרטקעוו (1738), סלאָנים (1785), לובעווּנע (1790), סקידל (1757), פּלאָצק (1798).

19טער יאָרהונדערט: חברה חייטים: טילאָוויעץ (1816), מעזריטש (1834), וויס־לעוויץ (1845), ליבראַנץ (חברה תהילים 1843).

חברה שלאָסערס: ווילנע (1879).

סטאָליאַרעס: ווילנע (1859).

סוחרישע: מוכרי גלאַנטעריי, ווילנע (1849), „עוסקי בבתי המרכולת", ווילנע (1873).

חברה קרעמערס, ווילנע (1880. גייערס (הולכי דרכים), מעזריטש (1836?).

אַלגעמיינע האַנטווערקערישע: פּועלי־צדק, פּולטוסק (1861), שוקדי־מלאָכה, נאַוואַרעדאָק (1872), טשאָרטקאָוו „יד חרוצים" (1875).

תחילת 20טער יאָרהונדערט: פּועלי־צדק, נאַוואַרעדאָק (1903), דרוקער, ווילנע (1911), אחיעזר־המלאכה (2 פּנקסים), ווילוין (1911).

פנקסים פון פילאַנטראָפּישע חברות

18טער יאָרהונדערט: חברה ביקור־חולים: סלאָנים (1795), פּרעמיסלע (1797).

19טער יאָרהונדערט: חברה ביקור־חולים: (לינת הצדק) מעזריטש (1852), ווילוין (1817 און 1857), ניישטאָט (1860), סאָקאָלקע (1863), וולאָצלאַוועק (חברה משמורת, 1862), זשאָלודעק (1881), שעדלעץ (1889), טריסק (...188?), סקאָלמיעזש (1889), פּיוסק (1889), לודמיר (1880), פּעטריקעוו־טריב׳ (1896), לונע (1899), טאַרנעגראָד (1814).

הילפקאַסעס (גמילת־חסדים, תומכי־עניים א״א): פּיוסק (1816), וווינילעוו (1818), פּעטריקעוו־טריב׳ (1840), ווילנע (4 פּנקסים — 1859, 1869, 1871, 1890), נאָוואַרע־דאָק (1862), ווילוין (7 פּנקסים — 1871, 1873, 1882, 1888), זשאָלודעק (1862), לונע (1896).

חברה הכנסת אורחים (הקדש): נאָוואַרעדאָק (1849), ליסקאָוויץ (1887), ניישטאָט (1861), לידע (1899).

חברה הכנסת כלה: לאָמזשע (1853), ווילוין (1891).

אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט: פּעטריקעוו (לינת הצדק, 1907), פּולטוסק (אהבת רעים 1910).

פּנקסים פון רעליגיעזע חברות

18טער יאָרהונדערט: נאָוואַרעדאָק (1757), טיקטין (1766), גראָדנע (1767 און 1773), ווילנע (1776 און 1798), קאַרטוז־בערעזע (1781), קאָסעווע־לאַצקער (1781),

ערשטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט: שטשוטשין (1800), סידרע (1805 און 1806), ראָטנע (1800), פּינטשעוו (1802), ווילנע (1812), סלאָנים (1803), קוידאַנאָוו (1806), ראַקעוו (1809), סאָקעלאָוו־פּאָדלאַשער (1810), פּרעמיסלע (1817), גאָלין (1818), איזשביץ (1821), בראָד (1822), סטאָלין (1823 און 1828), בריסק (1824), קאָמינקע (1825), אַנטאָפּאָל (1826), לאָדזש (1830, 1836 און 1856), מלאַווע (1831), ליבראַנץ (1832), מעזריטש (1839 און 1843), הרובעשויוו (1849), ביאַליסטאָק (1850), בריסק־דליטע (1850), קאַרטוז־בערעזע (1800).

צווייטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט: זשאַרנעוו (1851 און 1884), פּולטוסק (1852), מעזריטש (1857 און 1874), שעדלעץ (1858 און 1875), בעליצע (1861), בריסק־דקוי׳ (1862), קוטנע (1862 און 1888), בראָדניץ (1865), איזשביץ (1867), דראָהיטשין־פּאָלעסיער (1868 און 1893), פּולטוסק (1871 און 1890), נאַרעווקע (1872), מערעטש (1873), ווילנע (1875, 1887 און 1890), קאַרטוז־בערעזע (1881), פּעטרי־קעוו (1882 און 1894), וועגגראָוו (1883 און 6/1892), הרובעשויוו (1884), אָסטרע (1896), מלאַווע (1898), קורעניץ (1899), רייוויץ (1899).

אָנהייב 20סטער יאָרהונדערט: נאָוואָרעדאָק (1902), ווילנע (1916), ווילוין (1901).

פנקסים מיט אומבאַקאַנטע דאַטעס: קאָסטאָפּאָל, פּינסק, מאַרקעוו, פּויזן, סטויפּץ, הרובעשויוו, אַנטאָפּאָל, פּולטוסק.

פנקסים פון שולן און בתי־מדרשים

18טער יאָרהונדערט: פּעטריקעוו (בערך 1765), ווילנע (1750 און 1758), שניאַ־דעווע (1786).

19טער יאָרהונדערט: ראַפּשיץ (1801), לודמיר (1803), ראַדזשעווע (1837), אָשמענע (1873), בראָדניץ (1852), ווילנאָוויץ (1860), בערזשאַן (1861).

אַ חוץ די אויבן דערמאָנטע האָבן מיר אויך באַקומען ידיעות וועגן פיר פּנקסים, וואָס גייען נישט אַריין אין די אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס ווי: פּינטשעוו — פּנקס פון בית־דין (1875), ווילנע — פנקס השעבודים של בית־דין (1760), מעזריטש — פּנקס פון רב (סוף 18טן יאָרהונדערט), זמיגראָד — פּנקס פון בית־דין (דאַטע אומ־באַקאַנט).

אין אַלגעמיינעם סך־הכל זענען די דאָזיקע פּנקסים געווען פון:

חברה קדישאס — 101; פון קהילות — 28; פון פּראָפעסיאָנעלע חברות (חיי־טים, „פּועלי־צדק" און אַנדערע) — 25; פון פילאַנטראָפּישע חברות (ביקור חולים, תומכי עניים וכדומה) — 43; פון רעליגיעזע חברות (תלמוד־תורות, משניות, ש"ס אא"וו) — 85; פון שולן און בתי־מדרשים — 11.

חוץ לזה האָט נאָך דער דעמאָלטיקער יִיוואָ־קאָרעספּאָנדענט, מאַגיסטער איציק שוואַרץ פון טשערנאָוויץ, צוגעשיקט אַ רשימה פּנקסים פון רומעניע, דהיינו:

1. קהילה (חברה קדושה), אַלבאַ יוליאַ (זיבנבירגן) 18טער יאָרהונדערט.
2. חברה קדושה, באַקוי (מאָלדעווע), 1771.
3. קקהילה (חברה קדושה), באָטאָשאַן (מאָלדעווע), 1740.
4. תיקון ספרים תהילים, בריטשאַן (בעסאַראַביע) 1874.
5. פּועלי צדק, וולאַדען (מאָלדעווע), 1801 (תקס"א).
6. מנורת המאור, נעאַמץ (מאָלדעווע), 1753.
7. חברה קדושה, נעאַמץ, 1776.
8. גמילת חסדים, נעאַמץ, 1761.
9. חברה קדושה פּיאַטראַ נעאַמץ (מאָלדעווע) 1770 (תל"א).
10. חברה משניות, פּיאַטראַ נעאַמץ, 37/1836.
11. „האור", פּיאַטראַ נעאַמץ, 1877.
12. שניידערישע חברה, פּיאַטראַ נעאַמץ, תקפ"ז (1827).
13. תהילים פון שניידערישן בית־המדרש, פּיאַטראַ נעאַמץ תרל"ח (1871).

14. נר תמיד, פּיאַטראַ נעאַמץ, תרכ״ג (1863).
15. חברה קדושה, ראָמאַן (מאָלדעווע), 1794.
16. גמילת חסדים, ראָמאַן, 1782.
17. חברה קדושה, נעגרעשט (מאָלדעווע), 1849.
18. חברה קדושה, הוש, 1775.
19. מנורת המאור, ראָמאַן (מאָלדעווע), 1782.
20. שוסטער, באַקוי (מאָלדעווע), 1851.
21. שניידערס, באַקוי, 1832.
22. פּועלי צדק, יאַס (קוטשמע־ און פּאַרוק־מאַכערס), 1797.
23. שוסטערס, יאַס, 1809.
24. קרופּניקעס, יאַס, 1868.
25. משניות, יאַס, יאָר ?
26. נר תמיד, יאַס תק״צ (1829).
27. לומדי משניות, יאַס, 1870.
28. משניות פון ר׳ נחמן און חב״ד־בית־מדרש, יאַס, 1830.
29. גרויסע שול, בוקאַרעשט, 1843 ?
30. קלעזמער, יאַס, תרמ״ח.
31. הכנסת אורחים, סאַדאַגערע (בוקאָווינע), תרל״ג (1873).
32. קוואַטערשאַפט, סאַדאַגערע, תרי״ט (1858).
33. חברה קדושה, וויזשניץ (בוקאָווינע) תקכ״ח.

***

די געבראַכטע רשימות פון פּנקסים ווייזט קלאָר און בולט די שפע פון דער דאָזיקער ממש דינאַמישער אַקטיוויטעט אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון דעם אינערלעכן לעבן פון דער יידישער עדה. מיר פאַרשפּאָרן דאָ אויסצוטייטשן און אויסצורעכענען די דאָזיקע אַרבעט־געביטן די פאַקטן, די נעמען פון די חברות רעדן וועגן דעם. די ריזיקע נעץ פון קהילות, פון אַלע טיילן פוילן, באַווייזן, אַז קליינע ווי גרויסע ישובים האָבן געטאָן די דאָזיקע אַרבעט.

געבראַכט האָבן מיר די רשימה נישט נאָר כדי צו באַפעסטיקן מיט ראיות דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, נאָר כדי אונטער־צושטרייכן די גאָר כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען פון פּנקס גופא, דער ווילן פון די חברות און קהילות צו איינשטעלן אַ סדר אין זייער אַרבעט; פעסטשטעלן כללים, קאָנסטיטוציעס פאַר זייער ציבור־לעבן און במילא עס איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות. הייבן זיך טאַקע כמעט אומעטום אָן די תקנות פון די חברות, מיט די ווערטער, אַז מיר פאַרצייכענען עס פאַר די קומענדיקע דורות, זיי זאָלן

וויסן וואָס מיר האָבן באַשלאָסן און אַז „מען זאָל זיך דערפון נישט אָפּנייגן רעכטס און לינקס״.

זענען טאַקע די פּנקסים געוואָרן עדות פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער מיזרח־אייראָפּעיִשער תקופה און פון די דאָזיקע פּנקסים איז פאַראַן וואָס זיך אָפּצולערנען.

אַ בולטן באַווייז ווי די פּנקסים קענען דינען ווי אַ מקור פאַר שטודיעס, איז די וווּנדערלעכע, ממש גראַנדיעזע אַרבעט פון ד״ר יצחק ריבקינד „יידישע געלט״. די דאָזיקע פאָרש־אַרבעט איז געבויט אויף מקורים, אויף אויסצוגן גענומענע פון גע־דרוקטע ספרים און כתב־ידן. צווישן די דאָזיקע מקורים זענען אויסגענוצט אַ סך צענדליקער פּנקסים. אַגב דערוויסן מיר זיך, אַז אין דער ביבליאָטעק פון דער ישיבה אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון יצחק אלחנן אין ניו־יאָרק, איז פאַראַן אַ פּנקסים־קאָלעקציע אויפן נאָמען לעווין־קאָלעקציע. אויך די ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָ־גישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק האָט אין אירע זאַמלונגען אַ גאַר היפּשן פאָנד פון פּנקסים, וואָס דער מחבר האָט אויסגענוצט 16).

ווילן מיר דערביי צוגעבן אַ פּאָר באַוואָרענישן:

א. ווי געזאָגט, נעמט נישט אַרום דאָס וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט אַלץ וואָס איז ביז היינט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן אונדזערע פּנקסים. נישט אַלע פּובליקאַציעס וועגן דעם האָב איך געהאַט פאַר מיינע אויגן און זיכער זענען טייל מיר נישט באַקאַנט.

ב. זיכער איז די מערהייט פון די דאָזיקע פּנקסים, די דערמאָנטע ווי נישט־דערמאָנטע, שוין נישט בנמצא. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע אָפּהיטערס דורך די נאַצישע בעסטיעס. בלייבן דאָ פון זיי נאָר די שפּורן — די שטאָט, ווו דער פּנקס איז געווען, וואָס פאַר אַ חברה, און די דאַטע.

ג. עס האָט דער גורל פון דעם נישט דערקוילעטן פּאָלק געוואָלט, אַז אין זיין באַנייאונג נאָכן היטלער־חורבן זאָל ער זיך נעמען צו אַ צווייטן סאָרט פּנקסים, צו יזכור־פּנקסים. ווידער אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון די רעשטלעך גע־ראַטעוועטע מיזרח־אייראָפּעיִשע ישובים. וועט די דאָזיקע רשימה, וואָס מיר האָבן געבראַכט, זיכער קענען דינען ווי אַ וועג־ווייזער פאַר געוויסע דענקמאָל־שטעלערס נאָך זייערע קהילות, ווי מקורים פאַר וויכטיקע מאַטעריאַלן, פאַקטן און דאַטעס צו זייערע אַרבעטן.

16) יידישע געלט אין לעבנשטייגער, קולטור־געשיכטע און פאָלקלאָר. לעקסיקאָלאָגישע שטודיע פון יצחק ריבקינד. ניו־יאָרק, תש״ד.

פון בית־מדרש־חברות צו פאַראיינען און געזעלשאַפטן

אַ ווייטערדיקער, גאָר באַלערנדיקער, עטאַפּ, ריכטיקער דער הויכפּונקט פון דעם ייִדישן אינסטיטוציאָנאַליזם, וואָס איז געווען דער סימן־מובהק פון די אַשכנז־עדהס, איז געווען דער איבערגאַנג פון די פאַרצייטיקע חברות צו דער סיטעם פון די מאָדערנע פאַראיינען און געזעלשאַפטן.

מיר האָבן זיך אין די פריִערדיקע קאַפּיטלען אָפּגעשעלט אויף דער שפע פון די כל־המינים חברות אין אַשכנז — פריִער דייטשלאַנד און נאָך דעם אין מיזרח־אייראָפּע. די זעלביקע פּאַנאָראַמע וואָלט מען געקענט באַווייזן אויך אין די אַנדערע אַשכנזישע ייִשובים אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע און אויך אין די ייִדישע קיבוצים פון די „נייע היימען" — מעבר לים.

דער ציל פון אַרויסהייבן די דאָזיקע צעצווייגטע נעץ פון די ייִדישע אינסטי־טוציעס איז נישט סתם זיך צו באַקענען מיט דעם פילפאַרביקן רעגנבויגן פון די ייִדישע אַקטיוויטעטן. דער עיקר איז פעסטצושטעלן, אַז די ייִדישע קיבוצים, וואָס ציִען זייער ייִחוס פון אַשכנז־שטאַם, האָבן אומעטום אויפגעבויט זייער „מלוכה אין דער מלוכה" מיט אַלע פּרטים. רעדנדיק אין דער שפּראַך פון מלוכה, מיינט עס מיט די נייטיקע „מיניסטעריומס". פריִער פאַר אַלץ זענען עס טאַקע געווען אַזעלכע „דעפּאַרטאַמענטן", וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט די פּראָבלעמען פון „בין אָדם לחבירו" — צווישן מענטש צו מענטש.

ווען מען פּרוווט אַנאַליזירן, אין אַלגעמיינע שטריכן, די דערמאָנטע חברות וואָלט מען זיי געקענט איינטיילן אין די ווייטערדיקע פיר קאַטעגאָריעס:

1. חברות פון קעגנזייטיקער הילף;
2. חברות פאַר קולטור און דערציִונג;
3. חברות פון ווירטשאַפטלעכן, עקאָנאָמיש־קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער;
4. חברות פון ייִדישן קולט־ און שטייגער־לעבן.

צו דער ערשטער גרופּע געהערן אַלע מינים צדקה־חברות — ווי „ביקור־חולים" און „הכנסת כלה"; „הקדש" און „עוזר־דלים"; „הכנסת־אורחים" און „מתן־בסתר" און די אַנדערע מיט הונדערטער פאַרשידענע נעמען, וואָס אַלע צוזאַמען סימבאַליזירן זיי איין וואָרט: הילף. מיר וואָלטן עס אָנגערופן „מיניסטעריום פון סאָציאַלער הילף" ביי דער יידישער אויטאָנאָמיע.

די צווייטע גרופּע נעמט אַרום אַלע לערן־חברות („עין־יעקב"; „חיי־אדם"; ש"ס); „תפארת בחורים", „קנין ספרים", אַלע מינים „תלמוד־תורה"־חברות וכדומה. הכלל מיר וואָלטן דאָ געהאַט אַ „מיניסטעריום פאַר בילדונג און דערציונג".

די דריטע גרופּע וואָלט געדאַרפט, צוליב איר כאַראַקטער, אָנגערופן ווערן „מיניסטעריום פאַר אַרבעט אוןווירטשאַפט". צו איר געהערן די כל־המינים „גמילת חסדים"־חברות און אויך די פאַך־און צעך־חברות פון די בעל־מלאכות און פועלים.

זיכער קאָן מען צווישן די דאָזיקע דריי גרופּן געפינען אַזאַ אָדער אַנדער חברה,וואָס וואָלט געקענט אַריינגערעכנט ווערן אין דער אָדער יענער קאַטעגאָריע, אָדער צו אַ פּאָר פון זיי. אָט נעמט די תלמוד־תורהס — הגם זיי דאַרפן געהערן צו דעם דעפּאַרטאַמענט פון דערציונג, האָבן זיי אָבער אויך שייכות צו דער סאָציאַלער הילף, ווייל לרוב זענען דאָך די דאָזיקע אַנשטאַלטן געמאַכט געוואָרן פאַר די קינדער פון קבצנים. אַזוי געפינט מען אויך דעם עלעמענט פון צדקה ביי די „גמילת־חסדים"־חברות, הגם דער עיקר איז דאָ געווען די ווירטשאַפטלעכע, די קאָנסטרוקטיווע הילף.

דאַרף מען אויך צוגעבן, אַז די דאָזיקע דריי ערדישע „מיניסטעריומס" זענען גאָר שטאַרק געווען פאַרבונדן מיטן „הימל". זייער פיל האָבן דאָך זייער הילף, זייער צדקה געגעבן אויף דער וועלט, כדי צו באַקומען שכר אויף יענער וועלט...

די פערטע גרופּע איז דורך און דורך „הימלדיק". — צו איר געהערן דאָך די „חברה קדישאס", וואָס האָבן געטאָן דעם לעצטן חסד מיט דעם מענטשן; אַהער געהערן די „חברות תהילים", די „שבעה קרואים", די „נר תמידס" און ענלעכע. אָבער אַז מען באַקענט זיך מיט די תקנות פון די חברות פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זעט מען, אַז אויך אין זיי זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אין דער ערשטער ריי פליכטן פון סאָלידאַריטעט און הילף פאַר די מיטגלידער פון דער געגעבענער חברה.

**
*

דאָס וואָס עס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, האָט געהאַט אַ שייכות צו לאַנגע יאָרהונדערטער פון דער אַשכנז־תקופה. קוקן מיר זיך צו צו דעם לעצטן יאָרהונדערט פון דער דאָזיקער תקופה, זעען מיר, אַז די שפּע פון די אינסטיטוציעס פון די אַשכנז־קיבוצים, און פריִער פאַר אַלץ אין מיזרח־איירָאָפּע, איז דערגאַנגען צו אַזאַ

קאָלאָסאַלער גרויס, וואָס האָט מיט זײַער צאָל, פּאַרנעם און ווירקונג ווײַט אַריבער־געיאָגט אַפילו די פעלקער און לענדער, צווישן וועלכע די ייִדישע עדהס האָבן געוווינט. דער דאָזיקער ייִדישער אינסטיטוציאָנאַליזם האָט געשאַפן די פולע ראַם פון דער אויטאָנאָמיע פון דער ייִדישער פאָלקס־מאַסע — די פּאַקטישע אויטאָנאָמיע, הגם יורידיש־פאָרמעל איז זי נישט אָנערקענט געוואָרן.

לאָמיר טאַקע אַ בליק טאָן אויף צוריק און זען ווי עס האָבן אויסגעזען די ייִדישע „מיניסטעריומס" און זײַערע „דעפּאַרטאַמענטן" ערב דעם היטלער־חורבן, וואָס האָט פאַרשניטן די הויפּט־טרעגער און יורשים פון דעם נוסח־אַשכנז.

אונדזערע דאַטן, פאַקטן און ציפערן באַציִען זיך פריִער פאַר אַלץ צו פּוילן. זיי זענען אויך מאַסגיביק פאַר די באַלטישע לענדער (ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד); פאַר רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי און בכלל (אין געוויסע פאַלן) אויך פאַר מיטל־אייראָפּע.

די ערשטע גרופּע — חברות פון קעגנזײַטיקער הילף.

זיכער האָבן נאָך אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך עקסיסטירט די פריִערדיקע חברות, מיט פּאַרצײַטיקע פּירונגען. אָבער עס זענען אויפגעקומען נײַע, מאָדערנע, מיט יורידישע רעכטן געזעלשאַפטן. אַזוי האָט דעם אָרט פון די כל־המינים „ביקור־חולים" און „לינת הצדק"־חברות פאַרנומען דער „טאָז" און אין אַנדערע ערטער דער „אָזע", וואָס האָבן זיך שפּעטער טאַקע פאַראייניקט. געוועזן איז עס שוין אַ געזעלשאַפט אַ צענטראַליזירטע מיט הונדערטער אָפּטיילונגען אין יעדן לאַנד. פון די באַשיידענע אויפגאַבעס — גיין אויף אַ „לינה" צו אַ קראַנקן אָדער באַזאָרגן אַ ביסל פלעגע, „לאַבונג" פאַר אַן אָרעמען חולה, האָט די דאָזיקע מאָדערנע געזעלשאַפט געהאַט צענדליקער פונקציעס און אַרבעט־געביטן:

— באַראַטונג־שטעלערס פאַר שוואַנגערע פרויען;

— זשלאָבקעס (קינדער־יאַסלעס) פאַר קינדער, וועמענס מוטערס האָבן געמוזט גיין צו דער אַרבעט;

— אויפזיכט איבער די תלמידים אין די ייִדישע שולן;

— האַלב־קאָלאָניעס און אָפּרו־קאָלאָניעס אין די זומער־חדשים;

— באַראַטונג־שטעלעס און לאַבאָראַטאָריעס;

— שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס פאַר ספּעציעלע קראַנקייטן;

— אַרויסגעגעבן זשורנאַלן פאַר אויפקלערונג („פאָלקסגעזונט").

פון סתם יחידים, וואָס האָבן וואָלונטער געאַרבעט אין אָרטיקע חברות איז געוואָרן אַ גרויסע, אַ צעצווײַגטע, צענטראַליזירטע אינסטיטוציע — טאַקע אַ געזונט־הייטס־מיניסטעריום פון די ייִדישע מאַסן. און דאָס וויכטיקסטע, אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן די ייִדישע דאָקטוירים. דער דאָקטער, וואָס איז נאָר אין געציילטע, זעלטענע פאַלן אין פּאַרצײַטיקע יאָרן געווען אַ נוח־לבריות,

אַ מענטש מיטן פאָלק, איז געוואָרן אַ טייל פון דער דאָזיקער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז דער ערשטער דאָקטוירים־צוזאַמענפאָר אין פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון „טאָז". דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 24סטן און 25סטן יוני 1928 אין וואַרשע. געקומען זענען 277 יידישע דאָקטוירים פון 52 שטעט. 5 קאָמיסיעס, לויט די וויכטיקסטע מעדיציניש־היגיענישע אַרבעטס־געביטן, האָבן אויסגעהערט 45 רעפעראַטן.

עס איז נישט געווען סתם אַ מעדיצינישע פאַך־קאָנפערענץ, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער צונויפקום פון יידישע דאָקטוירים, געזעלשאַפטלעכע עסקנים. געווען טאַקע צווישן זיי נישט נאָר דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן, נאָר אויך אין דער זעלביקער צייט וואָרט־זאָגערס און פירער פון פוילישן יידנטום; זיי האָבן פאַרטראַטן אַלע אידעיִשע באַוועגונגען, וואָס האָבן געווירקט אין יידישן לעבן.

לאָמיר פון די 45 רעפערענטן דערמאָנען געצייל׳טע: גרשון לעווין און ז. ביכאָווסקי פון וואַרשע; צמח שאַבאַד און הערש קאָוואַרסקי פון ווילנע; ביקעלעס (לעמבערג); י. זיסוויין (פּשעמישל); י. לאַנדוי (קראָקע); ל. שיפּמאַן (לאָדזש — היינט גענעראַל־אינספּעקטאָר פון „מלבן" אין ישראל); א. ליפּניק (גראָדנע); ש. הערשנהאָרן (לובלין); י. קאַנצעפּאָלסקי (טשענסטאָכאָוו); ק. טראַפּאַוער (סאָסנאָוויץ). דאָס זענען אַלץ נעמען, וואָס נישט נאָר זייער מעדיצינישע וויסנשאַפט איז געווען באַקאַנט אין פוילן — זיי זענען עס געווען אויף זייערע ערטער, און אין פוילן בכלל, די וואָס זענען געשטאַנען בראש פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. דאָס זענען געווען טוער ציוניסטן, פאָלקיסטן, בונדיסטן. צוזאַמען מיט זייער פאַך־פונקציע זענען זיי אין נאָמען פון די יידישע עדהס געזעסן אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, קהילות און אַנדערע רעפּרעזענטאַטיווע ערטער.

פון דעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון „טאָז" אין פוילן אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר דערוויסן מיר זיך די ווייטערדיקע ציפערן:

אין יאָר 1928 האָט דער „טאָז" פאַרמאָגט 114 מעדיציניש־היגיענישע אַנשטאַלטן; אין 52 ערטער אין לאַנד האָבן עקסיסטירט שול־מעדיצינישע פּונקטן; עס זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט היגיעניש־מעדיצינישער אויפזיכט 405 שולן מיט העכער 36 טויזנט קינדער; אין משך פון יאָר זענען געווען טעטיק 42 זומער־קאָלאָניעס. ווייטער גייען ציפערן און ציפערן. לסוף האָט נאָך דער „טאָז" איינגעפירט ספּאָרט־איבונגען פאַר קינדער אין 78 שולן.

אָט וואָס עס איז אויסגעוואַקסן פון די באַשיידענע „חברות".

אַזוי האָט עס אויסגעזען מיט אַלע אַנדערע אָפּצווייגן (יתומים־ און זקנים־אויפזיכט) וכדומה. עס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ

אויף די אַנדערע געביטן. וואָס מען דאַרף פעסטשטעלן איז, אַז די דאָזיקע קעגנזייטיקע הילף האָט אָנגענומען אַזאַ ברייטן און צענטראַליזירטן כאַראַקטער, וואָס ביז דאַן איז עס אַפילו ביי נאָרמאַלע מלוכות, נישט געווען באַקאַנט.

וועגן דער צווייטער גרופּע — חברות פון קולטור און דערציִונג.

נאָר אַ פּאָר ציפערן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען מיט יידישע חינוך־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. איין איינציקע טאַבעלע, וואָס האָט אַ שייכות צום יאָר 1936. די דאָזיקע ציפערן זענען גענומען געוואָרן פון אַ באַריכט, וואָס עס האָט צוזאַמענגעשטעלט דער „דזשאָינט" אויפן סמך פון די ראַפּאָרטן, וואָס ער האָט באַקומען פון די פּאַרשידענע שול־צענטראַלעס, וואָס פלעגן באַקומען אונטערשטיצונג.

דערציילן די ציפערן, אַז אין יאָר 1936 האָבן עקסיסטירט די ווייטערע שולן:

שול־אָרגאַניזאַציעס	צאָל אַנשטאַלטן	צאָל תלמידים
1. צענטראַלע יידישע שול־אָרג' „ציש"אָ"	169	16.486
2. „תרבות"	269	44.780
3. „שול־קולט"	16	2.343
4. מיזרחי־יבנה	229	15.923
5. „חורב"	177	27.605
6. „חורב" ווילנע	190	21.518
7. ישיבות	103	10.217
8. וועד הישיבות	64	5.724
9. „בית יעקב"	248	35.585
10. גמינע־שולן		10.300
11. חדרים	300	40.000
צוזאַמען	1.765	230.181

גייט אונדז איצט נישט אין דעם פעסטצושטעלן ווי גרויס איז געווען דער פּראָצענט פון יידישע קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין אַלע יידישע שול־טיפּן צוזאַמען; אויך לאָזן מיר אָן אַ זייט וויפל עס זענען געווען וועלטלעכע און וויפל רעליגיעזע;

1) ח. ש. קאַזדאַן — „די געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן", מעקסיקע 1947, זייטן 550 און ווייטער. — און אין זאַמלבוך „החינוך והתרבות העברית באירופה בין מלחמות העולם", ניו־יאָרק, 1957, זייטן 89 און ווייטער.

אויך די שפּראַך־פראַגע פון אונטעררריכט גייט אונדז נישט אָן אין איצטיקן מאָמענט. וואָס מיר ווילן יאָ אַרויסברענגען איז, אַז העכער אַ צענדליק פאַרשידענע ריכטונגען האָבן פרייווילליק אויפגעבויט זייערע שול־נעצן. די דאָזיקע שולן זענען געווען „פּריוואַטע", רעדנדיק מיט דער אָפיציעלער מלוכהשער טערמינאָלאָגיע, דאָס הייסט, אַז זיי האָבן פון דער רעגירונג נישט באַקומען קיין שטיצע. אַדרבא, נישט איין מיכשול האָט די רעגירונג געלייגט אויפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון טייל שול־סעקטאָרן, ראשית דעם וועלטלעכן: פאַרמאַכט לאָקאַלן, געפּסלט לערערס, צוגענומען קאָנצעסיעס וכדומה.

פון אַזאַ מין דערציִונגס־מיניסטעריום ווייסט נישט די געשיכטע פון קיין שום פאָלק און לאַנד.

וואָלטן מיר אויך געדאַרפט אין דעם דאָזיקן רעסאָרט אַריינגעמען די קולטורטעטיקייט אין ברייסטן זין פון וואָרט. וועלן מיר נאָר ברענגען אַ קיילעכדיקן ציפער, אַז ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה האָבן ייִדן פאַרמאָגט אין פּוילן העכער צען טויזנט קולטור־אויפקלערערישע אינסטיטוציעס. צי דאָס זענען געוועזן קולטור־געזעלשאַפטן („קולטור־ליגע", „פאָלקס־בילדונג־ליגע", „געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער"; פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרבאַנדן); וואָס האָבן געהאַט צענטראַליזירטע אינסטיטוציעס מיט אָפּטיילונגען אין לאַנד; צי אָרטיקע פאַראיינען. כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, ביבליאָטעקן, קלובן אאַ"וו.

אָט וועגן ביבליאָטעקן וועלן מיר דערמאָנען אַ פּרט. פּוילן האָט מיט 100 יאָר צוריק, אין יאָר 1860 געהאַט איין איינציקע ייִדישע ליי־ביבליאָטעק (ריכטיקער אַ ביבליאָטעק, וואָס מען האָט פאַר ייִדן געשאַפן). דאָס האָט אין וואַרשע אַ קריסטלעכע צדקה־געזעלשאַפט געעפנט אַ ספּעציעלע ליי־ביבליאָטעק פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. ייִדן האָבן אָבער נישט געוואָלט גיין אַהין לייענען 2). ערב דעם חורבן זענען אָבער אין דעם ביבליאָטעקן־צענטער פון דער „קולטור־ליגע" געוועזן אָנגעשלאָסן ביז טויזנט ביבליאָטעקן פון העכער 800 שטעט אין פּוילן.

וועלן מיר נאָך צוגעבן, אַז אַהער געהערט אפשר אויך דאָס ייִדישע געדרוקטע וואָרט. מיר לאָזן אויס די פאַרלאַג־טעטיקייט, אין אירע באַזונדערע געשטאַלטן (ביכער און ספרים), נאָר דערמאָנען די פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אַ רשימה פון פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעגעבן אין פּוילן אין מיטן די 30ער יאָרן באַווייזט, אַז אין פּוילן זענען דערשינען 170 צייטשריפטן אין ייִדיש, 17 אין העברעיִש, ביי 40 אין פּויליש. אָבער נישט נאָר אימפּאָנירנדיק איז די צאָל, כאַראַקטעריסטיש איז דאָס וואָס די דאָזיקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס זענען דערשינען

2) ד"ר יעקב שאַצקי — „ייִדישע ביבליאָטעקן אין פּוילן"", אין „פּוילישער ייד", נומ' 28, אַפּריל 1945, ניו־יאָרק.

אין דער ברייטער פראָווינץ, אין די גאַר פאַרוואָרפנסטע קליינע שטעטלעך. בסך־הכל זענען טאַקע די דאָזיקע צייטשריפטן דערשינען אין העכער 40 שטעט און שטעטלעך. עס פעלן דאָ נישט קיין קוריאָזן, ווי למשל, אַז שטעטלעך האָבן געהאַט מער ווי איין פעריאָדישע צייטשריפט, למשל: גלובאָקע (3 צייטונגען: „גלובאָקער וואָך", גלו־באָקער לעבן" און „גלובאָקער שטימע"); פּרוזשענע: („פּרוזשענער לעבן" און „פּרו־זשענער שטימע") און אַנדערע 3).

קומען מיר צום דריטן רעסאָרט — צום ווירטשאַפטלעכן, צום עקאָנאָמיש־קאָנסטרוקטיוון. וואָס איז אַלץ אויסגעוואַקסן פון די „גמילת־חסד" חברות און די חברות „חייטים" אָדער „פּועלי־צדק"! ווידער וועלן מיר זיך דאָ באַגנוגענען נאָר מיט געציילטע פאַקטן און ציפערן.

איך האָב פאַר מיר אַ סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן אין יאָר 1928. די דאָזיקע סטאַטיסטיק נעמט אַרום 887 יידישע קיבוצים, וואָס האָבן צוזאַמען געציילט 2.480.224 יידישע נפשות. אין די דאָזיקע 887 יישובים זענען געווען 1.362 אָרגאַניזאַציעס, דערפון: האַנטווערקער־פאַראיינען — 594; קליינהענדלער־פאַראיינען — 270 און סוחרים־פאַראיינען — 498. לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז די דאָזיקע באַזונדערע פאַרבאַנדן זענען געווען צענ־טראַליזירטע אינסטיטוציעס; זיי זענען אָנגעפירט געוואָרן פון צענטראַלע קאָמיטעטן, אויסגעווײלטע אויף לאַנד־צוזאַמענפאָרן פון די באַזונדערע פאַראיינען. וועלן מיר נאָך ברענגען אַ געוויסע פאַרגלייך־טאַבעלע ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די אָרגאַ־ניזירטקייט פון די זעלביקע ווירטשאַפטלעכע גרופּן ביי יידן און קריסטן:

אָרגאַניזאַציע	ביי יידן	ביי נישט־יידן
האַנטווערקער־פאַראיינען	594	222
קליינהענדלער פאַראיינען	270	14
סוחרים־פאַראיינען	498	108

דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די דאָזיקע גרופּן זענען ביי יידן ווייט נישט געווען אַלע אָרגאַניזירט אין זייערע פאַראיינען. אַזוי, למשל, האָבן די דערמאָנטע האַנט־ווערקער־פאַראיינען געהאַט בערך 150 טויזנט מיטגלידער אין דער צייט ווען אין

3) „רשימה פון די פעריאָדישע אויסגאַבעס", וואָס קומען אָן אין דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע פון ייוואָ, 1935—1937. ווילנע 1938.

דאַזיקן יאָר האָבן אומגעפּער 400 טויזנט יידישע האַנטווערקער אויסגעקויפט האַנט־ווערקער־פּאַטענטן 4).

דאַנק צו דעם דאַזיקן רעסאָרט צוגערעכנט ווערן די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן יידן געהאַט אין פּוילן 533 קאָאָפּעראַטיוון פון דעם ווייטערדיקן כאַראַקטער:

פאָלקס־בענק — 423, מיטלשטאַנד־בענק — 53, האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוון (רוישטאָף־פאַרקויף און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון) — 27, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון — 10 און אַנדערע — 11. (דאָ גייען נישט אַריין די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון).

די דאַזיקע קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען אַנגעשלאָסן אין „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון יידישע לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס אין וואַרשע דעם 28סטן פעברואַר 1921. אַלזאָ ווידער אַ צענטראַליזירטע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציע 5).

אין זעלביקן יאָר האָט אויך עקסיסטירט אַ צענטראַליזירטע אָנפירונג פון די „גמילת־חסד־קאַסעס", וואָס איז געשטיצט און קאָנטראָלירט געוואָרן פון „דזשאָינט". געעפנט געוואָרן זענען די דאַזיקע „גמילת־חסדים קאַסעס" אין יאָר 1927 און עס האָבן באַקומען בכורה יענע שטעט, וווּ עס האָבן זיך נישט געפונען קיין אַנדערע יידישע קאָאָפּעראַטיווע לייַ־אינסטיטוציעס. אין יענעם יאָר האָבן געהערט צו דער גמילת־חסדים־קאַסע צענטראַלע 482 לייַ־קאַסעס 6).

וועגן דער דאַזיקער גרופּע האָבן מיר ציפערן פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע, שוין האַרט פאַרן חורבן. אין יאָר 1938 זענען געווען גמילת חסדים קאַסעס אין 832 שטעט אין פּוילן 7).

קום איך צום לעצטן טייל פון דער דאַזיקער גרופּע די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. מיר האָבן שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט די ערשטע שפּראָצונגען פון דער דאַזיקער באַוועגונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין שאַפן

---

4) י. בראַנשטיין „די יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן" אין זאַמלבוך „פון יאָר צו יאָר", רעדאַקטירט פון מ. שאַליט, ווילנע־וואַרשע, 1929, זייטן 151 און ווייטער.

5) א. פראָוואָלסקי „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן", דאָרטן זייטן 61 און ווייטער.

6) י. גיטערמאַן — „די טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון די ג"ח־קאַסעס אין פּוילן", דאָרטן, זייט 120 און ווייטער.

7) אויפרוף פון דעם צע־קאַ־בע, די צענטראַלע פון די גמ"ח־קאַסעס אין פּוילן פון יאָר 1938.

באַזונדערע חברות און אַפילו זיך אויסגעטיילט אין באַזונדערע דאַוון־ערטער, געהאַט אייגענע קלויזן און מנינים. ווייסן מיר אויך דערפֿון, אַז די ערשטע שטרייקן זענען באַשלאָסן געוואָרן אין די דאָזיקע פּועלים־בתי־מדרשים און מען האָט אין טלית און קיטל, ביי אַן אָפענעם אָרון־קודש געשוווירן, אַז מען וועט נישט ברעכן דעם שטרייק 8).

אין אַ ריי אַרבעטן און שטודיעס איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן וועגן דעם אָנהייב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. גאַר ברייט און גרינטלעך איז די דאָזיקע טאַמע באַהאַנדלט אין דער אַרבעט פון א. מענעס — „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד פון אָנהייב 70ער ביזן סוף 90ער יאָרן". דער טייל „חברות, פּאַראיינען און קאַסעס" פון דער דאָזיקער שטודיע אילוסטרירט טאַקע די עוואָלוציע פון דער „בית־מדרש־חברה" פון די פּועלים צו דער קאַמף־קאַסע פון די אַרבעטער 9).

אין מענעסעס אַרבעט רעדט זיך וועגן דער צייט פון ערב־בונד. ווייטערדיקע דאָקומענטן ווייזן שוין דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אויפן דאָזיקן געביט. אָט דערציילט שוין אַ באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, סעפּטעמבער 1900 וועגן דער גרויסער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער און זייערע שטרייק־ און קאַמף־קאַסעס אין וואַרשע, גראָדנע, מינסק, ווילנע, לאָדזש, האָמעל, קיעוו, אָדעס. עס ווערן געשילדערט די פאַכן פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער און זייער אופן פון אָרגאַניזאַציע 10).

וועלן מיר איבערשפּרינגען עטלעכע צענדליק יאָרן, וואָס האָבן אַרויסגערוקט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאָדערשטע רייען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און ברענגען די לעצטע ציפערן און דאַטעס ערב דעם חורבן.

אָט איז אַ בילד ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די יידישע פּראָפעסיאָנעלע (סינדיקאַלע) באַוועגונג אין פּוילן אין יאָר 1939.

די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען געווען אָנגעשלאָסן צו לאַנד־צענטראַלעס, און יידישן לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען, וואָס זענען געווען אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַלגעמיינער, פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער לאַנד־צענטראַלע. צו די יידישע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיין־צענטראַלעס האָבן צום 1טן יאַנואַר 1939 געהערט די ווייטערדיקע פאַכן:

---

8) ש. בלום — „דער יידישער אַרבעטער און די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע", אין דריטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ווילנע־פּאַריז 1939.

9) דאָרטן, זייטן 1—60.

10) באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז (סעפּטעמבער 1900), „25 יאָר" (1897—1922) זאַמלבוך געווידמעט דעם 25־יאָריקן יובילעום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואַרשע 1922, זייטן 120—165.

פאַראיין	צאָל אָפּטיילונגען	צאָל מיטגלידער
פאַראיין פון באַקלייד־פאַכן	93	16.960
פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער	52	6.030
האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַראיין	27	12.514
לערער־פאַראיין	56	2.842
טעקסטיל־פאַראיין	10	12.500
דערנערונג־אַרבעטער־פאַראיין	27	6.500
בוי־אַרבעטער־פאַראיין	19	5.000
טראַנספּאָרט־פאַראיין	35	5.641
פאַראיין פון אַרב׳ און עפנטלעכן געבוריך א״א	13	6.700
פריזירער־פאַראיין	18	4.750
דרוקער־פאַראיין	11	1.741
מעטאַל־פאַראיין	9	4.185
ציַיטונג־פאַרשפּרייטער־פאַראיין	5	307
סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַראיין (כאַלופּניקעס, שטוב־אַרבעטער)	110	11.550
לאָקאַלע קלענערע פאַראיינען	10	1.590
צוזאַמען	498	98.810

ווילן מיר נאָך צוגעבן, אַז די דאָזיקע פאַראיינס־אָפּטיילונגען האָבן עקסיסטירט אין גרעסערע ווי אין קלענערע שטעטלעך. געגוג צו באַווייזן, אַז נאָר אין צוויי שטעט (וואַרשע און לאָדזש) האָבן צו די פאַראיינען געהערט מער ווי צו צען טויזנט מיטגלידער; שטעט מיט מיטגלידער צווישן 1.000 און 5.000 זענען געווען אַכט. דאָס זענען: ווילנע, ביאַליסטאָק, קראָקע, לעמבערג, לובלין, טאַרנאָוו, טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם. נאָר דריי שטעט (מעזריטש, גראָדנע, פּיאָטריקאָוו־טריבונאַלסקי) האָבן געהאַט צווישן 500 און 1.000 מיטגלידער. די איבעריקע שטעט, 144, ווו עס זענען געווען פאַראיינען האָבן געהאַט ווייניקער ווי צו 500 מיטגלידער 11).

דערציילן די ציפערן נישט נאָר וועגן דעם פאַרנעם פון דער אָרגאַניזירטער

11) „היסטאָרישער זאַמלבוך" — מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צושטייער צו דער געשיכטע פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, וואַרשע 1948, זייט 196.

פּראָפעסיאָנעל יידישער אַרבעטערשאַפט נאָר אויך ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן, וואָס עס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אָבער וואָס פאַר אַ מהלך איז עס פון די „פּועלים־חברות" צו דער דאָזיקער באמת מעכטיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווען מיר צוקומען צו דער פערטער גרופּע פון יידישע חברות — דאָס זענען די חברות פון יידישן קולט־ און שטייגער־לעבן. זיכער האָבן זיי אויך איצט נישט געפעלט. זיכער האָבן רעליגיעזע יידן געהאַט זייערע חברות ביי די בתי־מדרשים, קלויזן, שטיבלעך און אויף זייער אופן, מיט זייער דרך, אָנגעגאַנגען מיט דער דאָזיקער פאַר זיי עבודת־הקודש. אָבער עס איז אויפגעקומען, אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן אַ נייע קאַטעגאָריע פון „הימלישע" חברות — ריכטיקער, אידעישע געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונגען. באַוועגונגען וואָס האָבן געזוכט צו פאַרענטפערן וועלט־פּראָבלעמען און צוזאַמען מיט דעם די יידישע פּראָבלעמען; באַוועגונגען וואָס זענען געווען וועלטלעך און פאַרט זיך באַשעפטיקט מיט די ענינים פון קיום־האומה און המשך פון פאָלק; באַוועגונגען וואָס האָבן אָפּגעפרעגט די אַלטע וועגן פון פאָלק, אָבער זיך געקלאַמערט ביי דער פאָלקסמאַסע. מיר האָבן דאָ אין זינען די צעצווייגטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זענען אויפגעקומען אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט. די מייל־שטיינער פון דעם דאָזיקן נייעם גאַנג זענען די צוויי גרינדונג־צוזאַמענפאָרן, וואָס פאַלן אויס אין זעלביקן יאָר 1897 — דער ערשטער באַזעלער ציוניסטישער קאָנגרעס און דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר „בונד" אין ווילנע.

די דאָזיקע באַוועגונגען האָבן אין מיזרח־אייראָפּע אָנגענומען אַ קאָנקרעטן כאַראַקטער מיט השפּעות אויף באַשטימטע שיכטן; מיט אַ געראַנגל פאַר דער נשמה און מוח פון די מאַסן; מיט דער שטרעבונג פון באַהערשן די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר דעם אַנאַליז פון די דאָזיקע חילוקי־דעות. דאָ גייט אונדז נאָר אין פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע געביטן האָט זיך אויך דאָ אַרויסגעוויזן, אַז נאָר די יורשים פון אַשכנז האָבן ביי זיך געקענט אויסכישופן אַזאַ וווּנדערלעכן רעגנבויגן פון אידעישן געראַנגל, פון אַ מחלוקת לשם שמים.

נישט נאָר האָבן די יידישע פּאָליטישע ריכטונגען געפירט אַ קאַמף אין דער יידישער סביבה, פאַר באַהערשן ריין־יידישע אינסטיטוציעס (קהילות, געזעלשאַפטן, פאַראיינען) נאָר אויך אַרויסגעטראָגן די דאָזיקע אידעען אין קאַמף פאַר פאַרטרעטערשאַפט אין די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס — שטאָטראַטן, קראַנקן־קאַסעס, פּאַרלאַמענט.

***

צי האָט עס אַ דירעקטע שייכות צום נוסח־אַשכנז?

יאָ! מיר האָבן שוין נישט איין מאָל איבערגעחזרט און אונטערגעשטראָכן, אַז די מעלה פון דאָזיקן נוסח איז געווען, דאָס וואָס ער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם בין־אָדם לחברו, אויף פּראָבלעמען פון מענטש צו מענטש. אַזוי איז עס פון די תקנות פון רבנו גרשום, דורך די „ארבע ארצות" ביז אונדזערע טעג. די אַשכנזי־שע עדה האָט אין איר מיט פּאַרטראָגן אַלטמען, אויב זיי האָבן דעקלאַרירט ווי אָנ־געהעריקע צום יידישן כלל. דאָ זענען געשאַפן געוואָרן די אינסטיטוציעס פאַרן גאַנצן יידישן לעבן און אויסלעבן זיך. ווער עס איז אַפילו נישט געווען קיין בית־מדרש־גייער אָדער שול־זיצער; נאָך מער, ווען אַפילו ער האָט עס שוין אין גאַנצן פאַרוואָרפן, איז ער נאָך אַלץ געווען אין יידישן כלל. אינעווייניק געבליבן און גע־קעמפט פאַר זיינע אמתן.

אין ספרדישן נוסח האָבן נישט געקענט זיין קיין „וועלטלעכע". זייערע חברות זענען געווען בעיקר הימלדיקע חברות. די פאַרבינדונג מיטן פאָלק איז געווען נאָר דורך די תרי"ג תורה־מיצוות און די סייגים וואָס זענען אַרום זיי אַרומגעוועבט געוואָרן. עס איז נישט געווען די נעץ פון פאַראיינען און אינסטיטוציעס, אַז דער יעניקער וואָס האָט אָפּגענייגט פון דעם טראַדיציאָנעלן דרך, זאָל קענען בלייבן אין דעם יידישן כלל. זייער טרעפלעך ווערט טאַקע געזאָגט וועגן די ספרדים אַז ביי זיי איז געווען דער עיקר יראת־שמים און אהבת המקום, בעת ביי די אַשכנזים האָט דאָמינירט אהבת ישראל. האָט אַ ספרדי פאַרלוירן זיין פאַרבינדונג מיטן הימל האָט ער גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן צווישן ישראל.

**
*

עס זענען זיכער געווען אויסנאַמען (אויסנאַמען אויף ביידע זייטן). אָבער די דאָזיקע אויסנאַמען זענען געווען פון דעם מין, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם כלל.

וועל איך גיין ווייטער און זאָגן, אַז די דאָזיקע אהבת ישראל; ריכטיקער — דאָס אָפּפרעגן, אַז נאָר די רעליגיעזע ראָם איז דער איינציקער סימן־מובהק פון אָנ־געהעריקייט צום יידישן פאָלק, האָט אָפּגעראַטעוועט און פאַרהיט דאָס פאָלק אין גאָר שווערע צייטן פון נסיונות.

ווערט דאָך די גאַנצע לאַסט פון יידישן פאָלקס־געראַנגל אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט אויסגעטראָגן דורכויס פון די „וועלטלעכע" יידן. די גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען; די גרויסע הילף־ און קאָנסטרוקטיווע אָרגאַ־ניזאַציע־אַרבעט נאָך די קאַטאַסטראָפעס אין דעם 20סטן יאָרהונדערט (נאָך יאָר 1905; נאָך דעם 1917; נאָך דעם לעצטן חורבן), ווערן אויסגעטראָגן פון יידישע באַוועגונגען, וואָס אידענטיפיצירן זיך נישט מיט דעם שולחן־ערוך. אדרבא, פאַר די אָפּגעהיטענע אָרטאָדאָקסישע תורה־יידן (נישט דווקא פון סאַטמאַר) זענען דאָך די

אַלע פירער פון די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס אַפּיקורסים, כּופרים בעיקר — אין גראַד די האָבן זיך דאָך איינגעשטעלט פאַרן ייִדישן וועלט־פאָלק אין די שווערע צייטן.

וואָס וואָלט געווען ווען די דאָזיקע „וועלטלעכע" דערקלערן זיך פאַר נישט־אָנגעהעריקע צום ייִדישן כּלל?

און, לפי דעתי, איז דער גרעסטער פענאָמען פון נוסח־אַשכּנז די ייִדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. עס וועט זיכער די געשיכטע, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט אונדזער דינאַמישער, פול מיט געפאַרן פאַרן פאָלק, תּקופה, אַרויסהייבן דעם דאָזיקן פאַקט. און די טעזע וועט זיין אַזאַ:

סוף 19טער יאָרהונדערט — אָנהייב 20סטער יאָרהונדערט. עס דערגייען קיין מיזרח־אייראָפּע די סאָציאַליסטישע געדאַנקען. זיי פאַלן אויף אַ גאָר רייפן באָדן — עס האָט די השׂכּלה דעם באָדן גאָר גוט פעט געמאַכט און די קערנער האָבן זיך אָנגענומען. פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט און עקאָנאָמישע נויט האָבן נאָך מער באַגינסטיקט, אַז די גערעטעניש פון דער באַוועגונג זאָל זיין אַ שעפעדיקע. די דאָזיקע אידעען האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם עקסטרעמען קאָסמאָפּאָליטיזם: — אויס ייִד אויס גוי; איין וועלט איין פאָלק.

די ייִדישע פאָלקסמאַסע האָט גענומען זיך צוצוהערן צו די רייד פון די נייע פּראָפּאַגאַנדיסטן; גענומען זיך שאַרן אין זייערע אָרגאַניזאַציעס; פריִער פאַר אַלץ די יוגנט מיט איר ברען און עקסטרעמקייט. האָט געדראָט אַ קאָנקרעטע סכּנה, אַז די דאָזיקע באַגייסטערטע מאַסע מיט נייע אידעען פון יושר און צדק; גרייטע צום קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר די דאָזיקע נייע אמתן, זאָל אַוועק פון פאָלק. איז דער נס געשען, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך געשטעלט אויפן פאָלקישן, אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. געשאַפן אַ ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג. און אין מאָמענט פון סכּנה פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג, פאַר דער נאַציאָנאַלער געשלאָסנקייט פון דער באַוועגונג, האָבן איר־ע פירערס, אין הסכּם מיט זייערע מאַסן, צייטווייליק אַוועק פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, כּדי אויסצוקעמפן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָס אַרויסטרעטן פון „בונד" פון דער אַלגעמיינער רוסלענדער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין יאָר 1903, נישט צוליב פּאָליטישע חילוקי־דעות, נאָר צוליב נישט וועלן אָנערקענען די רעכט פון אַ ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מצד די פירערס פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי, איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער אַשכּנזי־מיליע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז פון פאָלק גייט מען נישט אַוועק.

איז דאָך נישט קיין וווּנדער, וואָס אין די מאָמענטן פון די געפאַרן פאַר דער פאָלקסמאַסע זענען עס גראַד די דאָזיקע „גאָטלאָזע" סאָציאַליסטן געווען די יעניקע וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן כּבוד פון פאָלק, איינגעשטעלט זיך ממש און

געבראַכט אומגעהייערע קרבנות. און בעת די פּאָגראָמען האָבן די דאָזיקע „אַפּיקור־סים״ געווען די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די זעלבשוצן, אָפּגעהיט פון שענדונג די מקום־קדושס און די רייניקייטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען.

***

דער דאָזיקער נוסח איז נישט געבליבן שטיין ביי די גרענעצן פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן; עס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער דאָזיקער המשך ביי רומעניע און גאַליציע. אומעטום, וווהין דער צייט־ווירבל און די גוזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע ערד־ציטערנישן האָבן פאַרטראָגן די מאַסן פון די דאָזיקע ערטער, האָבן זיי מיט־גענומען מיט זיך די דאָזיקע ירושה.

פון 1882 ווען עס האָבן די ערשטע וואָגלערס און טרוימערס פון „עם־עולם״ אַוועק קיין אַמעריקע און די „ביל״ווּצעס״ קיין ארץ־ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערפלאַנצונג פון אונדזער אַשכנז־נוסח אין די נייע היימען.

פּונקט ווי מיט יאָרהונדערטער צוריק, האָבן די פאַרטריבענע און אַנטלאָפענע פון גערמאַניע מיט די מטלטלים געבראַכט דעם דאָזיקן נוסח אין די סלאַווישע לענדער, אַזוי האָבן די גויאָגטע, געפלאָגטע און אַנטלאָפענע פון דעם צאַרישן רוסלאַנד און שפּעטער פון דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן אָדער באַלטישע מלוכות און רומעניע; מיט זייערע אָרעמע בעבעכעס אַריבערגעפירט דעם דאָזיקן נוסח אין די נייע לענדער, ווו זיי האָבן געפונען מנוחה.

געבנוג זיך באַקענען מיט דעם וואָס עס זענען די דאָזיקע נייע יידישע יישובים, כדי צו דערקענען (הגם אין אַנדערע פעדערן געפּוצט) דעם זעלביקן אינהאַלט פון מיזרח־אייראָפּע; פריער פאַר אַלץ טאַקע אין דעם ממש פאַרכאַפּנדיקן פאַרנעם פון די יידישע אינסטיטוציעס וואָס די יישובים האָבן אויפגעבויט — די נייע פאָרעם פון דער „מלוכה אין דער מלוכה״, וואָס מיר קענען עס פון דער מיזרח־אייראָפּעי־שער געשיכטע.

איז דאָ אויך איבעריק צו באַווייזן, אַז די נאַציאָנאַלע, ציוניסטישע באַוועגונג, אין אַלע אירע פאָרמען און געשטאַלטונגען, איז געוואָרן אַן ענין פון דעם נוסח־אַשכנז, ריכטיקער, פון די אַשכנזים. אַז אויך אין דער אויפגעקומענער מדינת־ישראל איז דער נוסח־אַשכנז דער דאָמינירנדיקער. דער ענין ספרדים אין מדינת־ישראל איז אַן אַריע פון אַן אַנדער אָפּערע, אָבער דאָרטן טאַקע ווערט קלאָר ווי די דאָזיקע פאַרהעלטענישן זעען אויס. איצט ווען דער רוב־מנין פון די ספרדים זענען שוין כמעט צוזאַמען, ווען די באַזונדערע ספרדישע שבטים האָבן די מעג־לעכקייט צו זיין צוזאַמען, איז די פּראָבלעם ספרדים גאָר שאַרף. דאָס קאַפּיטל געהער אָבער נישט צו אונדזער טעמע.

***

ג. שעען אין אונדזער פאָלקסלעבן גאָר וויכטיקע זאַכן, וואָס מען האָט זיי פון פריִער נישט באַשטימט, נישט באַשלאָסן, נישט דעקרעטירט. עפּעס ווי „פון זיך אַליין". אפשר איז טאַקע פאַראַן אַזאַ מין ווי אַ השגחה־כללית פון דער אומה. אפשר איז אויך דאָ דער פאָלקס־אינסטינקט, דער וואָס זאָגט אונטער ווי צו האַנדלען. מיר זאָגן עס קעגן דעם, וואָס אין די נייע היימען האָט מען געמוזט נאָכטאָן, אימיטירן (ביי אַנדערע באַדינגונגען) די פירונגען פון „דאָרטן". זעען מיר, אַז דאָרטן ווו מען טוט עס איז עס טאַקע מזל־ברכהדיק. הערט מען שוין כסדר איבערחזרן דעם סלאָגאָן „מיר זענען יורשים פון מיזרח־אייראָפּע"; ווילן מען גיין אין די פוסטריט פון דעם נוסח.

נישט אַלץ וועט מען קענען מאַכן ווי „דאָרטן"; נישט אַלץ לאָזט זיך איבער־חזרן, ווייל אונדזער סביבה, אונדזער אינערלעכע פאָלקס־סטרוקטור איז אַן אַנדערע און בכלל איז די גאַנצע וועלט געענדערט געוואָרן.

אָבער דער יסוד, דער עיקר פון דעם נוסח קען אייפגעהיט ווערן. ריכטיקער, ער ווערט אויפגעהיט. ווידער דאַרף מען דאָ קיין ביישפילן נישט ברענגען. לאָמיר אַ בליק טאָן אין אונדזער אייגענעם מיט, אַרום אונדזער אייגענער סביבה. ווי אַנ־דערש זענען מיר אין פאַרגלייך מיט די ספרדישע ברידער. צו וואָס זוכן טעאָרעטישע באַגרינדונגען, אַז די פּאַקטישע לאָגע ברענגט אונדז געגנוג שטאָף פאַר אויספירן.

נישט אַלע וואָס חזרן איבער (און גאָר אָפט) וועגן דעם „נוסח־אַשכנז" און דעם וועג פון מיזרח־אייראָפּע האָבן זיך דערגרונטעוועט אין דעם און וואָס דער „נוסח" און דער „וועג" באַשטייט. אָבער שוין דער ווילן אַליין איז וויכטיק. עס וועלן שוין קומען די יעניקע וואָס וועלן לערנען.

ביים לערנען דעם דאָזיקן „נוסח", וועלן זיי טאַקע זען וויפל אַשכנזישער נוסח ליגט אין די הונדערטער אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען, פאַרבאַנדן, געזעלשאַפטן, קלובן און ווי זיי זאָלן נישט הייסן, וואָס עס ווערן אויפגעבויט פון אונדזער אַשכנזישער געמיינשאַפט. בלא יודעים, אָן באַשלוסן און דירעקטיוון ווערט די דאָזיקע ייִדישע אויטאָנאָמיע געשאַפן. און די שליחות פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פירערס פון אונ־דזער צייט איז — די דאָזיקע כלים אָנצופילן מיט דעם נייטיקן גייסטיקן אינהאַלט.

אַרום שול־הויף און טאַנץ־הויז

מיר האָבן פריִער נישט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון דעם נוסח־אַשכנז איז געווען דאָס אויפבויען דער „מלוכה אין דער מלוכה" — די ייִדישע אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע „מלוכה" האָט אויך געהאַט איר באַשטימטע „טעריטאָריע", אירע גרענעצן און אַדמיניסט־ראַציע. נישט זעלטן איז עס, אמת, געווען אַ געצוווּנגענער ווויך־קוואַרטל, אַן אָנגעוואָרפּענער, דורך אַ באַפעל, אָפּגע־שלאָסענער, ייִדישער ווויך־געביט, פשוט אַ געטאָ. לרוב, אָבער, האָבן די ייִדן אַליין, פריִוויליק, אויסגעקליבן די דאָזיקע „אָפּגעזונדערטקייט". עס האָט דאָ דאָמינירט דער ווילן פון דער ייִדישער עדה צו וווינען צוזאַמען, זיך אויסלעבן צווישן אייגענע. אין דער צעשפּרייטקייט, אין באַזונדערע תפוצות און קיבוצים, האָט זיך יעדער ייִשוב געהאַלטן צוזאַמען, אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע. דאָס באַשטעטיקן אַגב די הײַנטיקע ייִדישע געגנטן אין די „נײַע היימען", וווּ עס איז נישטאָ קיין ספּעציעלער וווינצוואַנג פאַר ייִדן, שוין אָפּגערעדט אַ געטאָ.

אַזוי זענען אויפגעקומען די כל־המינים יודענגאַסן, יודענבורגן, יודענבערג, יודענדערפער וכדומה, ספּעציעלע קוואַרטאַלן, וואָס האָבן זיך געפונען אין הונדער־טער דײַטשישע שטעט. אַזוי איז עס אויך געווען אין יענע לענדער, וווּהין ייִדן זענען געקומען נאָך זייער אויסוואַנדערן פון דײַטשלאַנד.

אויב די דאָזיקע ייִדישע ווויך־געגנטן קענען פאַררעכנט ווערן ווי די „טערי־טאָריע" פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע, האָט די דאָזיקע אויך געהאַט אַ באַשטימטן צענטער — אַ „רעזידענץ", איך מיין דאָ דעם שול־הויף.

דער שול־הויף אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך איז נישט נאָר פון טאָ־פּאָגראַפישן שטאַנדפּונקט געווען דער צענטער פון דעם ייִדישן ייִשוב. ער איז אויך געווען דער מיטלפּונקט אַרום וועלכן עס האָט זיך קאָנצענטרירט די גײַסטיקע, געזעלשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אינטערעסן פון דעם ייִדישן קיבוץ.

דאָ האָבן זיך געפונען אַלע וויכטיקע קהלשע בנינים פון דעם ישוב: די שולן, בתי־מדרשים, קלויזן; דאָ איז אויך געווען דאָס בית־דין־שטוב (אָדער שטיבל); אויפן שול־הויף האָט זיך געפונען די תלמוד־תורה אָדער אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן. אין די בתי־מדרשים האָבן, נישט זעלטן, די פּריוואַטע מלמדים, געהאַט זייערע „חדרים". עס זענען דאָ אויך געווען די ישיבות.

אין דאָזיקן צענטער איז געווען דער „הקדש" אָדער „הכנסת־אורחים". אויב אַזאַ האָט זיך אין שטעטל נישט געפונען פלעגן טאַקע די אָרעמעלייט, די מדינה־גייערס, זיך אויפהאַלטן אין די שולן גופא, דאָרטן טאַקע איבערנעכטיקן — די מענער אונטן און די פרויען אין די ווייבער־שולן.

אויפן שול־הויף איז געווען די שטאָטישע באָד, דער מרחץ און פאַרשטייט זיך אויך די מיקווה. בכלל איז דער יידישער מרחץ געווען, אין אַ גאָר גרויסע צאָל פאַלן, דער איינציקער באָד־אַנשטאַלט פאַרן גאַנצן ישוב.

דאָ,ביים בית־דין־שטוב, זענען אין פריערדיקע יאָרן געווען די שטראָף־אַנשטאַלטן פון קהל, אַן אַרעסט־הויז ממש, אַ „קאָזע". אין טייל ערטער זענען נאָך ביז אונדזערע טעג געווען די קונעס, מיט קייטן, וווהין מען פלעגט דעם פאַר־מישפּטן אַריינשטעלן און אים באַשטראָפן מיט עפנטלעכער חרפה און בושה.

אין שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט אויפן שול־הויף אויך זיין דער אייזקעלער פון דער חברה „לינת־הצדק" אָדער „ביקור־חולים", ווו מען פלעגט ווינטער אַנגרייטן אייז פאַר די חולאים אין די זומער־חדשים.

גאָר אָפט פלעגט אויך אויפן שול־הויף זיין דאָס שחיטה־שטיבל; לרוב נאָר פאַר עופות, אָבער אין טייל ערטער אויך דאָס שעכטהויז. זענען שוין דאָ אויך געווען די כשרע יאַטקעס און אין אַנדערע ערטער פלעגט מען דאָ ערב־שבת און ערב־יום־טוב אויך פאַרקויפן לעבעדיקע פיש.

אויפן שול־הויף האָבן זיך אויך געפונען די בנינים פאַר טייל קהל־אַנגעשטעל־טע. דאָ איז געווען דער בית־הרב. דאָ איז געווען די דירה פון שמש. נישט זעלטן איז אין שכנות פון שמש געווען דאָס טהרה־ברעט פון דער „חברה־קדישא". אין טייל ערטער, איז דער בית־עולם געווען אין שכנות פון דעם שול־הויף.

אַזאַ בילד האָבן מיר געהאַט אין די אַלטע אַשכנז־קהילות — אין שפּייער, וואָרמס, מאַינץ, קעלן, ווירצבורג, טריער, און אַנדערע, ווו די שולן מיט די אַנ־דערע קהלשע בנינים זענען געווען צוזאַמען. געווען אויך אַ שטאָט, אַנדערנאַך ביים ריין, ווו אויפן שול־הויף איז אויך געווען אַ יידישע באַקהויז. וויסן מיר פון די שאלות־ותשובות פון מהר"ם פון ראָטענבורג, אַז עס זענען אויך געווען ביי די קהילות אַ האַנטווערקער־הויז.

פון אַשכנז האָט זיך די דאָזיקע פאָרעם פון דער יידישער אויטאָנאָמיע־רעזי־

דענק אַריבערגעטראָגן קיין מיזרח־אייראָפּע. נעמען מיר די עלטערע ייִדישע קהילות פון פּוילן זעען מיר, למשל:

אין לובלין זענען אויף דער שמאָלער, קליינער יאַטקע־גאַס געווען די גרויסע שולן פון דעם מהרש״ל (רבי שלמה לוריא) און פון דעם מהר״ם (רבי מאיר לובלין); דער בית־המדרש; די מיקווה (לעצטנס שוין נאָר אַ חורבה) און דאָס שעכטהויז.

אין לעמבערג האָבן זיך אויף איין פּונקט געפונען די שטאָט־שול, די נאַכמאַנאָ־וויטש־שול, דער בית־המדרש, די שניידערשע שול, די תלמוד־תורה און באָד.

אין ווילנע איז אויף דעם שול־הויף ביי דער ייִדישער גאַס געווען די גרויסע שול און אַנדערע דרייצן קלויזן און שטיבלעך; דער קהלשער מרחץ און מיקווה; דער ברונעם, פון וועלכן דער גאַנצער ייִדישער אַרום האָט גענומען וואַסער; דער זייגער וואָס האָט „רעגולירט״ די צייט פון דער ייִדישער עדה און די באַרימטע שטראַשון־ביבליאָטעק.

מיר האָבן געבראַכט נאָר דריי ביישפּילן פון אַלטע קהילות פון באַזונדערע טיילן פון פּוילן. מען דאַרף נישט האָבן מער קיין באַווייז וועגן דעם ווי אַזוי די שול־הייף האָבן אויסגעזען אין אונדזערע פאַרשניטענע הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון מיזרח־אייראָפּע. זיי זענען נאָך געניג פריש־לעבעדיק אין אונדזער זיכרון.

נישט נאָר די בנינים אויפן שול־הויף האָבן אים געמאַכט פאַרן צענטראַלן פּונקט פון אָרטיקן קיבוץ. דאָ, אויפן שול־הויף, האָט זיך „אויסגעלעבט״ די עדה; דאָ האָט זיך פאָרמירט דאָס פּנים פון יישוב; דער שול־הויף איז געוואָרן דער פּלאַץ פון די פאַרשידענע אינערלעכע קאַמפן און שטרייטן פון די באַזונדערע קרייזן און גרופּן פון דער קהילה.

דער בית־מדרש איז געווען נישט נאָר דער דאַוון־ און לערן־אָרט. דאָ האָט מען באַהאַנדלט און באַשלאָסן וויכטיקע כלל־ענינים, נישט דווקא הימל־זאַכן. זיכער האָט מען דאָ געפּירט מחלוקתן וועגן רבנים, שוחטים, חזנים. זיכער האָבן די דאָזיקע „צדדים״ געזוכט איינע די אַנדערע צו באַזיגן. דאָ זענען אָבער אויך אויס־געפּעכט געוואָרן וועגן ערדישע ענינים. בויען אַ נייעם מרחץ אָדער נישט; ברענגען אַ דאָקטער אָדער נישט?

שוין אָפּגערעדט וואָס דאָ האָט מען געמאַכט „פּאָליטיק״ — סיי די ייִדישע וועלט־ענינים, סיי אַלגעמיינע פּאָליטיק. דאָ האָבן די חכמי „לעזשאַנקע״ געמאַכט זייערע פּאָליטישע האַראַסקאָפּן וועגן דער וועלט־לאַגע און צי דער ענין איז גוט, אָדער שלעכט פאַר ייִדן.

דער בית־מדרש איז אויך געווען דער פּונקט צו וועלכן עס פלעגן קומען יחידים אין אַן עת־צרה. צי דאָס איז געווען ווען מען איז געקומען „אַריינפאַלן אין אָרון־קודש״ און אָפּשרייען אַ גזר פון אַ חולה־מסוכן; צי דאָס זענען געווען די פאַלן

פון עיכּוב הקריאה — נישט לאָזן לייענען די תּורה, ווען עס פלעגט אַ באַוואָלטער פאַרלאַנגען, אַז קהל זאָל זיך אַריינמישן אין זיין ענין.

דאָ, אויפן שול־הויף האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַלע פרייד־ און לייד־מאָמענטן פון דער יידישער עדה. אַהער פלעגט מען, אונטער דער פירונג פון יידישע קלעז־מער־קאַפּעלעס ברענגען די חתן־כּלה צו דער חופּה. דאָ פלעגט זיך אויך אָפּ־שטעלן דער אָרון מיטן בר־מינן בעת דער לוויה צום בית־עולם. ביי אַ חשובן נפטר פלעגט אויפן זעלבן אָרט טאָקע געמאַכט ווערן דער הספּד.

די בתּי־מדרשים זענען געווען אין געוויסע פאַלן די פאָלקס־הייזער פון שטעטל. ווען עס איז אויפגעקומען די ציוניסטישע באַוועגונג פלעגן דעם אַדרעס פון שול אָדער בית־מדרש שוין האָבן נישט נאָר די שטענדיקע לאַנד־מגידים, נאָר אויך די ציוניסטישע מטיפים. אין שטורעמדיקן רעוואָלוציאָנערן „פינפטן" יאָר פלעגט גאָר אָפּט טרעפן ווען רעוואָלוציאָנערע יידישע פּאַרטייען, מיטן „בונד" בראש, פלעגן „פאַרכאַפּן" אַ שול און דאָרטן אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען.

אַגב איז דאָס אויך געווען ביז די גאָר לעצטע צייטן פאַרן חורבן. אַזוי ווייס איך, אַז אין דעצעמבער 1938, בעת די לעצטע שטאָטראַט־וואַלן אין וואַרשע, האָבן אין די צוויי שבתים פאַר די וואַלן אַרויסגעטראָטן בונדישע רעדנערס אין העכער פופציק וואַרשעווער בתּי־מדרשים און שטיבלעך.

פון די בית־מדרש־לערנערס איז אַרויסגעקומען אַ גאָר גרויסע פּלעיאַדע פון פּיאָנערן פון די אויפגעקומענע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן. פאַרשידן זענען געווען די וועגן וואָס האָבן די דאָזיקע יחידים געפירט צו די נייע אידעען. איינס איז אָבער קלאָר, אַז דאָ, אין בית־המדרש איז געווען דער „זיכער־סטער" פּלאַץ זיך צו באַקענען מיט די געהיימע טריף־פּסול־ביכלעך.

ווידער אַ מאָל — די דאָזיקע ראָלע פון שול־הויף אין דעם לעבן פון דער יידישער עדה, ווי דער געזעלשאַפטלעכער צענטער (נישט נאָר דער רעליגיעזער) פון יישוב איז איינציק כאַראַקטעריסטיש פאַר אַשכּנז.

לעצטנס האָבן די זעלביקע ראָלע איבערגענומען די כּל־המינים קלובן, פּאַראיי־נען, לאָקאַלן — די פאָלקס־הייזער און בית־עמס.

***

דאָס וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט איז אָבער אַ כּמו־אַריינפיר צו אַ פּרט, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט. די אַלע אינסטיטוציעס און פונקציעס פון דעם שול־הויף איז מער־ווייניקער געווען באַקאַנט. עס איז אָבער אין דייטשלאַנד, אין די אַלטע צייטן פון די יידישע קהילות אין אַשכּנז געווען אַן אינסטיטוציע, פון וועלכער עס זענען געבליבן שפּורן און עס איז וויכטיק וועגן דעם זיך אָפּשטעלן און אַריינפלעכטן דאָס אין אונדזער אַשכּנז־שפּאַציר. איך האָב דאָ אין זינען דאָס

טאַנץ־הויז וואָס האָט עקסיסטירט ביי די יידישע קהילות און טאַקע אויף די שול־הייף.

פון עלטערע מקורים איז אונדז באַקאַנט, אַז די קהילות האָבן געהאַט אַזעלכע

דאָס „יודענטאַנצהאַוז״ אין ראָטענבורג ביים טאַובער,
צוגעמויערט צום „ווייסן טורעם״.

הייזער, וואָס האָבן אין פאַרשידענע ערטער געטראָגן באַזונדערע נעמען, אָבער געהאַט געהאַט האָבן זיי דעם זעלביקן כאַראַקטער. אַזוי האָבן זיי אין געוויסע ערטער געהייסן חתונה־הייזער, (בית־חתנים) אָדער טאַנץ־הייזער. אַלטע מקורים דערציילן אונדז וועגן דער עקסיסטענץ פון אַזעלכע אין ראָטענבורג ביי דעם טאַובער, ווו עד־היום געפינט זיך אַ געביידע, וואָס הייסט אין פאָלקסמויל דאָס ייִדישע טאַנץ־הויז. עס זענען אַזעלכע הייזער געווען אין קעלן, אויגסבורג, וואָרמס, פראַנקפורט ביים מאַין, מינכען און אַנדערע. ליידער זענען אונדז געבליבן זייער ווינציק מקורים וועגן דעם פאַרנעם, וועגן דער אויפגאַבע פון די דאָזיקע חתונה־הייזער.

אָט זענען אַ פּאָר פּרטים, וואָס מיר ווייסן יאָ דערפון. חוץ ראָטענבורג ביים טאַובער פון וואַנען מיר האָבן דאָס בילד פון דעם טאַנץ־הויז, ווייסן מיר, למשל, פון וואָרמס, אַז אין די תקנות פון דער וואָרמסער קהילה פון פאַר 1728 ווערט געזאָגט, אַז אויב איינער האָט חתונה נאָענט צו סוכות דאַרף ער זיין חתן־תורה און דאַרף מאַכן אַ באַל אין ברייטהויז (חתונה־הויז) 1).

וועגן מאַינץ דערוויסן מיר זיך פון אַ שילדערונג וועגן דער יודענגאַסע, אַז:

... „גייענדיק (אויף דער יודענגאַסע) קומט מען צו צו דער דאָמיניקאַנער גאַס וואָס הייבט זיך אָן מיט דאָס הויז וואָס האָט געהייסן „חתונה־הויז". זיבן טעג נאָכאַנאַנד פלעגט מען דאָרטן פראַווען די חתונה־שימחה" 2).

אין זיין אַרבעט וועגן דאָס לעבן פון די ייִדן אין דייטשלאַנד אין מיטלעלטער, שרייבט אַברהם בערלינער:

... „געוויסע קהילות האָבן געהאַט (חוץ אַ „הקדש" וואָס האָט געדינט פאַר דורכפאָרנדיקע אורחים־אָרעמעלייט און אויך פאַר קראַנקע) אויך טאַנץ־הייזער, ווו עס פלעגן פאָרקומען שימחות און פריער פאַר אַלץ חתונות. אין אַזאַ „טאַנץ־הויז" איז אויך געווען איינגעמויערט אַ קופערנער טאָפּ, אין וועלכן מען האָט געקאָכט פאַר די שימחות. אין קעלן האָט אַזאַ הויז געטראָגן דעם נאָמען 'שפּילהויז'" 3).

אין די שאלות־ותשובות פון דעם מהר"ם פון ראָטענבורג געפינט זיך אויך וועגן אַ פאַל וועגן דעם, אַז די קהילה האָט דעם „בית־החתונות" פאַרקויפט צו אַ פריוואַטן מענטשן 4).

---

1) Wormser Gemeindeordenungen — von **Dr. L. Löwenstein**, Bläetter Judische Geschichte und Litteratur, N° 5, 1904, Mainz.

2) **M. Michael** — Erinnerungen an die Judengasse. Gemeindeblatt der Israelitischen Gemeinde, Mainz, N° 6, Februar 1935.

3) **Abraham Berliner** — Aus dem Leben der Juden Deutschlands im Mittelalter, Berlin 1937.

4) **Dr. H. J. Zimmels** — Beiträge... auf Grund der Gutachten des Rabbi Meir Rothenburg. Wien - Frankfurt am Main, 1926.

קלאָר, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען באַקאַנט אין אַשכנז אין משך פון יאָרהונדערטער — אויב עס רעדט וועגן דעם דער מהר״ם אין 13טן יאָרהונדערט און עס זענען נאָך דאָ וועגן דעם תקנות פון 18טן און זיכרונות פון 19טן יאָרהונדערט. בכלל איז דער ענין פון חתונות־צערעמאָניעס אַ גאָר אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין אַשכנז, וואָס איז טאַקע געבונדן מיטן שול־הויף.

אין מיינע שטודיע־רייזעס איבער די געוועזענע דייטשישע קהילות האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דערשיינונג, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט. די חתונות פלעגן אין אַשכנז פאָרקומען אויפן שול־הויף. פון דאָרטן האָבן מיר עס טאַקע איבערגענומען. דער מאַרש צו דער חתונה מיט מוזיק איז אויך פון דאָרטן צו אונדז אַריבער. אָבער אין אַ ריי שטעט אין דייטשלאַנד האָבן זיך אויפן שול־הויף געפונען באַשטימטע ערטער, ווו די חופה איז פאָרגעקומען, דהיינו, ביי אַ ספּעציעלן חתונה־שטיין.

ביים נאָכפרעגן זיך וועגן דאָזיקן „חתונה־שטיין" האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער ווייניק האָבן וועגן דאָזיקן איינפיר געוווּסט, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען מער ווי באַהאַוונט אין יידישע פירונגען און מינהגים. ווייל איך דאָ, ערב דעם שלוס פון דעם אַשכנז־שפּאַציר, טאַקע דורכפירן אונדזער עולם פאַרביי די דאָזיקע „חתונה־שטיינער", וואָס וועגן זיי איז געבליבן אַ זכר, אַ פּאָר פון זיי האָב איך אַגב אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג.

צייכענונג פון יאָר 1700, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ יידישע חתונה אין דייטשלאַנד. רעכטס זעען מיר די חופה, וואָס שטייט ביים וואַנט פון דער סינאַגאָגע. אין וואַנט איז איינגעמויערט אַ „חתונה־שטיין" אין דער פאָרעם פון אַן אַכט־קאַנטיקן שטערן. אין מיטן איז די קלעזמער־קאַפּעלע.

דער „חתונה־שטיין" ווי אַ כלל איז געווען איינגעמויערט אין דער דרויסנדי־קער וואַנט פון דער שול, טאַקע ביים פּלאַץ, וווּ עס פלעגט אויפן שול־הויף אויפ־געשטעלט ווערן די חופּה. אויף דעם דאָזיקן שטיין פלעגט מען צעברעכן דאָס גלעזל נאָך דער קידושין־צערעמאָניע.

וועגן דעם מינהג פון צעברעכן דאָס גלעזל זענען פאַראַן אַ ריי טעמים. דער עלטסטער מקור דערצו איז, אַז דעם מינהג געפינען מיר שוין ביי די בעלי־התלמוד.

דער „חתונה־שטיין" איינגעמויערט לינקס פון אַריינגאַנג אין דער חורבה פון דער סינאַגאָגע אין שטעטל פלאַניג ביי באַד־קרויצנבאַך אין העסן. וועגן דער דאָזיקער אויסטערלישער סינאַגאָגע־חורבה זע דאָס אַרטיקל: „דער כותל־מערבי אין פלאַניג" אין מיין בוך „אין לאַבירינטן פון תקופות", זייטן 353—359.

אין דער מסכתא „ברכות״, (דף ל״א עמוד א׳), ווערט דערציילט ווי די בעלי־התלמוד פלעגן אויף שימחות צעברעכן טייערע גלעזער, כדי אין דעם געדויש פון שימחה אַריינברענגען אַ ביסל טרויער. אַזוי האָט מר דער זון פון רבינא אויף זיין זונס אַ שימחה צעבראָכן אַ טייערן כוס אין דער ווערט פון 400 זוזים. אויך רב אשי האָט אויף זיין זונס שימחה צעבראָכן אַ טייערן ווייסן גלאָז. תוספות ברענגט אויף דעם אָרט, אַז דערפון נעמט זיך טאַקע דער מינהג וואָס מען צעברעכט גלאָזוואַרג ביי אַ חתונה.

דער דאָזיקער מינהג צו צעברעכן אַ גלעזל אויפן „חתונה־שטיין״ ווערט דערמאָנט ביי קירכנערן אין זיין „יידישע צערעמאָניאַל״, וואָס איז דערשינען אין נירנבערג, אין יאָר 1724 5).

ווי אַ כלל זענען אויף די דאָזיקע „חתונה־שטיינער״ אויפגעקריצט די ראשי־תיבות ק׳ח׳ק׳כ׳ק׳ש׳ק׳ש׳ וואָס מיינט „קול חתן קול כלה, קול ששון קול שמחה״. אין טייל ערטער האָבן מיר דעם פולן זאַץ פון דאָזיקן פסוק. מיר געפינען דאָרטן אויך די ווערטער מזל־טוב אָדער נאָר מ״ט, וואָס מיינט די ראשי־תיבות פון מזל־טוב. אויף אַנדערע שטיינער געפינט מען אויך דאָס יאָר ווען דער שטיין איז איינגעבויט געוואָרן.

אין אונדזער אַרבעט ברענגען מיר אַ קאָלעקציע פון „חתונה־שטיינער״ און די געהעריקע אויפקלערונגען צו זיי.

אין אַנסבאַך האָב איך אַנשטאָט אַ שטיין געטראָפן אַן אָנגעמאָלענע פיגור פון אַ חתונה־שטיין מיט דער זעלביקער „קול־חתן קול־כלה״־אויפשריפט.

גאָר אינטערעסאַנט פאַר דעם דאָזיקן ווייניק באַקאַנטן מנהג איז אַ נאָטיץ, וואָס איך האָב געטראָפן אין אַ פנקס פון שטעטל ליבען (נידערשלעזיע), וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון יִוואָ אין ניו־יאָרק. אויף דעם דאָזיקן פנקס האָט אַ געוויסער אייזיק גוטמאַן, אויף די ליידיקע בלעטער, צווישן די יאָרן 1850—1870 אַריינגעשריבן פאַרשידענע כראָניק־פאַרצייכענונגען, תפילות, גלייכווערטלעך וכדומה. אויף זייט ל״ה פון דאָזיקן פנקס געפינט זיך די ווייטערדיקע פאַרצייכענונג:

(מיר ברענגען דעם לשון־קודשדיקן טעקסט פון דער פאַרצייכענונג, נישט געענדערט, איבערלאָזנדיק די דיקדוק־גרייזן).

---

5) **Kirchner Paul Christian** — Jüdisches Ceremonial oder Beschreibung derjenigen Gebräuche... Nürnberg 1727.

אצל פסח בהכנ״ס כאן יש אבן עם מגן דוד וכתוב עליו

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

ובצד ימין כתוב **ש׳ע׳ל׳ז׳ל׳**
ובצד שמאל **י׳כ׳ש׳ש׳**

הראשון הוא **ש**חור **ע**ל **ל**בן **ז**כר **ל**חורבן
והשני **י**ש **כ**אן **ש**ערי **ש**מים

בשנים קדמונים היה החופה לפני בהכנ״ס ובשנת 1828 למספרם, בא הצוה מן שררה יר״ו שתהא החופה לפני ארון הקודש בבהכנ״ס

אין יידיש מיינט עס:

ביי דער טיר פון דער שול איז פאַראַן אַ שטיין מיט אַ מגן דוד און אויפן שטיין זענען אָנגעשריבן די ווערטער: קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה. און אויף דער רעכטער זייט איז אָנגעשריבן ש׳ע׳ל׳ז׳ל׳, וואָס מיינט שוואַרץ אויף ווייס איז אַ זכר צום חורבן. אויף דער לינקער זייט איז אָנגעשריבן י׳כ׳ש׳ש׳, וואָס מיינט, אַז דאָ זענען דאָ די טויערן צום הימל. אַמאָליקע יאָרן פלעגט די חופה פאָרקומען פאַר דער שול, אין דרויסן. אָבער אין יאָר 1828 איז געקומען אַ באַפעל פון דעם שררה, אַז די חופה זאָל פאָרקומען אינעווייניק אין שול, פאַר דעם אָרון־קדוש.

מיר זעען, אַז דער דאָזיקער מנהג איז אין דייטשלאַנד געווען פאַרשפּרייט סיי אין בייערן, סיי אין ווירטנבערג, סיי אין שלעזיע. פון דער פאַרצייכענונג פון דעם ליבענער פּנקס איז צו זען, אַז מצד דער מאַכט זענען געקומען שטערונגען וועגן מאַכן די חופה אין שול־הויף. צי איז עס געווען נאָר אַן אָרטיקער ענין, אָדער אַן אַלגעמיינער באַפעל, איז נישט קלאָר.

**
*

דאָס קאַפּיטל וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אַלץ איבערגענומען פון די אַשכנזישע חתונה מנהגים איז זייער אַ גרויס, עס איז אַן ענין פאַר אַ באַזונדערער שטודיע.

„חתונה־שטיין פון דער סי־
נאגאָגע אין דויטץ, אַ פּאָר־
שטעטל פון קעלן. אויפן דאָ־
זיקן שטיין זעען מיר די
ווערטער: „קול חתן וקול
כלה” און ביי ביידע זייטן
פון מגן־דוד די אותיות מ״ט,
וואָס מיינט מזל־טוב.
דאָס בילד פון דעם דאָזיקן
„חתונה־שטיין” געפינט זיך
אין דעם בילדער־אַרכיוו פון
דעם ריינישן מוזעום אין
קעלן.



„חתונה־שטיין” אין דער סינאַגאָגע פון שטעטל אַלטענ־
קונדשטאַט, אין בייערן. דאָ זעען מיר די ווערטער „קול
ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה אין אַ קרייז אַרום
די אותיות מ״ט, וואָס מיינט מזל־טוב. די פיר אותיות אין
די ווינקלען פון שטיין באַדייטן דאָס יאָר, וואָס דער שטיין
איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן — תפ״ו, 1726

„חתונה־שטיין" אין דער וואַנט פון דער סינאַגאָגע אין נידערשטעטען (ווירטעמבערג). דאָ זעען מיר די ווערטער „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה" שוין איינגעקריצט אַרום דעם מגן־דוד און אין האַרץ פון מגן־דוד די ווערטער מזל־טוב. אויף דעם דאָזיקן שטיין האָבן מיר אויך דאָס יאָר, ווען דער שטיין איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן: תקי"א, וואָס מיינט 1751. נאָך פּאַראַנענע דאָקומענטן איז די סינאַגאָגע גופא אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1744. דאָס מיינט, אַז דעם „חתונה־שטיין" האָט מען ערשט שפּעטער איינגעמויערט.

„חתונה־שטיין" פון דער סינאַגאָגע אין בינגען ביים ריין די סינאַגאָגע גופא שטייט עד היום אַ צעשטערטע. געבליבן „גאַנץ" איז נאָר דער אויפגעריסענער אָרון־קודש מיטן „דע לפני מי אתה עומד". דער „חתונה־שטיין" (צוזאַמען מיט נאָך אַ טייל רעליקוויעס) זענען איינגעמויערט אין דעם אַריינגאַנג פון דער סינאַגאָגע, וואָס איז געבליבן גאַנץ. אין די וויגקלען פון דעם אַכט־שפּיציקן שטערן (אַ כמו מגן־דוד) זענען איינגעמאָנטירט די אותיות: ק׳ח׳ק׳כ׳ק׳ש׳ק׳ש׳, וואָס עס מיינט דער באַוווסטער אונדז שוין שפּרוך „קול חתן וקול כלה, קול ששון וקול שמחה".





„חתונה־שטיין" אייגגעמויערט אין דער וואַנט פון דער סינאַגאָגע אין דער קהילה פון קאָכענדאָרף (ביי שטוטגאַרט, ווירטעמבערג). אין אַלע פיר ווינקלען פון דעם שטיין זענען פאַראַן די ראשי־תיבות פון ק"ש (קול־ששון), ק"ש (קול־שמחה), ק"ח (קול חתן), וק"כ (וקול כלה). אין מיטן די ראשי־תיבות מ"ט (מזל טוב).

יִדיש – די בריק פון אַשכנז דורך
דורך תקופות און תפוצות

קומען מיר צום סוף פון אונדזער אַשכנז־עקסקורסיע. נאָך דעם ווען מיר האָבן זיך באַקענט מיטן לאַנגן וועג פון דעם דאָזיקן נוסח; מיט די באַזונדערע גילגולים — בלויזע גילגולים פון די וואָס האָבן דעם נוסח אויסגעטראָגן; נאָך דעם ווי מיר האָבן געפּרוּווט זיך אָפּשטעלן אויף באַזונדערע סטאַנציעס, וווּהין דער נוסח איז געבראַכט געוואָרן און זיך דאָרטן פאַרוואָרצלט; נאָך דעם ווי מיר האָבן געפּרוּווט זיך אויך פאַרטראַכטן וועגן די יסודות, די עיקרים פון דאָזיקן נוסח, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער ראַם וואָס האָט אַרומגענומען די דאָזיקע טויזנט־יאָריקע תקופה. נישט וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעל־אַדמיניסטראַטיווער ראַם, אויך נישט וועגן דער הלכה־מנהגים־ראַם, וואָס האָט דעם דאָזיקן נוסח אויסגעטיילט. דאָ האָבן מיר אין זינען דעם לשון יִדיש, די שפּראַך וואָס איז געקניפּט און געבונדן, ממש איינגעפלאָכטן און אַריינגעוועבט געוואָרן מיט דער דאָזיקער תקופה. די שפּראַך וואָס האָט געוואָרפן בריקן צווישן די באַזונדערע יִדישע „מלוכות“, וואָס האָבן געהערט צו דעם אשכנז־נוסח און אויך אויסגעשמידט די קייט פון די באַזונדערע תקופות־רינגען פון דעם דאָזיקן אשכנז־נוסח.

וועלן מיר דאָ איצט זיך נישט אָפּשטעלן אין דאָזיקן קאַפּיטל אויף דער געשיכטע פון יִדיש־לשון (די איינציקע תפוצות־שפּראַך פון אונדזער פאָלק וואָס האָט זוכה געווען אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען פון פאָלק — יִדיש). עס איז שוין וועגן דעם פאַראַן ממש אַ ריזיקע ליטעראַטור. מיר ווילן דאָ נאָר מאַכן געוויסע פעסטשטעלונגען און פאַרשטייט זיך אויספירונגען. קיין חידושים (מער ווי די תקופה גופא האָט עס געבראַכט) קענען מיר נישט אַרויסברענגען.

אין דער געשיכטע פון יִדישן פאָלק האָט נאָך קיין שפּראַך נישט באַוויזן

צו זיין אַזוי צעשפּרייט טעריטאָריעל און אַנגעהאַלטן אַזאַ לאַנגן צייט־שפּאַן. יידיש אידענטיפיצירט זיך, אין צייט און שטח, מיט דער תקופה אשכנז.

מיר וועלן דאָ געבן נאָר אַ פּאָר זאַצן פון ד״ר מאַקס ווײַנרייכס רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט העכער צען יאָר צוריק אויף דער קאָנפערענץ פון ייוואָ אין ניו־יאָרק. ער האָט זיין רעפעראַט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„עטלעכע מאָל האָט געטראָפן אין דער ייִדישער געשיכטע, אַז גורלדיקע אַנטוויקלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אַ פּיצעלע שטח: אין ארץ־ישראל, ווען דאָס פאָלק איז געוואָרן; אין פּאָדאָליע, ווען חסידות איז אויפגעקומען. אַזאַ מעשה־בראשית זעען מיר אויך מיט גוטע טויזנט יאָר צוריק ביי די טייכן ריין און מאָזעל, אין דעם לעב־דעלע וואָס מען האָט ביי ייִדן גערופן לותיר (לאָטער). די וויכטיקסטע פּונקטן אין און אַרום לותיר זענען געווען מאַינץ, וואָרמס, שפּייער, מעץ. דאָ איז מיט גוטע טויזנט יאָר צוריק ביי אַ קליינטשקער גרופּע ייִדן געבוירן געוואָרן די ייִדישע שפּראַך. עס הייבט זיך אָן אַ פּרינ־ציפּיעל קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

...הייסט עס, די ייִדיש־תקופה און די תקופה פון אשכנז זענען היינו־הך — אונדזערע לעצטע טויזנט־עלף הונדערט יאָר. די תקופה בעט זיך מען זאָל זי פאַרשטיין. אויף פאַרשטיין דאַרף מען זי אַנאַלי־זירן. און איך זאָג אויס בפרהסיא אַז פון דעם אַנאַליז וויל איך לערנען נישט נאָר וועגן דעם געוועזן, נאָר אויך וועגן היינט און וועגן מאָרגן.״ 1)

אין אונדזער גאַנג איבער די טויזנט יאָר אשכנז, אין פּרווון זוכן און געפינען די עיקר־יסודות פון דער דאָזיקער תקופה, ווילן מיר טאַקע קומען צו אויספירן פאַר אונדזער היינט און מאָרגן. און ייִדיש לשון איז געוועזן איינע פון די וויכטיקסטע עיקרים פון דער דאָזיקער תקופה און וועגן דעם רעדן מיר דאָ טאַקע.

מען האָט געזוכט אַ „טעריטאָריע״ פאַר ייִדיש־לשון; מען האָט געפּרוווט גע־פינען אַ קאָנקרעטע „מאַטעריעלע״ ראַם פאַר דעם ווירקונג־שטח פון ייִדיש. איז געבוירן געוואָרן אַ ניי וואָרט: „ייִדישלאַנד״. פּראָפעסאָר א. א. ראָבאַק איז געקומען מיט אַ גאָר וואָגיקן וואָרט — ביי אים איז עס די „אימפּעריע ייִדיש״. דער דיכטער אַלף כץ האָט צוגעקליבן אַן אַנדער וואָרט „מלכות ייִדיש״. אין די אַלע סימבאָלישע

1) מ. ווײַנרייך — „אשכנז: די יידיש־תקופה אין דער יידישער געשיכטע״. „ייוואָ־בלעטער, באַנד 35, ניו־יאָרק, 1951.

נעמען קומט צום אויסדרוק די אומעטומיקייט, די גרענעצלאָזיקייט פון יידיש לשון — דער מלא כל הארץ פון דער שפּראַך פון דער אשכנז־תקופה.

וועגן דער ווירקונג פון דאָזיקן לשון; וועגן דער געשיכטע און פאַרנעם און טאַקע אויך וועגן די האַראַסקאַפּן און פּראָגנאָזן פון דער צוקונפט פון יידיש, וועלן מיר אָפּשיקן צו די פילע אַרבעטן, וואָגיקע שטודיעס, וואָס זענען וועגן דעם אין די לעצטע יאָרן געשאַפן געוואָרן. דאָ רעדן מיר נאָר אין דער קאַטעגאָריע פון פאַקטן און ציפערן.

פון טייל אַרבעטן וועט אונדז אויסקומען צו ברענגען אויסצוגן.

זאָגט פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו הי״ד:

„מיר איז באַשערט געווען אין די יונגע יאָר צו שטיין ביי דער וויג פון אונדזער נייער ליטעראַטור אין דער יידישער פאָלקסשפּראַך און שפּעטער צוקוקן זיך ווי דאָס קליינע קינד, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן „זשאַרגאָן“, איז אויסגעוואָקסן און געקראָגן דעם ריכטיקן נאָמען: יידיש. זעלטן ווער עס ווייסט, אַז מיר געהערט יענער אַנאָנימער אַרטיקל וועגן דער נויטיקייט פון אַ צייטונג אין אונדזער פאָלקסשפּראַך, וואָס איז געווען געדרוקט אין זומער 1881, אין נומער 35 פון דעם פּעטערבורגער רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „ראַזסוויעט“.

אין יענעם פאַטאַלן יאָר פון אונדזער געשיכטע איז די פּראַגע געבוירן געוואָרן, און די קומענדיקע צענדליקער יאָרן האָבן אויף איר געגעבן אַ קלאָרע תשובה. די יידישע פאָלקס־שפּראַך איז אַרויס פון פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אונדזער ליטעראַטור און האָט פאַרנומען אין איר אַן אָרט אויבנאָן, דער וואָס האָט זוכה געווען איבערצולעבן אַזאַ היסטאָרישן פּראָצעס אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, האָט שוין דאָס רעכט און אפשר אויך אַ חוב אַריינצופירן אַנדערע אין דער לאַבאָראַטאָריע פון געשיכטע און באַוויזן, ווי עס האָט זיך דאָס אַלץ געקאָכט אין דעם געשיכטע־קעסל“. 2)

דער אויפטו פון יידיש איז געווען, וואָס מיטן דאָזיקן לשון זענען געבונדן אַ ל ע שעפערישע, גייסטיקע אויפטוען פון דער תקופה.

צוגלייך מיט די ערשטע געדרוקטע ספרים אין לשון־קודש באַוויזן זיך, גאַרנישט ווייט אָפּגערוקט, אין יידיש אַלע מינים שאַפונגען פון יענער צייט. די ערשטע יידיש־איבערזעצונגען פון תנ״ך; דער ערשטער סידור אין יידיש; די ערשטע יידישע

---

2) שמעון דובנאָוו — פון „זשאַרגאָן צו יידיש“, ווילנע 1929.

זועלטלעכע פּובליקאַציעס (בבא־בוך) — דאַטירן זיך פון דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט.

ייִדיש איז געוואָרן דער מכשיר וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם מוסר־עלעמענט צו המון־עם, צו דער פּרוי און עם־הארץ.

אָן ייִדיש וואָלט דער למדן נישט אַרויסגעבראַכט זיין טייטש און פּשטל פון דער סוגיא;

אָן ייִדיש וואָלט חסידות נישט געהאַט קיין האָפּט;

ייִדיש האָט אויפגעהויבן און געגעבן אימפּעט דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג;

מיט ייִדיש זענען געקומען צו די ייִדישע מאַסן די וואָס האָבן אין ציון געזען דעם אויסוועג פון פאָלקס־גאולה.

היינט די ייִדישע ליטעראַטור — געמיינט טאַקע די ליטעראַטור אין ייִדיש; אַלע דערשיינונגען און פאָרמען. ביכער און צייטונגען.

ווייל מען געפינען נאָך איין סיבה פאַר וואָס אשכנז האָט אַזוי וויט, הויך און טיף, איבערגעיאָגט ספרד, דאַרף מען טאַקע אָנווייזן אויף דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן מיטל — ייִדיש לשון — מיט וועלכן און דורך וועלכן די דאָזיקע אַלע אידעען זענען געקומען צו די מאַסן.

אין קיין שום שפּראַך, וואָס ייִדן האָבן אין זייער לאַנגער געשיכטע אַדאָפּטירט צו לשון־קודש (חוץ אַראַמעיִש) האָבן זיי אין זייער צייט נישט באַוויזן צו שאַפן ווערק וואָס זאָלן ווערן אַ קנין פון פאָלק און האָבן אַ המשכדיקע איבערליפערונג. נישט ייִדיש־גריכיש; נישט ייִדיש־פּערסיש; נישט ייִדיש־אַראַביש טראָגן איצט צו עפּעס צום נאַציאָנאַל־ייִדישן אוצר. אויך בשעתּם זענען זיי געווען די שפּראַך פון אַ קליינער עליטע; אָדער אין אַנדערע פאַלן — ווי עס זאָל נישט אויסקומען פּאַראַדאָקסאַל — די שפּראַך פון די אונטערשטע, אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון פאָלק.

גאָר כאַראַקטעריסטיש זענען די שפּראַכן פון דעם ספרדישן טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס עס איז אויפגעקומען צו לעבן און ווירקן אין דער זעלביקער תקופה — אין די לעצטע 500 יאָר, וואָס מיר פאַרמאָגן די דרוק־דערפינדונג און די גייסט־אוצרות קענען שוין פאַראייביקט ווערן אויף פאַרמעט און פּאַפּיר. לאַדינאָ און דזשודעמע; שפּאַניאָליש; טאַדזשיקיש און קאַמטאַדינאָ האָבן טאַקע דאָ און דאָרטן געהאָלפן צו פאַרבינדן די באַזונדערע שבטים אין ספרדישן טייל צווישן זיך. עס זענען זיכער געשאַפן געוואָרן אַ צאָל ווערק (פריִער פאַר אַלץ דינים, מנהגים, תּפילות) אויף די דאָזיקע לשונות. אָבער וואָס איז דערפון געבליבן פאַרן אוצר פון דער ייִדישער גייסטיקער שאַפונג? וואָס איז דאָרטן געבליבן צו ירשענען?

נישט נאָר נעכטן — דער ווייטער און נאָענטער עבר — אויך היינט, איז נאָך

אַלץ ייִדיש דער פֿאַרבינדער פֿון תּפֿוצות און דער ווילן־אויסדריקער פֿון די אַקטיווע טיילן פֿון פֿאָלק, וואָס לעבן און ווירקן אין דעם פֿאָלק.

אויך היינט, נאָך דעם ווען דער טייל פֿון אונדזער אויסגעקווילעטן פֿאָלק איז בעיקר געוועזן אַן אַשכּנזישער און טאַקע דער ייִדיש־ריידנדיקער, פֿאַרנעמט נאָך ייִדיש דעם אויבן־אָן פֿון ייִדישער פֿאַרשטענדיקונג; — איז נאָך אַלץ ייִדיש די בריק פֿון תּפֿוצה צו תּפֿוצה און פֿון די תּפֿוצות מיט מדינת ישׂראל און צוריק.

די 14 טאָג־צייטונגען און עטלעכע הונדערט אַנדערע פּובליקאַציעס אין אַלע תּפֿוצות און אין מדינת ישׂראל אין ייִדיש זענען נישט עפּעס „איינדזעלעך" אָדער „אָפּגעדאַרטע צווייגן".

אָט ווייסן מיר, אַז ייִדישע ביכער ווערן היינט, אין יאָר 1960, געדרוקט אין אַלע פֿינף קאָנטינענטן, אין העכער 15 לענדער.

אין משך פֿון די לעצטע פֿיר יאָר דערשיינען אין „ייִדישלאַנד" (אָדער „אימ־פּעריע") יעדע וואָך קאַרגע 3 ביכער. חוץ דעם יעדן חודש 40 פֿאַרשידענע פּובלי־קאַציעס, זשורנאַלן, זאַמלהעפֿטן וכדומה.

נוסח־אַשכּנז איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די גולי־אַשכּנז. די געיאָגטע און גע־פּלאָגטע פֿון די טייכן פֿון ריין האָבן מיטגעטראָגן דעם נוסח זייערן צו די סלאַווישע טייך־ברעגעס. צוזאַמען מיטן „נוסח" איז געגאַנגען לשון ייִדיש, וואָס האָט דעם נוסח אָפּגעהיט. זעען מיר דעם דאָזיקן „נוסח" אין זיין פֿאַרשפּרייטונג און די פּרוּוון פֿון איינוואָרצלונג אויך אין די „נייע היימען" און טאַקע צוזאַמען מיט דעם ווי אַזוי עס איז אַהין אַריבערגעפֿלאַנצט געוואָרן דער ייִדישער לשון.

אמת, עס גייט נישט גאָר אַזוי גלאַטיק. נישט צוליב דער שולד פֿון לשון, נאָר צוליב דער שולד (אָפֿט מאָל אומבאַוווּסטזיניקן און נישט זעלטן אויך במזיד) פֿון די טרעגער פֿון דעם „נוסח", וואָס ווילן פּטור ווערן פֿון אַן איבעריקן „פּעקל".

זענען שוין געווען אַזעלכע פֿאַלן אין דער געשיכטע, אָבער די געשיכטע איז איבער דעם אַריבער און צונישט געמאַכט אַן אַ שיעור טעאָריעס פֿון „איבעריקע באַלאַסטן".

ווועלן מיר דאָ געבן דאָס וואָרט לעאָ פֿינקלשטיינען:

> „מיר, דער היינטיקער דור, שטייען אויף אַ קרייצפּונקט פֿון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט אויף אונדז אַרויפֿגעלייגט גרויס אַחריות. מיר מוזן וויסן, אַז מיר זענען ווערט צו זיין די יורשים פֿון פֿאַרגאַנ־גענע דורות אַז מיר זענען ראוי פֿאַר די אויפֿגאַבעס, וואָס די היינטיקע טעג שטעלן פֿאַר אונדז.
>
> לאָמיר זיך זאָגן אָפֿן — מיר לעבן אין אַ צעטומלטער צייט, ווען אַ טייל, די שוואַכע און אָן כאַראַקטער, ווילן דעזערטירן פֿון קאַמפּס־פּלאַץ און באַגערן זיך „אויסמישן" מיט אַנדערע...

דער זאַפּטיקער יידישער צענטער אין פּוילן איז פאַרשניטן גע־וואָרן. דאָס איז פאַר אונדז אַ בכיה לדורי־דורות און מיר וועלן אַוודאי קיין מאָל נישט ווערן געטרייסט. אָבער דווקא דאָס גרויסע אומגליק דאַרף פאַר אונדז זיין אַ טרייב־קראַפט פאַר באַפעסטיקן אונדזער ווייטערדיקן יידישן המשך. אין אָנבליק פון די סכנות, וואָס לויערן אויף אונדז, מוזן מיר אויפזאַמלען אַלע כוחות, כדי אויפצובויען אונדזער גייסטיק לעבן. און די שאַפערישע כוחות זענען פאַראַן אין אינגעווייד פון פאָלק און קומען צום אויסדרוק אין זיין לעבעדיקער שפּראַך. וועלן מיר זיך דערפון אָפּקערן, וואַרט אויף אונדז אידעישע ליידיקייט און גייסטיקע פאַרוויסטונג.

מיר פאַרבינדן יידיש פאָלקסטום און וועלטלעכקייט מיט די אידעען פון הומאַניזם און פּראָגרעס. אין מיטלפּונקט פון אונדזערע באַשטרעבונגען שטייט נישט קיין אַבסטראַקטע אידעע, נאָר דאָס לעבעדיקע פאָלק מיט זיינע רעאַלע טאָג־טעגלעכע גייסטיקע און מאַטעריעלע נויטן. פאַר אונדז איז דאָס העכסטע געבאָט דער רעאַלער קיום פון פאָלק, פאַר וועלכן מיר זענען גרייט אַלץ מקריב צו זיין. משה רבינו האָט צעבראָכן די לוחות, כדי ס׳פאָלק זאָל בלייבן גאַנץ, אָבער מיר וועלן נישט איינגיין ברעכן ס׳פאָלק לשם וועלכע נישט איז לוחות... מיר ווילן די לוחות אונטערוואַרפן דעם קיום פון פאָלק. און מיר שרייבן אונדזערע לוחות אין יידיש, די שפּראַך פון אונדזער בלוט.

לשון יידיש איז פאַר אונדז יידישער קיום״ 3).

פאַראַן בעלי חשבונות, וואָס האָבן שוין דעם פאַרטיקן באַלאַנס. זיי זעען שוין פאַר זיך דעם סוף. אָבער דעם דאָזיקן „סוף״ האָבן שוין ביז זיי נישט איין פאַלשער נביא און שוואַרץ־זעער געזען און געבליבן אַנטוישט. נאָך מער — לויט די „חשבונות״ פון אָן אַ שיעור „גוטע פריינד״ פון יידישן פאָלק איז די עקסיסטענץ גופא פון אונדזער פאָלק אַ „מיספאַרשטענדעניש״, ווייל לויט אַלע כללים (טאָקע ווייסנשאַפטלעך אויסגעחשבונט) האָבן מיר שוין לאַנג, גאָר לאַנג נישט געדאַרפט עקסיסטירן.

די דאָזיקע יאושים־און סוף־אָנזאָגערס דאַרף מען דערמאָנען אַ פּאָר אַלטע יידישע זאָגן, וואָס זענען גאָר שטאַרק סימבאָליש.

לויט דער אַלטער יידישער אויפפאַסונג טאָר מען נישט נאָכטראַכטן וואָס איז

3) לעאָ פינקלשטיין — לשון יידיש און יידישער קיום, מעקסיקע 1957.

געווען פריער און וואָס וועט זיין שפּעטער; אונדזערע אַלטע חכמים פאַרשילטן ממש מיט טויטע קללות די יעניקע, וואָס ווילן אויסחשבונען דעם „קץ" — דעם סוף.

עס ליגט אין דעם אַ גאָר טיפע פאָלקס־פילאָסאָפיע. אונדזער גאַנצע עקסיס־טענץ איז אַן „חשבון" און וועט מען (שטענדיק און אומעטום) אָנהייבן מאַכן „באַ־לאַנסן" וועט מען קומען צו טרויעריקע גערדאַנקען. אין דעם פּרט איז אונדזער וועלט־פאָלק שטאַרק ענלעך צו דער אין־סוף־געשטאַלט פון זיין באַשעפער, ווי דאָס פאָלק האָט זיך אים פאַרגעשטעלט.

ווער עס איז נישט איבערצייגט אין דער דאָזיקער אין־סופיקייט פון אונדזער פאָלקס־גורל, דער וועט קיין מאָל נישט באַנעמען אונדזער גאַנג דורך די פעלקער, אונדזער קיום צווישן דער גרויסער פעלקער־מישפחה און וועט נישט זען קיין איין ליכטיקן פּונקט אין דעם מאַרגן פון פאָלק. צי וועט נישט אויספאַלן גאָר שטאַרק נעגאַטיוו־יאושדיק ווען מען נעמט „חשבונען" וועגן אַנדערע אַספּעקטן? (נישט דווקא וועגן יידיש).

ווער פון די וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער גלויבן און פאָלק אין דעם בראשית פון אונדזער תקופה, בעת די שחיטות פון שפּייער־וואָרמס־מאַינץ, האָט אויסגעחשבונט וועגן דעם „מאָרגן" פון פאָלק?

צי האָבן דעם דאָזיקן „חשבון" געמאַכט די שפּעטערדיקע תקופות און דורות?

זיכער האָבן די יעניקע וואָס האָבן געקעמפט פאַר אידעען; וואָס האָבן זיך גע־וואָרפן אין קאַמף פאַר זייערע אמתן געגלייבט אין דעם ניצחון פון די דאָזיקע אידעען — אָבער נישט צוליב דעם באַלאַנס, צוליב דער זיכערקייט פון דעם ניצחון האָבן זיי געקעמפט. דער שטרייט גופא איז שוין געווען אַ הייליקער ענין.

אַ חסידיש ווערטל זאָגט: — מען דאַרף טאָן צוליב דעם טאָן גופא און נישט צוליבן אויפטאָן. וועסטו נעמען אויסחשבונען, קאָן גאָר אַרויסקומען, אַז דו וועסט נישט אויפטאָן, וועסטו שוין גאָר נישט טאָן.

ווען מיר גיין ווייטער — אַפילו ווען דער חשבון איז געווען קלאָר, אָפן אויפן טיש, אַז מען וועט פאַרשפּילן, אויך דאַן האָט מען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון קאַמף און פאַרטיידיקונג. דער בעסטער באַווייז איז די גרעסטע גבורה־עפּאָפּעע פון אונדזער דור — דער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. על פי חשבון, על פי שכל הישר און בכלל אַלע אַנדערע כללים, זענען די געטאָ־קעמפער, קליין אין צאָל און שלעכט באַוואָפנט, געווען פאַרשפּילטע... אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז זיי זענען פאַר דער געשיכטע, פאַר דער יידישער געשיכטע פריער פאַר אַלץ גאָר אַרויס ווי ריזיקע זיגערס.

אָט דאָס איז די מאָס פאַר אַלע צייטן פון אונדזער געשיכטע, בפרט פאַר צייט־אָפּשניטן, וואָס זענען פול מיט געפאַרן און נסיונות ,וואָס קאָנען טרייבן „ניכטערע" מענטשן צו יאוש, אָפּהענטיקייט און פאַלשע חשבונות.

*
**

משה שטאַרקמאַן דערציילט, אַז עס ווערט איצט געגרייט אַן „אוצר פון ידישן אלף־בית". דער דאָזיקער אוצר וועט דאַרפן זיין די ביבליאָגראַפיע פון 500 יאָר יצירה ביי ידן. עס וועט אין דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע אַריינגענומען ווערן אַלע (געדרוקטע) שאַפונגען מיט ידישע אותיות, אַן חילוק אויף וועלכער שפּראַך. שטאַרקמאַן דערמאָנט דערביי, אַז די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע:

„וועט אונדז דערמאָנען אַ סך היסטאָרישע לעקציעס. די ביבליאָגראַפיע, וואָס ווערט איצט געגרייט אין ירושלים, וועט אונדז דערמאָנען, אַז אין די גלות־לענדער האָט לשון־קודש זיך תמיד געניייטיקט אין אַ טאָכטער־שפּראַך, אין אַ הילף־לשון, כדי נישט צו זיין איינזאַם אין פּרט פון נאַציאָנאַלן אויסדרוק און נאַציאָנאַלן שריפט" 4).

קומט ער צו דער ראָלע פון ידיש זאָגט ער אָט וואָס:

„דער עברי־טייטש, אונדזער ידיש, איז געוואָרן דאָס פאָלקישע עברית פון ידישע מאַסן, צוערשט אין מערב־אייראָפּע, דערנאָך אין מיזרח־אייראָפּע, שפּעטער אויך אין ארץ־ישראל, אין צפון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, אין טיילן פון אַזיע, אין דרום־אַפריקע און אין אויסטראַליע..."

דאָ איז פּאַקטיש געשילדערט געוואָרן דער גאַנג פון דער אַשכנז־תקופה; דאָ ווערט אויך באַוויזן ווי ידיש האָט געטראָגן דעם נוסח פון דער דאָזיקער תקופה, געהאַלפן אים אומעטום זיך איינוואָרצלען און געדייען.

וועט פּאַרטיק ווערן די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע פון דעם „אוצר פון דעם ידישן אלף־בית" וועט ערשט דאַן מיט דער גאַנצער קראַפט און איבערצייגונג באַוויזן ווערן דעם ריזיקן כוח פון ידיש; דעם קאָלאָסאַלן אָרט וואָס ידיש לשון האָט פאַרנומען אין משך פון די 500 יאָר געדרוקטע ידישע אותיות און באַזונדער דעם אָרט וואָס לשון ידיש פאַרנעמט היינט.

וועלן מיר זיך אומקערן צום אָנהייב פון אונדזער קאַפּיטל, צו דעם אויסצוג פון ד"ר מאַקס וויינרייכס שטודיע, לאָמיר אין די אויספירן פון אונדזער גאַנג איבער די טויזנט יאָר אַשכנז און די ראָלע פון ידיש ווידער לאָזן רעדן ד"ר מ. וויינרייכן, ווען ער פירט אויס:

4) משה שטאַרקמאַן — דער אוצר פון יידישן אלף־בית „פאָלק און וועלט", נומ' 99, אָקטאָבער 1960, ניו־יאָרק.

„וואָס־זשע זענען מיר דערגאַנגען ביים דורכגיין איבער די העכער 1.000 יאָר יידיש־תקופה? איך נעם דאָס צונויף אין פונקטן:

1. אַשכנז איז איינע פון די פּרוקטיקסטע תקופות אין דער ייִדי־שער געשיכטע.

2. די טראַדיציאָנעלע אַשכנזישע ייִדישקייט איז קיין מאָל נישט געווען טאָטאַליסטיש. אַדרבא, זי האָט פון אָנהייב אָן געהאַט אין זיך פאַרשידענע וואַריאַציעס. דער רוקן־ביין פון דער געזעלשאַפט איז דאָס לערנען...

3. דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר דער אַשכנזישער ייִדיש־קייט איז דאָס וואָס זי זוכט אירע מאָסן אין די פאַרגאַנגענע ייִדישע דורות...

4. די דאָזיקע עלאַסטישקייט אין דעם „תחילתדיקן פורעם" האָט מעגלעך געמאַכט, אַז זינט דעם 18טן יאָרהונדערט זאָלן אויפקומען אַזוי פיל נייע פאָרמען אַשכנזישע ייִדישקייט. אַ מאָל איגנאָרירן זיי איינס דאָס אַנדערע, אַ מאָל טאָלערירן זיי זיך און אַ מאָל קעמפן זיי צווישן אַנאַנד — אָבער אַפילו קעמפנדיק לעבן זיי אונטער איין דאַך.

5. די טיפע אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן, לאָ די וואָס זיי האָבן אונדזער קיבוץ נישט אויפגעריסן, האָבן זיי אים גאָר פאַרפעסטיקט...

6. די ייִדישע שפּראַך איז געבוירן געוואָרן, געוואַקסן און מיט־געגאַנגען מיט אַשכנז. זי איז אַן אויסדרוק פון דעם לעבן פון אַשכנז און פאַר איינס אַ מיטפורעמער פון דעם דאָזיקן לעבן.

7. אין דער קולטור און שפּראַך פון אַשכנז זענען פאַראַן וווּנדער־לעכע איבערצייטישע ווערטן סיי פון אַ ייִדישן, סיי פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. עס וואָלט געווען פאַר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער אַ קולטורעלע קאַטאַסטראָפע, ווען די דאָזיקע ווערטן זאָלן אַוועקגיין מיטן בלוט און רויך פון ייִדישן אומקום אין דער צווייטער וועלט־מילחמה.

8. די געשיכטע באַווייזט, אַז טעריטאָריאַלע איבערפלאַנצונגען פון ייִדישקייט זענען מעגלעך. דאָס ייִדנטום אין אייראָפּע האָט גענו־מען וואַקסן גראָד אין אַ צייט, ווען דאָס ייִדישע לעבן אין צענטראַל־אייראָפּע איז געווען אונטערגעשוווענקט דורך גזירות און גירושים. די בליונג פון אַשכנז איז געווען דווקא נישט אויף דער טעריטאָריע, ווו אַשכנז איז געבוירן געוואָרן.

9. עס קען דעריבער יאָ געמאָלט זיין, אַז דורך מאָביליזירונג פון קאָלעקטיווער יידישער ענערגיע זאָלן די טויזנט יאָר אַשכנזישע יידישקייט האָבן אַ המשך. אפשר איז נאָך די יידיש־תקופה נישט פאַר־ענדיקט. עס זענען לעת־עתה געווען אין איר צוויי אָפּשניטן: דער צענטראַל־אייראָפּעישער און דער מיזרח־אייראָפּעישער. עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז אָקערשט פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אָנגעהויבן אין ווייען אַ נייער אָפּשניט, דער דריטער אָפּשניט פון דער יידיש־תקופה.

10. אין אונדז אַליין, אין אונדזער פאַרשטיין דאָס לעבן, אין אונ־דזער פעיקייט צו לערנען פון עבר, אין אונדזער אָנגעצילטן ווילן איז (עס) אין אַ היפּשער מאָס געווענדט...״ 5).

אָט האָבן מיר דאָ מאָדערנע „עשרת הדברות״ וועגן דער תקופה אַשכנז און וועגן דעם גורל פון איר באַגלייטער — יידיש לשון.

אַז די דאָזיקע מסקנות זענען נישט סתם פוסטע חלומות, אָדער געבויט שלע־סער אין דער לופטן, וועלן מיר ברענגען נאָר איין באַוייז — טאַקע מדינת ישראל.

דער אויבנדערמאָנטער רעפעראַט איז געהאַלטן געוואָרן מיט בערך 10 יאָר צוריק (13טן יאַנואַר 1951). פאַר דער דאָזיקער צייט איז אין דעם פּרט פון יידיש־פאַרשפּרייטונג און יידיש־שאַפונג אין ישראל פאָרגעקומען ממש אַן אומגלייבלעכע רעוואָלוציע. מיר לאָזן דאָ אָן אַ זייט דעם אַדמיניסטראַטיוו־רעכטלעכן אַספּעקט פון ענין (געזעצן קומען און געזעצן גייען אַוועק, דאָס לעבן בלייבט). ווער וואָלט עס דאָן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין ישראל זאָלן דערשיינען צוויי טעגלעכע יידישע צייטונגען (דע פאַקטאָ) און אַ פּאָר צענדליק אַנדערע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, צווישן זיי די „גאָלדענע קייט״, וואָס איז פון די קרוין־פּובליקאַציעס פון „יידישלאַנד״ און די „לעבנספראַגן״, אַ חודש־צייטשריפט פון „בונד״. אַלע האָראָסקאָפּן וועגן אונטערגאַנג פון יידיש אין יידישן לאַנד וועלן צו נישט ביי דער וווּנדערלעכער שפע פון יידישע ביכער, אַרויסגעגעבן אין מדינת ישראל (זייער וואָגיקע און ווערטפולע דערביי); וועלן מיר נאָך צוגעבן די עקסיסטענץ פון פיר טעאַטערס אין יידיש אין מדינת ישראל; די גרופּע אָרטיקע יידיש־שרייבער „יונג־ישראל״; דעם עמבריאָן פון שולן און קורסן אין יידיש אין לאַנד.

אפשר איז טאַקע באַשערט אַז מדינת ישראל זאָל שפּילן אַ בויענדיקע ראָל אין דעם דריטן אָפּשניט פון דער יידיש־תקופה.

די יאושיסטן און פּינצטערע „בעלי־חשבונות״ וואָלטן שוין באַצייטנס געדאַרפט אויסטוישן דאָס רענדל און אָנהייבן מאַכן אַנדערע פּראָגנאָזן...

---

5) זע הערה 1.

סוף וואָרט

אט אַזוי זענען מיר געגאַנגען, טראָט ביי טראָט, תפוצה ביי תפוצה, תקופה נאָך תקופה, איבער די טויזנט יאָר אַשכנז. נישט אומעטום האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעטייטלט מיטן פינגער: אַהאַ! זעט! — ביי „זיי" — די ספרדים, איז עס געווען אַנדערש. עס איז דאָך אונדז נישט געגאַנגען אין אַן אַשכנז־ספרד־געפעכט; אין האָבן „זיגערס און באַזיגטע". נישט אין דעם איז באַשטאַנען דער ציל פון אונדזער געשיכטלעכער עקסקורסיע.

דער ציל איז געווען צו לערנען פון דעם נעכטן פון פאָלק, פאַר זיין היינט און זיין מאָרגן. לערנען פון אַלע צייטן און אַלע טיילן. פון די דורכפאַלן און שטרויכלונגען און פון די באַרג־אַרויפן און אויפבלי־תקופות. פון דעם דאָזיקן קוק־ווינקל האָבן מיר טאַקע גענומען אונדזער אַשכנז־תקופה און געפּרווט מאַכן אַ פאַרגלייך מיט דעם נוסח־ספרד, וואָס האָט פאַראַלעל, אין דער זעלביקער צייט, געווירקט אויף אַן אַנדער שטח, מיט אַנדערע וועגן.

ווען מיר זאָגן „אַנדערע" מיינט עס גאָרנישט, אַז ביי אונדזערע ספרדישע ברידער איז נישט געווען אַ ריי פון די אַשכנז־אינסטיטוציעס (פריער פאַר אַלץ די קהילה־אָרגאַניזאַציע, חברות וכדומה). זיכער זענען עס געווען, אָבער דער גייסט, די מיליע איז דאָרטן געווען נישט ווי ביי אונדז. אויף דעם תוך־אונטערשיד האָבן מיר טאַקע באַוויזן.

גייט נאָר אין דער מסקנא, וועלכער דרך האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דער געשיכטע. קומט מיר אויס, אַז מיט אונדזער שפּאַציר האָבן מיר אַריינגעבליקט אין די דאָזיקע תקופה־לאַבירינטן און מיר האָבן געמאַכט ריכטיקע אויספירן.

ווען מיר ווי אַ סוף־פּסוק ברענגען אַן אויספיר וואָס עס האָט געמאַכט פּראָפ' אַברהם יהושע העשל אין זיינע אַן עסיי „די מיזרח־אייראָפּעישע תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע". צען אָפּשניטן האָט זיין עסיי, ווו ער אַנאַליזירט די ספרדישע

און אַשכנזישע ספּערע פון אונדזער לעצטן יאָר־טויזנט. אין צענטן אַפּשניט פירט ער אויס:

„אינעם מוראדיקן ווײַטאָג פון די איצטיקע טעג ברענט די ביטערע פראַגע אויף אונדזערע ליפּן: וואָס וועט ווערן פון אונדז איבערגעבלי־בענע? זאָל חלילה ווערן פון אונדז דאָס, וואָס עס איז געוואָרן פון ספרדי־שע ייִדן נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1492: צעשפּליטערטע שבטים אין תימן און מאַראָקאָ; פאַרבלאָנדזשעטע יחידים אין אַמסטערדאַם? פּרעכ־טיקע סינאַגאָגעס און פאַרגליווערטע ייִדישקייט? זאָלן מיר דערלאָזן, אַז אונדזער פאָלק זאָל בטל ווערן בששים? אַז אונדזער שבט זאָל פאַר־פאַלן ווערן אין וואָכעדיקייט?

געוואַלדיקע רעזערוון פון פּאָטענציאַנעלער ענערגיע, פון אינטע־לעקטועלער רירעוודיקייט און עמאָציאָנעלער טיפקייט, אָנגעזאַמלטע אין משך פון דורות אין דיסציפּלינירטן לעבנס־שטייגער, פליסן איצט אַרויס פון אונדז. אַזוי פיל חכמה, אַזוי פיל איידלקייט ווערט פאַרשווענדט אין שונד, אַזוי פיל נשמה ווערט פאַרפאַלן אין סטרא־אחרא.

מיר מוזן דערהאַלטן די ייִדישקייט פון אונדזערע טאַטעס און זיי־דעס. זייער תורה שבלב איז נישט קיין ענין פון עסטעטיק. ראָמאַנטישע שילדערונגען פון חסידות, בענקשאַפט און פּיעטעט זענען נישט מער ווי אַ קיקיון דיונה: זיי גייען אויס מיטן ערשטן דור. סאָלידאַריטעט מיטן עבר מוז ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער עקסיסטענץ. מיר באַדאַרפן ייִדן וואָס זייער לעבן איז אַ גאָרטן, נישט קיין פלאַנצהויז. ייִדישקייט קען נאָר דערהאַלטן ווערן לעבעדיקערהייט. ספרים זענען נישט מער ווי זריעות. מיר מוזן זיין די אַטמאָספער אין וועלכער זיי וואַקסן.

דער איצטיקער דור פאַרמאָגט נאָך די שליסלען צו די אוצרות. אויב מיר וועלן נישט אַנטפּלעקן די אוצרות, וועלן די שליסלען פאַר־זונקען ווערן מיט אונדז אין קבר, און דער שאַץ־קאַמער פון דורות וועט בלייבן פאַרשלאָסן אויף תמיד. די מיזרח־אייראָפּעיִשע תקופה קען ווערן אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אונדז אַלעמען. עס ליגט אויף אונדז די מיצוות עשה: קיין מאָל נישט פאַרגעסן די ייִדן וואָס האָבן געמאַכט הייליק זייער לעבן מיט זייער נאָענטקייט צום הימל. עס ציט די מענטשהייט צום עולם התוהו. זי איז פאַרקראָכן אין אַ מידבר מיט ווייניק אָאַזעס. אונדז וועט אפשר אויסקומען צו לעבן פון טראָפּנס מן.

ווען נבוכדנצר האָט פאַרברענט דעם בית־המקדש און חרוב גע־מאַכט ירושלים האָבן אונדזערע זיידעס נישט פאַרגעסן דעם מעמד הר

סיני און די רייד פון די נביאים. היינט ווייס די וועלט, אַז דאָס וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן באָדן פון ארץ־ישראל איז געווען אַ הייליקע געשיכטע, פון וועלכער שבעים אומות ציִען זייער יניקה. עס וועט קומען אַ טאָג אין וועלכן מען וועט דערזען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער תקופה. די דאָזיקע עפּאָכע איז געווען דער שיר־השירים אין דער יידישער געשיכטע פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. אויב אַנדערע תקופות זענען געווען קדוש, איז די תקופה געווען קודש קדשים״ 1).

***

די דאָזיקע אפּאלאגעטישע רייד האָט א. י. העשל אַרויסגעבראַכט ווען דער חורבן איז געווען גאָר נאָענט, מען האָט נאָך דעמאָלט אפשר אַזוי פיל נישט געוווּסט ווי טיף און גרויס דער קערפּער פון פאָלק איז צעשעדיקט געוואָרן. אָבער שוין דעמאָלט איז דער רוף, די וואָרענונג געקומען — לאָמיר נישט פאַרטאַכלעווען די ירושה פון אַשכנז.

גייט טאַקע אין דעם, אַז מיר זאָלן די פאַראַנענע אוצרות נישט איבערלאָזן אויף הפקר. מיר האָבן נאָך היינט די שליסלען צו זיי. די וועגן צו די דאָזיקע קוואַלן זענען נאָך נישט באַוואָקסן מיט ווילדגראָז.

זיך פאַרטיפן אין דער אַשכנז־תקופה; לערנען פון איר — נישט נאָר כדי צו פאַרשטיין אירע אויפטועו און ראָלע אין אונדזערע 1.000 יאָר — נאָר כדי צו וויסן ווי ווייטער דאָס פאָלק דאַרף גיין, איז געוואָרן די שליחות פון אונדזער דור.

דער דור, וואָס האָט געזען די רויטע הימלען פון דער בלוטיקער שקיעה פון דער דאָזיקער תקופה איז אויך באַרופן צו טאָן אַלץ כדי צו העלפן, אַז די אַשכנז־זון זאָל ווידער אָנהייבן לייכטן אין יענע ערטער, וווּ די געראַטעוועטע פון דער לאַנגער שחיטה־נאַכט, האָבן באַקומען מנוחה.

***

אַני הגבר — בין איך געווען אַן עדות פון דער דאָזיקער שקיעה פון דער תקופה. געווען בין איך אַ טייל, אַ קליין שטויבעלע, פון דעם ווונדערלעכן מיזרח־אייראָפּעיִשן יידישן ווייַנגאָרטן און געזען ווי ער איז צעטראָטן געוואָרן.

צוזאַמען מיט די מיליאָנען געגאַנגען אויף די פּיַין־וועגן פון דעם דור. איך האָב צוגעזען און מיטגעמאַכט די אַלע פּיינען — קערפּערלעכע און גייסטיקע. האָט

6) אברהם יהושע העשל — די מיזרח־אייראָפּעישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. „ייוואָ־בלעטער״, באַנד 23, 1945, ניו־יאָרק.

די השגחה, דער נס, געוואָלט, אַז איך זאָל פון דעם דאָזיקן עמק־הבכא אַרויסקומען און ווידער זען ווי די טרוקענע ביינער האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז זיך אַרויסהייבן פון זייער יאָמערטאָל. פאַר מיינע אויגן איז פאָרגעקומען אויף דער וואָר די מיס־טעריע פון דעם נביא יחזקאלס אויפגעלעבטן ביינער־טאָל.

האָט ווידער דער גורל געוואָלט, אַז איך זאָל, אין דעם פּראָצעס פון דער דאָזיקער רענאָוואַציע, מגולגל ווערן צו דער וויגעלע פון אַשכנז, אַהין, וווּ עס איז מיט טויזנט יאָר צוריק געשטאַנען דער מזבח פון די קרבנות פון ווונדערלעכן קידוש־השם. טאַקע דאָרטן, ביי די בלוטיקע טייכן פון רײַן און מאַין, פון מאָזעל און נעקערט, האָב איך געגעבן אַ נדר, אַז איך, דער געראַטעוועטער איינער פון דער מישפּחה, זאָל פרווון אָפּדאַנקען פאַרן נס, דורך דעם וואָס איך זאָל קענען צוטראָגן אַ צושטייער צום ווונדערלעכן אַשכנז־בנין.

איך האָב עס געטאָן אין מיינע ביז איצטיקע ביכער: „לאַבירינטן פון תקופות" און „גישט־דערבערענטע שייטן". מיט דעם איצטיקן, מיין איך, האָב איך מיין נדר מקיים געווען.

אויב די דאָזיקע פּובליקאַציעס וועלן עמיצן דערגעענטערן, כדי צו באַנעמען די גרויסקייט פון דער דאָזיקער תקופה, אויב אַפילו נאָר איינער וועט דערפון זיך אָפּלערנען ווי אַזוי חשוב צו האַלטן דעם דאָזיקן הערצישן נעכטן, און האָבן אַ קלאָרן בליק אין דעם מאָרגן פון פאָלק, וועל איך פילן, אַז מיין אַרבעט האָט געהאַט אַ זין.

פאַר מיר גופא איז דער דאָזיקער גאַנג צווישן די „לאַבירינטן", באַגלייטנדיק די „שייטן" געווען פון גרויס וויכטיקייט. אַ סך, זייער פיל, האָב איך זיך אין משך פון דער דאָזיקער עקסקורסיע אויסגעלערנט. אין אָפּשײַן פון די בראַנדן פון דער דאָזיקער צייט זענען פיל ספיקות אויפגעקלערט געוואָרן; אַ סך שאלות פאַרענטפערט געוואָרן.

מעג איך דאָך איצט, צום סוף, דערציילן אַ סוד, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ פריִער אין אַלע קאַפּיטלען געשריבן, געפּרווט זוכן תשובות און אויפקלערונגען, זענען עס פריִער פאַר אַלץ פאַר מיר גופא געשריבן געוואָרן — צו פאַרענטפערן מיינע אייגענע ספיקות; קלאָר מאַכן פאַר מיר מיינע אייגענע קשיות.

און איך קען זאָגן — עס איז מיר קלאָר געוואָרן.

גלייב איך טאַקע און האָף, אַז דאָס וואָס איך האָב געזוכט צו פאַרענטפערן אין מיין אַשכנז־שפּאַציר, וועט ווערן אַ קנין אויך פון אַנדערע — זאָל דאָס טאַקע זיין אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם שווערן וואָגל־וועג איבער די שפּורן פון דער דאָזיקער געלייטערטער תקופה.

פון זעלביקן מחבר:

1) צוויי רעצעפּטן־ביכער אין אַלט־יידיש פון די יאָרן 1474 און 1509.
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „דווקא״, נומער 17, בוענאָס־איירעס, 1953.

2) תקנות ביי יידן קעגן לוקסוס און אויסברענגעריי.
סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „יאָרבוך תשט״ו״ פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס־איירעס, 1955.

3) אין לאַבירינטן פון תקופות
(ערשטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אַשכנז״)
פאַרלאַג „יידבוך״, בוענאָס־איירעס, 1955.

4) דער יידיש־גלאָסאַר פון „חיי־אדם״
(אַ צושטייער צום גרויסן יידישן ווערטערבוך). סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון באַנד 6 „אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן״, בוענאָס־איירעס, 1955.

5) נישט־דערברענטע שייטן
(צווייטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אַשכנז״),
פאַרלאַג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, ב. איירעס, 1956.

6) דער ספר — אונדזער פּאַן
מאָנאָגראַפיעס צו דער געשיכטע פון הונדערט פופציק יאָר פון יידישן דרוקוועזן. ביבליאָטעק „ביכער־וועלט״, בוענאָס־איירעס 1957.

7) דאָס איז געווען נוסח אשכנז...
(דריטער און לעצטער בוך פון דער סעריע „אויף די שפּורן פון 1000 יאָר אַשכנז״). פאַרלאַג „יידבוך״, בוענאָס־איירעס, 1960.

גרייט צום דרוק:

א) די יידישע דרוקערייען אין אוקראַינע
(200 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער ערשטער דרוקעריי אין אלעקסניץ 1760 — 1960).

ב) אין פייער און אין פלאַם
200 יאָר נאָך דער לעצטער תלמוד־פאַרברענונג אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק.

ג) אונטער שטרויענע דעכער
אַן עפּאָפּעע פון יידישע ישובניקעס אין ווייסרוסלאַנד.

ד) דורך קאַלט און וואַרעם
נע־ונד־געשיכטעס: פון פּראָסטיקן לאַגער סוכאַ־בעזוואָדנאַ, ביז דער הייסער פּערגאַנער דאַלינע.

אַדרעס פון מחבר:
M. BERNSTEIN
HONDURAS 4178 - Dpto. D
Buenos Aires

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונג
2) ה. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ' ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן
6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאָן — תוך יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער (פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)
10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן (פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען (אויספאַרקויפט)
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)
17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען (פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד) (אויספאַרקויפט)
19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)
20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און ראָמאַנען
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (פּרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פּרעמיע) (אויספאַרקויפט)
22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)

23) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום אין פראַנקרייך

24) דוד איגנאַטאָוו — אָפּגעריסענע בלעטער

25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאָמפּאַדור

26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן

27) י. ה. פישמאַן — פריִער און שפּעטער

28) ל. לאַסאַווין — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון

29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן)

30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט

31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון

32־33 אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פּרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)

34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן

35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן

36) ב. ריווקין — ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע

37) יצחק פּערלאָוו — קלאָראַ אינגבער

38־39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)

40) שלמה סיימאָן — צווייגן

41) מ. אַקערמאַן — פאַרלאָשענע שטערן

42) מרדכי וו. בערנשטיין — דאָס איז געווען נוסח אַשכנז

אין דרוק:

43) שלמה ראָזענבערג — די כוזרים

אין גיכן דערשיינט:

י. י. טרונק — משיח־געוויטער

אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור (איבערגעזעצט און צוזאַמענגעשטעלט
פון י. איזאַקסאָן)

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87 - 9566 — BUENOS AIRES

MARDOQUEO W. BERNSZTEIN

This was the epoch of ashkenaz

•

"I D B U J"
BUENOS AIRES
1 9 6 0

MARDOQUEO W. BERNSZTEIN

Esto fue la Epoca Aschkenazi

(DOS IZ GEWEN NUSAJ ASHKENAZ)

●

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1960